STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05821

MAYN LEBN

Shneur Zalman Osipov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין לעבן

ש. ז. אָסִיפָאָוו

מיין לעבן

דעראינערונגען און איבערלעבונגען
פון אַ אידישן סאָציאַליסט

פון

שניאור זלמן אָסיפּאָוו

אין פיר טיילן

פאַרלאַג „ארק״
באָסטאָן, מאַסאַטשוזעטס

1954

Copyright 1955, by
S. OSIPOW
Miami, Florida
U. S. A.

All Rights Reserved

Printed in the United States of America
by the
INDEPENDENT PRESS, INC.
BOSTON, MASS.

געווידמעט דעם אנדיינקען פון מיין טאטן דעם תלמיד חכם ר׳ נחום לאנעס, זוכר לברכה, לאנג יאָריקער גבאי באַם חסידישן רבי׳ן ר׳ דובער שניאורסאָן, זצ״ל; און דעם ליכטיקן אנדיינקען פון מיין ליבע טייערע מאַמען, רישע ראניע, כבוד איר אנדיינקען.

איך דריק אוים א הארציקן דאנק צו די עקזעקוטיווע פון „ארק" און דעם ספעציעלן קאמיטעט פון פאלגענדע חברים, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען מיין בוך צו פארשפרייטן.

חיים הורוויץ, סעקרעטאר	יודל לעווין
מארים אסין	יעקב קראוויף
מארים טוביאש	אייב העמלין
קארל קאהען	חיים ריסמאן
דוד מאנאסאן	מיכל לעפקאוויץ

אדרעס פון סעקרעטאר:

Hyman Hurwitz
53 Hazelton Street
Dorchester 26, Mass.

אדרעס פון מחבר:

Samuel Osipow
2295 S. W. 23rd Avenue
Miami, Florida

אינהאַלט

זייט

א וואָרט פון די אַרויסגעבער 11

ערשטער טייל

מיין אַני מאַמין 16
קליין שטעטעלע מיינע 17
מיין געבורט 19
איך הויב אָן צו גיין אין חדר 21
איך הויב אָן לערנען גמרא, און פאַרפיר א ליבע מיט רחל'ען 23
איך ווער געכאַפּט בא א גנבה 31
איך בין זייער פרום — אָבער 35
מיין מאַמע זוכט א מיטל ווי אַזוי מיך צו ראַטעווען 37
איך גיי אין חדר צו „קוליע דעם אָקס" 38
איך ווער מיט מזל א ישיבה בחור 42
א מאַרק־טאָג אין שטעטל 44
איך ווער א בר מצוה בחור 45
איך ווער מיט מזל א בעל פרנסה 47
מיין טאַטע דער פאַדריאַטשיק 50
א מהומה אין שטעטל 54
א חרם אין שטעטל 58
א גזירה אין שטעטל 63
גיין אויף סטאַראָזשקע 68
אין די 9 טעג בא אונז אין שטעטל 71
אוורעמל דער הייזון מאַכער 74

אינהאלט

זייט

מיין מומע הדסה ... 80
שבת און יום־טוב בא מיין טאטן אין הויז ... 84
ימים נוראים בא אונז אין ליאדי ... 91
דער טאטע פארנעמט זיך צו מאכן א לייט פון מיר ... 97
איך ווארף אן אומ'חן אויף לערנען ... 102

צווייטער טייל

איך ווער א בעל מלאכה ... 107
איך פארנעם זיך איבערצובויען די וועלט ... 111
מיר מאכן דעם ערשטן עפענטלעכן ארויסטריט ... 117
דער „בונד" זוכט אריינצוקומען אין שטאט ... 119

דריטער טייל

לאָנדאָן

מיינע דריי יאָר אין לאָנדאָן ... 129
דער קישינעווער פּאָגראָם מאכט א רושם אין לאָנדאָן ... 132
אונזער באוועגונג לעבט אויף ... 134
איצט צוריק צום פאָלקס הויז ... 139

פערטער טייל

א מתנה דעם „ארק" ... 147
דעם וואָלף ציט צום וואלד ... 155

אינהאלט

	זייט
אונזער אָרדן לעבט אויף דורך יום־טובים	166
אן „אינדעפּענדענט" יום־טוב	168
מיר מיינען ס'איז א מלאך, ערשט ס'איז א טייוול	172
דער מלאך נעמט פארנאנדער זיינע פליגל און . . .	173
דער איבערגאנג פון יום־טוב צו וואָך	175
א פארזוך זיך צו פאראייניגן מיט דעם נאציאָנאלן ארבעטער פארבאנד	179
מען זוכט אונז צו באצירן מיט א נייעם פּנים	182
מיר אָרגאניזירן א קאָמיטעט זיי צו באקעמפן	184
„שיקאגאָ"	186
קומט מיט מיר א קאראהאָד	188
געפונען — פארלאָרן	191
האָב איך טאקע גאָרניט געהאט קיין פּערזענליך לעבן?	193
איך זאָג מיין ווייב א ווייסן ליגן, און . . .	194
א חלום	198
מיינע קינדער	200
איך פארלאָז דעם דור הפלגה	201
אונזער „ארק" ווערט אָרגאניזירט	210
ווער זיינען מיר?	214
תפילה ל'ארק	217
יאָרן קומען — גייען	218
קידוש לסוכות	219
נייער קידוש לסוכות	220
א ליד לכבוד סוכות	221
שמחת תורה ליד	222
דער טאָג איז פאָראיבער	223
ניי־יאָר ליד פאר פאָטער צייט	224
„ניי־יאָר'ס" ליד	225
על הנסים	226
גיי ארונטער, משה!	227

אינהאַלט

זייט

ליכט צינדן פאַר׳ן אַרק׳ס דריטן סדר 228

מעבדות לחירות 229

אַ נייע חד גדיא 230

דער „אַרק״ און מדינת ישראל 234

אונזער הזכרה פרימאָרגן 236

די הסתדרות און דער אַרבעטער רינג 237

וואָרום בין איך געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהייגער פון דער הסתדרות
און ארץ ישראל 242

נאָך דער וואַקאַציע 249

אַ נייער קאַפּיטל הויבט זיך אָן אין אונזער לעבן 253

די גרויסע וועלט איז פאַר מיר איינג געוואָרן 255

אַ שפּאָגל נייער גיהנם הויבט זיך פאַר מיר אָן 259

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

דער בוך וואָס ליגט פאַר אייך וועט, דוכט מיר, זיין דאָס אינטערעסאַנטסטע וואָס איר האָט ווען געלייענט; איר וועט זיך אַליין דערזעהן, פונקט ווי איר וואָלט קוקן אין אייער אייגענער פאַרגאַנגענהייט. מיט נאָך אַ זאַך זיינען מיר זיכער, און אָדם איז דער היסטאָרישער שטאַנדפונקט. ווען דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט שטודירן די געשיכטע און דעם לעבן פון די אידן אין די קליינע שטעטלעך פון מזרח אייראָפּא אין לעצטן העלפט פון נייגצענטן יאָר הונדערט ביז דעם ערשטן העלפט פון צוואַנציקסטן יאָר הונדערט, וועט ער זיך מיט דעם בוך זיכער מוזן באַנוצן.

ס'וועט ניט זיין פאַלקאָם די געשיכטע ווען ער וועט ניט שטודירן אָסיפּאָוו'ס „מיין לעבן". דאָס מיינט ניט בלויז זיין לעבן, ס'איז דער לעבן פון דעם דור וואָס האָלט שוין באַלד באַם פאַרגיין; ס'איז דער לעבן פון דעם דור וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם קאַמף און דראַנג פעריאָדע געגן דעם שרעקלאַכן פאַנאַטיזם פון איין זייט, און דער שטרעבונג נאָך אַביסל ליכט, בילדונג און פרייהייט פון דעם צווייטן זייט; ס'איז דער דור וואָס האָט דורכגעבראָכן אַ וועג צווישן דער פינסטערער אַבערגלויביקייט פון דעם קליין שטעטל, און אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן אַ קאַמף געגן דער פינסטערער צאַרישער רעגירונג מיט אירע פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף די אידישע מאַסן.

איר וועט געפינען אין דעם בוך אייער אייגענעם לעבן, אייערע אייגענע עטאַפּן, וואָס איר האָט דורכגעמאַכט רייסענדיק זיך פון דעם קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט; אייערע ישיבה טעג און אייער מגולגל ווערן אין אַן אַרבעטער; אייער ערשטער אַרעסט; אייער ערשטער אַנטלויפן פון אייער געבורט לאַנד און נעמען דעם וואַנדער שטעקן אין האַנט; אייער גרענעץ דורכמאַכונג און ניט האָבנדיק געגוג געלט פאַרצוזעצן אייער רייזע אין אַמעריקאַ, בלייבן שטעקן אין לאָנדאָן. אָט די גאַנצע פעריאָדע פון די יונגע יאָרן וואָס מיר האָבן אַלע אָן אויסנאַם, מער אָדער ווייניקער דורכגעמאַכט, ביז מ'איז גע־קומען אין דעם „גאָלדענעם לאַנד" — אַמעריקאַ.

דאַן הויבט „מיין לעבן" אויף פאַר אייך דעם פאַרהאַנג פון די יאָרן: פון קאַמף פאַרן שטיקל ברויט, די עקספּלואַטאַציע, אָרגאַניזירונג פון יוניאָנס, און דעם זוכן נייע האָריזאָנטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און די גרויסע אַנטוישונגען וואָס איר האָט דורכגעמאַכט וועגן די דאַמאָלסדיקע פירער

א וואָרט פון די אַרויסגעבער

אויב איר זייט ניט געווען איינפארשטאַנען מיט זייער טאַקטיק; ספּעציעל פאַר די פון אונזערע פריינט וועלכע זיינען אומשולדיקער ווייז פאַרוויקלט געוואָרן אין דעם קאַמף פון „איין אַרבעטער רינג אין אַמעריקא". די מערסטע פון אונז האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָרום בלויז איין אַרבעטער רינג; ספּעציעל דאַן ווען דער אַרבעטער רינג אין ניו־יאָרק איז ניט געווען געזעצלאַך אין מאַסאַטשוזעטס, און דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג האָט אין יענע יאָרן אָנגעפירט אַזעלכע שיינע און גוטע סאָציאַליסטישע טעטיקייטן: סאָציאַליסטישע זונטיק שולן איז דער „אינדעזענדענט" געווען דער ערשטער אין לאַנד וואָס האָט געגרינדעט נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן, אָדער ווי מען רופט זיי היינט — אידיש וועלטלעכע שולן — האָט דער „אינדעפּענטענט" געגריגדעט אין פּיבאַדי, מאַסאַטשוזעטס, אין ניינצן־צוואַנציק, און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען די ערשטע אידיש וועלטלאַכע שול אין אַמעריקא. דער „יענדעפּענדענט" האָט געטאָן אַ ריזיקע מאָס אַרבעט אין דער יוניאָן באַוועגונג אין מאַסאַטשוזעטסן, און געהאָלפן סטרייקס אין גאַנצן לאַנד און אויך אין אויסלאַנד.

ס'איז ניט געווען קיין איין ראַדיקאַלע אָדער סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין וועלכע דער „אינדעפּענדענט" האָט ניט גענומען אַ גרויסן אַנטייל, כאָטש די אָפּיציעלע אַרבעטער פּרעסע איז געווען פאַרן „אינדעפּענדענט" פאַרמאַכט — צייטנווייז, אפילו פאַר באַצאָלטע אַדוועריטייזמענטס. אַזוי איז געווען ווען „די פּיפּלס רעליעף" האָט זיך געגרינדעט; און נאָכדעם, דער געצייג קאַמפּיין; און שפּעטער, דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין; איז דער „אינדעפּענדענט" געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָט אַף אַ נאַציאָנאַלן געביט געהאָלפן — ווי מ'האָט דאָס דאַמאָלסט גערופן — די אידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינאַ; ארץ ישראל איז נאָך דאַן געווען אַ מורא אַרויסצורידן.

פון נאָך אַ היסטאָרישן פּאַקט דערוויסט מען זיך ווען מען לייענט „מיין לעבן", אַז דער „אינדעפּענדענט" האָט אויפגענומען אַ קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאָ אין לאַנד אַזוי באַלד ווי די פירער האָבן זיך דערוואוסט אַז די קאָמוניסטן זיינען געאָרדערט געוואָרן צו גיין אין „אינדעפּענדענט" בלויז מיט דעם צוועק צו צוברעכן דעם אַרבעטער רינג פון ניו־יאָרק; כאָטש דער „אינדעפּענדענט, מיטן אַרבעטער רינג זיינען ניט געווען אין גוטע באַציאונגען, דאָך האָבן זיי זיך פּרינציפּיעל געגען געשטעלט דעם ברעכן פון אַן אַרבעטער און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. ווער ווייסט וואו דער אַרבעטער רינג וואָלט היינט געווען ווען דער „אינדעפּענדענט" וואָלט זיך ניט אוועקגעשטעלט מיט זיין גאַנצן כח און ניט דערלאָזן צו ברעכן דעם אַרבעטער רינג, כאָטש דאָס האָט אים געקאָסט כמעט זיין עקזיסטענץ.

אָט די אַלע פּאַקטן וועט איר זיך דערוויסן בלויז ווען איר וועט לייענען

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

„מיין לעבן". איר וועט דאָס ניט געפינען אין קיין געשיכטע — ניט אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, און זיכער ניט אין די צוויי געשיכטעס פון אַרבעטער רינג, און איר וועט דאָס ניט געפינען אפילו אין דער לעצטער געשיכטע, פון י. ש. הערץ, „די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא", וואו ער גיט די געשיכטע פון 70 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט אין דאָ אין לאַנד טוענדיק אַ ריזיקע מאָס סאָציאַליסטישע אַרבעט; אַן אָרגאַני־„אינדעפּענדענט", אַן אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע דאָ אין לאַנד מיט טאָן אַ ריזיקע מאָס סאָציאַליסטישע אַרבעט; אַן אָרגאַני־זאַציע וואָס האָט געשטורמט מיט אַרבעט פאַר 26 יאָר; וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל פון 1914 ביז 1933, געפינט מען אפילו ניט פאַר נויטיק צו דערמאָנען מיט צוויי ווערטער. יע, צום קרעדיט זאָל דאָ געזאָגט ווערן, איבערלייענדיק די גאַנצע געשיכטע פון „די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקא", אַרויסגעגעבן פון „פאַרלאַג וועקער", און ניט גע־פינענדיק אַ וואָרט דערמאָנט פון „אינדעפּענדענט" און זיין עקזיסטענץ, האָט זיך מיר ניט געוואָלט גלויבן אַז דער מחבר האָט ניט געוואוסט וועגן „אינדע־פּענדענט", ווייל דער זעלבער האָט אויך געשריבן די לעצטע געשיכטע פון אַרבעטער רינג, און זוכנדיק האָב איך געפונען אין דער ביבליאָגראַפיע פאַר־צייכנט, אַז דער מחבר האָט אויך איבערגעלייענט „די געשיכטע פון אַרבעטער רינג אַף מאַסאַטשוזעטס", אַרויסגעגעבן אין 1910, וואָס האָט ער געטאָן פון 1910 ביז 1933 ניטאָ, גאָרניט.

נאָך וויכטיגעס וועט איר געפינען אין אָסיפּאָוו'ס „מיין לעבן" — ספּעציעל די וואָס זיינען מיטגלידער אין „אַרק", אָדער געווען אַמאָל מיטגלידער אין „אַרק" (אַרבעטער רינג קלוב), אַ קלוב פון אַרום 45 אָדער 46 פאַמיליעס, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצולעבן אַף אַ מאָדערנעם אופן אַלע אידישע טראַדיציאָנעלע יום־טובים, און אויך בריינגען אַביסל פרייד און גענוס אין דעם לעבן פון די 45 משפחות; און פאַר די לעצטע 32 יאָר, ווי די „אַרק" משפחה קומט זיך צונויף פיר אָדער פינף מאָל אַ יאָר — ספּעציעל פּסח, סוכות, חנוכה, ניי־יאָר און פּורים — און אויף אַ מאָדערנעם אופן ווערט דורכגעפירט אַ פּראָגראַם וואָס פּערזאָניפיצירט דעם באַשטימטן יום־טוב וואָס ס'ווערט גע־פייערט. און היינט קאָן שוין דער „אַרק" זיך באַרימען דערמיט וואָס אייניגע פון זיינע יום־טובים פייערונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן און מען פייערט זיי איבערן גאַנצן לאַנד — אַזוי ווי דער „דריטער סדר", וואָס דער „אַרק איז געווען דער ערשטער אין אונזער לעבן אַריינצופירן. צום ערשטן מאָל אין דער גע־שיכטע איז געפייערט געוואָרן פון „אַרק" דער „דריטער סדר" אין 1923, אין ביטשמאָנט, מיט דר. קאָניקאָוו אַלס בעל סדר און ש. פרעס (דער קליין שטעטל־

א וואָרט פון די אַרויסגעבער

דיקער), אַלס קייטערער, מיט אַן הגדה ספּעציעל געשריבן פון אָסיפּאָוו, טוביאַש, קאָניקאָוו און יגדל.

*　　　*　　　*

צו די אַלע אויסגערעכנטע טעמים, טאָר ניט אויסגעלאָזן ווערן דער פּאַקט, אַז דער מחבר איז פּאַר איבער צוואַנציק יאָר געווען דער פּרעזידענט פון „אַרק" און האָט גאָר, גאָר אין אַ גרויסער מאָס צוגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון „אַרק" מיט זיין ליד און פּאָעמע, און אין דעם אַרק'ס 25־יאָריקער יובּיליי אויסגאַבע — דער בוך „צוריק צום שורש" — איז דער מחבר פּאַרטראָטן מיט דער געשיכטע פון „אַרק" און אַ רייע לידער און פּאָעמען געשריבן פון אים פּאַר'ן „אַרק" און זיינע מיטגלידער.

אָט צוליב די אויבן אויסגערעכנטע טעמים האָבן מיר גענומען אויף זיך די פליכט אַרויסצוגעבן אָסיפּאָוו'ס „מיין לעבן", ווייל דאָרטן שפּיגלט ער אָפּ ניט נאָר זיין אייגענעם לעבן, נאָר גיט אויך איבער אַ געשיכטלעכע פּעריאָדע פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקאַ, וואָס קיינער האָט נאָך דערוויל — צי מיט אַן אבזיכט אָדער אָן אַן אבזיכט — ניט פּאַרצייכנט, און געשיכטלעך וואָלט דאָס געווען גאָר, גאָר אַ גרויסער פּאַרלוסט. מיר זיינען זיכער, אַז עס זיינען נאָך דאָ איבערן לאַנד טויזנטער אידן, געוועזענע מיטגלידער פון דעם אַמאָליגן „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג", וואָס וועלן זיכער זיך דערזעהן אין אָסיפּאָוו'ס „מיין לעבן"; און ניט נאָר געוועזענע מיטגלידער, נאָר אַ גאָר גרויסע צאָל יוניאָן לייט און אַרבעטער רינג מיטגלידער.

„אַרק" (אַרבעטער רינג קלוב)

נאָוועמבער 1954, באָסטאָן, מאַס.

ערשטער טייל

ש. ז. אָסיפּאָוו

מיין אני מאַמין

ווי אַ פליסענדיקער וואַסער
אַזוי לויפן מיינע יאָרן,
ווי די שטראָמען אין די פעלזן
ערגעץ ווערן זיי פאַרלאָרן,
און אין אימפּעט לויפענדיקע
האַלטענדיק זיך אין איין יאָגן,
ווערן זיי מיך ווי אַ שפּענדל
ערגעץ וואו אַמאָל פאַרטראָגן.

זוך איך גאָרניט מיינע יאָרן,
ווייל עס קאָן מיך נאָך פאַרפירן,
און עס וועט מיין קאָפּ פּריצייטיק
מיט אַ זילבער טוי באַצירן.
נעם איך מיר אַרוים אינגאַנצן
אַט דעם נעכטן פון זכרון,
שוין אַזוי פיל טעג פאַרשוואונדן,
נו, איז נאָך איינער פאַרלאָרן.

ליב איך דאַן דעם היינט נאָך שטאַרקער,
ליב אים, ליב אים, ביז פאַרצערן,
ווען אינגאַנצן אויסגעזויגן,
אַרט מיך שוין ניט זיין ניט ווערן. . . .

קליין שטעטעלע מיינע

א מצבה וויל איך דיר דאָ שטעלן

מיין שטעטעלע ליאדי, מאָהליווער גובערניע, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן, וואו איך האָב מיינע ערשטע טריט געשטעלט, און בין אין חדר געגאַנגען.

שטעטעלע מיינע, איך האָב שוין דיינע בלאָטיקע גאַסן און געסעלעך, מיט די נידעריקע שטיבעלעך, אַזוי לאַנג ניט געזעהן. די זיסע ניגונים פון גמרא לערנער, וועלכע פלעגן זיך פון דיינע בתי מדרשים טאָג און נאַכט טראָגן, אַזוי לאַנג ניט געהערט. דיינע אידן, מיט שוואַרצע און גראָע בערד, טראָגענדיק די טליתים אונטער די אָרעמס אין די שולן גייענדיק, אַזוי לאַנג ניט געזעהן. און דיינע ווייבער, מיט פאַטשיילקעס אויף די קעפּ, זאָק און שפּיזלען אין די הענט, זיצנדיק אויף די פּריזבעס, אַזוי לאַנג ניט געהערט רעדנדיק פון שטעטלשע פּאַסירונגען, אַז איך האָב דאָס אַלעס כמעט האַלב פאַרגעסן. איז געקומען דער דייטש און, אין אַן אָנפאַל פון ווילדן משוגעות, דיך פון דער ערד אָפּגעווישט; דיינע נידעריקע שטיבעלעך צושטערט, דיינע בתי מדרשים, וועלכע זיינען מיט אַזוי פיל זאָרג און מי אויפגעשטעלט געוואָרן, געשענדעט און פאַרברענט; און דיינע אידן צושאָסן און האַלב־לעבעדיקע באַגראָבן.

א בית עולם האָבן פון דיר די ווילדע נאַצים געמאַכט, אָפּגעווישט דיך פון דער ערד, אַזוי ווי קיינמאָל איז קיין שטעטל אויף דער וועלט ניט געווען; און דו, מיין ליב שטעטעלע, האָסט דאָך אין זיך אַזוי פיל לעבן געהאַט! דיינע חסידישע רביים מיט די חסידים, דאָס אַליין איז דאָך אַזאַ שיינער קאַפּיטל אין דיין געשיכטע. דיין האַנדלען און וואַנדלען אין די וואָכיקע טעג, און דיינע שיינע רואיקע שבתים און יום־טובים, ווען דער קבצן און דלפן, וועלכער איז די גאַנצע וואָך פול געווען מיט זאָרג, האָט מיט דעם מקבל זיין די מלכה שבת, אין זיך אַ נשמה יתירה דערפילט און זיך אין אַ פּרינץ פאַרוואַנדלט.

קום, זכרון מיינער, העלף מיר זיך דערמאַנען די פאַרשידענע געשטאַלטן און מאָמענטן אין מיין שטעטלשן לעבן. שפּרייט אויס דיינע פליגלען, זכרון מיינער, און טראָג מיר אַריבער צום וויטן עבר, מיט 60 יאָר צוריק, און לאָז מיר נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן, און זיך דערמאַנען די אַלע האַלב־פאַרגעסענע געשטאַלטן און פּאַסירונגען וועמענס אַנדענקען מיר איז נאָך היינט ליב און טייער.

קום, זכרון מיינער, דין מיר צו דעם מאָל, און העלף מיר שטעלן אַ מצבה מיין שטעטעלע וועלכע די ווילדע נאַצים האָבן צושטערט, פאַרברענט, און פון דער ערד אָפּגעווישט — מיין שטעטעלע ליאדי, מאָהליווער, גובערניע.

מיאַמי ביטש, פלאָרידא, אָקט. 1953

מיין געבורט

געזאָלט האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל די ליכטיקע וועלט אום פורים. פונוואַנען ווייס איך דאָס? גאָר פשוט, ווייל בטבע בין איך אַ זינגעוודיקער, אַ שפּילעוודיקער און אַ פריילעכער. וואָלט זיך טאַקע זייער געפּאַסט, אַז איך זאָל געבאָרן ווערן אום פורים . . . אָבער אַזוי ווי מיין מאַמע איז געווען די אמתע עקרת הבית, האָט זי פשוט קיין צייט ניט געהאַט אום פורים זיך אַוועק־צולייגן אין קינפעט; האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג פורים געדרייט אין דראַיען, און אַז מען האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער סעודה, מיט די שלח מנות, און אין הויז געמאַכט אַ טאָלק, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און האָט אָנגעהויבן קרעכצן.

ווען דער טאַטע האָט דערזען אַז די מאַמע מיינט דאָס אויף אַן אמת, האָט ער פאַרשטאַנען אַז פאַר אים איז שיין צייט פון הויז אַוועקצוגיין. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען צו יעדן קינד'ס קומען — אַזוי שנעל ווי די מאַמע פלעגט אָנהויבן קרעכצן אויף די הויכע אָקטאַוון, פלעגט ער גלייך אַוועקגיין אין בית מדרש און זיך אַוועקזעצן לערנען, ביז מען פלעגט קומען און אים אָפּגעבן מזל טוב. דאַן פלעגט ער וויסן אַז ער קאָן שוין קומען אַהיים.

ווען דער טאַטע איז אַוועק אין בית מדרש, האָט מען געשיקט נאָך די באָבע גוטע — אַלעמענס באָבע און שטעטל — מיין מאַמעס מאַמע. ווען די באָבע גוטע, מיטן טערקישן טורבאַן אויפן קאָפּ, איז געקומען, האָב איך זיך לאַנג ניט געלאָזן בעטן, און גלייך נאָך האַלבער נאַכט בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. מען פלעגט נאָכדעם אין הויז דערציילן, אַז ווי נאָר איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך אויך געעפנט דאָס מויל, און געמאַכט גוואַלדן וואָס האָבן אָנגעהאַלטן דריי חדשים. איך האָב בא זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באַשליסן, צי איך האָב זיך צושריען דערפאַר ווייל איך האָב פאַרשפּעטיקט די פורימדיקע סעודה מיטן גאַנצן טאַראַראַם, אָדער דערפאַר ווייל די וועלט איז מיר גלייך ניט געפעלן געוואָרן, און האָב מיט מיינע געשרייען אויסגעדריקט דעם ערשטן פּראָטעסט קעגן אַן אומגערעכטער וועלט.

פּאַסירט האָט דאָס אום שושן פורים, אין דעם יאָר 1883, אין שטעטעלע ליאַדי, מאָהליוווער גובערניע; און געווען בין איך דאָס נייינטע קינד אין דער פאַמיליע פון אַן אָרימען גמרא מלמד, ר' נחום לאַנעס. לאַנע איז געווען מיין באָבע, מיין טאַטענס מאַמע, און אַלע אירע קינדער האָט מען גערופן אויף איר

נאָמען אָנשטאָט אונזער פאַמיליע נאָמען. מײן טאַטע איז צו יענער צײט, און ביז דעם סוף פון זײנע טעג, אױך געװען דער גבאי בא דעם חסידישן רבי, ר׳ דובער שניאורסאָן, זצ״ל. דעם אײנציקן אײנקונפט װאָס ער האָט געהאַט פון זײן דעם רבי׳נס גבאי איז געװען, װאָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון בית מדרש אַלע אָרימע חסידים, װעלכע פלעגן קומען צום רבין אױף יום־טוב, אָפּשטעלנדיק זײערע װײבער און קינדער אינדערהײם אָן א גראָשן, אױף גאַטס באַראַט, נאָר מיט א סך בטחון אין הארצן, אז פריער גאָט, נאָכדעם ר׳ נחום לאַנעס, װעלן שױן זאָרגן דערפאַר אז סײ די פאַמיליע אין דער הײם, און זײ דאָ, װעלן ניט האָבן קײן פארשטערטן יום־טוב.. . . .

װען ער פלעגט אַרײנקומען אין הױז מיט אײנעם, צװײ, און אַמאָל אױך דרײ, קבצנישע חסידים, פלעגט ער אױסרופן אין דער הױך — „נו, דיע (מײן טאַטע, ע״ה, האָט קײנמאָל די מאַמע בײם נאָמען ניט גערופן, ער פלעגט איר אַדרעסירן דיע) — איך האָב מיט זיך געבראַכט גאָר געהױבענע אורחים אױף יום־טוב, און אין זײער זכות װעלן מיר האָבן ביז גאָר א פרײלעכן יום־טוב.״

די מאַמע, װי איך געדײנק פון די יאָרן װען איך האָב שױן אָנגעהױבן צו פארשטײן װאָס אַרום מיר טוט זיך, פלעגט שטילערהײט פּראָטעסטירן, און מיט טרערן אין די אױגן פלעגט זי, אין דער אַפּװעזנהײט פון די „געהױבענע אורחים״, זאָגן צום טאַטן: „נישקשה, די גבירישע חסידים, װעלכע שטעלן אָפּ א גאָר היפּשן פדיון פאַרן אָװעקפאָרן, פּאַרהאַלט דער רבי בא זיך, און די פאַרלײזיקטע קבצנים שיקט ער צו דיר.״ אױף װאָס דער טאַטע פלעגט איר ענטפערן: „דו ביזט א זינדיקע אשה, א אידישע טאָכטער טאָר אַזױ ניט רעדן.״ מיט דעם פלעגט זיך מײן מאַמעס אױסערלאַכער פּראָטעסט ענדיקן; אָבער בא זיך אין הארצן האָט זי א לעבן לאַנג פּראָטעסטירט קעגן דאָס גרױסע אומרעכט װאָס װערט קעגן איר באַגאַנגען; און גאָר אָפט, אום יום־טוב, װען זי האָט געמוזט, װי זי האָט זיך אױסגעדריקט, „שנײדן די פינגער אום קײנעם ניט צו פאַרטײלן״, האָט מען פון אירע אױגן א גרױסן צער געקאָנט אַרױסלײענען. דערפאַר אָבער שפּעטער, װען מען האָט גענומען רעדן דברי תורה, און בײסלעכװײז איז מען אַרײן אין התלהבות, מען איז אַריבער צום רבינס ניגון, און גאַנץ אָפט מיט א האָפּקע פארענדיקט, פלעגט זי שטײן פון װײטן, זיך צוקוקן, און איר פּנים פלעגט שײנען פון פרײד.

װען איך בין אױף דער װעלט געקומען, האָבן זיך אין הױז געפונען נאָך זעקס קינדער — בערע, לאה, ליבע שרה, העשל, דוד און רחל. מײן עלטסטער ברודער, חײם יעקב, איז שױן דאַן געװען פאַרהײראַט און איז געװען א מלמד. אין באָבר, מאָהליװער גובערניע; און מײן עלטסטע שװעסטער, ראַשיע, איז

שוין אויך געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ היבשע קראָם אין די זעלביקע שטעטל. מיין שוועסטער רחל'ע איז אַלט געווען דריי יאָר ווען איך בין געבאָרן געוואָרן; און ווי איך פלעג הערן רעדן שפּעטער אין שטוב, איז זי געווען אַזוי שעהן, אַז זי איז געווען אַלעמענס ליבלינג, און צוליב איר האָט זיך קיינער אויף מיר ניט געוואָלט אומקוקן. מיין קינדערשע נשמה'לע האָט, ווי איך פאַרשטיי, שטאַרק געליטן אי[די ערשטע פּאָר יאָר פון מיין לעבן, און אין מיר האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקער אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס. גאָט איז דאָך אָבער אַן אב הרחמים, האָט ער זיך אָנגענומען מיין קריוודע, און האָט מיין שיינע געראָטענע שוועסטערל רחל'ע צו זיך גענומען.

נאָכדעם ווי מען האָט זיך גאָר גוט אויסגעוויינט אויפן גרויסן פאַרלוסט, האָט מען זיך אומגעקערט מיט די פּנימער צו מיר. מען האָט גענומען באַ־מערקן אַז איך האָב אַ שיין שמייכעלע, און אַז איך בין כמעט אַזוי שיין ווי רחל'ע איז געווען . . . אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, מיין קאָמפּלעקס האָט זיך מיט מיר אָפּגעשטעלט פאַר פילע יאָרן.

איך הויב אָן צו גיין אין חדר

אין דעם חול המועד פּסח ווען איך בין אַלט געוואָרן 5 יאָר מיט 1 חודש, האָבן אַלע טאָג אָנגעהויבן אין הויז צו קומען מלמדים, צו בעטן דעם טאַטן מיך אין זייערע חדרים צו שיקן. עס זיינען געקומען אַלע פינף דרדקי מלמדים פון שטעטל, און יעדער איינער האָט דעם טאַטן פאַרלויבט זיין מעטאָדע פון לערנען אידישקייט מיט די קינדער.

צום ערשטן איז געקומען שלמה פּופּיק. מען פלעגט דערציילן באַ אונז אין שטעטל אַזאַ מעשה: ר' שלמה האָט זיך אַמאָל פאַרגומען צו שמייסן איינעם פון זיינע תלמידים, דער אינגל האָט זיך מיט אַלע כחות געפּרוואוווט אַרויסרייסן. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט, ביז דער אינגל האָט אים אייגעביסן אין פּופּיק, פון דאַן אָן איז ר' שלמה פאַרבליבן מיט דעם ניט גאָר שיינעם נאָמען.

דאַן איז געקומען שימעלע פּאַראַכאַד. פּאַראַכאַד האָט מען אים גע־רופן דערפאַר ווייל זיין גאַנצער גוף איז באַשטאַנען כמעט פון פיס. זיינע פיס זיינען געווען אַזוי לאַנג, אַז קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרמעסטן מיט אים גלייך צו גיין. ווען ער פלעגט אַ שטעל טאָן איין טראָט מיט זיינע לאַנגע פיס, פלעגט אַן אַנדערער דאַרפן מאַכן צוויי אָדער דריי טריט. האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען פּאַראַכאַד.

דאַן איז געקומען שעפּסל „נאָך האַלבן טאָג". ווארום אַזאַ משונה'דיקן נאָמען? ווייל אַלע מאָל איז באַ אים געווען דער קאַזיראַק פון זיין היטל אַן

א זייט. פלעגט מען זאָגן, אז בא שעפּסלען איז אַלע מאָל נאָך האלבער טאָג.

דאַן איז געקומען ר׳ איצעלע קאַסאַי. ער האָט געהאַט גאָר א מיאוסן נאָמען. זיינע אויגן זיינען געווען אזוי צודרייט, אז ווען ער פלעגט רעדן צו אייך, פלעגט איין אויג קוקן אויפן באַלקן און די צווייטע אויף דער פּאדלאגע, פלעגט מען אויף אים זאָגן אז ער רעדט צום גלח און שפּייט אויפן קלייסטער.

און צולעצט איז געקומען משה פּיראג, אָדער ווי אייניקע פלעגן אים רופן, משה די זויערע לאַטקע. און דערציילט האָט מען אין שטעטל אזא מעשה: אין א געוויסן ווינטער אויפדערנאַכט, ווען ער איז אהיים געקומען פון חדר, איז דער קעראָסין לאָמפּ שוין געהאַט אויסגעגאַנגען און אין הויז איז געווען שטאָק פינצטער. די ווייב איז געלעגן אויפן אויוון, און איר רומאַטיס האָט זיך געהאַט אזוי צושפּילט אז זי האָט זיך ניט געקאָנט א ריר טאָן. הונגעריק איז ער געווען, איז ער אריין אין אויוון און האָט ארויסגעשלעפּט וואָס ער האָט דאָרטן אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט. ער זיצט און עסט, ער קייט און קייט, און ער קאָן בשום אופן דעם מאכל ניט צו קייען. רופט ער זיך אָן צו זיין ווייב — „ראָחע, וואָס פאַר א פּיראָג האָסטו דאָס היינט געמאַכט אויף וועטשערע? איך קאָן דאָך עס גאָרניט צעקייען.״ ווען ראָחע האָט עס דערהערט, האָט זי, פאַרבראַכנדיק די הענט, אויסגעשריען: „ווי איז מיר, ער האָט אויפגעגעסן דעם וויעכיטש וואָס איך וואַש די טעפּ מיט דעם! וואָס חלומט זיך דיר פּיראָג? אז איך האָב גאָר א מילכיקן קרופּניק אויף וועטשערע געמאַכט.״

ווען די לצים פון שטעטל האָבן די מעשה דערהערט, איז גלייך באַשלאָסן געוואָרן אז זיין נאָמען פאַרבלייבט משה פּיראג. אָבער אזוי ווי צווישן די לצנים זיינען געווען אייניקע גרויסע אידישיסטן—אַליין ניט ווּסנדיק פון דעם— האָבן זיי געוואָלט דעם פּיראג פאַראידישן, און האָבן פאָרגעשלאָגן אז זיין נאָמען זאָל זיין „משה די זויערע לאַטקע״. נאָך א סך דינגעניש איז מען געקומען צו א קאָמפּראָמיס, אז מען קען אים רופן ווי אזוי איינער וויל — „פּיראג״ אָדער „זויערע לאַטקע״. און אַט אזוי איז אים באַשערט געווען צו קריגן צוויי צונעמען.

מיין טאַטע האָט יעדן איינעם פון זיי אויפגענומען גאָר פריינטלעך, מכבד געווען מיט א שמעק טאַבאַק, אָבער בא זיך האָט ער שוין פון פריער געהאַט באַשלאָסן צו וועמען איך וועל גיין אין חדר. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף שימעלע פּאַראַכאָד. שימעלע איז געווען א חסיד פון דעם זעלביקן רבין, און האָט געדאַווענט מיט מיין טאַטן צוזאַמען אין דעם רבינס קלויז. ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון מיין טאַטנס באַשלוס, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט, ווייל דער פּאַראַכאָד האָט געהאַט א טבע צו קניפּן זיינע תלמידים אזוי, אז זיי פלעגן שטענדיק ארומגיין מיט סיניאַקעס. עס האָט מיר אָבער ניט געהאָלפן מיין

וויינען און פראטעסטירן, איך האב געמוזט גיין צום פאראכאד אין חדר. צוויי זמנים האט ער מיך געפייניגט מיט זיין קנייפן, און אז די מאמע פלעגט אמאל דערזען מיינע סיניאקעס און פלעגט זיך צעשרייען, „אט גיי איך צום פאראכאד און וועל אים אויסרייסן זיין בערדל," פלעגט איר דער טאטע איינשטילן, זאגנ־דיק: „נו נו, מה רעש? אזוי וועט ער בעסער געדיינקען וואס ער לערנט."

צו זעקס יאר האב איך אנגעהויבן לערנען חומש, און עס האט ניט גענומען לאנג ביז איך האב אויסגעפונען ווי די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן אין זעקס טעג. . . . די געשיכטע האט אויף מיר געמאכט א געוואלדיקן איינ־דרוק, ווייל כאטש איך האב געוואוסט אז גאט קאן אלעס, און אז קיין זאך איז פאר גאט ניט צו שווער צו טאן, ווען איך פלעג אבער איבערגיין אין מיינע געדאנקען די אלע זאכן וואס גאט האט באשאפן אין זעקס טעג, פלעג איך קומען צום באשלוס, אז טאקע נאר אונזער גאט האט אזעלכעס געקאנט דערוויזן, קיין אנדער גאט וואלט אזעלכעס ניט געקאנט אויפטאן.

איך הויב אן לערנען גמרא, און פארפיר א ליבע מיט רחל'ען

מיין טאטע, נחום לאנעס ע"ה, איז געווען א מערקווירדיקער איד. א גאנצע וואך איז ער געווען שטיל ווי א טויב, מען האט פון אים אן איבעריקן ווארט קיינמאל ניט געהערט. זיין טעגלעכע רוטין איז געגאנגען אט אזוי: ער פלעגט אויפשטיין פארטאג, און נאכן אפגיסן נעגל־וואסער און אפזאגן ברכות, פלעגט ער זיך אוועקזעצן לערנען. אמאל איז דאס געווען משניות, א צווייטן מאל האט עס געקאנט זיין זוהר אדער גמרא. געלערנט האט ער אויפן קול, מיט א שיינע באריטאן שטימע. ארום זיבן דעם זייגער פלעגט ער נעמען טלית און תפלין און אוועקגיין אין דעם רבי'נס קלויז דאווענען. פארן דאווענען פלעגט ער קיין זאך ניט טועם זיין. קומענדיק פון קלויז האט ער שוין געפונען דעם טיש א האלבן געדעקט מיט א טישטוך, און אויפן טיש איז געווען ברויט מיט זאלץ. אז ער פלעגט האלטן באם פארענדיקן זיין עסן, האבן שוין די אינגלעך אנגע־הויבן צו קומען אין חדר. אין זיין חדר זיינען אלע מאל געווען צען אינגלעך מיט וועמען ער האט געלערנט גמרא. די אינגלעך פלעגן זיך ארומזעצן ארום דעם לאנגן טיש בא אפענע גמרא'ס, איינער פלעגט לערנען דעם שיעור הויך אויפן קול, און די אנדערע האבן זיך צוגעהערט. אזוי פלעגן זיי לערנען דעם זעלביקן שיעור נאך די ריי נאך. דעם ערשטן אינגל פלעגט ער ארויסהעלפן מיט דעם שיעור וויפיל עס האט זיך געפאדערט, ווייל אלע טאג האט מען אנ־

געהויבן אַ נייעם שיעור. דעם צווייטן און דריטן, פּלעגט ער אויך צוביסלעך אַרויסהעלפן; אָבער די איבעריקע אינגלעך האָבן שוין פון הערן דעם שיעור צוויי אָדער דריי מאָל, געדאַרפט אַליין, אָן זיין הילף דורכגיין דעם שיעור מיט אַלע אויסריידן. ער פלעגט דורך דער צייט אַרומגיין איבערן הויז הין און צוריק, פאַרלייגט די הענט אויף הינטער, האַלטנדיק אַ רויטע פּאַטשיילקע אין די הענט. ווען אַ אינגל איז געבליבן שטיין אין מיטן און איז ניט געווען זיכער מיט אַ געוויסן אויסרייד, איז ער צוגעקומען צום טיש, אוועקגעלייגט די רויטע פּאַטשיילקע אויף זיין גמרא, אים צו העלפן אַרויסקריכן פון דעם האַרבן ענין.

אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען ווען די ערשטע עטלעכע אינגלעך פלעגן לערנען דעם שיעור, אָבער ווען עס פלעגט קומען צו די לעצטע דריי אָדער פיר אינגלעך, פלעגט ער שוין דערוואַרטן אַז פון הערן אַזוי פיל מאָל דעם שיעור איבערחזרן, זאָל דער אינגל דורכגיין דעם שיעור אָן גרייזן. עס פלעגט אָבער גאַנץ אָפט טרעפן, אַז אפילו איינער פון די לעצטע אינגלעך איז געבליבן שטיין אין מיטן, און ניט פון אָרט. דאָס איז געווען אַ באַווייז פאַר אים, אַז ער האָט זיך ניט צוגעהערט גוט געננוג צו די ערשטע אינגלעך ווען זיי האָבן געלערנט. דאַן איז ער שוין געוואָרן אין כעס.

ער האָט קיינמאָל ניט געשלאָגן און ניט געשמיסן זיינע תלמידים, ער פלעגט נאָר ווי צו זיך אַליין דאַן אַ זאָג טאָן, אַז זיין טאַטע וואַרפט אַרויס די געלט וואָס ער צאָלט פאַר אים שכר לימוד, ווייל ער וואַקסט אַ גוי גמור. ער פלעגט שוין אַזאַ אינגל ניט אַרויסהעלפן. ער פלעגט הייסן איינעם פון די אינגלעך וועלכער האָט פריער געלערנט דעם שיעור און איז דורכגעגאַנגען גלאַט, אַז ער זאָל אים העלפן אַרויסקריכן. אַט אַזוי איז דורכגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג, סיי באַם לערנען גמרא, ווי אויך אין די איבעריקע צייט פון טאָג, ווען מען האָט געלערנט „אישוואַרבע" (תנך), אָדער אַנדערע געגנשטאַנדן.

ווען ער פלעגט צולאָזן דעם חדר און מען האָט געגעסן וועטשערע, האָט מען אים אויך זעלטן געהערט רעדן לשם גלאַט רעדן. צו אונז קינדער האָט ער אויך זייער זעלטן גערעדט; די מאַמע רישע ראַניע האָט שוין גערעדט פאַרביידן. דערפאַר אָבער שבת און יום־טוב, סיי באַ דעם רבין אין קלויז, און סיי אין דער היים, האָט פון אים אַרויסגעשיינט די נשמה יתירה. ווער רעדט צו אַזעלכע געלעגנהייטן ווי ראש השנה גייענדיק פון תשלך, ווען ער איז געווען זיכער אַז אַלע זיינע זינד זיינען מיטן וואַסער אַוועק, שמחת תורה צו הקפות, אָדער ספּעציעלע חסידישע הוליאַנקעס, איז ער געווען אַ שטיק פייער, און האָט מיט זיין התלהבות אַלע אַרומיקע אָנגעשטעקט.

אין אַ געוויסן וואָכעדיקן טאָג נאָך וועטשערע, אַנשטאָט זיך צו נעמען גלייך צו אַ ספר און זיך זעצן לערנען, האָט ער מיך צוגערופן און, געבנדיק מיר

מיין לעבן

א קניפּ אין בעקל, האָט ער זיך אָנגערופן: ווייסט, זלמן, דו ביזט שוין א היפּשער בחור'ל, אם ירצה השם דעם קומענדיקן זמן וועסטו בא מיר אָנהויבן לערנען גמרא. סיי דאָס וואָס דער טאַטע האָט צו מיר גערעדט, און אויך דאָס וואָס איך וועל אָנהויבן לערנען גמרא, האָט אויף מיר געמאַכט אזא רושם, אז איך בין א לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען אזוי ווי אין חלום. איך האָב מיט גרויס שפּאַנונג דערוואַרט יענעם טאָג ווען איך וועל אָנהויבן לערנען גמרא. אָבער אין דער זעלביקער צייט, האָט עטוואָס שרעקלעכעס פּאַסירט מיט מיר, איך האָב אָנגעהויבן צו שפּילן א ליבע מיט רחל'ען.

רחל'ע איז געווען א זייער שיין מיידעלע, מיט א יאָר עלטער פון מיר. זי מיט איר מאַמען, שיינע לאה, א גרושה, האָבן געוואוינט בא אונז אין הויז. איר מאַמע האָט געהאַלטן א באַקאַליינע קרעמל קעגנאיבער אונזער הויז, פלעגט זי שטענדיק דאָרטן זיין פּאַרנומען. מיין מאַמע ווידער, איז געווען די דאָקטאָרקע פון שטעטל. דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט א פעלדשער, ר' יעקב, א הויכער מאַסיווער איד מיט א לאַנגער קאַפּאָטע. אז ער פלעגט גיין אין גאַס, פלעגט ער שטענדיק מיט זיך טראָגן א קאַנע — אַן אַלט פאַרזשאַווערט קענדל, נאָך וועלכער עס האָט זיך געבאַמבלט א לאַנגע קישקע. בא 9 פון יעדע 10 חולאים פלעגט ער באַנוצן די קאַנע, און דעם צענטן פּאַציענט פלעגט ער געבן א פּאַרציע ריצן־אויל, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך, האַלטנדיק א גרויסן פלעשל פון דעם אין דער פאַרזשאַווערטער קאַנע. אויב אָבער עס זיינען אוועק א פּאָר טעג און דער פּאַציענט איז ניט געוואָרן בעסער, דאַן האָט ער געהאַט צוויי מער ראַדיקאַלע רפואות — שטעלן פּיאַווקעס, וועלכע, ווי ער פלעגט זאָגן, וועלן געווים אַרויסציען די שלעכטע בלוטן, און אויב דאָס האָט ניט געהאָלפן, דאַן איז פּרובירט געוואָרן זיין לעצטע רפואה — שטעלן באַנקעס. באַנקעס זיינען געווען צוויי סאָרטן, טרוקענע און נאַסע. ווען דער חולה איז נאָך ניט געווען קיין מסוכן, פלעגט ער זיך באַנוצן מיט טרוקענע באַנקעס; דאָס הייסט, מען נעמט די באַנקע (דאָס איז אזא בעכערל) און ווען די לייב איז וואַרעם, שטעלט מען זי צו צום לייב. די באַנקע אַריינציענדיק אין זיך עטוואָס דאָס לייב, האַלט זיך א געוויסע צייט ביז עס פאַלט פון זיך אַליין אַראָפּ. ווען דער חולה איז שוין אָבער געווען מסוכן, דאַן האָט מען שוין געמוזט שטעלן נאַסע באַנקעס — צולייגנדיק איין זייט פון דער באַנקע צום לייב, רוקט מען אונטער אונטערן באַנקע אַן אָנגעצונדן ליכטל, דאָס פלעמל ציט אַרויס די לופט פון באַנקע, און ווען עס וואַרעמט זיך גוט אָן, כאַפּט מען אַרויס דאָס ליכטל און מען קוועטשט אַרונטער די באַנקע, וועלכע ציט שוין אַריין א היבשן שטיק הויט, און האַלט זיך אזוי לאַנג אז אָפט פלעגט מען די באַנקעס מוזן מיט גוואַלד אַראָפּרייסן פון דער הויט מיט טרויעריקע רעזולטאַטן. אַט דאָס זיינען

געווען די מעטאָדן פון יעקב, אָדער ווי פלעגט אים אין שטעטל רופן, „קוליע דער פערצל״ (פעלדשער).

מיין מאַמע, רישע ראַניע, א ליכטיק גן עדן זאָל זי האָבן, האָט זיך ספּע־ציאַליזירט אויף אַנדערע געביטן.

נומער 1, אויסלעקן אַן אויג. ווען בא אימיצן איז עפּעס אריינגעפאַלן אין אַן אויג, פלעגט מען קומען צו איר זי זאָל ראַטעווען. זי פלעגט אָננעמען דעם פּאַציענט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, מיט ביידע גראָבע פינגער פאַרנאַנ־דער עפענען דאָס אויג, אריינשפּאַרן דעם שפּיץ צונג אין אויג, א דריי אויף איין זייט און דעם אַנדערן א פּאָר מאָל, און פאַרטיק, דעם פּאַציענט פלעגט ווערן ליכטיק אין די אויגן, און זי פלעגט פון שפּיץ צונג אַרונטערנעמען דאָס ברעקעלע וואָס איז געווען אין אויג. קיין געלט האָט זי פאַר איר דאָקטאָריע ניט גענומען, אָבער וואָס מען פלעגט איר אָנווינטשן פאַר דעם, איז בא איר געווען ווערט מער פון געלט.

נומער 2, אָפּקוועטשן זאַוואַלקעס. בא אונז אין אמעריקע רופט מען דאָס געשוואָלענע טאַנסלס. מאַמעס פלעגן קומען מיט קינדער אויף די הענט, האַלב דערשטיקטע פון די זאַוואַלקעס. מיין מאַמע האָט געהאַט א זייער ראַדיקאַלן מיטל פאַר דעם, זי פלעגט אריינרוקן א פינגער צום קינד אין האַלז און דער־לאַנגען א היפּשן קוועטש. דאָס קינד פלעגט פריער ארויסלאָזן א געשריי אַז דער הימל האָט זיך געקאָנט שפּאַלטן, און דאַן פלעגט עס זיך אזוי פאַרגיין, אַז מען האָט עס א היפּשע ווילע געדאַרפט מינטערן.

נומער 3, אָפּשפּרעכן א רויז. צו דעם האָט זיך שוין געפאָדערט א גע־וויסע באַקאַנטשאַפט מיט אינסטרומענטן. אירע אינסטרומענטן זיינען באַ־שטאַנען פון א קליין ברעטעלע, בא א האַלבן אינטש די ברייט, אָבער דאָס האָלץ האָט געמוזט זיין פון א געוויסן מין, וואָס איז נאָר צו איר אליין געווען באַ־וואוסט, און א געוויסן סוק אין א פריטלקע פון טיר. ווען דער חולה איז צו איר געקומען, האָט זי זיך מיט אים אָוועקגעשטעלט לעבן טיר, גענומען דאָס ברעטעלע און ארומגעדרייט דריי מאָל ארום דעם סוק, דאַן האָט זי דאָס ברעטעלע איינגעטונקט אין אַזאַ פליסיגקייט, און רייבנדיק אויף דעם אָרט פון דעם רויז, געזאָגט אַזאַ שפּרוך . . . דאָס פלעגט ווערן איבערגע׳חזר׳ט דריי מאָל, און דאַן האָט דער חולה געמוזט געהאָלפן ווערן.

נומער 4, ארונטערנעמען א טשיפּון. א טשיפּון האָט זיך געקאָנט זעצן אויף דעם שפּיץ צונג בא א קינד און אויך בא א הון. פלעגט זי טאָקע היילן, סיי קינד סיי פויגל, אויף דעם זעלבן אופן. פאַר דעם האָט זי שוין געהאַט אַן אַנדער סאָרט שפּענדעלע, און אַן אַנדער פליסיגקייט. איינטונקענדיק דאָס שפּענדל אינעם פליסיגקייט, פלעגט זי גלעטן דעם שפּיץ צינגל מיט דעם א היפּשע

מיין מאַמע רישע ראַניע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן

ווײַלע, אויך זאָגנדיק אַ געוויסן שפּרוך דערבײַ. נאָכדעם פּלעגט זי אָננעמען דעם שפּיץ צינגל און מיט די נעגל מאַכן לויז אַ ברעג פון טשיפּון און דאַן עס אַרונטעררײַסן. דאָס קינד, אָדער פויגל, פּלעגן היבש פּראָטעסטירן דערבײַ, אָבער עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפן, דער טשיפּון האָט געמוזט אַרונטער.

עס האָט איר אָבער שטאַרק אויסגעפעלט נאָך אַ זאַך צו איר דאָקטאָריע, דאָס איז אָפּשפּרעכן אַן „עין הרע". דאָס איז שוין געווען מיין טאַטנס ספּעציאַליטעט.

ווען אַ קינד פּלעגט באַ אימיצן אָנהויבן ברענען ווי פײַער, איז דאָך געווען קלאָר אַז מען האָט דאָס קינד עין הרע געגעבן. דאַן פּלעגט מען קומען צו מיין טאַטן ער זאָל אָפּשפּרעכן עין הרע. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, פּלעגט מען ברענגען מיט זיך אַ פּאַטשײלקע וואָס מען האָט גענוצט פאַרן קינד. דער טאַטע פּלעגט נעמען די פּאַטשײלקע אין בײדע הענט, צומאַכן שטאַרק די אויגן, און נעמען זאָגן אַ געוויסן שפּרוך. ווען ער פּלעגט פאַרטיק ווערן מיט דעם שפּרוך, פּלעגט ער דרײַ מאָל אויסשפּײַען און זאָגן, „זאָל זיין צו רפואה".

ש. ז. אסיפאוו

איך געדענק ווי די מאמע האט זיך וויפיל מאל בא אים געבעטן, ער זאל איר אויסלערנען אפשפרעכן אן עין הרע, ער האט אבער יעדן מאל איר אפגע־זאגט, ווייל דאס איז ניט פאר קיין אשה.

האבנדיק אזא גרויסע פראקטיקע, און אויך זיך אפגעבנדיק מיט פאר־שידענע אנדערע קהלשע זאכן, וועגן וועלכע איך וועל דערמאנען שפעטער, פלעגט איר אויסקומען גאנץ אפט פון הויז אוועקצוגיין, און איך מיט רחל'ען פלעגן האבן אפט א געלעגנהייט אליין צו פארבלייבן. אין די ערשטע צייטן, פלעג איך זוכן איר אויסצומיידן, ווייל איך האב געוואוסט אז ווען מען שפילט זיך מיט א מיידל, פארגעסט מען אלעס וואס מען האט געלערנט . . . אבער לאנג האב איך דעם יצר הרע ניט געקאנט ביישטיין. עס פלעגט מיך פשוט ציהען צו איר ווי מיט א מאגנעט, און בא די ערשטע געלעגנהייט, פלעגן מיר זיך באהאלטן הינטער א טיר און זיך קושן . . . און אויב אזא געלעגנהייט האבן מיר א פאר טעג ניט געקראגן, פלעגן מיר בײדע אויסגיין בייענקענדיק איינע נאך די אנדערע. עס איז געווען, ווי איך זע דאס איצט, א שיינע קינדערשע צוגעבונדנקייט און ליבע.

אין דער זעלביקער צייט האב איך אויך אנגעהויבן צו לערנען גמרא, ווי אויך זיך לערנען לייענען און שרייבן. און כאטש איך האב מיין לערנען און שרייבן זייער גוט באנומען און גאר שטארק ליב געהאט, פלעג איך, ווי איך געדענק איצט, גאר אפט, זיצנדיק א גאנצן טאג פארשפארט אין חדר, ניט קאנענדיק ארויסגיין פון הויז, דערזעהענדיק דורכן פענצטער ווי די שכנ'ישע שקצים לויפן ארום פריי אין פעלד, הינטער אונזער הויז, זיך שפילנדיק, טראכטן אז צו זיין א גוי איז א סך גרינגער ווי צו זיין א איד.

אין א שיינעם זומער פרימארגן, אין דעם ערשטן אדער צווייטן יאר פון מיין לערנען גמרא, האט עטוואס פאסירט, וואס האט אויף מיר געמאכט א גאר שטארקן איינדרוק, און עס איז פארבליבן אין מיינע בלוטן ביז היינטיקן טאג.

עס איז געווען א שיינער ווארעמער פרימארגן אין מאי; די פענצטער זיינען געווען אפן, ארום דעם לאנגן שווערן טיש בא אונז אין הויז זיינען געזעסן צען אינגלעך, איינער פון זיי האט געלערנט דעם שיעור אין דער הויך, און די אנ־דערע האבן שאקלענדיק זיך צוגעהערט. די גאס איז געווען שטיל און לײדיק . . . פון צייט צו צייט פארט דורך א פויער מיט זיין פערד און וועגעלע — פויל, געלאסן. א פאר אידן שטעלן אים אפ, נעמען טאפן אין וועגל, זוכן וואס ער האט צו פארקויפן.

א ציג, וועלכע איז פאר א געוויסע אורזאך דעם טאג מיט די סטאדע אין פעלד ניט געגאנגען, שטעלט זיך ארויף מיט די פאדערשטע פיס אויפן פריזבע און וויל פון פענצטער א שטיקל ברויט אראפכאפן. מיט אמאל דערהערט זיך



מיין טאטע ר' נחום לאנעס, עליו השלום

מיין מאמעס קול, זי שרייט אויף די העכסטע אָקטאַוון. די ציג דערשרעקט זיך און אנטלויפט. מיר אינגלעך שטעלן אָן די אויערן אום צו הערן וואָס עס האָט פּאַסירט. מיין טאטע, וועלכער איז די גאַנצע צייט פון דעם לערנען, ארומ־געגאַנגען איבערן שטוב, די הענט אויף הינטן פאַרלייגט, האַלטנדיק אין איין האַנט זיין רויטע פאַטשיילקע, איז צוגעגאַנגען צום אינגל וועלכער האָט דעם שיעור געלערנט און אַרויפגעלייגנדיק די פאַטשיילקע אויף זיין גמרא, אלס א סימן אז מען זאָל מפסיק זיין, האָט זיך מיט זיין בליק געווענדעט צו מיין מאמען. פון זיין בליק האָב איך אַרויסגעלייענט: נו, וואָס פאַר א וויכטיקע געשעעניש איז דאָס דאַרטן פאַרגעקומען, אז מען זאָל דאַרפן מפסיק זיין אין מיטן לערנען?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַט וואָס: דער „גזלן" משה שייע יאשעס, אונ־זער שכן, האָט אָפּצאַמענדיק זיין גאָרטן, ווי איר האָט זיך געדאַכט, אריינגע־קלאַפּט די פלעקער צו נאָענט צו אונז; און אַז זי איז זיכער, אַז ער פאַרנעמט א היבשן שטיקל פון אונזער לאַנד.

דער טאַטע אויסהערנדיק איר ווייגעשריי, האָט גאַנץ געלאַסן א זאָג גע־

טאָן — האַלב צו זיך אַליין און האַלב אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין: „וואָס אַן אשה קאָן איינפּאַלן, אויב משה שייע יאַשעס קלאַפּט דאָרטן די פּלעקער (מיט א גמרא ניגון) איז עס דאָך א ראיה אַז ער דאַרף זיי דאָרטן קלאַפּן, ווייל ער וועט מיר חס ושלום ניט משיג גבול זיין! . . . און אַרונטערנעמענדיק זיין פּאַטשיילקעפון דער גמרא, האָט ער א זאָג געטאָן צום איינגל: נו לערן, לערן!

אָט דער ענטפער מיין טאַטענס, איז אַזוי טיף אין מיינע בלוטן אַריין, אַז ביז צו א גאָר גרויסן גראַד האָט עס מיין גאַנצן לעבנס גאַנג באַווירקט. און כאָטש איך האָב מער ווי איין מאָל די בייטש פון „משיג גבול" זיין אין מיין לעבן אויף מיינע אייגענע פּלייצעס געפילט, דאָך איז אין מיינע בלוטן פאַר־בליבן דער גלויבן, אַז איין איד דעם צווייטן וועט ניט משיג גבול זיין.

צו יענער צייט בין איך געווען שטאַרק פרום. איך פלעג גאָר אָפט גיין מיט מיין טאַטן דאַוונען אין דעם רבינס קלויז. ספּעציעל פלעג איך דעם טאַטן שטאַרק דאַנקבאַר זיין ווען ער פלעגט מיך מיטנעמען שבת פאַרנאַכט צום רבין, צו מלווה מלכה. דאָרטן פלעגט דער טאַטע איבערזאָגן די תורה וואָס דער רבי פלעגט זאָגן פרייטאָג צונאַכט און שבת אינדערפרי. איך פלעג זיין פאַר־גאַפט, הערנדיק די גאַנצע צייט, כאָטש פאַרשטאַנען האָב איך גאָרניט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט. איך פלעג נאָר ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער „שם הוויע" — און ער פלעגט זיי זייער אָפט ווידערהאָלן — דערפילן א הייַ־ליקן ציטער אין מיין גאַנצן וועזן, און מיינע בעקעלעך האָבן אָנגעהויבן צו פלאַמען. ווען די רביצן פלעגט נאָכדעם דערלאַנגען אַביסל בראַנפן מיט צובייסן, פלעגט דער רבי אַליין אויך אַריינקומען. א הייליקער ציטער פלעגט דורך מיין לייב דורכגיין ווען איך האָב אים דערזען. ווען מען פלעגט פאַרציען דעם רבינס ניגון, האָט מיין קולכל געקלונגען אַזוי ווי א זילבערנער גלעקל, און גאָר אָפט נאָך אַזאַ נגינה, האָט דער רבי מיר א קניפּ געטאָן אין בעקל און געזאָגט צו מיין טאַטן — נחום, מיין סנדק פאַרשעמט אונז ניט (ער איז געווען מיין בעל הסנדק). איך פלעג זיך פילן גאָר גאָר דערהויבן פון דעם רבינס ווערטער, און א צייט נאָכדעם פלעג איך דאַוונען מיט גרויס כונה. איך פלעג אין דאַוונען בעטן גאָט מיט טרערן אין מיינע אויגן, ער זאָל מיר פאַרגעבן אויף מיין גרויסער זינד, וואָס איך שפּיל א ליבע מיט רחל'ען.

איך ווער געכאַפּט בּאַ אַ גנבה

עס איז אפילו ניט גאָר שיין צו דערציילן, איך האָב זיך אָבער פאַרנומען צו דערציילן וויכטיקע פּאַסירונגען פון מיין לעבן, האָב איך באַשלאָסן צו דער־ציילן אויך אָט די ניט גאָר שיינע מעשה וועגן זיך. . . .

זאָגט דעם אמת, איר האָט עפּעס ליב בּאַרעלעך? — בּאַרעלעך מיט רויטע בּעקעלעך, וואָס אַז מען טוט אויף זיי אַ קוק הויבּט די סלינע אָן פון מויל צו רינען. אוי האָב איך ליב געהאַט בּאַרעלעך . . . ספּעציעל אַזעלכע וועלכע מען קאָן אַליין פון בּוים אַרונטערייסן. ניט ווייט פון אונז איז געווען די גויאישע גאַס. הינטער יעדע גויאישע כאַטע זיינען געווען עטלעכע פּרוכט בּוימער, פלעג איך שטיין פון ווייטן, קוקן אויף די פּירות, און די סלינע פלעגט מיר פון מויל רינען. איך וואָלט דאַן, בּין איך זיכער, געקאָנט אַריינשלינגען די פּרוכט מיט דעם בּוים צוזאַמען. נאָר גיי הויבּ זיך אָן מיט אַ גוי. דאָס הייסט, מיט די גוים איז נאָך געווען אַ האַלבּע צרה, ווייל אונזערע גוים זיינען געווען האַלבּע אידן, זיי האָבּן געקאָנט רעדן אידיש בּעסער ווי די אידן פון שטעטל האָבּן געקאָנט רעדן גויאיש; זיי זיינען געווען קלאָר אין גאָר אַ היבּש בּיסל אידישע דינים, האָבּן געוואוסט וואָס ס'איז כשר און וואָס איז טריף—בקיצור, זיי זיינען געווען האַלבּע אידן. איז אין דער צייט ווען מיין יצר הרע פלעגט מיר אָנווייזן אויף די בּאַ־רעלעך מיט די רויטע בּעקעלעך, וועלכע פלעגן וואַקסן אויף זייערע בּוימער, וואָלט איך אפילו פאַרגעסן אין מיין עולם הבא, וואָלט אַרויפגעקראָכן אויף דעם בּוים, זיך אָנגעריסן פולע קעשענעס מיט בּאַרעלעך, וואָלט געמאַכט אַ ברכה „בּורא פּרי האָץ", און וואָלט הנאה געהאַט פון לעבן. האָבּן זיי אָבער אַלע געהאַט כלבים — אַזעלכע בּייזע, פאַסקודנע כלבים — און אַ אידישן אינגל האָבּן זיי פיינט געהאַט מיט אַזאַ שנאה, אַז עס איז געווען אַ געפאַר אין זייערע צוין אַריינצופאַלן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך פאַר זיי שטאַרק געשראָקן. איך פלעג שטיין און קוקן אויף זייערע בּוימער פול מיט בּאַרעלעך, וועמעס רויטע בּעקעלעך האָבּן מיך געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט ציט אייזן, איך האָב אָבער מורא געהאַט זיך פון אָרט צו רירן. מיין מוח פלעגט שיקן אַ טעלעגראַמע צו מיינע פיס — שטיי וואו די בּיזט, ווייל די כלבים זיינען דאָרטן. אָבער דער גאָט וועלכער שפּייזט אַ ווערימל אונטער אַ שטיין, האָט איינגעזען מיין גרויסן צער און האָט מיר צוגעשיקט אַ כשרה מציאה. . . .

כאַטש, צוריק גערעדט, ווען איך דערמאָן זיך ווי אַזוי דאָס האָט זיך פאַר־

ענדיגט, איז דאָס געווען אַ גאַנץ קנאַפּע מציאה; אָבער פון אָנהויב האָב איך געמיינט אַז איך האָב געפונען אַן אוצר. גייענדיק צו די בעריאָזקעס, אָדער אויפן וויהען, ווי מען האָט עס בײַ אונז גערופן, האָט געוואוינט אַ איד. מאָלט אייך, אַז אַזאַ איד איז ער געווען. מען האָט אים אין שטעטל געהאַלטן פאַר אַ האַלבן גוי. הינטער זיין הויז, האָט ער געהאַט אַ גאָרטן מיט בלומען און אַ סאַד מיט פרוכט־ביימער. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אַז מען זאָל אים אין שטעטל האַלטן פאַר אַ האַלבן גוי. היינט זיין הילוך איז אויך ניט געווען שטאַרק אידישלעך. ער האָט שטענדיק געטראָגן לאַקירענע שטיוועלעך אַריבער די הויזן; אַ היטל מיט אַ לאַקירענעם דאַשיק, וואָס אַן איידעלער איד וואָלט בײַ אונז ניט געטראָגן. היינט זיין אידיש רעדן, איז אויך ניט געווען אײַ־אײַ־אײַ. ער האָט ניט געקאָנט אויסרעדן קיין דריי ווערטער אָן אַ פּליישיקע „פּאָמאַ־טיערי״; דאָס הייסט, אין דער מאַמען אַריין מיט דעם טאַטן פאַרבייסן. מען האָט געזאָגט אין שטעטל, אַז ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, און אַז בײַ ניקאָלאַיען האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ תורה וואָס איז ניט גאָר אידישלעך.

אַרום תשעה באב, ווען די פּירות אויף די ביימער האָבן אָנגעהויבן צייטיק ווערן, פלעג איך אָפט שטיין לעבן הויז פון מיינע צוויי חברים, זעליק און זלמן, די ברידער פון דעם באַוואוסטן העברעאישן און אידישן שרייבער ראובן בריינין. זייער שטוב איז געווען די לעצטע אידישע הויז, נאָך וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די גויאישע גאַס. פון גאַניק פון זייער הויז האָב איך גאַנץ גוט געקאָנט באַטראַכטן די באַרעלעך אויף די ביימער פון דעם ניקאָלאַי־עווסקן סאָלדאַט — איך קאָן זיך ניט דערמאָנען זיין נאָמען. יעדן מאָל, ווען איך פלעג באַטראַכטן די באַרעלעך מיט די רויטע בעקעלעך, האָב איך געפילט אַז די כחות גייען מיר אויס נאָך זיי. ביז איין מאָל, ווען דער יוצר הרע האָט מיך גאָר שטאַרק אין די הענט אַריינגענומען, האָב איך פאָרגעלייגט פאַר מיינע צוויי חברים, זעליק און זלמן, מיר זאָלן זיך אַריינכאַפּן אין סאַד ווען עס וועט טונקל ווערן, אָנרייסן באַרעלעך אַז עס זאָל קלעקן פאַר אַלע דריי, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וויסן וואָס מען לעבט אויף דער וועלט. . . .

אַז אַלע דריי זאָלן קריכן אויפן בוים, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז עס טויג ניט. וואָס דען, איינער זאָל אַרויפקריכן אויף דעם בוים, און די אַנדערע צוויי זאָלן שטיין און היטן טאָמער קומט אימיצער אָן, און אויך אונטערכאַפּן די באַרעלעך וואָס דער דריטער וועט רייסן פון בוים. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן, אָבער ווער קריכט אויפן בוים און ווער בלייבט פון אונטן צו היטן? דער אמת איז, אַז כאָטש איך בין אַלע מאָל געווען אַ בעלן צו קריכן אויף

בוימער, האָט זיך מיר דעם מאָל זייער ניט געוואָלט אויף דעם בוים צו קריכן. (אזוי ווי מיין הארץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז איך וועל אַריין אין אַן אומגליק.) אָבער שטיין הינטער דעם פּארקאַן איז נאָך ערגער, ווייל דאָרטן צו שטיין האָט געמיינט צו שטיין אויפן בית עלמין, און פאַרן בית עלמין האָב איך מורא גע־האַט אימת מות. עס איז געבליבן, אַז איך קריך אויפן בוים, און זעליק מיט זלמנ'ען שטייען הינטער דעם פּאַרקאַן. איך דערלאַנג אַ ריס ארויס אַ פלאָקן פון דעם פּארקאַן און איך שטיי שוין לעבן בוים. מיין הארץ קלאַפּט ווי בא אַ גזלן, אוים מורא פאַרן בית עולם, און אויך טאָמער כאַפּט מען מיך. אָבער איך טראַכט ניט לאַנג — פלינק, אַזוי ווי אַ קאַץ, דערלאַנג איך אַ שפּרונג און איך בין שוין אויפ'ן בוים. איך קלעטער העכער, העכער, איך בין שוין לעבן די בארעלעך. איך רייס און וואַרף, רייס און וואַרף! נאָר מיט אַמאָל, אַי וויי, אַן אומגליק! אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע באַווייזט זיך אין סאַד. איך בלייב אויף איין אייגנבליק אזוי ווי פאַרשטיינערט, אָבער באַלד קום איך צו זיך — מען מוז זיך ראַטעווען! . . .

די לאַמטערנע — מיין אומגליק — דערנעענטערט זיך צום בוים. מיינע שותפים פון הינטערן פּארקאַן אַנטלויפן. איך נעם זיך אָן מיט מוט, אַ שפּרונג נאָך אַ שפּרונג און, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, איך בין אַריינגעשפּרונגען אין אַ פּאָר שטאַרקע הענט מיט אַ לאַמטערנע. איך שטעל זיך פאָר, אַז אַ צעשראָ־קענער האָז, ווען ער פאַלט אַריין אין די ציין פון אַ יעגער הונט, קאָן ניט זיין מער צעשראָקן ווי איך בין דאַן געוועזן. אַ ניט גוטקייט האָט מיר גענומען שלאָגן אונטערן הארצן, פאַר די אויגן האָבן זיך פייערדיקע רעדער גענומען דרייען, אין קאָפּ האָט מיר גענומען שווינדלען, און איך האָב דערפילט אַז דאָס לשון נעמט מיר אָפּ. איך האָב געוואָלט אָנהויבן צו אַפּעלירן צו זיין אידיש הארץ, אַז איך וועל אים באַצאָלן פאַר די עטלעכע בארעלעך וואָס איך האָב אָפּגעריסן, אַז איך וועל קריגן בא מיין מאַמען צוויי קאָפּיקעס, אָדער דריי, אָט טאַקע וויפיל ער וועט זיך הייסן באַצאָלן, און וועל אים באַצאָלן באהבה, אַבי איך זאָל ניט דאַרפן ליידן די חרפה פון ווערן געכאַפּט גנב'נען בארעלעך. אָבער מיין צונג איז מיר געוואָרן אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ, און אין גאַנצן בין איך אַזוי ווי פאַרשטיינערט. שטיי איך מיר אין געהאַקטע צרות און ער, דער בעל דבר, האָט אַריינגערוקט זיין ניקאָלאַיעווסקע לאַפּע צו מיר אין קאָלנער און וואַרט. מסתמא ביז איך וועל אָנהויבן וויינען און אים בעטן אַז ער זאָל מיך אָפּלאָזן. אָבער אַז ער זעט, אַז ער קאָן זיך ניט דערוואַרטן, הויבט ער אויף די לאַמטערנע צו מיין פּנים, קוקט זיך גוט איין אין מיר, און אַז ער דער־קאַנט מיך, טוט ער אַ זאָג, אַי, דאָס ביזטו? נחום לאַנעס „טאַקשיק" (תכשיט).

איך וויל אים עפּעס ענטפערן, אָבער עס גייט ניט. איך מאַך מיט די הענט,

ווי איינער זאָגט: אָט, אַזוי ווי דו זעסט! אָבער באַ דעם בלייבט עס, איך קאָן נאָך אַלץ אַ וואָרט ניט אַרויסרעדן. מיין אומגליק צורעדט זיך: „אי", זאָגט ער, „סאַנאַוויירע באַ אַזאַ שיינעם טאַטן, אַ מאַלטשיק אַ קאַנעוו". און ווי ער רעדט אַרויס דאָס וואָרט „קאַנעוו", אַזוי עפנט זיך באַ מיר אַ קוואַל פון טרערן, איך וויין ווי אַ ביבער; אָבער רעדן, נאָך אַלץ ניט פון אָרט. דאַן צורעדט ער זיך: „דו וויסט," זאָגט ער, „מאַלטשיק, דו האָסט אַזאַ שיינעם טאַטן, עס שטייט מיר גאָרניט אָן אַז ער זאָל האָבן אַ זון אַ קאַנעף".

ווי איז מיר, ווידער גנב . . . איך וועל אייך באַצאָלן, מרוקע איך קוים אַרויס.

אי, זאָגט ער, „טי דוראַק"! באַצאָלן, איך דאַרף דען דיין געלט?

אי, טראַכט איך, אַ איד איז פאָרט אַ איד . . . אַ כפּרה, טראַכט איך מיר, הונדערט גוים פאַר איין אידן.

איך וועל בעסער זען, זאָגט ער ווייטער, אַז דו זאָלסט מער ניט גנב'ענען קיין באַרעלעך! אוי, שריי איך אַרויס מיט מיינע גאַנצע כחות, איך שווער באַ מיינע ציצות אַז איך וועל מער ניט . . . און גיס מיט טרערן.

שווערן, זאָגט ער, וואָס דאַרפסטו שווערן?

אוי, טראַכט איך, אַ טייערער איד, ער גלויבט מיר. איך דערהער זיין שטימע ווייטער: איך וועל דיך אַריבערנעמען, זאָגט ער, אויף יענער זייט פאַרקן (עס מיינט אויפן בית עולם), וועל אויסגראָבן אַ גרוב און וועל דיך באַ־גראָבן. אוי, אַן אומגליק, איך פאַל . . . ער זאָגט נאָך עפּעס, נאָר איך הער שוין מער ניט וואָס ער זאָגט. מיינע פיס בייגן זיך מיר אונטער, מיין האַרץ האָט מיר פאַרדריקט, איך האָב דערפילט אַז איך פאַל אין אַ תהום.

פון תהום בין איך, אַ דאַנק גאָט, אַרויס מיט גאַנצע ביינער, אָבער מיט אַ צעמזיקטער נשמה. מיין ליבע טייערע מאַמע האָט איבער מיר געוואַכט מיט איר ליבע און מאַמעשער איבערגעגעבקייט. איך האָב פון דאַן אָן אפילו ניט געוואָלט קוקן אין דער זייט וואו פרוכט ביימער האָבן זיך געפונען, און אין דאַוונען פלעג איך בעטן גאָט, ער זאָל מיר פאַרגעבן אויף מיינע זינד.

איך בין זייער פרום — אָבער . . .

איך האָב אָנגעהויבן צו דאַוונען מיט מער כונה ווי פריער, נאָך מיין אומ־גליקלעכן פאַרזוך צו גנב'ענען באַרעלעך. באַם דאַוונען פלעג איך בעטן גאָט, אַז ער זאָל מיר פאַרגעבן אויף מיינע זינד: דער געדאַנק — וואָס האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט אַזוי ווי אַ זלידנע פליג — אַז צו זיין אַ גוי איז בעסער ווי צו זיין אַ איד — דאָס אַלעס, איין קליינינגקייט. . . .

איך פלעג פאַר דעם געדאַנק מורא האָבן אַזוי ווי פאַר פייער, גאַנצע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעשראָקענער, און באַנאַכט פלעגן זיך מיר שרעקלעכע חלומות חלומען צוליב דעם. איך שטעל זיך פאָר, אַז דער אומגליק איז צו מיר געקומען דערפאַר ווייל מיין טאַטע פלעגט מיך האַלטן אין הויז פאַרשפּאַרט באַ דער גמרא פון 13 ביז 15 שעה אַ טאָג. סיי זומער, סיי ווינטער, פלעגט ער מיך אויפוועקן אַלע טאָג, חוץ שבת אָדער יום טוב, אַרום פינף דעם זייגער פאַרטאָג, און נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעגאָסן „נעגל וואַסער" און אָפּגעזאָגט ברכות, פלעגט ער זיך מיט מיר אַוועקזעצן באַ דער גמרא ביז אַרום זיבן דעם זייגער, דאַן פלעגט ער אַוועקגיין אין קלויז דאַוונען. קומענדיק פון קלויז, פלעגט זיך אָנהויבן דער חדר, ביז אַרום ניין אין אָוונט; און ניט גאָר זעלטן, פלעגט ער מיך נאָך וועטשערע ווידער צורופן און אָנשטאָט ער זאָל זיך אַוועק־זעצן לערנען אַליין, ווי ער האָט דאָס מערסטנס געטאָן, עפּעגען די גרויסע גמרא און איבערגיין מיט מיר דעם מאָרגנדיקן שיעור. ער האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע אַמביציע, אַז זיין מיזיניק, וועלכער איז אַ נאָמען נאָך דעם חסידישן רבין ר' שניאור זלמן, דער בעל התניא, זאָל זיין אַ רב.

דער אמת איז, אַז פון אָנהויב בין איך געוועזן אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דער גמרא, אַז ער האָט מיך קיינמאָל ניט געדאַרפט וועקן. אַזוי שנעל ווי איך האָב דערהערט אַז דער טאַטע שטייט אויף, פלעג איך גלייך אַרויסגיין פון בעט און זיך אויף גיך אָנטאָן. אָבער ביסלעכווייס, ביסלעכווייס האָט מיר די גע־שיכטע אָנגעהויבן צו דערעסן — אָפּט זיצנדיק אין חדר פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג, זומער, ווען אין דרויסן פלעגט זיין אַזוי שיין, און עס האָט געמאַניעט אַרויסצוגיין זיך שפּילן, פלעג איך זיך פאַרקוקן דורך די פענצטער פון אונזער הויז, וואו עס איז געווען אַ גרויסע פּאַליאַנקע, און איך פלעג דערזעהן ווי די שכנ'ישע שקצים לויפן אַרום און שפּילן זיך פריי, קיינער זאָגט זיי ניט קיין מוסר, און קיינער שרעקט זיי ניט מיט גיהנם. אָדער אין אַ ווינטער טאָג, ווען

ש. ז. אָפּיפּאָוו

איך האָב געזעהן ווי זיי גליטשן זיך אויף דער פאַרפראָרענער סאַזשעלקע הינטער אונזער הויז, דאַן פלעגט זיך מיין קינדערשע הערצל צאַפּלען און זיך רייסן אַרויס צום דרויסן.

אָבער אין מיטן פון מיינע זינדיקע מחשבות, פלעג איך דערהערן דעם טאַטנס שטראָף רייד צו מיר:—

„נו, רב מיינער, טראַכסט שוין ווייטער פון שדים ווייסן וואָס? אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וואו מיר האַלטן?"

איך פלעג אין דעם טאַטנס שטראָף רייד דערפילן אַזאַ ביטערקייט און ווייטיק אַזוי ווי איך וואָלט אים אומגליקלעך געמאַכט. איך פלעג דאַן שטאַרק חרטה האָבן אויף מיינע זינדיקע געדאַנקען און זיך נעמען צוהערן צו דעם וואָס מען האָט געלערנט. אָבער אַוועקצורייסן מיינע געדאַנקען פון „שדים ווייסן וואָס", פלעגט מיר זייער זעלטן געלינגען, און מיין גאַנצער קינדערשער וועזן פלעגט שטאַרק פּראָטעסטירן וואָס איך קאָן ניט אַרומלויפן אַזוי פריי ווי די שקצים און זיך שפּילן אָדער גליטשן. און אָט אין איינעם אַזאַ אומגליקלעכן טאָג, איז מיר אַריין אין קאָפּ דער זינדיקער געדאַנק, אַז אַ גוי צו זיין איז אַ סך בעסער ווי צו זיין אַ איד.

מיין גרויסער אומגליק האָט מיך פאַרפאָלגט טאָג ווי נאַכט . . . גאַנצע טעג פלעג איך זיין אין איין מורא, אַז מען וועט מיך ברענען און בראָטן אין גיהנם; און וואָס מער איך האָב פון גיהנם געטראַכט, אַליץ מער איז מיר מיין אומגליק אין קאָפּ געקראָכן. באַנאַכט, ווי איך בין נאָר איינגעשלאָפן, פלעגן מיך אַ כאַפּטע שדים אַ כאַפּ טאָן און מיך נעמען שלעפּן אין גיהנם. איך פלעג אָנהויבן צו שרייען מיט באַנומענע קולות. מיין גוטע מאַמע פלעגט צולויפן צו מיין געלעגער, ניט טויט, ניט לעבעדיק, און מיך נעמען וועקן, און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געווען אין אַ טייך פון שוויים. עס פלעגט מיר נעמען אַ היבשע ווילע ביז איך בין צו זיך געקומען. די זעלביקע זאַך פלעגט זיך איבערחזרן נאַכט נאָך נאַכט, און אַז די מאַמע האָט אָנגעהויבן מיך פאַרנאַנ־דערצופרעגן, וואָס מיר איז, וואָס מיר חלומט זיך, פלעג איך איר ניט דער־ציילן וואָס מיר איז, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען איך זאָל איר נעמען דערציילן פון מיינע חלומות, וועל איך זיך נאָך אויסריידן עפּעס וועגן מיין גרויסן אומגליק. און דאָס, האָב איך באַ זיך פעסט באַשלאָסן, וועל איך קיינעם, אפילו מיין ליבער טייערער מאַמען, אויך ניט דערציילן.

מאַמע, פלעג איך נאָר אַרויסקרעכצן, איך האָב זייער מורא. . . .

פאַרוואָס, מיין קינד, האָסטו מורא?

פאַר גאָט, מאַמע, האָב איך מורא ! . . . און פלעג זיך אומקערן צום וואַנט. מיין ליבע טייערע מאַמע פלעגט נאָך לאַנג זיצן לעבן מיר, מיך גוט באַ־

טאַפּן, איינדעקן, און מיט אַ קול אין וועלכן עס האָבן זיך געהערט טרערן, פלעגט זי צו זיך אַליין זאָגן: ווי איז מיר, דער קינד גייט איין פון טאָג צו טאָג. און אַז „דאָס קינד גייט איין פון טאָג צו טאָג", האָט זי זיך מיט איר גראָדן שכל, און מאַמעס האַרץ, דערטראַכט צו אַ רפואה שלמה פאַר איר קינד.

מיין מאַמע זוכט אַ מיטל ווי אַזוי מיך צו ראַטעווען

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, הער איך ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן: נחום, דאָס קינד גייט איין פון טאָג צו טאָג. דער טאַטע שווייגט.

זי האָט געדענקט אַז איך שלאָף, איך בין אָבער ניט געשלאָפן. איך בין נאָר געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַלע כחות זיך צוריקגעהאַלטן פון אויסשרייען, ווייל די ניט־גוטע האָבן זיך שוין גענומען דרייען אַרום מיר.

נחום, זאָגט זי ווייטער, איך זאָג אַז דו ביזט אַ גזלן פאַר דיין אייגן קינד, דו קיילעסט אים אָן אַ מעסער. דאָ האָט שוין דער טאַטע מער ניט געשוויגן. נו, נו, ענטפערט ער, ווען איך פאָלג דיך וואָלט איך אויפגעהאָדעוועט אַ גוי.

אָבער מיין מאַמע, וועלכע האָט אַלע מאָל גרויס דרך ארץ פאַרן טאַטן, און ווינשט זיך אַפּט ווען ער זיצט און לערנט, אַז זי זאָל זוכה זיין צו זיין זיין פוס־ביינקעלע אין „גן־עדן", גיט זיך דעם מאָל ניט אונטער. זי קעמפט ווי אַ לייביכע, ווייל זי האָט דערפילט אַז איר קינד איז אין געפאַר.

נחום, זאָגט זי, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד — איך בין טאַקע ניט מער ווי אַ זינדיקע אשה, אָבער גאָט איז מיט דיר, נחום, וואָס רעדסטו? וואָס הייסט איך וויל אַז דו זאָלסט אויפהאָדעווען אַ גוי? ווי איז מיר, זעצט זי פאָר, מען טאָר דאָך גאָר אַזעלכע רייד אויף די ליפּן ניט אַרויפברענגען. אין איר קול הערן זיך טרערן. . . .

איך, ליגנדיק אויף מיין געלעגער מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווין מיט מיט איר. דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסן פאַרטאָג, איידער מען איז נאָך אויפגעשטאַנען. די מאַמע, פון איר בעט, האָט גערעדט צום טאַטן, אין זיין בעט; און איך, ליגנדיק אויף מיין געלעגער, האָב זיך צוגעהערט.

איך האָב, איינהערנדיק זיך אין מיין מאַמעס געבעט, זיך צעוויינט — דעם אמת געזאָגט — ניט דערפאַר ווייל איך האָב זיך דערשראָקן אַז מיין מאַמע וועט איר עולם הבא פאַרלירן, איך ווין אויף מיין אומגליק — ווייל מען וועט מיך אין גיהנם ברענען און בראָטן פאַר מיינע שרעקלעכע מחשבות, פון וועלכע איך קאָן גאָר ניט פּטור ווערן.

איך דערהער ווידער מיין מאַמעס קול: נחום, זאָגט זי, און דאָ האָט זי שוין גענומען די הייליקע תורה אַלס איר אַדוואָקאַט, איר צו העלפן ראַטעווען

איר קינד, וועלכער געפינט זיך אין גרויס סכנה. אין דער הייליקער תורה, זאָגט זי, שטייט דאָך „כרחם אב על בנים". דו הערסט, נחום? „כרחם אב על בנים" — און דאָ, הער איך ווי זי גיסט שוין מיט טרערן — איך וועל ניט לאָזן, נחום, זאָגט זי ווייטער, דאָס קינד גייט איין פון טאָג צו טאָג, און דו ווייסט נאָר איין זאַך — מיט אים צו לערנען פון פינף פאַרטאָג ביז צען באַנאַכט — דו הערסט, נחום? איך וועל ניט לאָזן!

מיין גוטע טייערע מאַמע וויינט און איך וויין מיט איר.

איך ווייס ניט וואָס עס האָט אויפן טאַטן מער געווירקט, דער „כרחם אב על בנים", וואָס די מאַמע האָט אים דערמאָנט, אָדער דער מאַמעס טרערן, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. די מאַמע האָט אָבער די מלחמה געוואונען. דער טאַטע האָט באַשלאָסן מער מיט מיר ניט צו לערנען — ניט נאָר פרימאָרגנס און באַנאַכט — נאָר אַפילו אין חדר באַ אים אויך ניט.

איך גיי אין חדר צו „קוליע דעם אָקס"

ר' יעקב דער גמרא מלמד, אָדער ווי מען האָט אים אין שטעטל גערופן מיט זיין צונאָמען, „קוליע דער אקס", איז געווען אַ חסיד, און האָט מיט מיין טאַטן צוזאַמען געדאַוונט אין דעם רבי'נס קלויז. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין ש"ס, אָבער אידן וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אַמביציע זייערע זין פאַר רבנים צו מאַכן, האָבן קיינמאָל אים ניט געטרויעט זיי מדריך צו זיין.

דעם נאָמען „קוליע דער אקס" האָט ער געקראָגן פאַר זיין רציחה מיט וועלכער ער פלעגט זיך באַגיין מיט זיינע תלמידים. ווען אַ תלמיד האָט זיך מיט עטוואָס פאַרזינדיקט, סיי אין לערנען, און הן מיט זיין אויפירן זיך, פלעגט ער אריין אין אַ ווילדער רציחה און אָנהויבן צו וואַרפן מיט זיין קאָפּ רעכטס און לינקס; זיינע פּאות, וועלכע זיינען געווען לאַנג און געגרייזלט, פלעגן זיך וואַרפן, און קריגן אַ פאָרמע פון הערנער. זיין צונאָמען האָט אָבער, ווי איך פאַרשטיי, אויך געהאַט צוטאָן מיט דעם אופן ווי אַזוי ער פלעגט זיך צו זיין קרבן דערנעענטערן. ארומגייענדיק איבערן שטוב, ווען איינער פון די אינגלעך פלעגט זאָגן דעם שיעור, איז ווען איינער פון זיי האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, פלעגט ער זיך דערלאַנגען אַ הויב און אַ שטעל אוועק מיט ביידע פיס פאַר איין מאָל, זיך נעמען רוקן פריער אויף צוריק און דרייען מיט זיין קאָפּ פון רעכטס אויף לינקס און צוריק. זיינע פּאות פלעגן זיך נעמען שאָקלען און אָננעמען די פאָרמע פון הערנער; דאַן פלעגט ער אביסל איינבויגן זיין קאָפּ און זיך נעמען דערנעענטערן צו זיין קרבן. זיינע שפּיץ בעקעלעך פלעגן באַ אים אָנהויבן צו ברענען. אין זיין רעכטע האַנט האָט ער אַלע מאָל געהאַלטן

מיין לעבן

א רימענעם פאס פון פאדעשוועלעדער, ארום אן אינטש די ברייט. אזוי שנעל ווי ער איז צוגעקומען נאהענט צו זיין קרבן, פלעגט ער דערלאנגען מיט דעם רימען וואו ער האט נאר געטראפן. ער איז ניט געווען אויסקלייבעריש — אין האנט, אין פנים, איבערן קאפ. און דארטן וואו דער פאס האט זיך ארונטער־געלאזן, פלעגט שוין קיין גראז ניט קאנען וואקסן. פאר אט די אלע זאכן צו־זאמענגענומען, האט ער געקראגן זיין גוט פארדינטן צונאמען, „קוליע דער אקס".

ווען דער טאטע איז געקומען פון רבינס קלויז, נאכדעם ווי ער האט פון מיין מאמען אירע שטראף רייד אויסגעהערט, האט ער מיט זיך געבראכט די גוטע בשורה, אז ר' יעקב האט מסכים געווען מיך אנצונעמען אלס תלמיד אין מיטן זמן.

מיין גוטע מאמע איז ניט געווען גאר צופרידן פון דער בשורה. איך האב דאס פארשטאנען פון דעם ווי זי האט דעם טאטן איבערגעפרעגט: דו מיינסט אוואדע צו קוליע דעם אקס? צוגעבנדיק, גו א גרויס גליק האט דיך געטראפן, מיין מאן!

איך בין א פארציטערטער געווארן ווען איך האב די בשורה דערהערט, אבער קיין ווארט האב איך ניט געזאגט. ערשטנס דערפאר, ווייל ווער האט דאס געוואגט צו זאגן ניין, ווען דער טאטע זאגט יא? און צווייטנס, האב איך אין דעם זעלבן אייגנבליק ווען איך האב די גליקלעכע בשורה דערהערט, בא זיך באשלאסן, אז לאנג וועל איך בא קוליע דעם אקס ניט לערנען. . . .

איך בין אנגעקומען אין מיין נייעם חדר ארום חנוכה צייט. די ערשטע זאך וואס איך האב באמערקט, איז דער רימענער פאס בא דעם רבין אין האנט, אויף וועלכן איך האב גלייך געווארפן אן אום חן. . . . אבער וואס טוט מען? ווי אזוי קריגט מען עס ארויין אין מיינע הענט, אז ער לאזט עס אויף א מינוט פון האנט ניט ארויס? אין דעם האט אונז שוין גאט אליין ארויסגעהאלפן — עס זיינען בא אים, נעבעך, זיינע אויגן קאליע געווארן, אט ווי עס פלעגט נאר צופאלן די נאכט, זיינען זיינע אויגן פארצויגן געווארן מיט א הייטל. אזוי פלעגט ער זיך קלאגן פאר דער רביצן.

דאס ערשטע וואס מיר האבן געטאן אום אויסצוגעפינען אויב ער זעט טאקע ניט, איז געווען איבערצודרייען דעם וואנט זייגער פון 20 מינוט נאך 7 ביז 8. ווען ער האט איבערגעציילט ווען דער זייגער האט אפגעקלונגען 8, האט ער דערלאנגט א רעווע ארויס: אט ערשט האט דאך געקלונגען 7, טא ווי איז דאס שוין 8?

די רביצן איז אריינגעקומען, האט דערלאנגט א קוק אויפן זייגער, און האט באשטעטיגט אז עס איז פארט 8. ווען די רביצן האט אים אריינגעטראגן א

פּאַרפּורקע מיט ציגענע מילך און אַ שמאַטקע אין דער מילך צו טונקען און וואַשן די אויגן (זי פּלעגט זאָגן אַז ציגענע מילך איז די בעסטע רפואה פאַר שלעכטע אויגן), האָט דער רבי אוועקגעלייגט דעם פּאַס אויפן ביינקל לעבן זיך און האָט זיך גענומען היילן זיינע אויגן. אָט אין אַזאַ ליכטיקער שעה פאַר אַלע אינגלעך האָב איך אַרונטערגעשאַרט זיין פּאַס פון ביינקל אונטערן טיש. דאָס איז געווען דער סוף פון פּאַס. ער האָט אים שוין מער ניט געזעהן. ווען ער האָט גענומען טאַפּן און זוכן זיין פּאַס אויפן ביינקל, און ניט געפונען, האָט ער געדעוועט אַזוי ווי אַ געקוילעטער אָקס. אָבער עס האָט אים גאָרניט גע־האָלפן, דער פּאַס איז אין דער זעלביקער נאַכט צושניטן געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרדאַכט אַז איך האָב אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, ער האָט מיר אָבער געשאַנעוועט, כאָטש איך ווייס ניט וואָרום.

אין דעם קומענדיקן שבת האָט עטוואָס פּאַסירט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו מיין לערנען אין חדר פון „קוליע דער אָקס".

דער שטייגער איז געווען, אַז שבת נאָכן טשאָלנט פלעגט זיך דער עלטערער דור צולייגן שלאָפן, און אַז מען האָט זיך אויסגעשלאָפן און אָפּגעטרונקען טיי פונם הליאַק וואָס מען האָט געהאַלטן אויפן אויוון אַרומגעוויקלט מיט אַ וואַ־רעמער קאָלדרע, כדי עס זאָל זיך האַלטן וואַרעם ביז באַטאָג, דאַן פלעגט זיך די מאַמע נעמען צום צאינה וראינה, און מיר אינגלעך האָבן געדאַרפט, גאָר אָפּט אין מיטן שפּילן זיך, אַוועקגיין אין חדר. אָבער, ווי איז דער דין, אַז נייענדיק פון מיין הויז צום חדר דאַרף מען פאַרבייגיין אַן אויסגעצייכנטן גליטש? . . . קאָן מען זיין שטאַרק גענוג בייצושטיין דעם יצר הרע, זיך אַ פּאָר מאָל אַ גליטש טאָן? . . .

איך שווער בא מיין אידישקייט, אַז איך האָב נאָר געהאַט בדעה, טאַקע ניט מער ווי אַ פּאָר מאָל זיך געבן אַ גליטש, און דאַן גלייך לויפן אין חדר . . . אָבער, ווי גייט דאָס ווערטל? אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. דער גליטש האָט אין זיך געמוזט האָבן אַ כשוף, ניט אַנדערש — דאָס אייז איז געווען אַזוי שפּיגל־גלאַט, מיינע בלוטן אַזוי הייס, און די פיסלעך אַזוי גרינג און פלינק — עס איז פּשוט געווען אַ מחיה נפש זיך הין און צוריק צו גליטשן. מיט יעדן מאָל וואָס איך בין דורכגעלאָפן דעם גליטש, האָט זיך אין מיר אַלץ מער צושפּילט דער חשק זיך ווייטער צו גליטשן; און ניט פאַר גאָט אויסגערעדט זאָל עס זיין, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אַן חדר מיט דעם רבין צוזאַמען. איך האָב זיך אָט אַזוי געמוזט אוועקגליטשן אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

ענדליך, האָב איך זיך דערמאָנט אַן מיין חדר. איך האָב זיך מיט אַלע כחות דערלאַנגט אַ ריס אוועק פון דעם פאַרכשופטן גליטש און גענומען פליען ווי אַ פייל פון בויגן צום חדר. אין חדר בין איך ניט אַריינגעלאָפן, נאָר אַריינ־

געפאלן — און אריינגעפאלן בין איך גלייך אין די כשרה הענט פון מיין רבין. ער איז מיך באפאלן מיט אזא אכזריות, אז איך האב דערפילט אז אט קומט מיין סוף. איך גלויב, אז ער האט זיך מיט מיר דאן געוואלט אפרעכענען חוץ פאר מיין קומען שפעט אין חדר, אויך פאר דעם פארדאכט וואס ער האט גע־האט אז איך האב זיין רימען באהאלטן. ער האט מיך געפאטשט און פון מיר שטיקער פלייש געריסן. איך וואלט אים אבער אלעס פארגעבן, ווייל דער אמת איז, אז איך האב זיך געפילט שולדיק פארן קומען שפעט אין חדר, אבער אז ער האט מיך גענומען רייסן פאר אן אויער, שלעפנדיק דאס ווייכע טייל אין דער הויך מיט אזא קראפט אז איך האב דערזען רעדער פאר מיינע אויגן, אט דעם ווייטיק האב איך פשוט ניט געקאנט אויסהאלטן, און איך האב אים דער־לאנגט א שטופ אוועק פון זיך. איך האב ניט געהאט בדעה אים חס ושלום צו שעדיקן, איך האב נאר געוואלט פטור ווערן פון אים, אז איך זאל קאנען אפכאפן דעם אטעם. אבער ווי עס ווייזט אויס, זיינען מיינע יונגע געזונטע הענט געווען אביסל צו שטארק פאר זיינע אלטע שוואכע פיס — ער האט דער־לאנגט א פאל אויף צוריק, און מיט זיין קאפ אריינגעבראכן זיך אין א גלעזערנעם אלמער.

ווען איך האב דערזעהן אז ער האט מיט זיין קאפ צעבראכן א שויב, און זיין פנים איז אינגאנצן פארבלוטיקט, האב איך זיך היבשלעך דערשראקן און גלייך ארויסגעלאפן אין דרויסן. אין דרויסן האב איך ערשט דערפילט וואס איך האב דא אפגעטאן. מיין געזונטער חוש האט מיר אונטערגעזאגט אז איך מוז קומען גלייך אהיים און דערציילן דער מאמען, נאך איידער דער טאטע וועט קומען אהיים פון מעריב, און וועט זיך אין קלויז דערוויסן פון דער מעשה.

גייענדיק צוריק אהיים, האב איך זיך טאקע ווייטער א פאר מאל א גליטש געטאן, אבער עס האט שוין ניט געהאט דעם פריערדיקן טעם — דער גליטש האט שוין פאר מיר ניט געהאט דעם פריערדיקן כשוף.

מיין חוש האט מיך ניט אפגענארט. מיין פארבלוטיקטער אויער, וועלכן דער רבי האט מיר שיער ניט אפגעריסן, האט מיר היבשלעך ארויסגעהאלפן. ווען דער טאטע איז אהיים געקומען פון מעריב און ער האט מיר געוואלט בא־צאלן פארן צובלוטיקן דעם רבין, האט מיין גוטע טייערע מאמע, ארויסגעוויינט אזא אנקלאגע קענען דעם „ווילדן אקס", ווי זי האט אים אין איר אנקלאגע אנגע־רופן, אז דער טאטע האט א מאך געטאן מיטן האנט, אזוי ווי ער וואלט געזאגט: אה, פון אים וועט שוין סיי ווי קיין לייט ניט זיין, און מיט דעם האט זיך דער אינצידענט פארענדיגט.

ש. ז. אָסיפּאָוו

איך ווער מיט מזל אַ ישיבה בחור

דעם זמן האָב איך פאַרענדיגט ארומגייענדיק „פּוסט און פּאַס". דער טאַטע האָט מיט מיר ניט געוואָלט לערנען, און זוכן פאַר מיר אַ מלמד אין מיטן זמן, איז אויך קיין תכלית ניט געווען. און אַז די מאַמע פלעגט אַמאָל צום טאַטן אַ זאָג טאָן: נו, נחום, וואָס וועט פאַרט זיין מיט דעם אינגל? פלעגט ער ארויסקרעכצן אַן אָה! און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט. פון אים וועט שוין קיין לייט סיי ווי ניט זיין. אָבער סיי די מאַמע און אויך איך האָבן געוואוסט — כאָטש דער טאַטע האָט אונז גאָרניט געזאָגט וועגן דעם — אַז ער פירט פאַרהאַנדלונגען מיט „משה נאַשקעס", אַז דעם קומענ־דיקן זמן זאָל ער מיך אַריינעמען צו זיך אין דער ישיבה.

משה נאַשקעס, אָדער ווי אַנדערע פלעגן אים רופן, משה נאַשקע דעם בויערס, איז בּאַ אונז אין שטעטל געווען אַ לעגענדע בּאַ זיין לעבן. זיין טאַטע, „נאַשקע" (נתן) דער בויער, וועלכער פלעגט שטיין מיט האַק און דלאַטע און בויען הייזער, איז געווען אַ זייער פּראָסטער איד. זיין מלאכה פון בויען הייזער, איז געווען געגנוג אים צו דערנידעריקן, און באַלעבאַטישע אידן זאָלן אויף אים קוקן פון אויבן אַראָפּ; ווייל מיט דער מלאכה פון בויען הייזער, פלעגן זיך בּאַ אונז מערסטנס בּאַשעפטיקן פּויערים. דערפאַר האָבן די שטעטלשע בעלי בתים אים אָפט גערופן „נאַשקע דער פּויער" אַנשטאָט דער „בויער". ער איז אָבער געווען אַ זייער אָרענטלעכער איד — ; פלעגט דאַוונען לאַנג און מיט כונה, און איז געווען אַ גרויסער וואָרטסמאַן. אויף זיין וואָרט — האָט מען אין שטעטל געזאָגט — קאָן מען מויערן שטעלן; אָבער זיין פרנסה . . . עס איז פאַרט ניט אידישלעך, און עס איז זייער פּריקרע צו זען ווי אַ איד, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט די ציצות ביז די קני, און אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, שטייט מעשה גוי, מיט האַק און דלאַטע, און בויט הייזער. אָט בּאַ דעם נאַשקע דעם בויער, איז געוואַקסן אַ זון, משה, וועלכער האָט אין דעם גאַנצן ארום געשמ'ט אַלס עלוי.

צו 20 יאָר האָט דער זון געקראָגן סמיכה אויף רבנות, אָבער קיין רב האָט ער ניט געוואָלט ווערן. ער פלעגט זיצן און לערנען אין דעם גרויסן בית מדרש, און זיין קול תורה האָט זיך ניט נאָר איבערן גאַנצן שטעטל געטראָגן, נאָר עד לב השמים — טאַקע ביז די הימלען פלעגט עס דערגרייכן. ווען דער אַלטער ראש ישיבה איז נפטר געוואָרן, האָט דאָס שטעטל באַשלאָסן, אַז „משה נאַש־קעס" זאָל ווערן ראש ישיבה..

מיין לעבן

אין דער צייט ווען מיין טאטע איז מיט מיר געקומען צו אים, ער זאל מיך פארהערן אויב ער זאל מיר אין דער ישיבה אריינעמען, האט ער געמוזט זיין ארום 35 יאר אלט. דעם איינדרוק וואס ער האט אויף מיר געמאכט מיט זיין אויסזען, וועל איך ניט פארגעסן אזוי לאנג ווי איך וועל לעבן. הויך און שלאנק איז ער געווען; א לאנגע אטלעסענע זשופעצע, בא די לענדן מיט א געפלאכ־טענעם גארטל ארומגענומען; אויפן שפיץ קאפ א הויכע זיידענע יארמעלקע, וואס האט אים געמאכט אויסקוקן נאך העכער ווי ער איז געווען; זיין זייער שיינער פנים, קלאר ווי קרישטאל, ארומגענומען מיט א בלאנד בערדל; און א פאר אויגן, וועלכע האבן אויף מיר געקוקט פול מיט צער און ליבע צוזאמען. ווי איך זע זיין אויסערגעוויינלעך געשטאלט היינט, איז ער געווען אויסגעצייכנטער מאטעריאל פאר א יעזוס געשטאלט. ער האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון א מלאך.

איך ווייס ניט וואָרום, נאר אט אזוי ווי ער האט אויסגעקוקט, האב איך אלע מאל אין מיין קינדערשע פאנטאזיע, געזען די מלאכים וועלכע זיינען גע־קומען צו אברהם אבינו אים אנצוזאגן, אז זיין ווייב שרה וועט אים געבוירן א זון. איך האב פאר אים געלערנט א שיעור פון מסכתא שבת און ,ווי עס ווייזט אוים, שטארק אויסגענומען. איך געדענקט נאך היינט, ווי מיינע בעק־לעך האבן באם לערנען געברענט, און מיין קול'כל האט געקלונגען איבערן גאנצן בית מדרש. ווען איך האב געענדיקט, האט ער געזאגט צום טאטן: נו, ר' נחום, זאל זיין מיט מזל און גליק; אם ירצה השם, גלייך נאך פסח קאן ער קומען לערנען. (דאס האט פאסירט חול המועד פסח).

איך האב אויף מיין טאטנס פנים דערזען א פריידיקן אויסדרוק, און ארויס־קומענדיק פון בית מדרש האט מיין טאטע, וועלכער איז געווען קארג אויף שבחים און גלאט אויף ווערטער, אזוי ווי צו זיך אליין א זאג געטאן: נו, א דאנק גאט, מיין מי איז ניט געווען אומזיסט.

די ישיבה האט מיר נאר א סך גוטעס געטאן. די נייע סביבה, דער נייער גרויסער בית מדרש, דער ראש ישיבה — וועלכער האט נאך אלץ צו מיר אויס־געזען ווי א מלאך — די 15־16 יאריקע ישיבה בחורים, אנטקעגן מיינע קנאפע 13 יאר, וועלכע זיינען בא מיר פארערעכנט געווארן אלס תלמידי חכמים, כאטש א היבשע צאל פון זיי פלעגן זיך גאר אפט צו מיר צוזוקן און מיר בעטן מיט זיי דעם שיעור איבערגיין — אלעס צוזאמען, האט אויף מיר אזא רושם גע־מאכט, אז עס האבן מיר אינגאנצן אויפגעהערט אין קאפ צו קריכן נארישע געדאנקען וועגן גוי און איד. עס האבן זיך מיר אויפגעהערט צו חלום'ן די שרעקלעכע חלומות וועגן שדים און גיהנם, איך האב אנגעהויבן עסן און שלאפן נארמאל, און מיט גאטס הילף, איך בין שוין געווארן א גרויסער איד — א בר מצוה בחור.

ש. ז. אָסיפּאָוו

אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל

איידער איך פאַרצייכן דעם גרויסן מאָמענט אין מיין לעבן פון ווערן בר מצוה, בעט זיך דאָ צו פאַרצייכענען עטוואָס וואָס איך פלעג אין מיינע גאָר יונגע יאָרן, איידער איך בין בר מצוה געוואָרן, מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרטן.

אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל איז געווען אַ גאָר גרויסע געשעעניש באַ אַלע שטעטלשע אידן, אָבער באַ מיר האָט אַזאַ טאָג אַ יום־טוב׳דיקע פרייד אַרויס־גערופן. אין חדר איז מען אין אַזאַ טאָג ניט געגאַנגען, פלעג איך זיך באַלד נאָכן דאַווענען אַרויסלאָזן אויפן מאַרק; זיך אָפּשטעלן לעבן יעדע ביידל, וואו די סוחרים פלעגן אויסשטעלן זייערע פאַרשידענע שיינע זאַכן וועלכע זיי האָבן גע־בראַכט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק — פערדעלעך געמאַכט פון פאַפּיר, אָבער אַזוי שיין אויסגעאַרבעט, מיט אַ האָרענעם עק און גריווע, אויסגעפאַרבט אַזוי שיין אַז דער אָטעם פלעגט מיר פאַרכאַפּן קוקנדיק אויף זיי. פאַרשידענע קליינע וועגעלעך; פאַרשידענע פייפעלעך; הענדעלעך, וועלכע ווען מען טוט אַ בלאָז אין דעם עק, קרייען זיי; און נאָך אַזעלכע וואונדערלעכע צאַצקעס, וועלכע פאַר־כאַפּן דאָס אויג. איך פלעג זיך זאַט ניט קאָנען אָנקוקן אויף די אַלע זאַכן. וועגן קויפן עטוואָס האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין, ווייל ווער האָט דאָס גע־האַט אַזאַ פאַרמעגן ווי צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס, וואָס אַזאַ צאַצקע האָט באַטראָפן? האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם קוקן.

אין דער צייט אָבער ווען באַ מיר איז אַזאַ מאַרק־טאָג, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ גייסטיקער גענוס, איז דאָס באַ די אַלע שטעטלשע אידן געווען אַ פראַגע פון פרנסה — זייער ווייניק שטעטלשע אידן האָבן געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, ניט צו ווערן קיין סוחרים אין אַ מאַרק־טאָג. אידן מיט איינציקע גע־ציילטע קאָפּיקעס אין קעשענע פלעגן זיך דאַן אַרויסלאָזן אויפן מאַרק צו טון מסחר. ווייסנדיק אָבער אַז מען וועט וואַרטן ביז דער פויער וועט קומען אויפן מאַרק וועלן שוין זיין צופיל בעלנים אויף זיין סחורה און די קאָנקורענציע וועט זיין צו גרויס, פלעגן איינציקע אידן אויפשטיין גאַנץ פרי און אַריבער־שפּאַנען דעם האַלב־צעבראָכענעם בריקל פון טייך, אום צו פאַרכאַפּן דעם פויער וועלכער קומט אָן פון דאָרף מיט זיין סחורה, איידער ער קומט אויפן מאַרק. איז אָבער אויף יענער זייט בריקל געווען אַן אומגליק פאַר גאָר פילע סוחרים — דאָרטן איז געווען דער גרעניץ צווישן מאָהליוווער און סמאָליענסקער

גובערניעס; דאָס הייסט, אַז דאָרטן, מיט דעם אָנהויב פון סמאָליענסקער גובערניע, האָט זיך געענדיקט דער תחום המושב, די טשערטא אָסיעדלאָסטי, וואו אַ איד האָט געמעגט וואוינען, אויף יענער זייט גרעניץ בריקל האָט שוין אַ איד ניט געטאָרט וואוינען, סיידן ער האָט געהאַט „וואוינרעכט אין ראסייע", און וועלכער ליאַדיער איד האָט דאָס געהאַט אַזאַ וואוינרעכט? אפילו קיין פּשוטן פּאַספּאָרט האָט קיינער ניט געהאַט, ווייל אין שטעטל האָט עס קיינער ניט געהאַט נויטיק. פלעגט אָפּט טרעפן, אַז אַ סאַצקע, אַ סוקין סין, האָט באַשלאָסן אַז ער וויל אויך כאַפּן אַ פּאַרדינסטל פון אַ מאַרק-טאָג פלעגט ער זיך אויך אַריבערכאַפּן אויף יענער זייט בריקל און אָפּוואַרטן די סוחרים און אַזוי שנעל ווי דער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן, פלעגט ער צוקומען און מאָנען פּאַספּאָרטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט ער האָט געוואָלט אַ פּאַספּאָרט און ניט זיי האָבן עס געהאַט. די וועלכע האָבן געהאַט עטלעכע קאָפּיקעס, האָבן דעם רשע פאַרשטאָפּן די הענט דערמיט, און פּטור געוואָרן פון אים; אָבער די וועלכע האָבן ניט געהאַט, האָט ער אַוועקגעשלעפּט אין סטאַן. נאָכדעם ווי מען האָט איבערגענעכטיקט אין סטאַן, (אייניקע פלעגן דורך פּראָטעקציע באַפרייט ווערן) האָט מען זיי אַוועקגעפירט מיטן עטאַפּ; דאָס הייסט, צופוסן געשמיט אין קייטן, ביז סמאָליענסק. דאָרטן פלעגן זיי זיך אין טורמע אַמאָל אָפּוואַלגערן וואָכן און וואָכן, דאַן האָט מען זיי ווידער מיטן עטאַפּ אַוועקגעפירט אין מאָהליוו, און פון דאָרטן צוריק אין שטעטל, מיטן עטאַפּ.

אַזאַ נסיעה האָט אַמאָל גענומען חדשים, און ווען אַזאַ קרבן איז אָנגעקומען צוריק אין שטעטל, האָט מען אים ניט געקאָנט דערקאָנען — ווי אַן אָפּגעפּליקטער האָן פלעגט ער אויסקוקן — די שטיוול צעפּליקט, די פיס געשוואָלן און צעבלוטיקט, און זיין גאַנצער אויסזען . . . אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין . . . און גאַנץ אָפּט האָט זיך אַזאַ סוחר, נאָך אַזאַ נסיעה, אַוועקגעלייגט אין בעט, און פון דאָרטן שוין ניט אויפגעשטאַנען.

איך ווער אַ בר מצוה בחור

ווען איך קוק איצט צוריק צו יענער צייט ווען איך בין געוואָרן בר מצוה, זע איך אין דעם איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבונגען אין מיין גאַנצן לעבן. מיין צוגרייטן זיך צום ווערן בר מצוה, מיין ערב בר מצוה, אַזוי צו זאָגן, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין זייער ערנסטע שטימונגען. וואָכן און וואָכן איידער איך בין בר מצוה געוואָרן, איז פאַר איין מינוט אין טאָג פון מיין קאָפּ ניט אַרויס דער געדאַנק, אַז אָט אָט, און איך ווער אַ גרויסער איד . . . אָט אָט, און דער טאַטע נעמט פון זיך אַראָפּ זיין גאַנצע אחריות, און איך איינער אַליין וועל

זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו גאָט פאַר אַלע מיינע מעשים. ווי איך פלעג נאָר אינדערפרי עפענען מיינע אויגן, האָב איך מיט אַ ציטער אין האַרצן דערפילט גאָט אַרום זיך. איך פלעג זאָגן ברכות מיט גרויס כונה, איך האָב אַלע פריי־מאָרגן איבערגעקוקט מיינע ציצות צו זיין זיכער אַז זיי זיינען ניט פסול געוואָרן. געדאַוונט האָב איך לאַנג און מיט גרויס יראת הכבוד, איבערזאָגנדיק יעדע וואָרט אַ פאָר מאָל, ביז איך פלעג דערפילן דעם אמתן טעם פון פירוש המילות (דעם טייטש פון די ווערטער).

מיין טאַטע מאַמע האָבן אָנגעקוואָלן צוקוקנדיק ווי אַזוי זייער מעזיניק מאַכט זיך גרייט צו דער גרויסער געשעהעניש אין זיין לעבן. און אָט איז שוין אָנגעקומען דער גרויסער טאָג — איך בין אין רבינס קלויז — מען רופט מיך אויף. איך נעם גיין צו דער בימה, נאָר מיינע פיס וואַקלען זיך אַזוי ווי בא אַ שיכור, איך זע אַרום זיך אַ געדיכטע מאַסע און פון דער מאַסע זע איך נאָר אַרויס בערד מיט אויגן, וועלכע קוקן אויף מיר און דרינגען אריין טיף אין מיין נשמה. איך וואַקל זיך, און גיי צו צום בימה — איך בין לעבן דער תורה, אָבער ניט אין רבינס קלויז אויף דער בימה בין איך — לעבן באַרג סיני בין איך נאָר . . . און גאָט גיט צו די אידן די תורה בקולות וברקים. . . . די בערד מיט די אויגן דערווייטערן זיך פון מיר — ווייט, ווייט אַוועק — איך שטיי לעבן באַרג סיני . . . און דערהער גאָטס קול — אנכי ה׳ . . . אימיצער גיט מיר אַ טורקע אין זייט: "מאַך די ברכה", דערהער איך עמיצן צו מיר זאָגן.

פאַר אַ לאַנגע צייט האָט מען אין שטעטל גערעדט פון דעם חידוש, ווי אַזוי אידן זיינען געשטאַנען פאַרגאַפט ווען איך האָב געמאַכט די ברכה און אויסגעזונגען די הפטרה.

וואָס עס האָט מיט מיר דאַן פּאַסירט, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ווען דער טאַטע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם „ברוך שפטרני", האָב איך אויף זיך דערפילט אַזאַ משא אַזוי ווי ער וואָלט אויף מיינע פּלייצעס דעם באַרג סיני אַרויפגעלייגט . . . האָב איך געוויס אין די ברכות און אויך אין די הפטרה מיין גאַנץ צעבראָכענעם געמיט און צערודערטע נשמה אַריינגעטאָן.

איך ווער מיט מזל אַ בעל פּרנסה

אַרום אַ וואָך נאָך מיין ווערן בר מצוה, איז אין אַ געוויסן אָוונט צו אונז אין הויז אַריינגעקומען אַ דעלעגאַציע פון בנימן חיים׳ס בית מדרש. דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל נאָך וועטשערע, איז געזעסן באַ אַ ספר. די מאַמע איז געזעסן דערבײַ און האָט געשטריקט אַ זאָק, און איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע אוראָקן. מיין לערער, דער „קורע־ניצער" — מען האָט אים גערופן נאָך זיין שטעטל, „קורעניץ" — איז געווען אַ גאָר שטאַרקער אָנהייגער פון דיקדוק און גראַמאַטיקע. איז דיקדוק ווי דיקדוק, איך פלעג מיט מער חשק לערנען אַ בלאַט גמרא, סיי צוליב דעם איינ־האַלט, און ספּעציעל צולים דעם האַרציקן ניגון מיט וועלכן מען האָט עס געזאָנט אַרויסזינגען. ברעכן די ציין אויף דיקדוק, איז באַ מיר ניט געווען פון די גאָר ווינשנסווערטע זאַכן; אָבער, פלעג איך צו זיך זאָגן: עס איז פאָרט אַ אידישע זאַך. אָבער די רוסישע גראַמאַטיקע איז געווען אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. צום ביישפּיל, יאַ טשיטאַיו, טי טשיטאַיעש, מי טשעטאַיעם, אַני טשיטאַיוט . . . אויף וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש פלעג איך טראַכטן, דאַרף מען האָבן אַט די גויאישע חכמות?

איך געדענק, אַז ווען איך פלעג זוברעווען די רוסישע גראַמאַטיקע, האָב איך עס אין מיינע געדאַנקען איבערזעצט אויף פאָלגענדיקן אופן: יאַ טשיטאַיו, לא מאוקצך; טי טשיטאַיעש, ולא מדוקצך; און אַזוי ווייטער . . . אָבער מיין מאַמע, וועלכע איז אויף איר אַלטמאָדישן אופן געווען אַ מאָדערנע פרוי, האָט ניט אַנדערש געוואָלט, אַז איך זאָל חוץ אידישע למודים אויך לערנען רוסיש. „עס וועט אים שפּעטער צוניץ קומען", פלעגט זי איינטענהן מיט דעם טאַטן. אויף וואָס ער פלעגט קורץ און שאַרף ענטפערן: „אה, שטות׳עררייען!" אָבער מיין ליבע טייערע מאַמע האָט אין אַזעלכע פראַגן אַלע מאָל געהאַט דאָס לעצטע וואָרט.

זיינען מיר אַזוי געזעסן אין הויז, יעדערער פאַרטאָן אין זיין זאַך, ווען די דעלעגאַציע פון בנימן חיים׳ס בית מדרש האָט זיך אין הויז אַריינגעלאָזן.

דער טאַטע האָט גלייך אָוועקגעלייגט זיין רויטע פאַטשיילקע אויפן ספר, די מאַמע האָט אויפגעהערט מיט די שפּיזלען צו באַוועגן, און באַ מיר האָט זיך אַ האַרבער וואָרט פון בלאַשטיינ׳ס גראַמאַטיקע אין האַלז אָוועקגעשטעלט, און בין געבליבן זיצן מיט אַן אָפענעם מויל. נאָך דער געוויינטלעכער באַגריסונג,

האָט דער טאַטע די געסט מיט אַ שמעק טאַבאַקע מכבד געווען — מען האָט זיך אָנגעשמעקט און גוט אויסגענאָסן, און אַז נאָכן אויסניסן זיך איז אַלעמען „ליכטיק געוואָרן אין די אויגן", האָט מען גענומען רעדן תכלית:

היות ווי דער אינגל, (דאָס מיינט מען מיך) האָט אַזוי אויסגענומען באַ זיין אויפרופן, און היות ווי זיין קול תורה קלינגט אין דעם גרויסן בית מדרש אַז גאָט און לייט האָבן גרויס הנאה, איז וואָרום זאָל מען וואַרטן ביז „פּרעמדע" וועלן אים אויסכאַפּן? אַלעמאַי בנימן חיים׳ס בית מדרש, וועלכער איז נאָר אַ שפּאַן פון אייער הויז, ר׳ נחום, און היות ווי אַלע אייערע זין, ווען זיי קומען צו גאַסט, דאַוונען טאַקע באַ אונז, איז ווילן מיר אייך בעטן, ר׳ נחום, אַז ער זאָל באַ אונז ווערן אַ בעל קורא, און בזכות זה, און אַזוי ווייטער . . . און אַזוי ווייטער . . .

איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו דעם געשפּרעך. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויפן טאַטן, אָבער איך האָב ניט געקאָנט באַנעמען אויב ער איז מסכים אָדער ניט.

די מאַמע איז, ווי איך האָב געזען, שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון דעם ענין. אַ סימן האָב איך געהאַט, אַז זי האָט אַרויסגעשלעפּט דעם פינפטן שפּיזל מיט וועלכן מען כאַפּט אונטער די איינגלעך באַם שטריקן, עס אַרונטערגערוקט אונטערן הויב, און מיט דעם גענומען אָנקראַצן דעם קאָפּ. . . .

אייניקע מינוטן זיינען אַוועק אין שווייגן, ביז דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צו רעדן, מיט האַלבע ניט דערזאָגענע זאַצן:

כ׳מיין, וואָס עפּעס? . . . אַ יונגער שנעק . . . בעל קורא . . . משיג גבול זיין ר׳ איטשען. . . .

דאָ האָבן שוין אַלע דריי פון דער דעלעגאַציע אָנגעהויבן צו רעדן פאַר איין מאָל — איינער האָט געוואָלט פאַרלויפן דעם צווייטן דעם וועג, און זיך געריסן צו דערקלערן צום טאַטן דעם הארבן ענין.

דער תמצית פון זייער דערקלערונג איז געווען אַזוי צו זאָגן: וואָס הייסט, ר׳ נחום, משיג גבול זיין ר׳ איטשען? חס ושלום! גאָט איז מיט אייך! ער איז דאָך אָבער שוין אַ איד אַ זקן . . . און לעצטנס האָט ער, ניט פאַר אייך גערעדט, געקראָגן עפּעס אַזאַ מאָדנעם הוסט . . . אין מיטן קריאה קאָן ער זיך אָפּט פאַרהוסטן און די תורה בלייבט ליגן. עס איז אַ חילול השם, ר׳ נחום! וואָס הייסט גאָר, משיג גבול זיין? . . . נאָר פונדעסטוועגן, אום אים ניט מביש צו זיין, ווילן זיי אַז איך זאָל לייענען נאָר דריי שבתים, דעם פערטן שבת וועט לייענען ר׳ איטשע. און אין דעם שבת ווען ר׳ איטשע וועט לייענען, וועל איך קריגן מפטיר. דאָס וועט זיין מיין געהאַלט. . . .

מען האָט נאָך לאַנג געשמועסט וועגן דעם ענין, און צו לעצט, האָט זיי

דער טאַטע ווידער מיט אַ שמעק טאַבאַקע מכבד געווען, און ער האָט זיי צוגע־זאָגט, אַז איה"ש מאָרגן, בלי נדר, וועט ער זיך זען מיט דעם רבין, און דאַן וועט ער זיי לאָזן וויסן.

דער אמת איז, אַז ניט איך און ניט די מאַמע זיינען געווען צופרידן מיט דעם ענטפער וואָס ער האָט זיי געגעבן, אָבער ווער קאָן דאָס האָבן די חוצפה צו זאָגן עפּעס קעגן „זען זיך מיט דעם רבין"? דאָס איז געווען דער איינציקער לאָגישער אויסוועג אין אַלע שווערע פּראָבלעמען.

אויף מאָרגן, דער טאַטע קומט פון קלויז און שווייגט. מיין האַרץ קלאַפּט מיר ווי בא אַ גזלן. איך וויל זייער וויסן וואָס דער רבי האָט געזאָגט צום טאַטן, ווייל איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט אָננעמען די שטעלע. די מאַמע שטייט אין קיך און גרייט צו דאָס צובייסן. איר פּנים ברענט ווי פייער, און איך פיל אַז איר האַרץ קלאַפּט אַזוי שנעל ווי מיינע. זי נעמט גרייטן צום טיש — פאַרשפּרייט אַ טישטוך אויף אַ האַלבן טיש. דער טאַטע וואַשט זיך צום עסן — גייט צו צום האַנדטוך, ווישט די הענט, און מאַכט אַ ברכה אין דער הויך, אויפן קול.

— ווי איז מיר, וואָרום נעמט אים היינט אַלעם אַזוי לאַנג? די ברכה אַליין נעמט אים אַן אייביקייט!

ער גייט צו צום טיש, שנייט אָפּ אַ המוצה, און נעמט זוכן — די מאַמע האָט, אין איר אויפרעגונג, פאַרגעסן צו שטעלן זאַלץ אויפן טיש.

— נו, נו, זאָגט דער טאַטע, מלח.

די מאַמע טוט זיך אַ כאַפּ אַזוי ווי זי וואָלט דאָ אַ געוואַלדיקן פאַרברעכן באַגאַנגען — אַז מיין קאָפּ, זאָגט זי, איז מיר היינט, שונאי ציון, שדים וויסן וואו — און דערלאַנגט די זאַלץ צום טיש.

דער טאַטע שנייט אָפּ אַ כזית, טונקט עס איין אין זאַלץ, מאַכט אַ ברכה, און קייט זייער לאַנגזאַם — דער טאַטע קייט אַלע מאָל זיין עסן לאַנגזאַם, נאָר היינט נעמט אים אַלעם אַן אייביקייט. . . .

די מאַמע קומט צו מיט אַ טעלער געקעכטס, עס שלאָגט פון דעם אַ פּאַרע, ס'איז אַ מחיה, נאָר עס גייט מיר קיין זאַך ניט איין. . . .

נו, איז וואָס זאָגסטו? דערהער איך דעם טאַטנס קול.

איך ווייס ניט צו וועמען ער רעדט, צו דער מאַמען אָדער צו מיר, אָבער אַז עס האָט צו טאָן מיט נעכטיקן שמועס, אין דעם בין איך זיכער.

— מילא, זאָגט ער, זאָל זיין מיט גליק.

אַז די מאַמע האָט דערהערט זיין ווינטשונג, צעפלאַמט זיך איר פּנים נאָך מער — דער רבי האָט געהייסן, נחום? טוט זי אַ זינג אַרויס.

ש. ז. אַסיפּאָוו

א אשה, ווען דער רבי זאָגט ניין, ווינטש איך ניט צו . . .

אַט אזוי בין איך געוואָרן א בעל פּרנסה, און מיין מאַמען גאָר א סך נחת פאַרשאַפט, סיי מיט מיין לייענען די תורה, ווי אויך מיט מיין אויסזינגען דעם מפטיר.

מיין טאַטע דער פּאדריאַטשיק

פון מלמדות אַליין איז געווען שווער צו ציען חיונה. דאָס הייסט, צוריק גערעדט, עס וואָלט יאָ געווען גענוג אויף חיונה, ווייל געהאַט האָט ער שטענדיק צען אינגלעך אין זיין חדר, און די באַשטימטע פּרייז פאַר א זמן (זעקס חדשים) פון יעדן אינגל, איז געווען צען רובל. הונדערט רובל א זמן, איז עד בלי די פאַר א פאַמיליע אויסצוקומען. ווער רעדט, אז די שטוב איז געווען אַן אייגענע, און ניט נאָר האָט מען ניט געדאַרפט צאָלן קיין דירה געלט פאַר א וואוינונג און פאַר דעם טאַטנס חדר, נאָר מען האָט נאָך אַרויסגעקראָגן עטלעכע רובל א יאָר פון א שכן, וועמען מען פלעגט פאַרדינגען א צימער. צו דעם, ווען עטלעכע קינדער זיינען געווען אין הויז, איז בא אונז שטענדיק געווען א בהמה; און שפּעטער, ווען איך, דער מיזיניק, בין פאַרבליבן דער איינציקער קינד אין הויז, פלעגן מיר האָבן א ציג; איז אַלע מאָל געווען מילכיגס לרוב.

וואָלט טאַקע אַלעס געווען גוט און וואויל. איז ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען מען וואָלט באַצאָלט דעם שכר לימוד. אָבער, ווער האָט עס גע־האַט צען רובל צו באַצאָלן דעם מלמד? ספּעציעל אַזעלכע אידן וועלכע האָבן געהאַט צוויי אָדער דריי אינגלעך אין דעם עלטער פון חדר גיין, האָט דאָך דאָס אויסגעמאַכט א 20 אָדער 30 רובל א זמן שכר לימוד, דאַרף מען דאָך טאַקע זיין א רויטשעלד אַזעלכעס צו דערוויזן; איז וויפיל רויטשעלדס מיינט איר זיינען דאָס געווען בא אונז אין ליאדי? אז עס האָבן זיך געפונען צוויי אָדער דריי אַזעלכע בעלי בתים וואָס האָבן באַצאָלט דעם גאַנצן שכר לימוד, האָט מען זיך געפילט גאָר גליקלעך. די איבעריקע פלעגן דורך דעם זמן איינצאָלן א פאָר רובל, און מיט דעם האָט זיך עס גענענדיקט. מיין טאַטע,עליו השלום, האָט קיינמאָל קיין שכר לימוד ניט געמאָנט. און אז די מאַמע, א ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן, פלעגט אים אַמאָל זאָגן — זע, נחום, דער, און דער, און דער, קומען דיר אַזוי פיל געלט, עס קומט אָן א יום־טוב, מען דאַרף א בגד פאַר זיך, און פאַרן קינד; דעם דאָך פון שטוב וואָלט מען אויך געדאַרפט צולאַטען, ווייל עס הויבט אָן צו רינען אין הויז; אפשר וואָלסטו זיי דערמאָנט וועגן שכר לימוד? האָט דער טאַטע איז געענטפערט, ניט אָן ביטול: שכר לימוד מאָנט מען ניט, אז זיי שיקן ניט קיין געלט, האָבן זיי ניט!

מיין לעבן

דאַן פלעגט שוין די מאַמע ווערן גוט אין כעס, און צולויפנדיק נאָענט צום לאַנגן טיש אַרום וועלכן די אינגלעך זיינען געזעסן און געלערנט, און טייטלענדיק מיט אַ פינגער צו יעדן פון די וועלכע האָבן געקומט אַ סך געלט, אויסרופנדיק מיט כעס — דו, און דו, און דו, איר אַלע זאָלט מאָרגן ניט קומען אין חדר, אויב איר וועט ניט ברענגען קיין שכר לימוד!

דער טאַטע פלעגט אַ קוועטש טאָן מיט די פּלייצעס, אויסרופנדיק: אַה! דו ביזט שונאי ציון חסר דעה, צי וואָס? איך וועל דאָך איבער דיר בלייבן אָן אַ קנעלונג! . . .

אין די מערסטע פאַלן, זיינען די אינגלעך אויף מאָרגן געקומען אין חדר אָן געלט; ווייל אַלע בעלי בתים האָבן געדאַוונט מיט מיין טאַטן אין דעם רבי'נס קלויז, און אַז זיי זיינען צו אים צוגעקומען נאָך מעריב זיך אויסטענהן, פלעגט ער זיי זאָגן: אַה, מאַלע וואָס אַ אשה רעדט . . . און באַ דעם איז דאָס געבליבן.

איין מאָל, געדענק איך, האָט די מאַמע נאָך אַזאַ איבעררייד מיט דעם טאַטן, אַ כאַפּ געטאָן די פאַטשיילע, זאָגנדיק: איך וועל אַליין גיין צו זיי מאָנען שכר לימוד אויב דו ווילסט ניט מאָנען! דער טאַטע האָט אויף איר אַ קוק געטאָן אַזוי, ווי איינער וואָלט געזאָגט: וויי איז מיר, דו ביזט חס ושלום פון זינען אַראָפּ?! געדענק, האָט ער אויסגערופן, דו וועסט פאַרלירן דיין עולם הבא! . . .

די מאַמע איז דאַן געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט, האָט אַ וואָרף געטאָן די פאַטשיילע פון זיך, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ טמא זאַך, און האָט זיך שטאַרק צעוויינט, אַרויסקרעכצנדיק: ניט גענוג אַז איך האָב ניט די וועלט, דאַרף איך נאָך שונאי ציון אויך יענע וועלט פאַרלירן? . . .

אַזעלכע סצענעס זיינען באַ אונז אין שטוב זייער זעלטן פאָרגעקומען; ווייל מיין מאַמע, רישע ראַניע, איז געווען אַ אשה צנועה, און ווען דער טאַטע פלעגט נאָך וועטשערע זיך אַוועקזעצן לערנען אויפן קול, האָט זי אין די מערסטע פאַלן זיך אַוועקגעזעצט ניט ווייט פון אים מיט אַ זאָק און שפּיזלען אין האַנט, זיך איינהערן צו דעם וואָס ער האָט געלערנט, און גאָר אָפּט אויס־רופן: „גאָט, איך זאָל כאָטש זוכה זיין, זיין פוס־בייַנקעלע צו זיין אין גן עדן."

מיט גן עדן אויף יענער וועלט, זיינען זיי ביידע כמעט געווען זיכער, אָבער צו ציען חיונה פון מלמדות אויף דער וועלט, איז געווען שווערלעך. האָבן זיי געהאַט אַ זייטיקע פרנסה — גלייך נאָך פּורים פלעגט אונזער שטוב פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיהנם. גערופן האָט מען דאָס פאַדריאַד, וואו מ'פלעגט באַקן מצה אויף פסח פאַר שטעטלשע בעלי בתים. גלייך נאָך שושן פּורים

האָט מען אַרויסגעשלעפּט די לאַנגע ברעטער פון טשולאַן, מען פלעגט זיי וואַשן און כשרן, נאָכדעם האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויף די קאָזלעס אין זאַל. דאָס איז געווען פאַר די מיידלעך וועלכע פלעגן וואַלגערן די מצה. פּופּצן אַזעלכע מיידלעך פלעגט מען אָנשטעלן. אַ מיידל האָט געקראָגן פון 15 ביז 20 קאָפּיקעס אַ טאָג. מיין מאַמע האָט שוין געוואוסט ווער פון זיי איז ווערט 20 קאָפּיקעס און ווער ווייניקער. דאַן האָט מען געדאַרפט אָנשטעלן צוויי מורה קנעטערנס, אַ מעל שיטער און אַ וואַסער גיסער. דער וואָס האָט געגאָסן וואַסער אויף די מעל, האָט זיך ניט געטאָרט אָנרירן צו די מעל, און פאַרקערט. טאָמער יאָ, איז די מורה חמצדיק געוואָרן. מען האָט אויך געדאַרפט אַ האַלבן רעדלער און אַ האַלבן זעצער. ווען די וועלגערקעס זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אַ מצה, האָבן זיי עס געבראַכט צום רעדלער, עס אָוועקגעלייגט אויף אַ גרויסן בלעך, און ווען דער רעדלער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם רעדלען, איז געקומען דער זעצער מיט אַ לאַנגן פּלאַקן, אויף וועלכן דער רעדלער האָט די מצה אַרויפגעוואָרפן, און דאַן איז די מצה אַריין אין אויוון.

דער טומל אין שטוב איז געווען ניט אויסצוהאַלטן. פּופּצן וועלגערקעס מיט די קאַטשלקעס האָבן געמאַכט אַזאַ געפּילדער אַז מען האָט דעם טומל געקאָנט הערן אויף דער צענטער גאַס. אָבער דער רעדלער האָט זיי אַלעמען אַריבערגעשריען מיט זיין אייזערנע רעדל אויפן בלעך. אָבער נישט קשה, מען איז צו דעם נאָך אַ פּאָר טעג צוגעוויינט געוואָרן. איך פלעג דעם רעדלער אַרויסהעלפן האַלבע טעג, דערפאַר האָט מען געדאַרפט דינגען נאָר אַ האַלבן רעדלער.

מיין טאַטע איז געווען פאַרעכנט אין שטעטל אַלס דער בעסטער זעצער. עס האָט בא אים קיינמאָל ניט פּאַסירט אַז אַ מצה זאָל זיך בא אים צוקלעפּן צום פּלאַקן, אָדער אַז ער זאָל אַ מצה פאַרברענען. אָבער אַזוי ווי ער האָט פון פּורים ביז אַ וואָך פאַר פּסח נאָך געלערנט מיט זיינע תּלמידים האַלבע טעג (דעם חדר האָט מען פאַר די דריי וואָכן איבערגעפירט אין בנימן חיים'ס בית מדרש), האָט מען געמוזט דינגען אַ האַלבן זעצער; דאָס הייסט, אַ זעצער פאַר אַ האַלבן טאָג. מען האָט אויך געדאַרפט דינגען אַ טרעגער, אָוועקצוטראָגן די מצות צום בעל הבית אַהיים.

די שטוב איז אין די דריי און אַ האַלב וואָכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנם — אַ זייגער אַכט אין דער פרי פלעגט מען אָנהויבן באַקן מצה, און ענדיקן ניט פריער ווי צען בײַנאַכט. אַמאָל, אַז מען האָט געדאַרפט פאַרענדיקן אַ פּאָר מורהס, האָט מען דאָס ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ווייל עס וואָלט געוואָרן חמצ'דיק, איז מען געשטאַנען נאָך שפּעטער. קיינער האָט אין אַזאַ פאַל, קיינ-

מאָל ניט פּראָטעסטירט, ווייל די באַלעבאָסטע וועמענס מצה מען האָט דאָן גע־באַקן, האָט געקאָנט ווערן ברוגז, און ניט אָפּשטעלן קיינעם קיין „נאַ טשאַי" (טיפּ). דאָס וואָלט געווען אַ גוואַלדיקע שטראָף פאַר אַלעמען, ווייל זיי אַלע, די וועלגערקעס, די קנעטער, און די אַנדערע, האָבן שוין געוואוסט פון פריער־דיקע יאָרן וויפיל יעדע באַלעבאָסטע שטעלט אָפּ „נאַ טשאַי"; און חס ושלום, ווען מען רוגזט איר אָן, און זי שטעלט עס ניט אָפּ, וואָלט זיי אַזוי פיל געפעלט צו דעם וואָס זיי האָבן גערעכנט צו קויפן אויף יום־טוב. פלעגן זיי שטיין מיט געשוואָלענע הענט און פיס, און נאָך צושמייכלען . . . די באַלעבאָסטע וועמענס מצה מען האָט דאָן געבאַקן, פלעגט נאָך אַרומגיין און קאָמאַנדעווען, זאָגנדיק אַלע ווייילע צו די מיידלעך: וועלגערט דינער, מיידלעך, וועט איר קריגן „נאַ טשאַי"! די פענצטער האָט מען דורך דער גאַנצער צייט קיינמאָל ניט געעפנט, ווייל די צווייענדיקע פענצטער, וועלכע מען פלעגט פאַרן ווינטער אַריינשטעלן, האָט מען נאָך דאָן ניט געהאַט אַרויסגענומען. אין שטוב האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געפונען אַרום 25 מענטשן, פאַרשטייט זיך אַז די לופט אין הויז איז ניט געווען אַזוי פאַרפיומירט. אַז דער טאַטע פלעגט נאָכן גרויסן טומל אויס־חשבנען זיינע פאַרדינסטן, פלעגט ער זאָגן: נו, אַ דאַנק גאָט, עס וועט זיין אַרום צען קערבלעך אויף פּסח. . . .

אַ טאָג פאַר פּסח, ווען די שטוב איז שוין געווען אויפגעראַמט און אויס־געכשרט, פלעגט מען ווידער אַריינטראָגן די ברעטער מיט דעם בלעך אין הויז אַריין, און מען האָט געבאַקן מצה שמורה פאַר די מהדרין מן המהדרין. נאָר דאָס איז שוין געווען ניט קיין אַרבעט, נאָר אַ גרויסער יום־טוב. אַ נאַכט פריער זיינען געקומען עטלעכע חסידים, און מיט דעם טאַטן צוזאַמען פלעגן זיי אַוועקגיין צום טייך מיט נייע עמערס, ברענגען וואַסער פאַר מצה שמורה. קומענדיק האָבן זיי די וואַסער אַריינגעגאָסן אין אַ נייעם צעבער און עס איבער־געדעקט; דאַן פלעגט מען אָנגיסן קיילישעקלעך בראַנפן, די מאַמע האָט דער־לאַנגט אַ פּאָר אָפּגעקאָכטע בולבעס צום פאַרבייסן, און ווינטשנדיק זיך אַ כשרן פּסח, האָט מען געטרונקען לחיים. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם ביסל בראַנפן, פלעגט מען פאַרציען דעם רבינס ניגון, פאַרלייגן הענט אויף די פּלייצעס און זיך אַוועקלאָזן אין אַ טענצל אַז די פענצטער פון שטוב פלעגן זיך שאָקלען. אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט מען די ערשטע שמורה געבאַקן פאַר דעם רבין, ר' דובער.

„ער"" אַליין פלעגט קומען גלייך אין דער פרי; „ער" אַליין פלעגט פאַר־קנעטן די ערשטע מורה, און אַלע חסידים פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום אים און זיך צוהערן צו זיינע דברי תורה. אַלעמענס פּנים'ער האָבן געשטראַלט פון גרויס פרייד, און די אויגן האָבן געברענט מיט יענעם פייער, וועלכן מען זעט

נאָר בײַ מענטשן װען זיי זיינען אין אַ נשמה יתירה צושטאַנד. דער גאַנצער טאָג איז אַװעק אין נגינה און תורה זאָגן.

װען איך גיי איצט דורך אין מיינע געדאַנקען יענעם טאָג פון באַקן מצה שמורה בײַ אונז אין שטוב, װער איך װידער אָנגעשטעקט מיט יענע יום־טוב־דיקע פרייד, װעלכע איך האָב איבערגעלעבט אין מיינע פריע יאָרן אין שטוב פון מיין טאַטן ר׳ נחום לאַנעס, אין שטעטעלע ליאַדי, מאָהליװער גובערניע.

אַ מהומה אין שטעטל

האָט איר אַמאָל געזען װי אין אַ זומערדיקן טאָג, װען דער הימל איז קלאָר און לויטער, און קיינער האָט ניט דעם קלענסטן פאַרדאַכט אַז עס קאָן װערן אַ שטורם מיט אַ רעגן, און מיט אַמאָל װערט דער הימל פאַרצויגן מיט שװערע װאָלקנס, עס הויבט אָן צו דונערן און בליצן, און עס קומט אַרונטער אַזאַ מבול אַז עס קוקט אויס װי דער סוף פון דער װעלט װאָלט געקומען? אָט אַזוי האָט אין אַ געװיסן שבת נאָך שבועות, אין די 90־קער יאָרן פון לעצטן יאָר־הונדערט, אויסגעקוקט בײַ אונז אין שטעטל.

אַלעס איז געװען שטיל און רואיק, יעדער איינער איז זיך געזעסן בײַ די שבתדיקע טישן, הנאה געהאַט פון דעם שבתדיקן טשאָלנט און צוגעזונגען זמירות, אָט פונקט װי אַלע שבת . . . מיט אַמאָל איז אין שטעטל געװאָרן אַ געװאַלדיקער טומל. מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן פרעגנדיק איינע די אַנדערע: ס׳ט געהערט? אי װיי, מיט אַ גוי! סטערקע (אסתר׳קע) דעם רבינס, מיט אַ גוי — אום שבת — װיי צו דעם רבין! ! ! !

אַקוראַט װאָס האָט געטראָפן, האָט נאָך קיינער ניט געװאוסט, אָבער יעדער איינער האָט געהאַט צו דערציילן אַן אַנדער מעשה, אויף אַן אַנדער נוסח. . . . איך בין זיכער, אַז יענעם שבת נאָך דעם טשאָלנט, האָט זיך שוין קיינער ניט צוגעלייגט פאַר אַ דרעמל, ביז מען האָט ניט אויסגעפונען אַקוראַט װאָס האָט פּאַסירט. און געטראָפן האָט אין קלייניגקייט . . .

נאָר איידער איך װעל דערציילן, אַזוי װי איך געדענק, װאָס עס האָט דאַן פּאַסירט, איז נויטיק פריער איבערצוגעבן װי אַזוי דער רבי ר׳ דובער שניאורסאָן זצ״ל, מיט זיין משפּחה, האָבן געלעבט. דער אַריינגאַנג צום רבי׳נס „הויף״ איז געװען דורך אַ װעג אַרום הונדערט פוס לאַנג. פון איין זייט װעג איז געװען אַ סאַד מיט נייע פרוכטביימער, װעלכע זיינען פאַרפלאַנצט געװאָרן אין מיין צייט. פון דעם צװייטן זייט װעג איז געװען אַ גאָרטן פון פאַרשידענע גרינסן. פאַרשטייט זיך, אַז סיי דער סאַד, װי אויך דער גאָרטן, זיינען געװען פאַרצאַמט מיט אַ הויכן פּלאַנקען. דער װעג האָט געפירט צו אַ טויער, װעלכער איז אַלע

מאָל געווען פאַרשלאָסן. אַריינגייענדיק אין דעם צווייטן הויף דורך אַ שמאָלן טירל, איז צו דער רעכטער האַנט געווען אַ פּאַלאַץ אין וועלכן דעם רבי'נס זון, ברוך, מיט זיין זייער שיינער פרוי און דריי קינדער — צוויי אינגלעך און אַ מיידל — האָבן געוואוינט. צו דער לינקער האַנט, איז געווען אַן אַלטער איינ־געפונדעוועטער סאַד, מיט פאַרשידענע פרוכט בוימער און בלומען.

נאָך דעם פּאַלאַץ אין וועלכן זיין זון ברוך האָט געוואוינט, איז געווען דעם רבי'נס קלויז — אַ זייער הויכע גרויסע געביידע, אין וועלכע עס האָט זיך חוץ דעם פאָדערשטן אַריינגאַנג אויך געפונען אַ טיר אין צפון־מזרח זייט, דורך וועלכער דער רבי פלעגט אַריינקומען פון זיין וואוינונג (וואָס איז אויך געווען אַן אמת'ער פּאַלאַץ) אין קלויז אַריין. אין דרום־מזרח זייט פון קלויז איז אויך געווען אַ טיר, וועלכע האָט געפירט צו די ווייבערשע שול, און פון דאָרטן איז געווען אַן אַריינגאַנג צום קיך.

אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז די רביצן האָט געלאָזן אויסהאַקן אַ טיר פון די ווייבערשע שול צום קיך, ווייל זי האָט געוואָלט קאָנען האַלטן אַן אויג אויף די דינסטן אין קיך צו יעדער צייט. פלעגט זי זיך טאַקע גאַנץ אָפט אין מיטן דאַווענען אַרויסכאַפּן פון די ווייבערשע שול אין קיך אַריין, אום אַ קוק צו טאָן וואָס די דינסטן טוען. . . .

די קלויז, די קיך און ר' ברוך'ס פּאַלאַץ האָבן פאַרמירט אַ „ח". שמחת תורה צו הקפות, ווען די קלויז איז געוואָרן איבערגעפּאַקט, פלעגן מענטשן שטיין אין אָט דעם „ח" הויף, און דורך די אָפענע פענצטער פון קלויז כאַפּן אַ קוק אַריין, צו זען ווי דער רבי מיט זיינע חסידים טאַנצן הקפות. נאָך דער קיך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער קרייז מיט אונטער דעכלעך. עס איז געווען פאַרבויט צום דרויסן, מיט אַ דעכל פון אויבן, צום הויף איז עס געווען אָפן. דאָרטן זיינען געלעגן צענדליקע קלאַפּטער צעשפּאַלטן האָלץ, ווי אויך דעם רבי'נס צוויי אָדער דריי גרינגע וועגעלעך, אין וועלכע זיין גוי פלעגט אים אַלע טאָג אַרויספירן פאַר אַ שפּאַציר ביז בערע חנן'ס וועלדל און דאַן צוריק. דאָרטן האָבן זיך אויך געפונען אייניקע שווערע וועגענער, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַר די פאַרשידענע אַרבעטן אין הויף. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן אַ רייע שטאַלן פאַר די פערד און בהמות. ווען די „זאַליקע" בהמות („זאַליקע", ווייל דעם גאַנצן רבי'נס הויף האָט מען גערופן אין שטעטל „דער זאַל"), פלעגן אָנהויבן גיין צום הויף פון פּאַשע, איז דאָס געווען אַ גאַנצע סטאַדע פון אַרום 15 אין צאָל. דאַן איז געקומען אַ גרויסע צווייענדיקע שטוב פאַר די דינער־שאַפט — איין שטוב פאַר די מענער און די צווייטע פאַר די ווייבערשע דינער־קעכנס, און אַזוי ווייטער.

דאָס אַלעס איז געווען אונטער דער השגחה פון יהודה דעם משרת — אַ

הויכער שטאַרקער איד, אין די מיטעלע יאָרן, ווען מען וויב האָט זיך געפּוּנען אין א דערבייאיג שטעטל, און פאַר יאָרן און יאָרן איז ער ניט געפאָרן א היים. מען פלעגט בא אונז אין שטעטל דערציילן פון אים ניט גאָר שיינע זאַכן, אָבער דאָס וואָלט שוין פון מיר געווען לשון הרע, וויל איך דאָס ניט איבערדערציילן.

הארט לעבן דעם אַלטן סאָד איז געווען נאָך אַ פּאַלאַץ, אין וועלכן דעם רבי'נס עלטערער זון, ר' שכנה, האָט געוואוינט. אין דער צייט ווען דעם רבי'נס אינגערער זון, ר' ברוך, האָט זיך פאַרנומען מיט וואַלד מסחר, און האָט זיך גאָר ווייניק מיט תורה אָפּגעגעבן, האָט ר' שכנה געהאַט אַן אַמביציע צו ווערן דער ממלה מקום, נאָך 120 יאָר; כאָטש מען פלעגט צווישן חסידים רעדן, אַז ער איז ניט קיין געוואַלדיקער בן תורה. . . . זייער שטוב איז געווען פול מיט מיידלעך — זיי האָבן געהאַט זעקס טעכטער — איינע שענער פון די אַנדערע, און איין זוהן, און די מאַמע איז געווען שענער פון זיי אַלעמען.

די עלטסטע טאָכטער זייערע, אַ גרויסע שיינהייט, האָט מען גערופן פאַר־צייגן, „סטערקע" (אסתר'קע). „סטערקע" איז געווען דעם רבי'נס עלטסטע איינִיקל. זי האָט דאַן געמוזט זיין אַ יאָר 18 אַלט, ווען דער רבי האָט באַשלאָסן זי צו פאַרקנאַסן צו אַ זון פון אַ זייער רייכן חסיד, וועלכער פלעגט קומען דריי מאָל אַ יאָר צום רבין הערן חסידות. סטערקע איז שוין אָבער דאַן געווען אביסל „געכאַפּט אין דער זאַך" . . . זי האָט שוין שטילערהייט געלייענט רוסישע ביכער, און איר אַמביציע איז געווען צו פאָרן אין אויסלאַנד שטודירן. פאַר־שטייט זיך, אַז עס איז איר ניט געווען צום הארצן זיך צו פאַרבינדן מיט דעם חסידישן יונגן מאַן, וועלכער פלעגט אַרומשפּאַצירן אין הויף אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, לאַנגע פּיאות, און איז געווען אַ בחור פון גאָר אַן אַנדער וועלט, ווי איר יונגע מיידלשע פאַנטאַזיע האָט פאַר איר אויסגעחלומט.

ויהי היום, און עס איז געווען באַשלאָסן, אַז שבת נאָך שבועות זאָל מען נאָך הבדלה מקבל קנין זיין, און אין גיכן, מיט גאָטס הילף, פּראַווען תנאים.

אָבער זיי האָבן געטראַכט וועגן איין זאַך און „סטערקע" וועגן גאָר אַן אַנדער זאַך. זי האָט געפּלאַנעוועט צו אַנטלויפן פון דער היים. . . . אָבער ווי אַזוי אַנטלויפט מען ?

יהודה דער משרת האָט אויף איר געהאַלטן אַן אויג, ווייל מען האָט פאַר־דעכטיגט אַז זי איז ניט גאָר צופרידן געווען מיט דעם וואָס מען גייט איר פאַר'קנס'ן דעם שבת צו־נאַכט.

זי זאָל אַוועקגיין אין מיטן דער וואָך, וועט מען גלייך נעמען קלאַפּן טרעוואָגע, מען וועט איר געווים אָניאָגן און צוריקברייינגען. האָט זי באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אום שבת . . . ווען אַלע זיינען געווען פאַרנומען שבת פרי מיט דעם דאַווענען, און נאָכן דאַווענען הערן דעם רבין זאָגן חסידות, איז „סטערקע"

אוועק פאר א שפּאציר. הינטערן שטאָט האָט אויף איר געוואַרט א פּויער מיט פערד און וואָגן, וועלכער האָט איר אַוועקגעפירט צו דער סטאַנציע קראַסנאיע, וואו זי האָט גענומען דעם „פּאָיעזד" און איז אַוועקגעפאָרן.

מ'האָט דאַן גערעדט אין שטעטל, אַז ראובן בריינין, דער באַוואוסטער העברעאישער שרייבער, וועלכער איז געווען א בן עיר, און האָט זיך שוין צו יענער צייט געפונען אין ווין, האָט געהאַט א האַנט אין איר אַנטלויפן. וויפיל אמת עס איז אין דעם געווען, קאָן איך ניט זאָגן. עס איז אָבער געווען די סענזאַציע פון טאָג. די שטעטל איז געגאַנגען כּאָדאָראָם! און יעדער איינער האָט דערציילט די מעשה מיט אַן אַנדער נוסח.

אויף מאָרגן האָט מען אין אַלע אַכט בתי מדרשים אויף די טירן, איינ־שליסנדיק דעם רבי'נס קלויז, געפונען צוגעקלעפּט פּאַסקווילן מיט דעם נוסח פון „סטערקעס" אַנטלויפן אום שבת. צו דעם איז אויך באַ איינעם פון די שטעטלשע לצים פאַרפאַסט געוואָרן א ליד. די גאַנצע ליד געדענק איך ניט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אָט אַזוי:

„סטערקע, דו סטערקע, וואָס האָסטו געטאָן?
דעם זיידן געקוילעט אַזוי ווי א האָן!
סטערקע, דו סטערקע, דו טייערע קינד,
דער זיידע וועט ליידן פאַר דיינע זינד! . . ."

קינד און קייט האָט דאָס ליד אין שטעטל געזונגען — שניידער געזעלן באַם מאַשין; שוסטער יונגען, קלאַפּנדיק טשוועקלעך אין די פּאָדעשוועס, פלעגן צו־קלאַפּן מיטן האַמער א פּאָר מאָל — פאַר דיינע זינד! פאַר דיינע זינד! . . .

מען וואָלט דאָס ליד קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זינגען, ווען עס קומט ניט אָן א צווייטע סענזאַציע אין שטאָט, וואָס האָט געמאַכט אַלעמען פאַרגעסן אָן סטערקען מיט דעם גוי, און אויפן טאָג אָרדנונג איז אַרויף א נייע בהלה.

ש. ז. אַסיפּאָוו

אַ חרם אין שטעטל

באַלד נאָך שבועות, ווען די זון האָט אָנגעהויבן מחיה'דיק צו וואַרעמען, די בלאָטע אין די גאַסן האָט זיך אַביסל אויסגעטריקנט, און אַלעס האָט אויסגעקוקט צו זיין גוט און וואויל, איז אַ נייע צרה געקומען אויפן שטעטל — קליינע קינדער האָבן, ניט דאָ געדאַכט געװאָרן, גענומען שטאַרבן. אָבער, ווי שטאַרבן? ממש פאַלן ווי די פליגן! קוים צייט געהאַט מקבר צו זיין איין קינד, איז שוין יאַנקל, דער חברה קדישה שמש, געגאַנגען טראָגנדיק אַן אַנדער פּעקל. און אַז יאַנקל דער שמש האָט געטראָגן אַ פּעקל, האָט מען שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען איז ניט געשלאָפן אין דער זאַך, מען האָט געטאָן וואָס מ'האָט געקענט — אַז באַ אַ מאַמען האָט אַ קינד אָנגעהויבן ברענען ווי אַ פייער, ווען מען דאָך ניט לאָזן דאָס קינד פאַרברענט ווערן, שונאי ציון. מען איז גלייך געלאָפן צו ר' נחום לאַנעס (מיין פאָטער), ער זאָל אָפּשפּרעכן אַן עין הרע . . . מען האָט געריסן קברים . . . מען איז געלאָפן אין בית מדרש, געעפנט דעם ארון קודש און מען האָט געוויינט און געשריען, אַז די הימלען האָבן זיך געשפּאַלטן. מען האָט געזאָגט תהילים, געטיילט צדקה — קורץ, מ'האָט געטאָן אַלעס וואָס אַ איד דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן . . . קינדער זיינען, ניט היינט געדאַכט, געפאַלן ווי די פליגן.

ויהי היום, באַ אונז אין הויז איז געווען אַ שכן, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אויף ישוב וואָכן נאָכאַנאַנד. אויף ראש חודש פלעגט ער קומען אַהיים. זיין ווייבל, ראַשע, איז געווען אַ גרויסע שיינהייט, בלוט און מילך . . . אַלע אין שטאָט פלעגן רעדן פון איר שיינקייט . . . האָבן זיי געהאַט צוויי אינגלעך, אַרום פינף אָדער זעקס יאָר אַלט, איינער אָפּגערוקט פון דעם צווייטן עטוואָס איבער אַ יאָר. אין שטעטל איז אויך געווען אַ בחור וועלכער האָט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געליטן אויף די „דער", אָדער טשאַכאָטקע, ווי אייניקע פלעגן די קריינק רופן (טי. בי.).

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די צוויי אינגלעך אָנגעהויבן ברענען ווי אַ פייער. איך געדענק, אַזוי ווי היינט איז דאָס געווען. מיר אַלע חדר אינגלעך זיינען געזעסן אַרום דעם לאַנגן טיש לערנענדיק דעם שיעור. אויף דער פאָדלאָגע לעבן דעם שלאָף צימער אין וועלכן אונזער שכן האָט געוואוינט, איז געווען אויסגעבעט אַ סיענים, און אויפן סיענים זיינען געלעגן די ביידע אינגלעך און

האבן געברענט ווי א פייער. שיין זיינען זיי געווען, אז פון שיינקייט האט מען זיך אין זייערע פנימ׳לעך ניט געקאנט איינקוקן. זייער מאמע ראשע פלעגט אלע ווילע צו זיי צוגיין, א טאפ טאן זיי די קעפלעך, און אויסשרייען — געוואלד, מיינע אינגלעך ווערן פארברענט!

מען האט שוין פאר זיי געהאט געטאן אלעס וואס מען האט געקאנט — מיין טאטע האט זיי שוין אפשר דריי מאל מיט גרוים כוונה אפגעשפראכן עין הרע . . . מען איז שוין געלאפן אין בית מדרש, אוועקגעזעצט אידן זאגן תהילים, געריסן קברים, און עס האט ניט געהאלפן. די קינדער האבן, שונאי ציון, געברענט ווי א פייער. ביז אין איין שיינעם טאג, האט גאט בא זיי ביידן צוגענומען זייערע ריינע נשמה׳לעך. אין הויז איז געווארן א קלאג א יללה, און דער טאטע האט פארנאנדערגעלאזן דעם חדר אין מיטן טאג און אליין איז ער אוועק אין בית מדרש און זיך אוועקגעזעצט בא א ספר.

נו, פארפאלן, געשטארבן, מוז מען זיי דאך טאן זייער רעכט.

דאס געוויין און געשרייען אין הויז איז געווען ניט אויסצוהאלטן. זייער מאמע ראשע, מיין מאמע, איך, און אלע ווער עס איז געווען אין הויז, זיינען ארומגעגאנגען מיט געשוואלענע אויגן פון וויינען, ווייל די קינדער זיינען ביי אלעמען געווען די נשמה.

אין דער זעלבער צייט, איז אין שטעטל געווען נאך א הויז פון וועלכער עס האבן זיך געטראגן קולות און געוויין ביז אין הימל — דאס איז געווען די שטוב אין וועלכער עס האט געוואוינט דער בחור וועלכער האט געליטן אויף טשאכאטקע (איך קאן זיך בשום אופן ניט דערמאנען ניט זיין נאמען און אויך ניט די נעמען פון זיין טאטע מאמע). אייניקע טעג איז דער בחור געווען א גוסס. מיט אמאל האט ער געקראגן קאליר אין גאנצן פנים, האט אנגעהויבן צו ברענען ווי א פייער, זיך דערלאנגט א הויב אויף פון דער קאנאפע אויף וועלכער ער איז געלעגן, דערלאנגט א רעווע ארוים — איך האב געזינדיקט מיט אן אשת איש, מיט ראשען — דערלאנגט א פאל צוריק אויפן קאנאפע און האט גאט זיין נשמה אוועקגעגעבן.

די נייעס האט זיך פארשפרייט אין שטעטל אזוי ווי א בליץ, און פאר אלעמען איז קלאר געווארן ווארום קליינע קינדער האלטן אין פאלן אזוי ווי פליגן . . . פאר אלעמען, חוץ איינעם.

דער איינער איז געווען זלמנ׳קע דער מ״ע. ער איז געווען א רב צו וועלכן קיינער איז ניט געגאנגען פרעגן קיין שאלות. מען האט אים געהאלטן אין שטעטל פאר א האלבן אפיקורס. א רעקל פלעגט ער טראגן העכער פון די קני, די פיאות קורץ געשארן, און זיין אינגל, מיין חבר שלמקה, פלעגט שפילן פידל אין די נײַן טעג. . . .

פארשטייט זיך, אז מען האָט פון אים קיין סך אין שטעטל ניט געהאַלטן. פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן די אשת איש פּאַסירונג אין שטעטל. „ווען ראַשע וואָלט געוואָלט זינדיקן (אַלע אין שטעטל האָבן גע־קאָנט ראַשען מחמת איר שיינקייט), וואָלט זי געקאָנט קריגן אַ גרעסערע מציאה ווי דעם טשאַכאָטאַשניק, וועלכער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט די לעצטע דריי יאָר". אַי, ער האָט דאָך אַליין דערציילט; נו, האָט ער געזעצט פון היץ. . . .

נאָר ווער וועט זיך צוהערן צו זלמנ׳קע דעם מ"ץ, אז עס איז דאָ איצט אַ זיכערער מיטל ווי אַזוי אָפּצושטעלן די מגפה . . . בפרט אַז זלמנקע דער מ"ץ האָט אין אַ געוויסן טאָג אין שול נאָכן דאַווענען אַרויסגעשריען: „פּראַים וואָס איר זייט! ווען אַ קינד ברענט ווי אַ פייער, העלפט ניט אַן עין הרע אָפּשפּרעכן, מען דאַרף רופן אַ דאָקטאָר!"

דאַן איז נאָך קלאָרער פאַר אַלעמען געוואָרן, אַז ער איז אַן אפיקורס גמור, און עס איז מיט אים ניטאָ וואָס צו רעדן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַזוי ווי דער רב האָט גע׳פּסק׳נט, אַז מען זאָל מאַכן אַ חרם מיט שוואַרצע ליכט, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין . . . מען זאָל דאַן ברענגען די אשה אין שול אַריין, און אַז גאָט וועט העלפן אַז זי וועט זיך מודה זיין, אָדער זי וועט טרינקען די מים המעוררים, איז אויב זי וועט ניט געשוואָלן ווערן, דאַן וועט השם יתברך העלפן און די מגפה וועט אויפהערן. . . .

מען האָט אין אַלע בתי מדרשים אָנגעקלעפּט אויף די טירן מדעות, אַז אין דעם און דעם טאָג, וועט אין בנימן חיים׳ס בית מדרש פּאַרקומען אַ חרם — מען וועט צינדן שוואַרצע ליכט, און די אשה וועט קומען זיך מודה זיין אויף אירע זינד. . . .

אַ מורא איז באַפאַלן דאָס שטעטל. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען האַלב טויטע, ניט האָבנדיק קיין מוט זיך צו נעמען פאַר קיין מלאכה אָדער געשעפט. אַ מרה שחורה איז געלעגן אויף אַלעם און אַלעמען. ניט נאָר גרויסע האָבן אַזוי געפילט, אויך מיר, צען יאָריקע קינדער, זיינען אַזוי באַווירקט געוואָרן פון די שטעטלשע מרה שחורה, אַז ניט מיר האָבן זיך געשפּילט ווי אין גע־וויינלעכע צייטן, ניט מיר האָבן געשטיפּט. איך האָב אַפילו פאַרגעסן אין די פייגלשע נעסטן נאָך וועלכע איך פלעג אַלע מאָל קריכן אויף די דעכער, ווייל ווי פינסטער און מרה שחורה׳דיק עס איז געווען אין גאַנצן שטעטל, איז געווען נאָך פינסטערער בא אונז אין שטוב. דער גאַנצער אומגליק האָט זיך דאָך געפונען אין אונזער הויז. . . .

דער טאַטע האָט געשטורעמט אַז ער וויל די חצופה בא זיך אין שטוב ניט האָבן! די מאַמע האָט זיך אָבער פאַר איר איינגעשטעלט, אַז זי איז אַ כשרה אידישע טאָכטער, און אַז זי איז שוין גענוג געשטראָפט פון גאָט, און

מענטשן דאַרפֿן איר מער ניט פאַרצאַפּן קיין בלוט. אַז דער חולה האָט פאַרן טויט געהערט, געזאָגט . . . נו, שטימט זי דעם מאָל איין מיט זלמנ'קע דעם מ"ץ, אַז ער האָט גערעדט פון היץ. . . .

זי, די אומגליקלעכע מאַמע אַליין, איז אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אין אַ חלום . . . זי האָט מער ניט געוויינט, זיך מער ניט געריסן די האָר פון קאָפּ, זיך מער קאָפּ אין וואַנט ניט געשלאָגן, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, און איז געוואָרן אַזוי ווי אַ סקעלעט. מיין מאַמע פלעגט פאַר איר עפעס אָפּקאָכן, און קוים מיט צרות בא איר פועלן, אַ פּאָר לעפל געקעכץ אַרונטערצושלינגען. זי איז געוואָרן אַ שטן פון יענער „ראַשע די שיינהייט", ווי מען פלעגט איר אין שטעטל רופן.

און אָט איז אָנגעקומען דער אומגליקלעכער טאָג, אין וועלכן דער חרם האָט געדאַרפט פאַרקומען. אַלע, קליין און גרויס, האָבן דעם טאָג געפאַסט. איך געדענקט ניט אַז תשעה באב זאָל אויפן שטעטל אַזאַ טרויער ליגן ווי אין יענעם טאָג. מיין מאַמע האָט זיך אונטערגענומען די אשה אין בנימן חיים'ס בית מדרש צו ברייינגען. און אָט איז געקומען די צייט אין בית מדרש צו גיין. מיין מאַמע וואַרפט אויף איר אַרויף אַ פאַטשיילע, און זאָגט צו איר קום, טאָכטער, און גאָט זאָל העלפן. . . .

זי גייט נאָך מיין מאַמען. איך האָב זיי ביידן נאָכגעקוקט, און איך בין געוועזן זיכער, אַז ראַשע האָט ניט געהערט מיין מאַמע רעדן צו איר, און ניט געוואוסט וואוהין זי פירט זי. און אָט זיינען מיר אַלע אין שול. דער רב גייט אַרויף אויפן בימה און הייסט אַרויסנעמען אַ תורה. ווי דער בית מדרש איז געוועזן געפּאַקט, האָט מען געקאָנט הערן ווען אַ נאָדל וואָלט ווער אַרונטערגעוואָרפן. מען נעמט אַרויס די תורה, מען טראָגט עס אַרויף אויפן בימה, מען לייענט די תוכחה, דאַן בלאָזט מען שופר. אַלע שטייען ווי פאַר־שטיינערט. דער רב צינדט אָן צוויי גרויסע שוואַרצע ליכט, טוט אָן דעם טלית איבערן קאָפּ און זאָגט צו דער זינדיקער פרוי, וועלכע איז אויך אויפן בימה לעבן רב געשטאַנען — זינדיקע אשה, קליינע קינדער שטאַרבן אין שטאָט צוליב דיינע זינד, זיי זיך מודה, און גאָט וועט אָפּשטעלן די מגפה!

אַלע — סיי ווייבער, סיי מענער — וויינען אויפן קול. אַלע, חוץ ראַשען. זי שטייט לעבן רב אַזוי ווי פאַרשטיינערט. דער רב חזרט איבער די זעלביקע ווערטער דריי מאָל, אַלע גיסן מיט טרערן די גאַנצע צייט — אַלע, חוץ ראַשע. זי שטייט נאָך אַלץ ווי פאַרשטיינערט, ניט זי וויינט, ניט זי רעדט אַרויס אַ וואָרט.

דאַן חזרט דער רב איבער די באַשולדיקונג נאָך אַמאָל, נאָר אַנשטאָט איר אויפצופאָדערן זיך מודה צו זיין, רוקט ער איר אונטער אַ גלאָז מיט אַ שיטערע

בלאָטע, און שרייט אויס: „חצופה! ווילסט זיך ניט מודה זיין, טו טרינק אויס די מים המאוררים, און אויב דיין בויך וועט ניט געשוואָלן ווערן, וועלן מיר וויסן אַז דו האָסט ניט געזינדיקט."

באַ אַלעמען אין בית מדרש זיינען די נערוון געוואָרן אָנגעצויגן, אַזוי ווי פון שטאָל וואָלטן זיי געווען; מען האָט געקאָנט הערן יעדנס אָטעם. איך בין געשטאַנען אויף אַ טיש און האָב צוגעקוקט די גאַנצע סצענע, און ווען דער רב האָט צו איר אויסגעצויגן די האַנט מיטן גלאָז פּאַסקודסטווע, האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין געלט, און עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אַן אַ צאָן פון גרויס שרעק טאָמער נעמט זי טרינקען פון גלאָז.

ראַשע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַזוי ווי זי וואָלט געווען פאַרשטיינערט און האָט ניט גערירט מיט קיין עבר. דער רב האָט ווידער איבערגעחזרט זיין פּסק, זי זאָל טרינקען די מים המאוררים. דאַן האָט זי זיך אַ ריר געטאָן, האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און האָט גענומען פון רב'ס האַנט די גלאָז. אַלע זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט — געקוקט אויפן גלאָז, אויפן רב, און ווידער אויפן גלאָז. ראַשע האָט דאַן מיט אַ שטאַרקן אָבער דומפּיקן קול אַרויס־גערעדט: „רבי, איך האָט דאָך געווים ניט געזינדיקט, פונדעסטוועגן ווען איך זאָלט דאָס אויסטרינקען וועט איך געווים געשוואָלן ווערן!" און דערלאַנגדיק אַ שמייץ די גלאָז צום רב אין פּנים, האָט זי אויסגעשריען: „גזלנים! גיט מיר מיינע קינדער אָוועק!" און איז געבליבן שטיל. אַלע אַרום זיינען ווי פאַר־גליווערט געוואָרן. דאַן האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ געלעכטער — ראַשע האָט זיך צעלאַכט. דעם געלעכטער אירן וועל איך ניט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן.

צו אונז אין שטוב איז זי שוין צוריק ניט געקומען. זי איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט צעוואָרפענע האָר, אָפּגעריסן, הונגעריק. איר איז אָבער געווען גוט — זי האָט צוריק, אין איר משוגענעם צושטאַנד, אירע קינדער מיט זיך געהאַט. זי האָט צו זיי גערעדט און געזונגען, און מעשיות דערציילט.

דעם קומענדיקן ווינטער האָט מען זי געפונען אַ פאַרפראָרענע אויפן בית עולם, לעבן די קברים פון אירע צוויי ליבע טייערע אינגעלעך.

אַ גזירה אין שטעטל

ויהי, עס איז געווען . . . מאַכט רש"י, וואו אַ ויהי, דאָרטן איז אַ צרה.

אין אַ געוויסן זומערדיקן טאָג, ווען די מגפה האָט זיך שוין געהאַט אַביסל איינגעשטילט, איז צו אונז אין שטעטל געקומען אַ נייער סטאַנאוואָי . . . מען האָט גערעדט אין שטעטל, אַז די אַלטע אַדמיניסטראַציע האָט מען פאַרביטן אויף די נייע, ווייל דער אַלטער פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק זיינען געווען גרויסע כאַבאַרניקעס, און זיי האָבן פאַרקוקט גאָר אַ סך זאַכן, און דערפאַר איז געקומען די אומגליקלעכע מגפה. . . . כאָטש צוריק גערעדט, האָט מען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געקאָנט משיג זיין ווי אַזוי קאָן אַ פּריסטאַוו ניט דערלאָזן צו אַ מגפה ווען גאָט וויל אַזוי? . . .

אָבער, יאָ פאַרשטיין, ניט פאַרשטיין, אַז עס איז באַשערט צרות קומט עס ניט געבעטענערהייט. דאָס ערשטע וואָס מען האָט באַמערקט, איז אַז דער פּריסטאַוו מיט דעם אוריאַדניק שפּאַצירן אין געסלעך — שטיל, געלאַסן, רעדן צווישן זיך, און גייען ווייטער. . . .

איינער האָט אַפילו דערציילט, אַז ער האָט געהערט יאַקבי ווי דער סטאַנאוואָי האָט אַ זאָג געטאָן צום אוריאַדניק: „עטאָ זשידאָווסקאַיאַ בעזאָבראַזיאַ!" און האָט פאַרדרייט מיטן נאָז. פון דעם האָט מען גערדרונגען, אַז ער איז ניט קיין שלעכטער גוי, און אַז ער וועט נעמען אין יד אַריין.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט גלייך געטאָן וואָס מען דאַרף — מען האָט צוזאַמענגעקליבן עטלעכע רובל, גענומען ברויט מיט זאַלץ, און אַוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע צום נייעם סטאַנאוואָי. די דעלעגאַציע פון גאָר חשובע אידן איז געקומען, אַוועקגעלייגט ברויט מיט זאַלץ אויפן טיש; נאָר ווען מען האָט אים דערלאַנגט, ווי מ'פלעגט דאָס אָנרופן אין שטעטל, דעם „שכר לימוד", האָט ער עס דערלאַנגט אַ וואָרף פון זיך, געגעבן אַ גוטן זעץ מיטן האַנט אין טיש, און האָט גאָר פריינטלעך צו זיי אַ זאָג געטאָן: „פּאַשלי וואָן, זשידאָווסקי מאָרדי!" ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט צו זיי, וואָס זיי האָבן ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, נאָר אַרויסגענומען פון זיין דיבור האָבן זיי, אַז גאָר אין גיכן, במהירה וימינו, וועט די שטעטל פון אים הערן.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, איז אַריינגעקומען אַ שליח אין בנימן חיים'ס בית מדרש ווען מען האָט געהאַלטן אין מיט דאַווענען, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַרויסגענעמענדיק אַ שטיקל פּאַפּיר פון היטל האָט ער זיך גלייכגילטיק

א זאָג געטאָן: „גדיע ראַבין?" דאָס הייסט, וואו איז דער רב? ווען מען האָט אים אָנגעוויזן דעם רב, האָט ער אים שטומערהייט, אָן ווערטער, דערלאַנגט דאָס פּאַפּירל, האָט זיך דערלאַנגט א דריי „נאַ ליעוואָ קרוגאָם", און איז ארויס פון שול.

אין שול איז געוואָרן א היבשע טרעוואָגע. מען האָט פאַרגעסן אַז מען האַלט אין מיטן דאַוונען, און אַלע האָבן זיך גענומען שטופּן צום רב, צו זעהן אין וואָס עס באַשטייט די נייע גזירה. אַז עס שמעקט מיט א גזירה, דאָס האָבן אַלע גלייך דערפילט, ווייל מען האָט דערקאַנט דעם שליח, אַז ער איז פון דעם נייעם סטאַנאָוואָי.

אין שול האָבן זיך געפונען זייער ווייניק אידן וועלכע האָבן זיך געקאָנט פאַרנאַנדערקלייבן אין דעם געדרייטן רוסישן כתב, איז אויסגעפאַלן דער גורל אויף מיר, אַז איך זאָל עס איבערלייענען. מיטן איבערלייענען בין איך מיט גאָט'ס הילף ארויסגעקראָכן, אָבער וואָס דאָס האָט געמיינט האָב איך ניט פאַרשטאַנען. ביסלעכוויים, האָט מען ארויסגעקראָגן דעם תמצית — אַז „יעוואָ וויסאָקאָראָדיע" וויל האָבן א דעלעגאַציע פון חשובע בעלי בתים, זאָלן צו אים קומען און זיך דורכרעדן וועגן שטעטלשע ענינים. . . .

עס איז געוואָרן א טומל עד לב השמים . . . אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען, און איינער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם צווייטן. עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו רופן אַן אסיפה, אום אויסצוקלייבן א דעלעגאַציע, אויסצוגעפינען וואָס דער ערל וויל.

באַ דער אסיפה האָט זיך געטאָן חושך, עס האָט געהאַלטן באַ פּעטש. נאָר דער רב האָט געהאַלטן א גאָר שטאַרקע דרשה, זאָגנדיק צו זיי: רבותי, דאָ קומט א גזירה אויף אונז, און איר האַלט גאָר רחמנא לצלן באַ פּעטש? זאָל מען אויסקלייבן א פּאָר חשובע אידן, זאָלן זיי גיין צום ערל, און השם יתברך וועט העלפן! דאַן האָט זיך דער עולם איינגעשטילט, מען האָט זיך געאייניגט אויף א דעלעגאַציע, מען האָט געקושט די מזוזה, און זיך פאַרנאַנדער געגאַנגען. ווען די דעלעגאַציע איז אויף מאָרגן, ניט אָן ווייניק האַרץ קלאַפּעניש, גע־קומען צום סטאַנאָוואָי, האָט ער זיי, ווי דער שטייגער איז, אויפגענומען אזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין — דאָס ערשטע האָט ער א רעווע ארויס געטאָן: „טשטאָ עטאָ זאַ זשידאָווסקאַיאַ סאָבראַניאַ?" מען האָט אים געשיקט א גאַנצן מנין אידן. צוויי, שרייט ער, נאָר צוויי אידן דאַרף ער האָבן! עס פאַרשטייט זיך אַז עס איז געוואָרן ניט גאָר פריאַטנע, ווייל עס איז געוואָרן די פראַגע מי ומי? וועלכע צוויי זאָלן זיך אָפּשטעלן? אָבער אַזוי ווי דער ערל איז גע־שטאַנען דערביי, איז ניט געקומען צו פּעטש, און די וועלכע זיינען געשטאַנען נעהענטער צום טיר, האָבן זיך גענומען איינציקווייז ארויסרוקן פון זיין קאַנ־

צעלאַריע. ווען עס זיינען פאַרבליבן נאָר צוויי, האָט ער זיך גלייך אַן פאַר־רעדעס אַ נעם געטאָן צו זיי:—

וואָס מיינט איר, זאָגט ער, איר וועט גיסן פאַמוניצעס גלייך לעבן די גאַנקעס — מגפהלעך ווילט זיך אייך?

אַ שפּראַך פון אַן ערל? . . . מען האָט דאַכט זיך ערשט געטאָן אַלעס וואָס מען האָט געקאָנט — פריער די מגפה אָפּצושטעלן, און נאָכדעם אַזעלכעס צו פאַרמיידן אויף שפּעטער — אָבער וואָס ווייסט אַן ערל? . . .

בקיצור, ער האָט געשריען און זיך געריסן זיין גאָרגל אפשר אַ פופצן מינוט צייט. די אונטערשטע שורה איז: ער וויל אַז מען זאָל אין אַלע גאַסן און געסלעך פון שטעטל אויסגראָבן קאַנאַוועס פון ביידע זייטן, כדי אַז מען וועט אַרויסגיסן אַ פאַמוניצע, זאָל די שמוץ אַוועקרינען צום טייך. והשנית, זאָל מען גראָבן ברונימער, פון וועלכע מען וועט נעמען טרינק־וואַסער. און דאָס איז ניט אַלעס, ועל כולם, אַז מען וועט פאַרטיק ווערן מיט די קאַנאַוועס און ברונימער, זאָל מען זיך ערשט נעמען צו דער אַרבעט, און לייגן קלאַטקעס — צוויי ברעטער אין דער ברייט, פאַזע די קאַנאַוועס, ווייל ווען עס פאַלט אַרויס אַ רעגן, ווערט די בלאָטע אַזוי טיף אַז מען קאָן אַ גאַס ניט דורכגיין. ער פרעגט ניט, אויב מען האָט געלט אויף צו לייגן קלאַטקעס; נאָר, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, „קלאַטקי פּאָדאַוואַי!”

אַרויסבאַגלייטנדיק די חשובה דעלעגאַציע, האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז ער איז אין שטעטל געשיקט געוואָרן צו זען, אַז עס זאָל זיך ניט ווידערהאָלן אַזעלכע מגפות; און האָט, גאָר פריינטלעך צוגעגעבן, אַז ער וועט די „זשידאָווסקע בעזאבראַזיע” אויסקאַרעניען מיטן וואָרצל. . . .

ווען ס'שטעטל האָט זיך דערוואוסט פון דעם נייעם גזר, איז אַלעמען אַן אימה באַפאַלן. מען האָט זיך געהיצט און געשריען, געמאַכט מיט די הענט און געטומלט. הן אין די בתי מדרשים פאַרן דאַווענען און נאָכן דאַווענען, סיי אין די הייזער, באַטאָג און באַנאַכט, האָט מען גערעדט פון דעם נייעם סטאַ־נאָוואָי, דעם רשע, און זיין גזר. מען האָט אָבער איינגעזען, אַז פון סתם ריידן וועט גאָרניט אַרויסקומען, ווייל דער ערל האָט ניט גערוט, ער האָט געהאַלטן אין שיקן שטאַפּעטן צום רב, אַז מען זאָל, און מען זאָל, און מען זאָל. . . .

מען האָט דאַן איינגעזען, אַז מען מוז עפּעס טאָן אין דער זאַך. האָט מען ראשית באַשלאָסן גוזר תענית צו זיין, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, דער ערל איז נאָך אַלץ ניט פאַרשטומט געוואָרן, דאַן האָבן אידן אויסגעטאָן די לאַנגע קאַפּאָטעס און זיך אַ נעם געטאָן, יעדער לעבן זיין הויז, צו גראָבן קאַנאַוועס.

מאָלט אייך, אַז פאַר דעם ערל איז ניט אַזוי שיין געווען, ווען מען האָט

געזען ווי חשובע אידן, מיט בערד און פּאות, די טלית־קטנס אין דרויסן און די ציצות ביז די קני, שטייען און גראָבן קאַנאַוועס. נאָר וואָס ווייסט אַן ערל פון שאַנדע? . . . פאַרקערט, ער איז נאָך געווען שטאַרק צופרידן. ווען ער פלעגט דורכשפּאַצירן אין שטעטלשע גאַסן, און זען ווי אידן שטייען מיט די טלית קטנ׳ס אין דרויסן, גראָבן קאַנאַוועס, און דער שוויס גיסט פון זיי טייכנ־וויַיז, פלעגט ער ווערן גרעבער ווי לייַנגער, און פריינדלעך אַ זאָג טאָן: „מאַלאַדצי זשידאָוויאַ”, אָט אַזוי וועט איר אפשר פאַרשפּאָרן צו האָבן מגפה׳לעך אַלע ווייַלע און פאַרפעסטן דעם גאַנצן אַרום. אָבער, צווישן אונז גערעדט, וואָס אידן האָבן אים אָנגעוואונטשן, האָט דאָס אים געמעגט אָנקומען, דעם שונא ישראל.

ווען עס איז אָבער געקומען צו גראָבן ברונימער און לייגן קלאַטקעס, דאַן האָבן זיך שוין די אידן קיין עצה ניט געקאָנט געבן, און מען האָט שוין געמוזט דינגען גוים. נאָר גוי גנב! מילא די ברונימער יאָק ברונימער — זיי האָבן געגראָבן אַזוי טיף ביז עס איז געקומען וואַסער, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? אָבער מיט די קלאַטקעס, אָדער די טראָטואַרן, ווי די אַריסטאָקראַטן פון שטעטל האָבן דאָס אָנגערופן, איז געקומען אַ נייער אומגליק אויפן שטעטל. מען האָט געמוזט לייגן צו צוויי ברעטער אין דער ברייט, אַנדערש האָט דער רשע ניט געוואָלט. צו לייגן גראָבע ברעטער, אַז זיי זאָלן זיך ניט וויגן ווען מען גייט אויף זיי, דאַרף מען דאָך האָבן דעם מלך׳ס אוצרות; האָט מען געשלעפּט ברעט־לעך פון וואו מען האָט נאָר געקאָנט עפּעס פאַרצאַפּען — דינע ברעטלעך, קורצע ברעטלעך, לאַנגע ברעטלעך, אַלטע ברעטלעך, נייע ברעטלעך — עס איז געווען הימל און ערד און ברעטלעך.

איז ברעטלעך ווי ברעטלעך, מען דאַרף דאָך אָבער האָבן קלעצלעך, אַוועק־צולייגן אין דער ברייט, אויף וועלכע די ברעטלעך אַוועקצולייגן. דאָ האָט מען שוין געמוזט אָנקומען צום גוי גנב. דער גוי מיט זיין גויאישן קאָפּ האָט ניט געקאָנט משיג זיין, אַז ווען ער וועט לייגן די קלעצלעך וויַיט איינע פון די אַנ־דערע, וועלן זיך די ברעטלעך האַצקען ווען מען וועט אויף זיי גיין. טאָ פרעגט שוין ניט וואָס פון דעם איז אַרויסגעקומען. . . .

באַ אונז אין ליאַדי, ווען עס איז אָנגעקומען אָסיען צייט, און די רעגנס זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע, איז איידער די בלאָטע האָט צייט געהאַט צו פאַרפראָרן ווערן, איז געווען השם ירחם. מיר קינדער פלעגן גאָר אָפּט קומען אַהיים מיט איין שטיוול, אָפּשטעלנדיק דעם צווייטן אין דער טיפער בלאָטע. ווען די בלאָטע האָט זיך צוואַוואַקסן און מען האָט גענומען גיין אויף די קלאַטקעס, איז ווען מען פלעגט נאָך גיין מיט איין פוס אויף איין ברעט און מיט דער צווייטער פוס אויף דער צווייטער ברעט, און גיין געלאַסן, פלעגט

דאָס אויך פּיפּן אונטער די ברעטער און גאָר ניש'קשה'דיק שפּריצן. אָבער אַז גאָט האָט געהאָלפן, און מען האָט דערזען אַז אימיצער קומט אַנטקעגן, דאַן איז געווען אַן אומגליק — אַזוי שנעל ווי מען האָט דערלאַנגט אַ שטעל אַוועק ביידע פּיס אויף איין ברעטל, און דערלאַנגט אַ גיי, דאַן האָט גלייך דערלאַנגט אַ פּייף אַרויס אַ פאַנטאַן מיט בלאָטע פון צווישן ביידע ברעטער און האָט אָפּ־געגאָסן דעם קרבן פון קאָפּ ביז די פּיס, אַזוי אַז עס איז געווען אַ גאָטס רחמנות אויף אים אַ קוק צו טאָן. און ווען, דענקט איר, פלעגט דאָס פּאַסירן? ווען אַ חתן בחור האָט אָנגעטאָן זיין בעסטן גאַרניטער, מיט אַ נייע שליאַפּע, און איז געגאַנגען אָנקוקן אַ כלה. . . . אָדער, פאַרקערט, אַ מיידל האָט זיך פאַרפּוצט אין עסיק און אין האָניק, און האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר נייע קאַלאָשן טראָגנדיק אין האַנט אַ נייעם זאַנטיק, אום די שטעטלשע בחורים זאָלן איר זען אין איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ . . . און מיט אַמאָל אַ סוויסטש צווישן די ברעטער און דער קרבן איז פאַרטיק! ווי איז מיר, עס האָט געריסן די האַרץ קוקנדיק אויף די קרבנות.

מאָלט אייך, ווען פון די קללות וואָס דער סטאַנאַוואָי דער רשע, און אַלע גוים האָבן דאַן אַריינגעכאַפּט, וואָלט זיי נאָר אַ העלפט אָנגעקומען, וואָלט ביז היינט קיין איין גוי אויף דער וועלט ניט געווען. נאָר, ווי זאָגט מען? — צו צרות ווערט מען אויך צוגעוווינט. ביסלעכווייס האָט מען זיך צוגעוווינט צו גיין מיט די פּיס פאַרנאַנדערגענומען אָט אַזוי — איין פוס אויף איין ברעט און די אַנדערע אויף דער צווייטער ברעט. שלעכט איז נאָר געווען ווען אימיצער איז אַנטקעגן אָנגעקומען. אָבער אַ איד גיט זיך אַן עצה — ווען צוויי מענטשן האָבן זיך דערנעענטערט איינער צום צווייטן, האָבן זיי זיך גאָר פריינטלעך אַרומגענומען און זיך פּאַוואָליע, פּאַוואָליע איבערגעדרייט, דאַן האָט מען זיך ווידער פּאַוואָליע אומגעקערט איינער צום צווייטן מיטן איך בעט איבער אייער כבוד, און יעדער איינער איז זיך אַוועק זיין וועג.

אָט דאָס, מיינע ליבע פריינט, איז די געשיכטע ווי אַזוי אין די 90קער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט די ציוויליזאַציע ביסלעכווייס אָנגעהויבן אַריינצוקריכן אין מיין שטעטעלע ליאַדי, מאָהליווער גובערניע.

ש. ז. אַסיפאָוו

גיין אויף סטאַראָזשקע

גיין אויף סטאַראָזשקע, איז געווען אַזאַ אינסטיטוציע בא אונז אין ליאַדי אויף וועלכער אַלע אינגלעך אין דער עלטער פון 14 ביז 18 יאָר פלעגן וואַרטן מיט אומגעדולד. די אינסטיטוציע איז געווען אַ זומערדיקע. זומער האָט מען געדאַרפט היטן דאָס שטעטל פון שריפות; ווייל, חס ושלום, אויב עס האָט זיך געטראָפן אַז אַ הויז האָט זיך אָנגעצונדן, דאַן האָט אַ האַלבע שטעטל געקאָנט אַוועק מיט פייער. איינע אַזאַ שריפה געדענק איך פון מיינע גאָר פריע יאָרן.

אַ שטוב האָט זיך אָנגעצונדן אין דעם געגנט לעבן טייך. צום אומגליק, האָט דער ווינט געבלאָזן ניט צום טייך, וואו דאָס שטעטל האָט זיך געענדיקט, נאָר צום שטאָט צו. עס האָט גאָרניט געהאָלפן וואָס מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן און געשריען — געוואַלד, ראַטעוועט! עס ברענט, עס ברענט! עס האָט אַפילו ניט געהאָלפן וואָס די וואַלנע פאַזשאַרניקעס זיינען אַרומגעלאָפן מיט העקלעך אין די הענט, האָבן געגוואַלדעוועט און געשריען איינער אויפן אַנדערן — וואָס שטייסטו און טוסט גאָרניט? . . . עס האָט אויך ניט געהאָלפן וואָס מען האָט געבראַכט אפשר פינף פעסלעך וואַסער פון טייך און מען האָט עס אויסגעגאָסן — עס האָט גאָרניט געהאָלפן — און איין הויז נאָך דער אַנדערער האָט זיך אָנגעצונדן און זיינען אַוועק מיטן רויך. ביז גאָט האָט זיך אַריינגעמישט, און האָט פאַרקירעוועט דעם ווינט „נאַ ליעווא קרוגאָם", דאָס הייסט, צוריק צום טייך; דאַן איז די שריפה אָפּגעשטעלט געוואָרן.

עס האָט אָפּגעברענט אַ האַלבע שטעטל, ביז אונזער הויז. וועגן דעם ווי אַזוי אונזער שטוב איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער שריפה, פלעגט מען בא אונז אין שטעטל דערציילן אַ גאָר שיינע מעשה, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

אין אַ געוויסן ראש השנה, ווען דער רבי מיט די חסידים זיינען געגאַנגען צו תשליך, האָט די פּראָצעסיע, גייענדיק צום טייך, געדאַרפט דורכגיין דורך דעם קוואַרטאַל וואו די מתנגדים האָבן געוואוינט. גייענדיק צו תשליך, פלעגט די פּראָצעסיע גיין שטיל, געלאַסן, פול מיט התבודדות. אָבער דערפאַר צוריק־גייענדיק, זייענדיק זיכער אַז מען האָט אַלע זינד מיטן וואַסער אַוועקגעשיקט, איז מען שוין געווען פריילעך. מען איז געגאַנגען אין מיטן גאַס, ניט קוקנדיק ווי טיף די בלאָטע איז שוין דאַן געווען; איינער האָט פאַרצויגן דעם רבי'נס ניגון און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט. אייניקע חסידים האָבן פאַרקאַטשעט די

פאַלעס פון די לאַנגע קאַפּאָטעס און מען איז אין מיטן בלאָטע אַוועק אַ האַפּקע. קורץ, עס איז געווען ליהודים! . . .

מיט אַמאָל — אוי, וואָס איז דאָס? שטיינער! מען וואַרפט שטיינער אין דער פּראָצעסיע! גוואַלד, רבי, מען וואַרפט שטיינער! אידן וואַרפן שטיינער אויף אידן אום ראש השנה! דער רבי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך, אַ קוק געטאָן אויף זיין עדה, און האָט אַרויסגעזאָגט — טאַקע געציילטע ווערטער — נו נו, מה רעש? זייט זיך ניט מצער, אידן! עס וועט ברענען! . . . און כך הוה! אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך אָנגעצונדן דער מתנגדישער קוואַרטאַל, עס האָט געברענט ביז אונזער שטוב.

חסידים פלעגן דערציילן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי אויף אונזער דאַך איז געשטאַנען אַ קאַץ און האָט מיט אירע פיסלעך אונטערגעכאַפּט די פונקען וואָס זיינען געפאַלן אויף אונזער דאַך, און מיטן ציגל זיי אויסגעלאָשן. . . . עס פאַרשטייט זיך, האָט מען צוגעגעבן, אַז דאָס האָט געמוזט זיין ניט קיין געוויינטלעכע קאַץ. . . .

פון דאַן אָן האָט נאָך אַ פּאָר מאָל דאָס שטעטל געברענט. האָט דער סטאַנאַוואָי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַ גאַנצן זומער זאָל מען אַ גאַנצע נאַכט היטן דאָס שטעטל, און גלייך אָנזאָגן ווען מען דערזעט נאָר אַ שריפה. דאָס האָט בא אונז געהייסן גיין אויף סטאַראָזשקע. אין יעדע גאַס זיינען געווען אַ פּאָר בעלי בתים, וועלכע פלעגן אָנזאָגן אין יעדן הויז וואו עס האָבן זיך געפונען אינגלעך אין דער עלטער פון 14 ביז 18 יאָר, אין וועלכן אָוונט זיי דאַרפן גיין אויף סטאַראָזשקע.

יעדער אינגל פלעגט וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיין אָטשערעד, ווייל דאָס גיין אויף סטאַראָזשקע איז געווען אַ גוואַלדיק גרויסע איבערלעבונג. מיר דאַכט, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע סענזאַציע וואָס מיר יונגע אינגלעך האָבן אין שטעטל איבערגעלעבט. ערשטנס, דאָס אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסן, דאָס אַליין איז בא אונז יונגע אינגלעך געווען אַ גרויסע זאַך. צווייטנס, פלעגט די מאַמע געבן נאָך וועטשערע צו אַזאַ אינגל צוויי קאָפּיקעס ספּענדינג געלט. פאַר איין קאָפּיקע פלעג איך מיר קויפן אַ גרויסע גלאָז סעלצער וואַסער, וואָס איז געווען אַ מחיה צו טרינקען; און נאָכן אויסטרינקען פלעגט עס דערלאַנגען אַ זעץ אין נאָז און אין די אויגן, אַז נאָך אַ וועטשערע פון אַ שטיקל פלייש מיט אַ סך בולבעס מיט ברויט, פלעגט טאַקע ווערן גרינגער אויפן האַרצן און ליכטיק אין די אויגן . . . און איך האָב געפילט אַזוי גוט, אַז איך פלעג אָנ־הויבן פאַנטאַזירן, אַז גאָט וועט מיר העלפן, און איך וועל אַמאָל ווערן אַ רייכער מאַן, וועל איך, אם ירצה השם, אַלע טאָג אויסטרינקען אפשר דריי גלעזער סעלצער וואַסער.

פאַר דער צווייטער קאַפּיקע פלעג איך קויפן סיעמעטשקעס, טאָקע אין די זעלביקע ביידל וואו מען פלעגט פאַרקויפן סעלצער וואַסער. אין גאַנצן שטעטל האָבן זיך געפונען צוויי אַזעלכע ביידלעך, אין וועלכע מען האָט פאַרקויפט סעלצער וואַסער, סיעמעטשקים (זון קערלעך), און אַביסל זיסוואַרג. איינע פון די ביידלעך איז געווען ניט ווייט פון אונזער הויז, און איז געווען די פּאָפּו־לערסטע אין שטעטל, ווייל די פאַרקויפערן איז דאָרטן געווען אַ זייער שיינע מיידל, און די שטעטלשע בחורים פלעגן טאָקע אַהין ברייגנען זייערע אָפּגע־שפּאָרטע געציילטע קאַפּיקעס, זיי דאָרטן אויסגעבן, און בכלל דאָרטן שיין פאַרברענגען.

די שומרים, אָדער סטאָראָזשניקעס, פלעגן ביז אַרום 12 דעם זייגער פאַרברענגען אין אָט דער ביידל, און נאָכדעם פלעגט זיך ערשט אָנהויבן די ריכטיקע פאַרשטעלונג. איך רוף עס אַן פאַרשטעלונג, ווייל דער סטאַראזשקע אוונט האָט באַ די יונגע בחורים פון שטעטל פאַרנומען דעם אָרט פון טעאַטער, צירק, און גלאַט אַזוי קונדעסערײַ. גלייך ווי מען פלעגט די ביידל פאַרמאַכן, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

צו אַלע צייטן האָבן זיך אין שטעטל געפונען אַ פּאָר קרעמער אויף וועמען מען האָט געטראָגן אַ האַרץ. פלעגט מען אַרונטערנעמען פון אַזאַ איינעמס קרעמל די וויוועסקע און עס צוקלאַפּן צו אַן אַפּטריט פּלאַץ פון אַ שיינעם בעל הבית. גאָר אָפט האָט געטראָפן, ווען אַזאַ שיינער בעל הבית פלעגט אינדערפרי דאַרפן גיין אויף נקבים, און אַז ער איז צוגעקומען צום פּלאַץ און האָט גאָר דערזען אַ וויוועסקע וועלכע האָט זיך געליינט „באַקאַליענאַיאַ טאָרגאָווליאַ", פלעגט ער בלייבן שטיין אַ צעטומלטער, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן. . . . און דאָס גלייכן, ווען דער קרעמער איז אינדערפרי געקומען צו זיין קרעמל און האָט דערזען, אַז ער איז געבליבן אָן אַ וויוועסקע, פלעגט ער בלייבן שטיין ניט ווייסנדיק וואָס דאָס מיינט? . . . עס פאַרשטייט זיך, אַז אַביסל שפּעטער, ווען מען האָט אויסגעפונען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט מען אין שטעטל היבש געלאַכט.

פאַרטיק געוואָרן מיטן אויפהענגען די וויוועסקע „אויפן ריכטיקן אָרט", האָט מען זיך גענומען צו נאָך אַ וויכטיקע אונטערנעמונג — צווישן די אינגלעך האָבן זיך שטענדיק געפונען אַזעלכע וואָס פלעגן שפּילן פידל און אויף בלאָז אינסטרומענטן. עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע לצים וועלכע האָבן גע־קאָנט שפּילן די ראָל פון אַ בדחן; פלעגט מען אויפקלייבן די אַלע אינסטרו־מענטן אויף וועלכע די אינגלעך האָבן געשפּילט, דאַן זיך אוועקשטעלן אונטער אַ פענצטער פון דעם גביר פון שטעטל און אָפּשפּילן אַ חתונה דעם גביר'ס טאָכטער מיט אַ בחור פון דעם גרעסטן אָרימאַן פון שטעטל — אָבער טאָקע אָפּ־

שפּילן אַ חתונה מיט אַלע פּישטשעווקעס — דער בדחן פּלעגט באַזעצן די כּלה, און די כּלי זמרים פּלעגן צושפּילן אַן אומעטיקס. דערנאָך פּלעגט מען שפּילן אַ פריילעכס און די אינגלעך האָבן פאַרלייגט הענט אויף פּלייצע און זיך אוועקגעלאָזט אַ הוליע אַז עס פּלעגט גיין אַ רויך. די נעכט פּלעגן זיין אַזוי שיין, די לופט אַזוי מחיה׳דיק און די בלוטן האָבן געזאָטן אין די אָדערן. . . .

באַלד פּלעגן זיך אָנהויבן עפענען פענצטער, דאָ און דאָרט, און מען האָט גוטמוטיק געבעטן די אינגלעך — זאָל שוין זיין גענוג געהוליעט, מען קאָן ניט שלאָפן. אָבער מיר אינגלעך האָבן געוואוסט, אַז מען איז אויף אונז ניט ברוגז, נאָר מען קוקט זיך צו מיט גרוים הנאה צו דער פאַרשטעלונג. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, פּלעגט מען זיך, ניט אָן ווייניק טומל, צוגיין יעדער צו זיין היים מיט אַ שטאַרקן פאַרדרוס וואָס די נאַכט האָט זיך אַזוי שנעל פאַרענדיקט.

אין די 9 טעג באַ אונז אין שטעטל

ווען מיין פאַנטאַזיע טראָגט מיך אַוועק צוריק מיט אַ יאָר 60, און איך דערזע מיין שטעטעלע ליאַדי, זע איך אַז אין די 9 טעג פאַר תשעה באב איז דער הימל געווען פּונקט אַזוי ריין און ציכטיק, אָדער אַזוי פאַרוואָלקנט, ווי אין אַלע אַנדערע טעג פון דעם זומער. דער שטויב אין די גאַסן פּלעגט זיך אויפהויבן עד לב השמים ווען אַ פור איז דורכגעפאָרן, אָדער ווען אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן, אין די 9 טעג, פּונקט אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע זומערדיקע טעג; נאָר פונדעסטוועגן פּלעגן ניט נאָר די דערוואַקסענע, נאָר אויך מיר קינדער, אַרומגיין אין די 9 טעג אַזוי ווי אבלים — אַט ווי ערשט נעכטן איז פאָרגעקומען אונזער גרויסער בראַך, דער חורבן בית המקדש.

אין אַ געוויסן זין, האָבן מיר קינדער געפילט דעם אומעט נאָך מער פון די דערוואַקסענע. מילא אַז מען טאָר זיך אין די 9 טעג ניט שערן, דאָס איז געווען אַ האַלבע צרה — מען האָט זיך אָפּגעשאָרן אויף שבועות, קלעקט עס פאַר אַ היבשע ווײַלע. אָבער דאָס וואָס מען טאָר זיך אין די 9 טעג ניט באָדן, דאָס איז געווען אַן אומגליק . . . די זון ברענט אַזוי ווי אַ פייער, און אַז מען שפּילט זיך אָן אין אַזאַ הייסן טאָג און דער שווייס גיסט ווי פון אַ רעשעטע, וואָלט טאַקע געווען אַ מחיה אַריינצושפּרינגען אין טייך, אַ שווים טאָן אַהין און צוריק, געבן זיך אַ שטעל אַוועק אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף — אי וואָלט עס געווען גוט! . . . נאָר טו מאַך, אַז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, און מען טאָר זיך גאַנצע 9 טעג ניט באָדן. . . .

אין אַ געוויסן פרייטיק, נאָך האַלבן טאָג, ווען מען איז געווען פריי פון חדר, האָב איך און נאָך אַ פּאָר אינגלעך אָפּגערעדט, אַז מיר זאָלן שטילערהייט

זיך גיין אויסבאָדן, און אז די מאַמע וועט פרעגן, ווי קומט דאָס וואָס מיינע האָר זיינען נאַס, זאָלן אַלע זאָגן דעם זעלבן תירוץ — מיר האָבן זיך געשפּילט לעבן טייך, זיינען מיר געוואָרן פאַרשוויצט, האָבן מיר די קעפּ אין טייך אויסגעוואַשן.

מיר גייען דורך הינטער־געסלעך צום טייך. די האַרץ קלאַפּט בא מיר ווי בא א גזלן . . . א קליינינקייט, באָדן זיך אין די 9 טעג! . . . אַט זיינען מיר לעבן טייך, א וואָרף אַרונטער די קליידער, א שפּרונג אין טייך, און איך בין שוין אין מיטן טייך. איך פּיל איך זינק . . . מיינע הענט זיינען מיר געוואָרן שטייף אַזוי ווי אייזן, די פיס זינקען אַזוי ווי בליי, איך שריי גוואַלד, ראַטעוועט! די אַנדערע איינגלעך מיינען אז איך שפּיל זיך אַזוי, ווייל איך פלעג אַלע מאָל דעם טייך אַריבערשווימען הין און צוריק. א נס איז געשעהן, א גוי האָט זיך אין טייך געבאָדן און ער האָט מיך א האַלב טויטן אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער. מען האָט מיך אָפּגעמינטערט, אָבער אין דער לענג פון האַלז האָט מיר פון שרעק א בלויער אָדער אַרויסגעשלאָגן. איך האָב זיך מיט דעם בלויען אָדער אַרום־געטראָגן פּאָר וואָכן און וואָכן אַזוי ווי קין מיט זיין צייכן . . . און דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אז איך וואַקס א גוי גמור, און אין מיר איז קיין איין אידישע האָר ניטאָ.

ניט איך, און ניט קיין אַנדער אינגל אין שטעטל, האָבן זיך פון דאַן אָן איינגעשטעלט צו באָדן זיך אין די 9 טעג.

דער קלימאַקס פון די 9 טעג איז געקומען ערב תשעה באב פאַרנאַכט. דאָס פאַרפאַסטן איז ניט פאָרגעקומען בא א טיש, אַזוי ווי אַלע מאָלצייטן פון א גאַנץ יאָר, נאָר מען האָט אויסגעשטעלט קעסטלעך אויף וועלכע מען האָט זיך צוזעצט. אויף א שטול, האָט די מאַמע פאַרבעט א האַנטוך און האָט סערווירט אַביסל מילכיקע קרופּניק, האַרטע אייער, און בייגל מיט אַש. דער טאַטע פלעגט איינטונקען די איי אין אַש און קריצן מיט די ציין אז מיר פלעגט אַריבער א סקרוך איבערן לייב. פאָרגעקומען איז די סעודה, ווי מיר פלעגט זיך דאַן דאכטן, גלייך נאָך האַלבן טאָג, ווייל איך פלעג נאָך צייט האָבן נאָך די בייגל מיט אַש סעודה אַרויסצולויפן זיך שפּילן אויף א פּאָר שטונדן, איידער דער חורבן איז געקומען צו אונז אין הויז. . . . ווען איך בין אַריינגעלאָפן אין שטוב א פּאָר שטונדן שפּעטער — אַן אָנגעשפּילטער, א פרייליכער — פלעג איך בלייבן שטיין אַזוי ווי א פריטשמעליעטער, פון דער סצענע וואָס איך האָב אין שטוב דערזען. אין שטוב איז שוין דאַן געווען האַלב טונקל. אויף נידע־ריקע קעסטלעך זיינען געווען אויסגעזעצט א צענדליק אָדער מער ווייבער. אויבן אָן, אין מזרח, איז געזעסן די מאַמע, און אויף א קעסטל לעבן איר האָט גע־ברענט א ליכט. זי איז געזעסן לייענענדיק פאַר די ווייבער די טרויעריקע געשיכטע ווי אַזוי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, די מעשה ווי אַזוי חנה

האָט אירע זיבן זין איינציקוויים פאַרלאָרן. . . . זי האָט לייענענדיק געוויינט און געיאָמערט, און אַלע ווייבער מיט איר. . . .

אין שטוב איז געווען אַ יללה עד לב השמים . . . אַ שרעק פלעגט מיך באַפאַלן. וואוהין לויפט מען זיך ראַטעווען פון דעם חורבן? דער איינציקער פּלאַץ צו לויפן איז געווען אין בנימן חיים'ס בית מדרש. דאָרטן איז אָבער אויך ניט געווען אַזוי פריילעך. אויף איבערגעקערטע ביינק זיינען געזעסן אידן מיט אויסגעטאָנענע שיך, די גראָבע פינגער פון די פיס אַרויסשטעקנדיק פון די צעריסענע זאָקן, אין בית מדרש איז געווען האַלב טונקל, דער חזן האָט אַרויס־געוויינט די קינות און אַלע אידן מיט אים. . . .

אין אַזאַ נאַכט פלעגן זיך מיר חלומ'ן שרעקלעכע חלומות, איך פלעג שרייען און וויינען פון שלאָף. ווען די מאַמע פלעגט מיך אויפוועקן, און איך האָב זי דערזען לעבן מיר, דאַן האָב איך זיך בארואיקט.

אויף מאָרגן, תשעה באב דעם גאַנצן טאָג, האָבן מיר אינגלעך איגנאָנצן פאַרגעסן אינעם חורבן. אמת, מען האָט טאַקע געדאַרפט זאָגן קינות אינדער־פרי, אָבער גלייך נאָכן דאַווענען, ווען מיר זיינען צוזאַמען מיט די גרויסע אַוועק אויפן בית־עולם, האָבן מיר דאָרטן געקראָגן אונזער פאַרגיטיקונג . . . אויפן בית־עלמין זיינען געוואַקסן גאָר אַ סך שטעכלקעס, אָדער בערעלעך, ווי מען פלעגט זיי רופן בא אונז. דאָס זיינען אַזעלכע קוסטעס אויף וועלכע עס וואַקסן אַזעלכע קיילעכלעך וועלכע זיינען פול מיט שטעכיקע נאָדעלעך. אָפּצורייסן אָט די שטעכלקעס פון קוסט איז ניט געווען פון די גאָר גרינגע זאַכן, גאָר אָפט האָט מען זיך די פינגער צעבלוטיגט. אָבער אונזער פאַרגיטיקונג האָבן מיר געהאַט דאַן, ווען מיר פלעגן זיך פאַרקלייבן הינטער אַ מצבה און אַריינוואַרפן עטלעכע אַזעלכע בערעלעך אַ אידן אין באָרד. עס איז געווען אַ גאַנץ רחמנות צו זען ווי אַזוי אַזאַ איד האָט זיך געמאַטערט די בערעלעך פון זיין באָרד אַרויסצושלעפּן. דער גרעסטער רחמנות פלעגט זיין אויף „איצען דער איין איינגלדיקער", אָדער איצע דער שמש. דערפאַר וואָס ער פלעגט אונז אינגלעך רודפן אַ גאַנץ יאָר פון שול, פלעגן מיר זיך מיט אים אָפּרעכענען שבת בין מנחה למעריב, מאַכנדיק אַ קנויל פון נאַסע האַנטיכער און אים דערלאַנגען אַ כמאַל; איבערהויפּט תשעה באב, מיט די בערעלעך . . . טעג און טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער האַלטן אין צופּן די בערעלעך פון זיין באָרד, און אַז ער איז מיט גאָטס הילף פּטור געוואָרן פון די בערעלעך, פלעגט ער צוזאַמען מיט זיי אויך פּטור ווערן פון אַ העלפט פון זיין באָרד, וועלכע ער האָט אַרויסגעריסן צופּנדיק די בערעלעך. אָט אַזוי פלעגן מיר יונגע קונדייסים נעמען נקמה פון איצע דעם שמש, פאַרן רודפן אונז אין שול, ווען מיר האָבן געוואָלט אַ שטיף טאָן.

ש. ז. אָסיפּאָוו

אַוורעמל דער הייוון מאַכער
אָדער ר׳ אברהם בעל תשובה

אַוורעמל דער הייוון מאַכער איז געווען אַן אינסטיטוציע באַ אונז אין ליאדי. מיט זיין אויסזען אַליין האָט ער שוין געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, סיי אויף דערוואַקסענע ווי אויך אויף אונז קליינע אינגלעך פון שטעטל. ער האָט געמוזט זיין אַרום זעקס און אַ האַלב פוס די הויך, גלייך ווי אַ סטרונע, און זיין קאָפּ שטענדיק אויפגעהויבן. זיין קלאָר ווייס פּנים איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ציכטיק בערדל. בחור׳ווייס איז ער גאַנצע טעג געזעסן אין בנימן חיים׳ס בית מדרש, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אונזער הויז, און דער קול פון זיין לערנען האָט זיך אַלע מאָל געהערט באַ אונז אין הויז. מען פלעגט אויף אים זאָגן אין שטעטל, אַז ער איז בקי אין ש״ס און פּוסקים מיט אַזאַ חריפות, אַז קיינער אין דעם גאַנצן אַרום, האָט זיך צו אים ניט געקענט פאַרגלייכן. ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט אים זיין שווער אויסגעבויט אַ הויז מיט אַ קרעמל און האָט אים אויסגעלערנט צו מאַכן הייוון. זיין ווייב האָט גע׳מסחר׳ט אין קרעמל, און ער איז אַלץ געזעסן און גע־לערנט. זיין הויז איז געווען אויף דער זעלביקער גאַס וואו אונזער הויז איז געווען, נאָר אַרויף צו, לעבן די ענד פון שטעטל. דאָרטן האָט זיך פון איין זייט געפונען דעם סטאַנאַוואָיס וואוינונג און קאַנצעלאַריע, און אויף דער צווייטער זייט האָבן געוואוינט אַלע פערד־גנבים. . . .

יאָ, אונזער שטעטל האָט זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט אירע רביים, חסידים, און גלאַט שיינע אידן, נאָר אויך מיט אירע פערד גנבים. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע קינסטלער אין דער מלאכה, אַז ווען זיי האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אַ פּאָר סוסים, האָט שוין קיין טאַטער ניט געהאָלפן — די סוסים זיינען שוין געווען אין זייערע הענט. און אויב מען האָט געדאַרפט אָנ־שיכורן די שומרים, אויס׳סמ׳ן עטלעכע הינט, איז דאָס אָפּגעטאָן געוואָרן אין איין כהרף עין, מען האָט די אדלערס אַרויסגעפירט, און אַ האָן האָט ניט אַ קריי געטאָן. . . .

ווען איך בין געווען אַ יאָר צען אַלט, פלעג איך אָפט אַריינגיין אין הויז פון אַוורעמל דעם הייוון־מאַכער, ווייל באַ זיי איז געווען אַ אינגל אין מיין עלטער. ווען איך בין געקומען אַ היים, פלעגט די מאַמע מיך פרעגן, ווען זי האָט זיך דערוואוסט וואו איך בין געווען: נו, מיין קינד, וואו האָסטו זיך דאָרטן

געשפילט, אין גיהנם צי אין גן עדן? . . . ווארום אזא משונה׳דיקע פראגע? גאָר פשוט — זייער הויז איז געווען צעטיילט אויף צוויי העלפט, און דער אונטערשייד פון די צוויי העלפט פון הויז איז געווען אזוי גרויס ווי פון גיהנם ביז גן עדן. די פאָדערשטע העלפט איז באַשטאַנען פון אַ קרעמל, דאָן איז געווען אַ גרויסער צימער, אַ קיך און אַ שלאָף־צימער. עס איז שווער זיך פאָר־צושטעלן די אומריינקייט פון די אַלע צימערן. די קינדער האָב איך שטענדיק געפונען ארומגייענדיק אין העמדער, וועלכע זיינען געווען פארהארטעוועט ווי בלעך. זיי פלעגן שטענדיק פון זיך שלעפן לעבעדיקע זאַכן, און זיך נוקם זיין אין זיי. . . .

די אַנדערע האַלבע הויז איז אַלע מאָל געווען פארמאַכט, און ווען איך פלעג אַמאָל אַ עפן טאָן די טיר און אַ קוק טאָן וואָס דאָרטן טוט זיך, האָט מיר די ריינקייט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. עס איז געווען אַ גרויסער חדר מיט דריי פענצטער צום גאַס. די פאָדלאָגע, געל ווי וואַקס. אַנטקעגן טיר איז געשטאַנען אַ גרויסע שאַפע פול מיט ספרים, און ער, אברהם, איז אַלע מאָל געזעסן לעבן אַ מאַסיוון טיש בּאַ אַן אָפענעם ספר. ער אַליין איז שטענדיק געווען אַזוי ציכטיק פונקט אַזוי ווי דער גאַנצער ארום. דערפאַר פלעגט מען זאָגן, אַז אין זייער שטוב איז דאָ דער גיהנם און גן עדן. . . .

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען זיך אָנגעהויבן אין שטעטל שושקען, אַז אוורעמל דער הייזון־מאַכער, אָט דער גוואַלדיק גרויסער לערנער, איז אַרויס לתרבות רע . . . פריער האָבן די חסידים פון שטעטל אָנגעהויבן צו רעדן, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט אים:

ערשטנס, ער האָט אויפגעהערט צו גיין דאַוונען אין רבינס קלויז. דאָס אַליין איז געווען אַ באַוויז אַז מיט אים איז עפּעס ניט גלאַט. אַביסל שפּעטער, האָט ער אויפגעהערט צו גיין דאַוונען אינגאַנצן. נאָר שבת און יום־טוב פלעגט ער זיך באַווייזן אין בנימן חיים׳ס בית מדרש; און אַז ער איז שוין געקומען אין בית מדרש, איז אַנשטאַט צו דאַוונען מיט אַזאַ מסיקות ווי אַלע מאָל פריער, פלעגט ער זיך גאָר פארקלייבן אין פּאַליש און רעדן דברים בטלים מיט אַלע יונגע לייט פון וועלכע מען האָט אין שטעטל גאָר וויניק געהאַלטן. און גלאַט האָט ער עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן אומפאַרשטענדלעכע רייד. דהיינו, אַז די אָרימע חסידים, וועלכע שטעלן אָפּ זייערע ווייבער און קינדער אויף גאָטס באַראַט, און פאָרן אַוועק צום רבין אויף יום־טוב, זיינען גרויסע טפשים; און אַז אָפּשפּרעכן אַן עין הרע, איז אַזוי ווי דינען צו עבודה־זרה. . . .

אַזוי לאַנג ווי נאָר די מענער פון שטעטל האָבן אים באַארבעט, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. קוים איז ער אָבער אַריינגעפאַלן אין דער ווייבערשער אַטריעליעניע, איז שוין ניט אַזוי גוט געווען — די ווייבער פלעגן זיצן אויף

די פריזבעס גאַנצע טעג, מיט די הענט דרייען די שפּיזלען אין די זאָקן, און מיט די מיילער באַארבעטן אוורעמלען דעם הייוון־מאַכער.:

ס׳ט געהערט, דוואַשע? אוורעמעלע, דער גרויסער צדיק, איז דאָך געוואָרן א פּרוש! יע, יע! ער רירט זיך ניט צו צו איר, אפילו ווען זי קומט פון מקוה! . . . די ווייבער, וועלכע האָבן אויף גיך געמאַכט מיט די הענט, דרייענדיק די שפּיזלען אין די זאָקן, שטעלן זיך א ווײלע אָפּ, איינער צמאַצקען מיט די ליפּן — טסאַ פּאַ פּאַ . . . און איינע רופט אויס: נו, יע, אויף וואָס דאַרף ער זיין ווייב, אויף וואָס? איר הערט? מען רעדט, אַז אוודאָטיע, די שיקסע וועלכע וואַשט און רייניקט זיינע צימערן, באַ וועמען דער בייכל איז אויפן נאָז, איז . . . שו, שו, שו . . .

אזוי ווי איך בין נאָך געווען א קליינער אינגל, פלעגן זיך די ווייבער פאַר מיר ניט היטן מיט זייערע מעשה׳ס, פלעג איך זיך טאַקע צוהערן מיט ביידע אויערן . . . ווייל ווי יונג איך בין געווען, האָב איך שוין געהאַט א חוש פאַר אזעלכע מעשה׳ס. . . . נאָר דער סוף פון דער מעשה מיט אוודאָטיעס בייכל, האָב איך פאַרהערט, ווייל עס האָט זיך פאַרענדיגט מיט שו שו שו און שאַ שאַ! אָבער ווען איינע, א יונגע שיינע ווייבל, האָט א זאָג געטאָן: „און איך זאָג אייך, ווייבער, אַז מען קאָן אים גאָר ניט פאַרדיינקען וואָס ער וויל צו איר נאָענט ניט צוגיין, ער איז דאָך שטענדיק אזוי שיין, ריין און ציכטיק, און פון איר, די שטיק זאַראַזע, פאַלן דאָך שטענדיק לעבעדיקע" . . . דאַן איז פאַר־קאָכט געוואָרן די ריכטיקע קאַשע. אָט די ווייבל וועלכע האָט אַרויסגעזאָגט אָט דעם פּזמון, האָט געהאַט א מאָן דריי מאָל אזוי אַלט ווי זי איז געווען, נאָר אזוי ווי זי איז געווען אַן אָרימע יתומה, האָט מען אויף איר רחמנות געהאַט און מען האָט איר חתונה געמאַכט מיט אַן אַלטן מלמד, באַ וועמען זי איז שוין געווען די דריטע ווייב. אויף זיין האַלב־גראָע באָארד האָט מען צו אַלע צייטן געקאָנט זען שטיקלעך און ברעקלעך פון דעם וואָס ער האָט געגעסן פאַר די לעצטע פּאָר טעג. זי — חיה ריווע, האָט מען זי גערופן — האָט זיך נאָך איר חתונה צעבליט ווי א רויז, און די ווייבער פלעגן אויף איר זאָגן, אַז באַ חיה ריווען, „קוקן שדים׳לעך אַרויס פון ביידע אויגן" . . . און מען פלעגט פאַרענדיקן מיט כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי. . . . ווען איך פלעג איר זען, האָב איך זיך אַלע מאָל גוט צוגעקוקט צו אירע אויגן, איך האָב געוואָלט זען די שדים׳לעך וועגן וועלכע די ווייבער פלעגן דערציילן.

ווען חיה ריווע האָט זיך אירס אָפּגעזאָגט, זיינען אַלע ווייבער וועלכע זיינען געזעסן אויפן פריזבע פון אונזער הויז, געבליבן אזוי ווי פאַראַליזירט . . . מיין מאַמע האָט אויפגעהערט צו שטריקן די זאָק וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט, אַרויסגעשלעפּט דעם פינפטן שפּיזל מיט וועלכן מען כאַפּט אונטער דאָס

אויגל, דעם שפּיזל אַריינגעשטעקט אין די האָר אונטער איר פּאַטשיילקע און אַריינגעגראָבן אירע אויגן אין חיה ריוועס פּנים. איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי קוקט זיך איין אין די „שדים׳לעך אין אירע אויגן" . . . איך האָב איר גלייך נאָכגעטאָן, נאָר איך האָב נאָך אַלץ קיין שדים׳לעך אין אירע אויגן ניט געזען.

דאַן איז אַוועק אַ סדרה פון שו־שו־שו, און ווידער שו־שו־שו! און נאָכ־דעם כאַ־כאַ־כאַ ! ! ! חיה ריווע איז געוואָרן רויט ווי צונטער און האָט געשוואָרן אַז זי האָט חס ושלום קיין שלעכטס אין זינען ניט געהאַט . . . נאָר עס האָט איר געהאָלפן אַזוי ווי אַ טויטן העלפן קאַלטע קאָמפּרעסן. עס איז אַוועק אַ סדרה איבערן גאַנצן שטעטל פון שו־שו־שו, און ווידער שו־שו־שו . . . און די ווייבער האָבן אַלע געהאַלטן אין רעדן וועגן די שדים׳לעך וועלכע זיי זעען אין אירע אויגן, און וועלכע איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט זען. נאָר דער גאָט וועלכער שפּייזט אַפילו אַ ווערימל אונטער אַ שטיין, האָט איינגעזען חיה ריוועס צער, און האָט צוגעשיקט אַ נייע באַמבע אין שטעטל. דאַן האָט מען פאַרגעסן וועגן חיה ריוועז מיט די שדים׳לעך אין אירע אויגן און מען האָט אָנגעהויבן באַארבעטן די לעצטע געשעעניש. . . .

איין מאָל באַם דאַוונען אין בנימן חיים׳ס בית מדרש, ווען אַוורעמל איז געשטאַנען אין פּאַליש און האָט גערעדט דברים בטלים מיט די יונגע לייטלעך — ער האָט גערעדט על השם ועל משיחו — דאָס הייסט, אויפן רבין מיט זיינע חסידים, אַז דעם רבינס זאָגן חסידות, איז ניט ווערט אַז מענטשן זאָלן צוליב דעם אָפּשטעלן זייערע ווייבער אַליין קינדער און איבער יום־טוב אויף גאָטס באַראַט, און נאָך פאַרשידענע שטות׳עריען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: און מיינט איר וואָס? זיי זיינען דאָך אַלע געצן־דינער! . . . זיי גלויבן אין שדים און רוחות, זיי גלויבן אַז מתים שטייען אויף באַנאַכט פון זייערע קברים און שטעלן זיך דאַוונען. יע, זאָגט ער, איך זאָג אייך, זיי זיינען אַלע געצן־דינער! . . . דאָס אַלעס, איין קליינינקייט!

האָט גראַד פּאַסירט, אַז אין דער צייט ווען אַוורעמל האָט זיך אַזוי קאַלט־בלוטיק אָפּגעזאָגט זיין המצאה, איז איצט דער איין־אייגלדיקער, דער שמש פון בנימן חיים׳ס בית מדרש, געווען אין פּאַליש, זוכנדיק עפּעס אַ ספר וואָס איז אים פאַרלאָרן געגאַנגען, דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט אים געגעבן אַ ברען אין קאָפּ. ער איז גלייך אַריינגעלאָפן אין בית מדרש און האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז דער מומר להכעיס וועט אַלע יונגע לייט מאַכן פאַר אפּיקורסים; אַזוי, און אַזוי, און אַזוי . . .

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סקאַנדאַל האָט ניט געקאָנט פאַרשוויגן ווערן. אין בית מדרש האָט זיך דאַן געפונען שלום שייע דער שוחט, אַ איד אַ גבור, וועלכער האָט געקאָנט אַוועקלייגן אַן אָקס מיט איין דריי, און מען פלעגט אויף

אים זאָגן אין שטעטל, אַז ער איז אַ גרויסער עזות־פּנים. ער האָט קיין עולות ניט געקאָנט פאַרלײַדן. ווען ער האָט זיך געלאָזן גיין צום פּאַליש, האָבן זיך די אידן דערשראָקן אַז ער וועט אים דאָרטן ממית. מען האָט אים גענומען אָפּהאַלטן און בעטן אַז ער זאָל ניט פאַרשוועכן דעם מקום קדוש דורך אַ גע־שלעג, ווייל מען האָט געוואוסט אַז אוורעמל קאָן אויך דערלאַנגען אַ קלאַפּ אַז קיין גראָז זאָל אויף דעם פּלאַץ ניט וואַקסן. און חוץ דעם, האָט מען געוואוסט אַז ער, אוורעמל, האָט געהאַט אין פּאַליש זיינע חסידים, וועלכע וואָלטן זיך געווים פאַר אים איינגעשטעלט. אָבער שלום שייע האָט זיי אָלעמען מיט איין האַנט אָפּגעשטופּט פון זיך, זאָגנדיק צו זיי: וואָס בין איך אַ גוי, וואָס איך וועל זיך שלאָגן? חס ושלום, איך וויל נאָר מיט אים האָבן אַ ראַזגאָוואָר. . . . (ער האָט געדינט פאָניען פיר יאָר, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַ רוסיש וואָרט אַריינוואַרפן אין זיינע רייד.) דאַן זיינען שוין אַלע נאָך אים אַריין אין פּאַליש, צו זען וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

ווען שלום שייע איז צוגעגאַנגען צו אוורעמלען, האָבן זיי ביידע אויסגע־קוקט ווי צוויי שטאַרקע דעמבעס אין אַ וואַלד פון קליינע ביימעלעך. העי, דו חצוף! האָט ער אַרויסגערעוועט. מילא, זאָגט ער, דו רעדסט אויפן רבין מיט זיינע חסידים, איז דאָס ניע מאָיאָ דיעלאָ (ער איז ניט געווען קיין חסיד), אָבער אַז דו ווילסט ווערן ירבעם בן נבט, מאַכן אַלעמען צו זינדיקן מיט דיר, דאָס קאָן איך ניט פאַרשווייגן. הער זיך איין, דו אַפּיקורוס! דו זאָגסט אַז קיין שדים זיינען ניטאָ, אַז קיין מתים גייען ניט אַרויס פון זייערע קברים אינמיטן נאַכט, גוט! איך וועל דיר געבן אַ שטעקן, דו גיי מיט דעם שטעקן אַרויף אין מיטן נאַכט אויפן בית עולם, גראָב איין דעם שטעקן לעבן דעם אוהל פון דעם אַלטן רבין (ר' מענדעלע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן נאָך דעם ספר וואָס ער האָט אָנגעשריבן, דער צמח צדק), איז אויב דו וועסט צוריקקומען געזונט און שטאַרק, וועל איך וויסן אַז דו ביזט גערעכט; אָבער טאָמער וועסטו דאָרטן גע'ניזוק'ט ווערן, וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ בר מנן. . . .

די גאַנצע צייט וואָס שלום שייע האָט גערעדט צו אוורעמלען, איז אוורעמל געשטאַנען און האָט מיט אַ האַנט געצופּט זיין קליין בערדל, און אויף זיין פּנים און אין זיינע אויגן האָט זיך געשפּילט אַ סאַרקאַסטישער שמייכל. ווען שלום שייע האָט פאַרענדיגט זיין ירגזו, האָט אוורעמל געענטפערט: שוטה איינער! דאָס אַלעס? מאָרגן באַנאַכט טו איך דאָס! . . .

דער טומל וואָס איז געוואָרן אין שטעטל איז אין לשעור — די ווייבער האָבן פאַרגעסן צו רעדן וועגן די שדים'לעך אין חיה ריוועס אויגן . . . און די מענער זיינען געשטאַנען אין קופּקעס, האַלטנדיק איינער דעם צווייטן פאַר די לאַצן, רעדנדיק וועגן דער לעצטער סענזאַציע — אַרויסזאָגנדיק פאַרשידענע

השערות. ווען מיין מאמע האט א זאג געטאן צום טאטן: וואס זאגסטו, נחום, וועגן אוורעמלען? האט דער טאטע א מאך געטאן מיטן האנט און א זאג געטאן: אה! און דאס אלעס. אזוי ווי ער וואלט געזאגט, עס איז אונטער זיין ווירדע צו רעדן וועגן דעם.

עס איז אנגעקומען די נאכט פון די גרויסע געשעעניש — אוורעמל מיט דעם שטעקן איז געווען דער געשפרעך פון יעדן איינעם אין שטעטל — אפילו די שטעטלשע פויערים, וועלכע זיינען געווען האלבע אידן — האבן געוואוסט דעם אונטערשייד פון כשר און טריף, און האבן געוואוסט וועגן אלע אידישע יום־טובים — זיינען אויך געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער לעצטער סענזאציע, האבן זיך גע׳צלמ׳ט און געזאגט: האספאדי פאמילוי! . . .

און אט איז געקומען די צייט ווען אוורעמל דארף מיט דעם שטעקן ארויף אויפן בית־עולם. ער נעמט דעם שטעקן און לאזט זיך גיין. מען ווארט . . . סיי מענער, סיי פרויען, און אויך קינדער זיינען די נאכט ניט געשלאפן. אלע ווארטן, א מינוט איז אזוי ווי א יאר . . . נאר עס גייט אוועק א שעה און צוויי, אוורעמל איז ניטא. מען רוקט זיך צו נעענטער צום בית עולם, אוורעמל זעט זיך ניט. . . .

עס הויבט שוין אן צו טאגן. שלום שייע דער שוחט לאזט זיך גיין אויפן בית עולם. אלעמען קלאפט א צאן אן א צאן פון שרעק. ער גייט ארויף אויפן בית עולם, קומט צו צום אוהל, אוורעמל ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד א גע׳חלש׳טער. ער מינטערט אים אפ, אוורעמל וויל זיך אויפהויבן און קאן ניט. מען האלט אים צו. . . . ווען ער האט זיך איינגעבויגן דעם שטעקן ארייג־צוקלאפן אין דער ערד, האט זיך אן עק פון זיין לאנגער קאפאטע צעלייגט אויף דער ערד, האט ער דעם שטעקן גענומען אריינקלאפן אין דער ערד דורך זיין קאפאטע. ווען ער איז פארטיק געווארן מיט דעם קלאפן און געוואלט אוועק־גיין, ערשט מען לאזט ניט . . . מען האלט אים צו פאר זיין קאפאטע! . . . פון גרויס שרעק איז ער געפאלן חלשות — אוורעמל דער הייוון מאכער איז געווארן ר׳ אברהם בעל תשובה. ער האט צוריק אנגעהויבן גיין דאווענען אין רבי׳נס קלויז, און איז געווארן איינער פון די הייסטע חסידים אין שטעטל.

ש. ז. אָסיפּאָוו

מיין מומע הדסה

מיין מומע הדסה, אָדער ווי מען האָט איר אין שטעטל גערופן, הדסה לאנעס, נאָך מיין באבע לאנע, אויף וועמענס נאָמען מען האָט אויך גערופן אירע דריי זין — מיין טאטע, ר' נחום לאנעס, און זיינע צוויי ברידער, אָרע לאנעס און משה לאנעס — אלזא, מיין מומע הדסה. מיין טאטנס איינציקע שוועסטער, האָט געוואוינט די צווייטע גאס פון אונז. זיך צוכאַפּן צו מיין מומע הדסה איז געווען מיין גרעסטער פאַרגעניגן.

זי איז געווען אַ ברייטע אידענע, שטאַרק געבויט, און איז אין יענער צייט געווען אין די מיטעלע יאָרן.

דער פעטער יאשע, איר מאַן, איז אויך געווען אַ הויכער שטאַרק־געבויטער איד, און זייער אַ צוגעלאָזענער; נאָר ער איז זעלטן געווען אינדערהיים. זונטיק פאַרטאָג פלעגט ער מיט אַפּאָר פון זיינע בנים אוועקפאָרן אויפן ישוב, אַ גאַנצע וואָך זיך אָפּזאַמען, און פרייטאָג צוריק קומען.

זיי האָבן געהאַט דרייצן קינדער. די ערשטע דריי זיינען געווען מיידלעך — עטל, מושע און סאָניע. די עלטערע צוויי בחורים, בערקע און זלמן, פלעגן שוין פאָרן מיט'ן פעטער יאשע אויפן ישוב. די איבעריקע קינדער פלעגן אַלע מאָל זיין אין הויז. ווען איך בין נאָר געקומען, איז אין הויז געווען ווי אויף אַ יאַריד — אַ הו־האַ, אַ טומל, עד לב השמים. איך פלעג זיך גלייך אַריינ־וואַרפן אין מיטן און זיך פילן אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער. די מומען פלעג איך מערסטנס געפינען לעבן אויוון — אין איין האַנט האַלטנדיק אַ ווילקע מיט וועלכער זי פלעגט אַריינרוקן אַ טעפּל אין אויוון; אָדער אַ לאָפּעטע, אַריינ־זעצנדיק ברויט אין אויוון. אויף דער אנדערער האַנט האָט זי שטענדיק גע־האַלטן אַ פּיצל קינד וואָס האָט פון איר ברוסט געזויגן. פאַר איר פאַרטוך האָט זיך שטענדיק אָנגעהאַלטן נאָך אַ קליין נפש'ל, וועלכער פלעגט אַלע מאָל וויינען און שרייען אַז ער וויל אויך טיטי. . . . אויפן דיל פלעגט אַרומקריכן לייזערקע, אַ דריי־יאָריק נפש'ל, וועלכער איז געווען אַ סידון — צו דריי יאָר האָט ער נאָך ניט געקאָנט אַרומגיין, פלעגט ער שטענדיק אַרומקריכן אויפן דיל. זיין צייט פאַרטרייב איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער פלעגט נאָכקריכן נאָך די הינער, וועלכע זיינען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איבערן הויז, און אַזוי שנעל ווי אַ הון פלעגט פון זיך אַרויסוואַרפן איר אָפּפאַל, האָט ער דאָס גלייך אויפגעהויבן און אַריינגעלייגט אין מויל. דערביי פלעגט זיין פּנים'ל אויסדריקן אַזאַ פרייד, אַזוי ווי גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ גליק עס האָט אים געטראָפן. . . .

חיים'קע, אַ אייניגעלע פון אַ יאָר פינף, האָט געהאַט אַן אַנדער צייט פאַר־טרייב. זיי האָבן געהאַט צוויי קעץ, וועלכע פלעגן זיך שטענדיק שלאָגן; אַזוי ווי ער איז געווען אַ געוואַלדיקער רודף שלום'ניק, פלעגט ער וועלן אַז נאָך אַזאַ געשלעג זאָלן זיי זיך איבערבעטן און צוקושן זיך . . . פלעגט דאָס אים אָבער ניט אָנקומען אַזוי גרינג. אַז ער האָט שוין געכאַפּט איין קאַץ, איז די אַנדערע אַנטלאָפן; פלעגט ער, האַלטנדיק די קאַץ שטייף פאַרן האַלז אַזוי אַז זי האָט אַזש געעפנט דאָס מיילכל און אַרויסגעשטעקט איר צונג, אַרומקריכן מיט איר אונטער די בעטן זוכנדיק די אַנדערע קאַץ. אַז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט שוין געכאַפּט די אַנדערע קאַץ, אויך פאַרן האַלז, און ער פלעגט זיי צולייגן אַ מויל צו אַ מויל אַז זיי זאָלן זיך קושן, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט די פיסלעך אַטאַקירן איינע די אַנדערע, און אין דער זעלביקער צייט אים אויך צעדראַפּען; פלעגט ער אָנהויבן שרייען — מאַמע! זיי ווילן זיך ניט איבערבעטן! אַז די מומע פלעגט זיין אין שטוב דערביי און צוקוקן די גאַנצע סצענע, פלעגט דאָס איר ניט אָנהויבן צו אַרן; נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן — מאַמע, זיי ווילן זיך ניט איבערבעטן, פלעגט זי גאַנץ קאַלטבלוטיק ענטפערן: אַ יאַמע זאָל דיר זיין, מיין קינד; ווער געהרגעט מיט די קעץ צוזאַמען. ווען זי פלעגט אַמאָל זיצן באַם טיש און עסנדיק האַלטן דעם פּיצל קינד לעבן ברוסט, און דער אַנדערער פלעגט זיך האַלטן באַ איר פאַרטוך שרייענדיק אַז ער וויל אויך טיטי, דערזען ווי איר סידון קלייבט פון דיל די הינערשע אָפּפאַל און לייגט אין מויל, פלעגט זי אַ זעץ טאָן דעם פּיצל קינד אויפן דיל, וועלכער האָט זיך גלייך איבערגעקוליעט און געמאַכט גוואַלדן, דעם אַנדערן ליבהאָבער פון טיטי אַ שאַר אַוועקטאָן פון זיך, אַזוי אַז ער פלעגט אַוועקפאַלן אַריבער דעם קליינעם נפש'ל, אַ כאַפּ טאָן דעם סידון, אים אויפהויבן אין דער הויך, נעמען מיט אים טאַנצן, זאָגנדיק: אוי, ער איז דאָך באַ מיר דער בעסטער קינד פון אַלעמען, אַ געזונט צו אים — ער ווייסט אַז איך האָב קיין צייט ניט פאַר אַלע מיינע פרעסער, עסט ער אָפּ אַליין . . . דערביי פלעגט זי אַריינשטופּן אַ פינגער צו אים אין מויל און אַרויס־שלעפּן וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען, און ער פלעגט זיך שטאַרק צעוויינען.

ווען איך פלעג אַריינקומען אין הויז, האָט זי קיינמאָל ניט פאַרפעלט מיך צו באַגעגענען מיט אַ „סקאָצל קומט!" איצט וועט שוין זיין דער יאַריד פאַר־פול! און באַ די ערשטע געלעגנהייט וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי מיך צוגע־רופן צו זיך, אין פאַרטוך אויסגעשנייצט מיין נאָז, דערביי אויספרעגנדיק וואָס אַלע אין הויז מאַכן, און צי די בהמה אָדער די ציג, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט, מעלקט זיך נאָך; אָדער צי די בהמה האָט זיך שוין אָפּגעקעלבט, און צי די ציג האָט זיך שוין אָפּגעציקלט. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די פראַגן, איז געקומען אַ פראַגע, ווען די באָבע לאַנע איז באַ אונז געווען? אַז איך האָב איר געזאָגט

אַז די באָבע לאַנע איז בא אונז געווען היינט אָדער נעכטן, פלעגט זי ווערן שטאַרק אין כעס און אַ זאָג טאָן: נו, געווים, בא מיר, זאָגט זי, אַז זי קומט קריגט זי אַ קאָפּ־ווייטיק, און בא דעם זון רוט זי זיך אָפּ . . . ווען מיין מאַן וואָלט געווען אַ לערנער אַזוי ווי מיין ברודער, וואָלט זי צו מיר אויך **געקומען.** דערביי פלעגט זי אָפּשניידן אַ שטיק ברויט און מיר דערלאַנגען מיט אַ שטיקל צוקער, זאָגנדיק — נו, גיי זלמנ'קע, שפּיל זיך.

שפּילן זיך האָב איך דאַרטן גראַד געהאַט מיט וועמען. זי האָט געהאַט דריי אינגלעך אין מיינע יאָרן — ישראל איז געבאָרן געוואָרן אין דעם זעלביקן חודש מיט מיר, ארע איז געווען מיט אַ יאָר עלטער פון מיר, און לייבקע מיט אַ יאָר אינגער. מיט מיר צוזאַמען האָט עס צוזאַמענגעשטעלט אַ קוואַרטעט, וועלכער פלעגט אין אַלע שפּילעריען שפּילן די ערשטע פידל. אָבער חוץ דעם קוואַרטעט זיינען געווען נאָך קרעפטן וועלכע פלעגן איינטיילנעמען אין די שפּילעריען.

ערשטנס איז געווען איצעלע דער פּיצעלע . . . ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר אינגער פון מיר. ביז 4 יאָר איז ער מיט גאָטס הילף געווען אַ סידון, פלעגט אַרומקריכן אויפן געזעסל, און קאָמאַנדעווען מיט די גרעסערע קינדער. אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין, איז ער געווען קליין ווי אַ פּיפּערנאָטער, נאָר ווי קליין ער איז געווען, האָט ער אונז אָנגעטאָן די גרעסטע צרות. איך האָב אים פיינט געהאַט ווי אַ איד האָט פיינט חזיר; אין מיטן שפּיל פלעגט ער אונז אַלע מאָל אָפּטאָן אַ שמד שטיק און צעשטערן די גאַנצע שפּיל.

ווייטער איז געווען חנא'לע די מאַנעלע. מאַנעלע האָט אים די מומע אַליין אַ נאָמען געגעבן. דאָס איז געווען בלשון סגי נהור, ער איז געווען מיט אַ דריי יאָר אינגער פון מיר, נאָר איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי איך. אַז ער פלעגט אימיצן דערלאַנגען אַ כמאָל מיט זיין הענטעלע, האָט זיך יענער פּילע טעג אַרומגעטראָגן מיט אַ ווייטיק. האָט אימיצער פון די קינדער עפּעס געהאַט, און ער האָט אויף דעם אַן אויג געוואָרפן, איז דאָס שוין געווען אין זיינע הענטעלעך. די מומע פלעגט צו אים גוטמוטיק זאָגן: צי וואַקסט בא מיר מיט גאָטס הילף אַ גנב, פאַרוואָס האָט דיך די מגפה ניט צוגענומען? דערביי פלעגט זי אים אַרויסרייסן אַ שטיק פלייש, נאָר געוויינט האָט ער קיינמאָל ניט; ער האָט נאָר אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן פון אַ גזלן, זיך צוגעהאַלטן פאַרן פלאַץ וואו זי האָט אים אַ שטיק פלייש אויסגעריסן, און אָנגעהויבן עפּעס פּרעפּלען שטילערהייט. . . . איך ווייס ביז היינט ניט, מיט וואָס איך האָב געפונען חן אין זיינע אויגן, ער איז אַלעמאָל געווען אויף מיין זייט; און אויב אימיצער פון די קינדער האָט מיך מיט עפּעס בע'עולה'ט, האָט ער זיך שוין פאַר מיר אָפּגערעכנט. . . .

מיין לעבן

ווען מיר פלעגן זיך אַלע צעהוליען, איז די מומע הדסה דאַן געווען אין זיבעטן הימל. זי פלעגט צווישן אונז אויך אַריינוואַרפן די צוויי קליינינקע, און זיך אַליין אַוועקזעצן באַם טיש איבערכאַפּן דאָס הארץ. עס פלעגט זיך מיט איר גאָרניט אָנקערן וואָס מיר טוען. זי איז זיך געזעסן רוהיק, און שטאַרק הנאה געהאַט פון איר עסן. ווען אימיצער האָט אַרויפגעטראָטן אָדער אַרויפ־געפאַלן אויף די פּיצעלעך, און זיי האָבן געמאַכט געוואַלדן, דאַן פלעגט זי זיך אַזוי ווי פון שלאָף אויפכאַפּן, נעמען דאָס פּיצל אויף די הענט, פאַרשטאָפּן עס דאָס מיילכל מיט איר ברוסט, און זאָגן: וואַרט, ממזרים, זאָל נאָר דער טאַטע קומען, וועט אייך שוין קיין צרות ניט פעלן. דאָס פּיצל פלעגט זייגנדיק פון איר ברוסט נאָך אַלץ כניקען און טרייסלען מיט דעם עבר׳ל וואָס מען האָט אים צעקאַליעטשעט.

דער גרעסטער יום־טוב פלעגט באַ מיר זיין ווען איך האָב געפּויעלט באַ מיין מאַמען זי זאָל מיך לאָזן גיין נעכטיקן צו דער מומע הדסה. פאַר מיין אַרויסגיין האָט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיר אָנצוזאָגן, אַז איך זאָל לייענען קריעת־שמע פאַרן שלאָפן גיין, ווייל אויב ניט, וועלן מיך דער מומעס שדים צערייסן. דער טאַטע פלעגט שמייכלען דערביי. ווען איך בין אַריינגעקומען אין הויז, האָט די מומע, ווי געוויינלעך אַ זאָג געטאָן — „נו, ס׳קאַצל קומט!" איך פלעג מיט גרויס פרייד אויסרופן: מומע, איך בין דאָ געקומען נעכטיקן. אויף וואָס די מומע פלעגט מיר גלייכגילטיק ענטפערן — דו׳סט טאַקע דאָ אויסגעפעלט צום רומל.

צווישן די קינדער פלעגט ווערן אַ געוואַלדיקע שמחה, מען האָט זיך אַרומ־גענומען און אָנגעהויבן זינגען: זלמן גייט דאָ שלאָפן! זלמן גייט דאָ שלאָפן! שלאָפן פלעגן מיר אויף אַ פּאַלאַטע וואָס איז געהאַנגען פון באַלקן, אין אַ שלאָף צימער אָן אַ פענצטער. (שפּעטער צו האָט מען אין דעם צימער אויסגעהאַקט אַ פענצטער, ווייל דער דאָקטאָר האָט עס געהייסן)

אונטן זיינען געשטאַנען צוויי בעטן אין וועלכע די מיידלעך זיינען גע־שלאָפן. אויף דער פּאַלאַטע פלעגן אַרויפקריכן אַמאָל פינף און אַמאָל זעקס אינגלעך. אויף וויפיל איך קאָן געדיינקען, איז קיין זאַך ניט געווען פאַרבעט איבער די ברעטער, אָבער עס האָט אונז גאָרניט געשאַדט. צום איבערדעקן זיך איז געווען נאָר איין קאָלדרע. די וועלכע זיינען געלעגן באַ די ברעגן, פלעגן אַלע מאָל שלעפּן די קאָלדרע איינער אויף איין זייט און דער צווייטער אויף דער צווייטער זייט, ווייל די קאָלדרע איז ניט געווען ברייט גענוג אַלעמען צו צודעקן. פלעגט ווערן אַ געוואַלד און אַ טומל, ביז די מיידלעך, וועלכע זיינען געשלאָפן אונטן אין די בעטן, האָבן געמאַכט געוואַלדן אַז זיי קאָנען איבער אונז ניט שלאָפן.

ביסלעכווייז פלעגט מען זיך איינשטילן, און איינשלאָפן מיט אַ געזונטן גליקלעכן שלאָף.

ש. ז. אַסיפּאָוו

שבת און יום־טוב באַ מיין טאַטן אין הויז

די שבת אָדער יום־טוב שטימונג האָט זיך באַ אונז אין הויז, פּונקט ווי אין אַלע אידישע הייזער פון שטעטל, אָנגעהויבן אַ טאָג פאַרן ערב שבת אָדער יום־טוב. דאַנערשטיק פרי פלעגט דער באָד גוי ארומגיין איבער די גאַסן און געסלעך פון שטעטל און שרייען — „זשענשטשיני וו'באַניו!" אַז מען האָט דערזען קוזשמען, און דערהערט זיין רוף אין באָד אריין, פלעגט ווערן אַ געלויף און אַ געהייל פון אַלע ווייבער. יעדע איינע האָט געוואָלט וואָס פריער זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דער באָד און זיך נעמען אריינפירן דעם שבת אין הויז אריין.

אריינפירן דעם שבת אָדער יום־טוב אין הויז, איז ניט געווען פון די גאָר גרינגע זאַכן. מיר דאַכט, אַז דאָ, באַ אונז אין אַמעריקע, אַפילו אין די גאָר רעליגיעזע פאַמיליעס, באַ וועלכע מען היט אָפּ דעם שבת און יום־טוב מיט אַלע פּרטים, קאָן זיך ניט פילן דער גרויסער אונטערשייד פון וואָך ביז שבת אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געפילט אַמאָל אין די אידישע ישובים. גאַנץ איינפאַך, דאָס הויז קוקט דאָ אויס, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, אַלע טאָג שבת־יומטוב'־דיק; דאָס עסן איז אַ גאַנצע וואָך ניט צו פאַרזינדיקן . . . און דאָס אָנטאָן זיך אויך דאָס זעלבע. דארום ווען שבת־יום־טוב קומט אָן איז דער אונטערשייד ניט אַזוי גרויס, און עס קאָן בשום אופן ניט מאַכן דעם זעלביקן איינדרוק ווי אַמאָל אין אונזער אַלטער היים, ווען דער אונטערשייד איז געווען אַזוי געוואַלדיק גרויס, סיי אין דעם אויסזען פון הויז, סיי אין דעם עסן, ווי אויך אין דעם אָנטאָן זיך; און ספּעציעל אין דעם אויסקוק פון טאַטע־מאַמע, ווען זייערע פאַר־זאָרגטע פּנימער פון אַ גאַנצע וואָך, האָבן גאָר אַן אַנדער אויסזען געקראָגן, און פון זייערע אויגן פלעגט די נשמה יתירה ארויסגלאַנצן.

היינט די גאַנצע סביבה פון שטעטל? . . .

אין דער צייט ווען באַ אונז אין אַמעריקע, וואו מען זאָל זיך ניט געפינען, גייט אָן אין גאַס דער זעלביקער טומל און הו־הא אום שבת־יום־טוב פּונקט אַזוי ווי אַלע טאָג, און דאָס שטערט גאָר היבש זיך אריינצולעבן אין אַ יום מנוחה שטימונג, האָט דאָך דאָרטן, צוזאַמען מיט דעם אידן, דער גאַנצער ארום גערוט — דער פערד און די בהמה, די גאַס, און אַפילו דער שבת גוי, האָבן דערמאָנט אַז עס איז שבת, און עס האָט געהאָלפן דעם אידן זיך אריינ־צולעבן אין אַ העכערער שטימונג.

גייענדיק פון באָד אהיים דאַנערשטיק פרי, פלעגט די מאַמע שוין איינ־קויפן פיש און פלייש אויף שבת. קיין געלט האָט זי מיט זיך ניט גענומען גייענדיק אין באָד, אָבער סיי די פיש ווייבער, ווי אויך דער קצב, פלעגן זאָגן צו מיין מאַמען: נעמט, נעמט, רישע ראַניע, וואָס איר דאַרפט; נישט קשה, מיר ווייסן אַז איר וועט באַצאָלן. קומענדיק אהיים, האָט זי צוזאַמען מיט אונזער שכנה וואָס מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט, זיך גענומען סקראָבען און ראַמען די הויז אויף שבת. פרייטיק פלעגט די מאַמע אויפשטיין פאַרטאָג און זיך נעמען צו די חלה

דער טאַטע האָט אַלע מאָל פרייטיק פרי אַריינגעטראָגן האָלץ פון הויף און פלעגט אַ פּאָר שייטלעך צעשפּאַלטן אויף דינע שטיקלעך. דערביי האָט ער באַ יעדן קלאַפּ מיט דעם האַק אַרויסגעקרעכצט — האַ! האַ! האַ! איך פלעג גלויבן, אַז דער האַ! העלפט אַז דאָס שייטל האָלץ זאָל זיך צעשפּאַלטן. מיט דעם אָנשפּאַלטן דינע העלצלעך, האָט ער צופרידנגעשטעלט דער מאַמע, ווייל די האָלץ וואָס ער פלעגט איינהאַנדלען איז דער מאַמען קיינמאָל ניט געפעלן געוועזן. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון נאַסע יאַלאָווע האָלץ ביז טרוקענע; פלעגט די האָלץ קיינמאָל ניט וועלן ברענען. עס פלעגט שפייען און הוסטן און גיסן מיט וואַסער, און די מאַמע האָט געהאַט גרויס עגמת נפש ביז די האָלץ האָט זיך אין אויוון אָביסל אויסגעטריקנט און אָנגעהויבן צו ברענען. מיט טרערן אין די אויגן פלעגט זי אים זאָגן: הערסט, נחום, ווען דו ביזט אַזאַ מבין אויף האָלץ ווי אויף אַ בלאַט גמרא, וואָלט איך ניט גע־דאַרפט אַזוי אויסגעריסן ווערן ביז דער אויוון צינדט זיך אָן. . . .

דער טאַטע פלעגט דערביי גוט־מוטיק שמייכלען, און זאָגן: נו, נו, קאָן דאָס אַ מענטש אַלעס ווייסן? דער גוי האָט געזאָגט אַז די האָלץ איז טרוקן.

ביז דער אויוון פלעגט זיך איינהייצן, האָט מען די פאַרקנאָטענע טייג פאַר חלה געהאַלטן אונטער דער פערענע, אום עס זאָל גוט אויפגיין . . . מיט די פערענעס הילף פלעגן די חלות טאַקע זיין זייער געראָטן — גרינג ווי פוך!

פרייטיק פאַר וואַרמעס, פלעג איך אַלע מאָל קריגן אַ הייסע בולקע מיט קאַלטע מילך. דער מאכל האָט געהאַט טויזנט טעמ'ן, און איך פלעג אַ גאַנצע וואָך וואַרטן אויף דעם; און אויף נאָך אַ זאַך פלעג איך וואַרטן אַ גאַנצע וואָך — אויף מעביר זיין די סדרה, גלייך ווי איך פלעג קומען מיט דעם טאַטן פון באָד פרייטיק באַטאָג. איך האָב שטאַרק ליב געהאַט סיי דעם טראָפּ פון דער סדרה ווי אויך דעם ניגון פון דער הפטרה. מיין קול פלעגט זיך צעקלינגען אַזוי ווי אַ זילבערנער גלעקל, און סיי טאַטע־מאַמע, ווי אויך איך אַליין, האָבן פון דעם שטאַרק הנאה געהאַט.

ווען די מאַמע האָט פאַרוקט דעם טשאָלנט און פאַר'חתמ'עט דעם אויוון,

נאכדעם ווי זי האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אָנגעאַרבעט אַריינברענגענדיק דעם שבת אין הויז, האָב איך דערפילט אַז דער שבת קודש איז שוין אויפן שוועל. . . .

און אָט איז שוין דער שבת טיש געגרייט. ביידע גרויסע פליגלען פון טיש פאַרנאַנדער געעפנט — מיין מאַמע האָט ליב געהאַט אַז באַם טיש זאָל זיין פראַסטאַרנע. . . . מיר זיינען טאַקע נאָר געווען זאַלבע דריט, זי האָט אָבער געוואוסט אַז מערסטנס קומט דער טאַטע אַהיים פון קלויז מיט אַ פּאָר אורחים אויף שבת — זי פלעגט זיי רופן בטלנים. זי פלעגט אַלע מאָל רעדן מיט באַדויערן וועגן די וויבער וועלכע שטעלן זיך אָפּ אַליין אָן אַ גראַשן, נאָר מיט דעם בטחון, אַז גאָט וועט העלפן. . . .

די מאַמע גייט צו צום טיש בענטשן ליכט . . . גאָט! וואָס פאַר אַן אונטער־שייד איך זע אין מיין מאַמען . . . עס איז גאָר אַן אַנדער מאַמע! די מאַמע פון פריער, וועלכע איז געווען פאַרטאָן און פאַראַרבעט מיט דעם אַריינפירן דעם שבת אין הויז, איז ערגיץ נעלם געוואָרן . . . דאָ שטייט פאַר מיר אַן אַנדער מאַמע — איבערגעטאָן אין אַ שבת'דיק קלייד, מיט אַ קאַסינקע אויפן קאָפּ, און דער פּנים וועלכער איז אַלע מאָל געווען שעהן, שיינט איצט אַזוי ווי די שכינה וואָלט אויף איר גערוט. . . .

איך האַלט ניט אויס, און שריי אויס — מאַמע, דו ביזט אַזוי שעהן אַז איך וויל דיך קושן! אויף וואָס מיין ליבע מאַמע פלעגט מיר מיט אַ פרומער מינע ענטפערן: עס איז ניט שעהן, מיין קינד, פאַר אַ גמרא אינגל זיך צו קושן מיט דער מאַמען . . . און איך פלעג זיך שטאַרק פאַרשעמען פאַר מיין גרויסער נאַרישקייט.

נאָך ליכט בענטשן, פלעג איך מיט איר צוזאַמען אַוועקגיין אין בנימן חיים'ס בית מדרש, וועלכער האָט זיך געפונען נאָר אַ שפּאַן פון אונזער הויז; מיר זיינען זעלטן נעגאַנגען פּריטיקצונאַכט מיט דעם טאַטן אין רבי'נס קלויז, וויל נאָך מעריב פלעגט דער רבי ערשט זאָגן חסידות וואָס פלעגט געדויערן אַ גוטע שעה צייט. ווען אַלע אין גאַס האָבן שוין אָפּגעגעסן די שבת'דיקע וועטשערע, און די יונגוואַרג האָט אַרומגעשפּאַצירט אין גאַס, דאַן פלעגט מען דערזען ווי צוויי אידן גייען אין מיטן גאַס פאַרטאָן אין פּילפּול. דאָס זיינען געווען ר' נחום חוזר און ר' נחום לאַנעס, דעם רבי'נס גבאי. אָט שטייען זיי ביידע פאַר מיינע אויגן ווי זיי פלעגן אָנקומען אין גאַס פון דעם רבי'נס קלויז — ביידע העכער פון מיטעלן וואוקס, צוויי שטאַלטנע מאַסיווע אידן, גייען האַלטנ־דיק זיך פאַר די בערד; די אויגן האַלב צוגעמאַכט, רעדנדיק איינער צום צווייטן מיט האַלבע אָפּגעהאַקטע ווערטער, מיט דעם ניגון פון זוהר. גאָר אָפט פלעגט מען הערן איינעם פון זיי אויסרופן: שוטה, ניט דאָס האָט ער געמיינט! אויף וואָס דער אַנדערער פלעגט מיט דעם זעלבן ניגון ענטפערן: ביזט אַליין אַ שוטה,

אַט דאָס טאַקע האָט ער געמיינט! (אגב־אורחא, ווען ר׳ נחום חוזר איז נפטר געוואָרן, ער איז געווען עלטער פון מיין טאַטן, האָט מיין טאַטע איבערגענומען די חזרה).

זומער צייט, ווען די פענצטער פלעגן זיין אָפן, פלעגן די עלטערע אידן צוקומען, זאָגנדיק גוט־שבת, נעמען אַ שמעק טאַבעק באַם טאַטן, און וואַרטן ביז מיר האָבן אָנגעהויבן זינגען זמירות האָבן זיי מיט אונז מיטגעזונגען.

ווען דער טאַטע פלעגט אַריינקומען אין הויז פון קלויז מיט דעם ברייטן גוט־שבת, און פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטער, נעמען שפּאַנען איבערן שטוב הין און צוריק, זינגענדיק שלום עליכם מלאכי השרות מלאכי עליון, רופנדיק צו די מלאכים זיי זאָלן קומען מיט אים צוזאַמען מקבל צו זיין די מלכה שבת, דאַן פלעג איך בפּועל ממש זען ווי די שיינע מלאכים שוועבן אַרום אין הויז, העלפנדיק אונז מקבל צו זיין די מלכה שבת. . . .

שפּעט, גאָר שפּעט, פלעגט זיך פאַרציען די וועטשערע, ווייל אין מיטן פלעגט מען זינגען זמירות, און אויב דער טאַטע האָט געבראַכט פון קלויז אורחים, פלעגט מען אין מיטן עסן איבערגיין די חסידות וואָס דער רבי האָט געזאָגט נאָך מעריב. עס האָט קיינמאָל ניט געהאָלפן מיין מאַמעס בעטן זיך, אַז מען זאָל פריער אָפּעסן, ווייל דאָס עסן ווערט קאַלט און איבערגעפּירט; מען פלעגט זיך אַזוי פאַרטאָן אין חסידות אַז מען האָט גאָרניט געהערט וואָס זי רעדט. . . .

אויף מאָרגן, שבת, פלעגט דער טאַטע אויפשטיין אַביסל שפּעטער ווי אַלע טאָג. נאָכן אָפּגיסן נעגל־וואַסער, פלעגט ער מעביר זיין די סדרה. איך פלעג שלאָפן אויף אַ קאַנאַפּע אין זאַל — אַ גרויסער צימער מיט פיר פענצטער צום גאַס. ווען דער טאַטע פלעגט זיך אויפן קול צעזינגען די סדרה, פלעג איך עפענען די אויגן — די שבת לייכטער אויפן טיש, דער טאַטע אַזאַ רואיקער זיצט און איז מעביר די סדרה, די מאַמע ליגט נאָך אין בעט און רוט, אין שטוב אַזאַ שבת׳דיקע רואיגקייט! . . . אין אַזעלכע פרימאָרגנס, פלעג איך זיך מאַכן פאַרוואָורף פאַר יענער צייט ווען מיר זיינען געקראָכן אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישע זאַכן, ווען איך בין געזעסן גאַנצע טעג אין חדר, און דער בייזער רבי האָט אַלע מאָל געפונען אַ געלעגנהייט אַ אינגל פאַר אַן אויער אָנרייסן, אָדער טאַקע אוועקלייגן און אָפּשמייסן, זאָגנדיק דערביי: אַ אידישער אינגעלע דאַרף וועלן לערנען; פלעגט מיר קומען דער אומגליקלעכער געדאַנק, אַז אַ גוי צו זיין איז אַ סך בעסער ווי צו זיין אַ איד.

אין אַזעלכע שבת פרימאָרגנס, פלעג איך שטאַרק חרטה האָבן אויף יענע נאַרישע און שרעקלעכע געדאַנקען, וועלכע האָבן מיך פאַר אַ לייגגערע צייט פאַרפאָלגט. איך פלעג אין מיינע געדאַנקען פאַרגלייכן דאַן דעם אידישן שבת־

יום־טוב מיט להבדיל דעם גויאישן — ווען די זעלביקע גוים פלעגן גיין זונטיק פאַרביי אונזער הויז אין קלויסטער, אַלע פאַרפּוצט אין ווייסע פעלצענע סיערמיאַגעס, און די שיקסעס און גויעס אין שיינע קאָלירטע קליידלעך און פּאַטשיילקעס אויף די קעפּ, און גייענדיק צוריק פון קלייסטער פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן לעבן שיינק, אָדער שפּעטער, לעבן מאָנאָפּאָלקע וואָס איז געווען אַנטקעגן אונזער הויז, זיך אָנשיכורן, און דאַן „דאַוואַי דראַטסאַ”, זיך נעמען שלאָגן; און אַביסל שפּעטער זיך וואַלגערן אין רינשטאָק שיכור׳ערהייט; געוואַלד, פלעג איך טראַכטן, ווי אַזוי האָט אַזאַ אומגליקלעכער געדאַנק געקאָנט קומען צו מיר אין קאָפּ?

איך פלעג ליגנדיק אויפן קאַנאַפּע שטאַרק תשובה טאָן און בעטן בא גאָט ער זאָל מיר פאַרגעבן אויף מיינע פריערדיקע זינד.

שבת פלעגט דער רבי זאָגן חסידות פאַרן דאַוונען. דערפאַר פלעגט דער דאַוונען אין רבינס קלויז אויך שבת פרי זיך ענדיקן אַ סך שפּעטער ווי אין אַלע אַנדערע בתי מדרשים. ווען איך פלעג קומען מיט דער מאַמען פון בנימן חיים׳ס בית מדרש, פלעגט זי מיר געבן עפּעס צוביסן — מערסטנס איז דאָס געווען אַביסל צעריבענע רעטעך מיט שמאַלץ, אַמאָל אַביסל צימעס. נעם, מיין קינד, פלעגט זי זאָגן, ביים עפּעס צו, ווייל ביז דער טאַטע וועט קומען וועט דיר איבער׳חלש׳ן די האַרץ. ווען מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן עסן וואַרמעס — דעם געשמאַקן טשאָלנט — פלעגן שוין מיינע חברים שטיין אין דרויסן און וואַרטן ביז איך וועל אָפּעסן, און דאַן וועלן מיר לויפן — אויב עס איז געווען זומער — אין פעלד זיך שפּילן.

דאָס שפּילן זיך אין פעלד הינטערן שטאָט איז געווען אַ געוואַלדיקע אַטרעקציע. די פעלדער אַרום שטעטל זיינען געווען פאַרזייט מיט קאָרן; אין מיטן זומער, ווען די קאָרן איז שוין געווען הויך און צייטיק, און אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן איבער זייערע קעפּלעך, פלעגט זיך די קאָרן פעלד נעמען כוואַליען אַזוי שיין אַז עס פלעגט בא מיר זיין אַ גרויס געניס צו שטיין און קוקן אויף די כוואַליעס. אין מיטן פון אַן אַזאַרטנע שפּיל, פלעג איך זיך אָפּשטעלן און אויסשרייען: זעט, קינדער, ווי שיין די אינדן זיינען אויפן ים! . . . אָבער ווי גרויס עס איז געווען די אַטרעקציע פאַר מיר צו לויפן שפּילן זיך אין פעלד, האָב איך קיינמאָל ניט געבעטן קיין דערלויבניש פריער פון טיש אוועקצוגיין, ווייל דאָ, באַם טיש, האָט מיך אַ גרעסערע אַטרעקציע דערוואַרט — גלייך נאָך דעם פעטן קוגל פלעגט באַם טיש פאָרקומען אַ גאַנצער ספּעקטאַקל, דער טאַטע פלעגט אָנהויבן צו זינגען זמירות — אסדור לסאודתה, בצפרא דשבתא, ואזמין בהשתה. דאַן פלעג איך אונטערכאַפּן: ואזמין בהשתה, ואזמין בהשתה אתיקא קדישה. און דאַן גייט אוועק אַ גאַנג — טראַ־לאַ־לאַ . . .

מיין לעבן

אַט דאָס זמירות זינגען איז ניט נאָר געווען אַ גרויסע אַטרעקציע פאַר מיר, עס איז געווען די אַטרעקציע פון דער גאַנצער גאַס. די אידן וועלכע האָבן שוין געהאַט צייט צו כאַפּן אַ דרעמל נאָכן טשאָלנט, און גענומען אַ שפּאַציר, פלעגן זומער צייט צוגיין צו די אָפענע פענצטער און זיך אָנשליסן אין דעם כאָר, זינגנדיק מיט אונז זמירות . . . עס איז געווען אַן אמת׳ער ספּעקטאַקל.

גאַנץ אָפט, ווען די זמירות האָבן זיך פאַרצויגן צו לאַנג, פלעגט פון קעגנ־איבער אונזער הויז צוקומען ר׳ נחום חוזר פול מיט רוגזה. נחום, פלעגט ער אויסשרייען, דו ביזט דאָך אַ צורר היהודים, דו לאָזט דאָך ניט אַ אידן הנאה האָבן פון אַ דרעמל נאָכן שבת׳דיקן טשאָלנט! . . .

אויף וואָס מיין טאַטע פלעגט אים ענטפערן: איך בין אַ צורר היהודים, האַ? און דו ביזט דאָך גאָר קיין חסיד ניט, דו ביזט גאָר אַ מתנגד! אַז דו קאָנסט גאָרניט הנאה האָבן פון זינגען זמירות. ענדיקן פלעגט זיך דאָס מיט נעמען אַ שמעק טאַבעק, און ר׳ נחום חוזר פלעגט זיך אָנשליסן אין זמירות זינגען.

שבת באַטאָג, נאָכדעם ווי טאַטע־מאַמע האָבן געכאַפּט אַ דרעמל, פלעגט די מאַמע אַראָפּנעמען פון אויוון דעם לײמענעם הליאָק, וועלכער איז שטענדיק געווען איינגעוויקלט אין אַ וואַרימע קאָלדרע אום עס זאָל זיך האַלטן וואַרעם, און מען האָט געטרונקען טיי מיט וואַרעניע. מיין טאַטע פלעגט זיך מיט דעם קוויקן און זאָגן, אַז נאָך טשאָלנט איז טיי מיט וואַרעניע אַ מאכל מלך. איך פלעג זעלטן זיין דערביי, ווייל איך פלעג זיך גאָר שפּילן אין פעלד מיט די אינגלעך. איך האָב אָבער אַלע מאָל אָפּגעהיט אַז איידער אין דרויסן ווערט טונקל, זאָל איך שוין זיין אין רבי׳נס הויף. דאָרטן איז מיין טאַטע מיט נאָך חסידים אַלע מאָל געווען אין הויז פון ר׳ שכנה, דעם רבי׳נס עלטערער זון. נאָכדעם ווי ר׳ נחום חוזר, און שפּעטער דער טאַטע, האָבן איבערגע׳חזר׳ט די חסידות וואָס דער רבי האָט געזאָגט פריייטיק צונאַכט און שבת פרי, האָט דעם רבי׳נס שנור דערלאַנגט אַביסל משקה מיט צוביסן, און מען פלעגט פאַרציען דעם רבי׳נס ניגון. באַ דעם ניגון בין איך מיט מיין סאָפּראַנאָ שטימע שטאַרק צוניצגעקומען. ר׳ שכנה האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט מיר אַ קניפּ צו טאָן אין בעקל און זאָגן צו מיין טאַטן: נחום, דיין אינגל וואַקסט אַ כלי. . . . אויף וואָס מיין טאַטע פלעגט ענטפערן: אים ירצה השם, מיט גאָטס הילף! דערום ווען איך פלעג זיך אַמאָל פאַרשפּילן און אָנקומען ווען האָט שוין געדאַוונט מעריב, פלעגט מיין טאַטע אויף מיר שטאַרק ברוגז זיין, און קומנדיק אַ היים נאָך מעריב, פלעגט ער זאָגן צו דער מאַמען נאָך הבדלה: דיין מיזיניק וואַקסט אַ צדיק גמור, ער איז היינט ערשט אין מיטן מעריב דאַווענען געקומען אין שול

א פּאַרסאַפּעטער. די גוטע מאַמע מײַנע, װעלכע פּלעגט מיך אַלע מאָל באַשיצן, פּלעגט ענטפערן: ער איז ניט געקומען צו מלוה מלכה, נו װעט ער ניט זײַן קײן חסיד, און דאָס געקעכץ װעט בײַ זײַן װײַב ניט איבערגעפּירט װערן אַלע שבת. דער טאַטע פּלעגט אַ בורטשע טאָן אונטערן נאָז: זינדיקע אשה! און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

װינטער, װען אין דרויסן איז געװען שטאַרק קאַלט, און די מאַמע האָט מיך ניט געלאָזט גײן צו מלוה מלכה, פּרעג איך שטײן מיט איר אין הויז און מיט איר צוזאַמען אַלע מאָל אַרויסקוקן פון פענצטער אויפן הימל, צו זען אויב מען זעט שוין שטערן. אַזוי שנעל װי מען האָט דערזען אַ פּאָר שטערן, פּלעגט די מאַמע אַ װיש טאָן אַן די הענט אַן די פּייכטע שויבן און אָנהויבן צו זאָגן: גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב . . . דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק . . . דאַן פּלעגט מיר װערן אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן; אָבער אַ װײַלע שפּעטער פּלעג איך זיך טרייסטן — איבעראַכטאָג װעט װידער קומען שבת. . . .

א יום־טוב פּלעג איך דערוואַרטן מיט אַ ציטער אין האַרצן און מיט אַ געװאַלדיקער פרייד. (איך האָב בטבע געהאַט אַ יום־טוב׳דיקע נשמה). אָבער אין דער צייט װען אין הויז איז מען געווען שטאַרק פאַרנומען אין דעם ערב יום־טוב, אַרײַנצוברייִנגען דעם יום־טוב, און איך פּלעג שוין װערן שטאַרק יום־טוב׳דיק, האָט זיך אָפּט דער יום־טוב גופא פאַר מיר געענדיקט מיט אַ גרויסן אומגליק . . . דאָס איז געווען אין אַזאַ יום־טוב אויף װעלכן מען פּלעגט פאַר מיר אויפנייען אַ נייעם גאַרניטער. די מאַמע פּלעגט מיך טאַקע מיטנעמען אין קראָם איך זאָל אויסקלײַבן די סחורה, װײַל זי האָט גוט געװאַוסט אַז איך בין געווען גאָר גאָר אויסקלייבעריש; אָבער װען דוד דער חייט איז געקומען נעמען מיר אַ מאָס, פּלעגט זי אים עפּעס אַרײַנרוימען אַ סוד. װאָס דאָס האָט געמיינט פּלעג איך נאָכדעם אויסגעפינען — עס האָט געמיינט אַז עס זאָל זײַן פאַראַסטאַרנע. איך פּלעג חלומ׳ן די גאַנצע צייט װי שיין מײַן נייער גאַרניטערל װעט זײַן . . . און װי אַלע מײַנע חברים װעלן מיר מקנה זײַן . . . אָבער װען איך האָב אָנגעטאָן דעם גאַרניטער צו גיין יום־טוב אין שול, פּלעגט שוין דער יום־טוב בײַ מיר זײַן אַ פאַרשטערטער . . . די אַרבל פּלעגן צודעקן מײַנע פינ־גער, און אינגאַנצן איז דער רעקל געהאַנגען אויף מיר װי אַ זאַק. איך פּלעג זיך שטאַרק צעװיינען אַז איך װיל עס ניט אָנטאָן, אָבער מײַן גוטע מאַמע, װעלכע איך האָב זייער שטאַרק ליב געהאַט, פּלעגט מיך אײַנריידן, אַז איך װאַקס אַזוי גיך, אַז ביז איך װעל קומען אין שול װעט עס זײַן אַזוי װי אויסגעגאָסן. װען מײַנע חברים פּלעגן מיר אין שול דערזען מיט דעם נייעם גאַרניטער, װי אַזוי עס הענגט אויף מיר, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן רייצן, אַז איך האָב

אַנגעטאָן דעם טאַטנס גאַרניטער. איך פלעג אין מיטן דאַווענען אַנטלויפן אַ היים, און זיך שעמען צו ווייזן אויף דער גאַס אַ גאַנצן יום־טוב.

אַט אַזוי פלעגט אַ ליבער טייערער יום־טוב פאַר מיר פאַרשטערט ווערן . . . יונגע יאָרן, נאַרישע יאָרן, וואו זייט איר אַהינגעקומען? . . .

ימים נוראים באַ אונז אין ליאַדי

די ימים נוראים, די מורא׳דיקע טעג, האָבן זיך אין שטעטל אָנגעהויבן מיט דעם אָנקומען פון ראש חודש אלול, און ווען מען האָט דערהערט דעם ערשטן בלאָז פון שופר, האָט זיך אין שטעטל גלייך דערפילט אַ נייע שטימונג.

אויף וויפיל איך געדענק, פלעגט מען אפילו אין דער לופט דערפילן אַז די ימים נוראים זיינען אָנגעקומען — מענטשן זיינען געוואָרן שטילער, איינ־געהאַלטענער, און יעדער איינער האָט געלעבט מיט אַ ציטער אין האַרצן, טראַכטנדיק פון דעם גרויסן יום הדין וואָס קומט באַלד אָן. . . . מען איז גע־וואָרן איידעלער אין דער באַנעמונג בן אדם לאדם, ווייל מען האָט געפילט מיט אַלע חושים, אַז אין די פאַרכטיקע טעג גיט מען אויבן מער אַכטונג אויף יעדן איינעמס מעשים, און מען מוז אין די טעג גוטמאַכן דאָס אויף וואָס מען איז אַ גאַנצן יאָר ניט געווען גאָר איבערקלייבעריש.

אפילו די פערד גנבים פון שטעטל פלעגן ראש חודש אלול בלייבן זיצן אין דער היים אָן אַ שטאָך אַרבעט; און אַז מען האָט זיי אָנגעזאָגט אַז אַ געוויסער פריץ האָט געקראָגן אַ פּאָר סוסים אמת׳ע אדלערס, וועלכע בעטן זיך ממש אַז מען זאָל זיי אַרויספירן, האָבן זיי געהאַט נאָר איין ענטפער: „ראש חודש אלול אַרבעטן מיר ניט . . . זיי וועלן וואַרטן מיט גאָטס הילף אויף נאָך יום־טוב . . . כאָטש דאָס האָט געקאָנט מיינען, וואַרטן ווער ווייסט ווי לאַנג, ווייל באַלד נאָך יום־טוב האָט געקאָנט אַרויספאַלן אַ פרישער שניי, און דאַן האָט מען שוין ניט געקאָנט „אַרבעטן". . . .

באַ אונז אין הויז איז די ענדערונג געווען ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן — מען האָט גערעדט שטילערהייט, אַרומגעגאַנגען שטיל אַזוי ווי חס ושלום אין הויז וואָלט געלעגן אַ געוואַלדיקער חולה, און ביז גאָט וועט העלפן, דאַרף מען זיין זייער איינגעהאַלטן. אפילו „פּראַדע די גאַנז", אונזער שכינה — מען האָט איר גערופן פּראַדע די גאַנז, ווייל ערשטנס האָט זי געהאַט אַן אויסער־געוויינלעך לאַנגע האַלז, און צווייטנס פלעגט זי שטענדיק שמוצערן אַזוי ווי אַ גאַנז — איז אויך ראש חודש אלול איינגעשטילט געוואָרן, און האָט געטאָן איר אַרבעט שטילערהייט, אָן קיינע קאָמענטאַרן. . . .

אין דעם טאָג פון די ערשטע סליחות פלעגט דער טאַטע אביסל אויפלעבן,

ווייל אַלע מאָל, אין דער זעלבער נאַכט, פלעגט קומען שלמה חיים דער שוחט, א גאַר הייסער חסיד פון דעם רבין ר׳ דובער. ער איז געווען דער ערשטער חסיד וואָס פלעגט קומען אויף ימים נוראים, און ער פלעגט פאַרפאָרן צו אונז און בא אונז שטיין איבער יום־טובים. אז עס פלעגט טרעפן, אז אין דער צייט האָט געדעגנט מער ווי געוויינלעך און די בלאָטע איז געוואָרן גאַר היבש, אַזוי אז דער בעל־עגלה האָט זיך אביסל פאַרשפעטיקט, פלעגט די מאמע זאָגן: נו, נחום, וואָס זיך צום עסן, שלמה חיים וועט שוין היינט ניט קומען, פלעגט ער בשום אופן ניט נאָכגעבן. ער פלעגט ענטפערן: ער וועט קומען, ער וועט קומען, דער בעל־עגלה האָט זיך אביסל פאַרשפעטיקט איבער דער בלאָטע. אביסל שפעטער פלעגט מען דערהערן ווי אימיצער פאָרט. זעהן האָט מען ניט געקאָנט פאַר איין שפאַן פון זיך — עס איז געווען א חושך מצרים — מען פלעגט נאָר דערהערן ווי א פערד גייט זייער געלאַסן, טיאָפּ! טיאָפּ! טיאָפּ! אין דער טיפער בלאָטע, און נאָכדעם, טפררו! . . . דער טאַטע פלעגט מיט גרויס שמחה אויסרופן: נו, איך האָב דיר געזאָגט אז ער וועט קומען!

באַם עסן פלעגט דער טאַטע אים מוזן דערציילן מיט גאַר א סך איינצעל־הייטן, וואָס עס טוט זיך באַם רבי׳ן און וואָס עס איז פאָרגעקומען דורך דעם גאַנצן יאָר (ער פלעגט קומען נאָר איין מאָל אין יאָר צום רבי׳ן). וועלכע חסידים זיינען געקומען אויף שבועות, ווער האָט חתונה געמאַכט א זון אָדער א טאָכטער; און בא זייער געשפרעך פלעגן זייערע פּנים׳ער שיינען פון גרויס פרייד. מיין טאַטע, וועלכער איז אַלע מאָל געווען קאַרג אויף ווערטער, און פלעגט א געשפרעך קאָנען אָפּ׳פּטר׳ן מיט איין וואָרט, ווי „עט!״ אָדער „בע!״, פלעגט ווערן זייער באַריידעוודיק אַזוי גיך ווי שלמה חיים איז געקומען. בא יעדן מאָל עסן האָט מען גערעדט גאַר א סך. מען האָט גערעדט פון רבי׳ן, פון חסידות, און גלאַט דברי תורה.

מיר האָט מען פון טיש ניט אָפּגעלאָזן ביז מען האָט פאַרענדיקט דאָס עסן און דאַן בענטשן מיט מזומן — איין מאָל פלעגט דער טאַטע בענטשן, א צווייטן מאָל ר׳ שלמה חיים, און א דריטן מאָל פלעגט מען מיר מכבד זיין מיט בענטשן, און איך פלעג מיין טאַטן ניט פאַרשעמען. עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אז ער זאָל פאַרפעלן מיך צו פאַרהערן אין א בלאַט גמרא, און אז איך האָב פאַר אים אָפּגעלערנט א בלאַט גמרא, מיט אַלע דריידלעך און אויסריידן, פלעגט ער מיר א קניפּ טאָן אין בעקל און זאָגן: נחום, דיין אינגל גייט אין דיינע דרכים; פון וואָס סיי דער טאַטע, ווי אויך די מאמע, פלעגן שטאַרק צופרידן זיין.

און אָט איז שוין ראש השנה. ימים נוראים פלעגט די מאמע מיט מיר אויך גיין דאַוונען אין רבי׳נס קלויז. צוויי זאַכן האָבן ראש השנה אויף מיר

געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק — דאָס גיין צו תשליך און דאָס לייענען די עקידה. די עקידה פלעגט לייענען דער רבי אַליין.

ראש השנה, די קלויז איז איבערגעפּאַקט מיט חסידים — אַ צאָל היגע, שטעטלדיקע, אָבער די מערסטע זיינען אָנגעפאָרענע, טראַדיציאָנעלע ימים נוראים באַזוכער. דער רבי, ר׳ דובער שניאורסאָן, איז דאַן געווען אַרום זעכציק יאָר אַלט. זיין געשטאַלט מאַיעסטעטיש, הויך און שטאַרק געבויט; זיינע טריט שווער און אויסגערעכנט; ראש השנה פלעגט ער טראָגן אַ ווייסע אַטלעסענע זשופּיצע, מיט אַ שוואַרצן פון זייד געפלאָכטענעם גאַרטל אַרום די לענדן; ווייסע זיידענע זאָקן, מיט שוואַרצע פּאַנטאָפל; זיין שוואַרצע לענגלעכע באָרד און פּאות מיט גראָע האָר דורכגעפלאָכטן; אויפן קאָפּ אַ טונקל ברוינער ביבער־נער שטריימל — אַן אויסזען פון אַ פּאַטריאַרך. ווען ער האָט געזאָגט חסידות, האָט ער אַלע מאָל געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. ווען ער האָט אַמאָל אַ עפן געטאָן די אויגן, וועלכע זיינען געווען אַביסל קאָסאָקע, און האָט אויף אימיצן געוואָרפן אַ בליק, פלעגט באַ יענעם די בלוטן אין די פּיאַטעס אַריין. . . . אויף וויפיל איך געדענק, האָט ער זיך געהאַלטן זייער ניט דעמאָקראַטיש — שטענדיק געווען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

נאָר יחידי סגולה האָבן צו אים געקאָנט צוקומען. מיין טאַטע, ר׳ נחום לאַנעס, זיין גבאי, איז געווען אין די בחינה, ער האָט צו יעדער צייט געקאָנט צו אים אַריינגיין.

שחרית פלעגט דער רבי דאַווענען אין יחידות. פון זיין חדר מיוחד האָט געפירט אַ טיר אין זיין קלויז אַריין. און אָט איז געקומען די צייט פאַר קריאת התורה. עס טוט זיך אַ עפן די טיר פון דעם רבי׳נס חדר מיוחד, מיין טאַטע באַווייזט זיך אויפן שוועל . . . זיינע אויגן צוויי פונקען פייער, זיין פּנים אַזוי ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט; ער שפּרייט פאַנאַנדער די הענט אַזוי ווי צוויי פליגל, עס דוכט מיר אַז אָט אָט וועט ער נעמען פליען אין דער לופטן. ער סוד׳עט אַרוים, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז מען זאָל אים דערהערן — „דער רבי קומט!" אין קלויז ווערט אין איין אויגנבליק אַזוי שטיל אַז מען הערט ניט קיין שאָרך . . . ער גייט צו צום אָרון קודש, נעמט אַרויס דעם רבי׳נס קליין ספר תורה׳לע.

אויפן שוועל פון חדר מיוחד באַווייזט זיך דער רבי. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין . . . זיין געשטאַלט וואַרפט אָן אַ געטלעכע אימה אויף אַלעמען. ער וואַרפט אַ בליק אויף זיין עדה . . . מיין יונג הערצל טוט זיך אַ צאַפּל, איך קאָן מיינע אויגן פון דעם רבין ניט אָפּרייסן; איך בין זיכער, אַז ער האָט איצט מנצח געווען דעם שטן. . . . ער נעמט גיין געלאַסן, מיט זיכערע טריט. די עדה צעשפּאַלט זיך און שאַפט מיט זיך צוויי ווענט, צווישן וועלכע ער גייט

צום בימה. דער רבי איז שוין אויפן בימה. איך שטיי אויף די טרעפּלעך וועלכע פירן צום ארון קודש, איך קוק זיך איין אין רבין און באַשליס בא זיך, אַז פּונקט אַזוי האָט אויסגעקוקט אברהם אבינו, ווען ער האָט געפירט זיין זון יצחק צו דער עקידה.

מען רופט אויף אַ כהן, עס דערהערט זיך דעם רבי'נס קול — אח . . . ר הדברים . . . עס דערהערט זיך אַ יללה פון דער ווייבערשער שול; און דאָ, אַרום מיר, שטייען גרויסע אידן, טאַטעס פון קינדער, מיט צעבראָכענע הערצער, און מען גיסט מיט טרערן. איך קאָן מיינע אויגן פון דעם רבין ניט אָפּרייסן, איך כאַפּ אויף יעדע וואָרט וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל אַזוי ווי פּערל; טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. איך דערהער: וישכם אברהם בבוקר — און אברהם איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי צו פירן זיין זון יצחק צו דער עקידה! מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט שרעק, און אַ תפילה רייסט זיך בא מיר אַרויס: גאָט, ווען איך וועל זיין גרויס, וועל איך זיין פרום, אַ זייער פרום! אפשר אַזוי פרום אַז איך וועל זיין אַ רבי; אָבער איך בעט דיך, גאָט, זאָלסט מיר ניט אָנזאָגן מיינע קינדער פאַר קרבנות מקריב צו זיין.

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך וואָלט געווען אונטער דעם שווערן איינדרוק וואָס די עקידה פלעגט אויף מיר מאַכן, ווען ניט דאָס גיין צו תשליך, און נאָכדעם שמחת תורה די הקפות. דאָס גיין צו תשליך איז געווען ניט גאָר פון די גרינגע זאַכן בא אונז אין שטעטל. די בלאָטע איז שוין דאַן געווען אין פולן בלי, פון דעם רבי'נס קלויז ביז אונזער גנילאַ פּיאַטקע איז געווען אַ היב־שער מהלך. נאָר אַהין גייענדיק איז נאָך געווען צו דערליידן, מען איז געגאַנגען איינציקווייס איבער די קלאָטקעס — עס האָט זיך געצויגן אַ עדה פון הונ־דערטע מענטשן, חסידים, און אויך אַ סך נייגעריקע, וועלכע האָבן געוואוסט אַז צוריקגייענדיק פון תשליך וועט זיין וואָס צו זעהן. . . .

נו, אַז מען האָט אָפּגעטרייסלט די ציצות און אָוועקגעשיקט די זינד מיטן וואַסער, האָט מען זיך טאַקע דערפילט אַזוי גרינג ווי די פייגל, עס איז דאַן קיינעם אין קאָפּ ניט געלעגן צו גיין זוכן קלאָטקעס, מען האָט געבראָדיעט אין דער בלאָטע אין מיטן גאַס. מיין טאַטע פאָראויס,ביידע הענט אויפגעהויבן אין דער הויך, האַלטנדיק אַ רויטע פאַטשיילקע אין איין האַנט, זינגענדיק דעם רבי'נס ניגון. דער רבי און די גאַנצע עדה נאָך אים.

מיין טאַטע פלעגט אין מיטן זינגען אויסרופן: וואו בלאָטע, וואָס בלאָטע? ניטאָ קיין בלאָטע! און אַלע פלעגן אויסשרייען נאָך אים, ניטאָ קיין בלאָטע! ניטאָ קיין בלאָטע! . . .

זינגט, אידן, דעם רבי'נס ניגון, פלעגט דער טאַטע אויסשרייען. און די גאַנצע עדה האָט זיך צעזונגען, טאַפּטשענדיק אין דער טיפער בלאָטע. . . .

מיין לעבן

איך פלעג אָנקוקן מיין טאַטן און אים ניט דערקאָנען. מיין טאַטע איז דאָך אַזאַ שטילער אַ גאַנצן יאָר, און היינט איז ער אַזוי אַנדערש, אַזוי אַנדערש! די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור האָט ער געפאַסט יעדן טאָג — די לעצטע צוויי טעג האָט ער געפאַסט אָן אַן „הפסקה". ער פלעגט פאַר דער צייט ווערן זייער אָפּגעצערט, און פונדעסטוועגן געדיינק איך ניט אַז ער זאָל זיך אַמאָל האָבן געקלאָגט אויף עפּעס. ווען די פריילעכע טעג זיינען אָנגעקומען און מען האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף ברכה צו משפחה און פריינט, פלעגט מען צוזאַמענמישן קוגלען מיט טשאָלנט, און עסן זיסע מאכלים, טרינקען אַ היבש ביסל בראַנפן, און דאָס אַלץ אויף אַן אויסגעהונגערטן מאָגן, האָט דאָס אים דאָך קיינמאָל ניט פאַרשאַדט, און ער איז קיינמאָל ניט קראַנק געוואָרן.

ערב יום כפור פלעגט מען בא אונז פאַרפאַסטן פריער ווי אין יעדע אַנדער הויז פון שטעטל. ערשטנס, פלעגט דער טאַטע וועלן קומען פרי אין קלויז. עס זיינען געווען פאַרשידענע זאַכן וואָס ער האָט אַליין געדאַרפט אויפפּאַסן אויף זיי — ער האָט געוואָלט זיין זיכער אַז דעם רבי'נס הויף גוי האָט אָנגעבעט גענוג אויער אויפן דיל, מען זאָל אויסשטעלן גענוג קערות אויפן לאַנגן טיש, לעבן וועלכן מען פלעגט זיך אוועקלייגן און קריגן מלקות — ניין־און־דרייסיק שמיץ האָט יעדער איינער געקראָגן; דערביי האָט דער שמש וועלכער האָט געגעבן מלקות געזאָגט געוויסע פסוקים, געבנדיק צו איין מלקה אויף אַ פּלייצע און אַ דריטע אויפן הינטן.

דער טאַטע האָט געדאַרפט גלייך נאָך מנחה אריינגיין צום רבין און אים געבן ניין־און־דרייסיק מלקות.

אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציקע אורזאַכע ווארום מען פלעגט בא אונז פאַרפאַסטן פרי. גלייך נאָכן פאַרפאַסטן זיך, פלעגט זיך נעמען ציען אַ שורה פון מענטשן — משפחה, און אויך פרעמדע, וועלכע פלעגן קומען צום טאַטן אַז ער זאָל זיי בענטשן איידער ער גייט אַוועק אין קלויז. דער טאַטע פלעגט ארויפלייגן ביידע הענט אויף יענעמס איינגעבויגן קאָפּ און פלעגט עפּעס זאָגן בלחש, שטילערהייט. דערביי האָט אין שטוב געהערשט אַ שטימונג פון תשובה און חרטה אויף אַלע זינד וואָס מען איז באַגאַנגען אַ גאַנצן יאָר, סיי בין אדם לאדם, סיי בין אדם למקום.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט בענטשן איינעם, פלעגט דער אָפּגעבענטשטער צוגיין צו מיין מאַמען, און זיך אָנזעגענענדיק פאַרשידענע ברכות, אַ קוש טאָן די מזוזה און ארויסגיין פון הויז, פילנדיק דערביי אַז ר' נחום'ס ברכה וועט אים געווים ביישטיין און אויסבעטן פאַר זיך און זיין גאַנצע משפחה אַ גוטן יאָר. אַז מען פלעגט זיך אָפּפאַרטיקן מיט שלאָגן מלקות, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ, צום לינקן זייט פון ארון קודש, אריבער־

געצויגן זיין טלית איבערן קאָפּ און איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג. מער ווי פיר־און־צוואַנציק שעה פלעגט ער אַזוי אָפּשטיין. איך פלעג דאַרפן שטיין לעבן אים, ווען איך בין געוואָרן מיד, פלעג איך זיך צוזעצן אויף אַ טרעפּל וואָס האָט געפירט צום אָרון קודש. יעדע תפלה פלעגט ער זאָגן מיט גרויס כוונה, אָבער ווען עס איז געקומען צו דער תפלה „אל תשליכנו לעת זקנה", דאָ פלעגט ער איינלייגן וועלטן. ער פלעגט דערביי שטאַרק וויינען, הויך אויפן קול, איבערזאָגנדיק עטלעכע מאָל: אַי, אַי, אַי, רבונו של עולם, אל תשליכנו לעת זקנה" . . .

איך גלויב אַז פון דעם האָט זיך באַ מיר גענומען די שטאַרקע מורא אַלע מיינע יאָרן, אַז איך זאָל אויף די עלטערע יאָרן, חס ושלום, ניט דאַרפן אָנקומען צו פרייַנט, און אַפילו צו מיינע קינדער.

יום כפור נאָך מעריב פלעגט ער זיך ניט היילן צו גיין אַהיים. מערסטנס פלעגט דאַן זיין אַ גאַנצע לבנה, און אַז דער הימל איז געווען קלאָר, האָט מען מחדש געווען די לבנה, און מיט גרויס כוונה געזאָגט: סימן טוב ומזל טוב . . . און דאַן געלאָסן זיך לאָזן גיין אַהיים.

אין דער היים אויפן טיש פלעגט שוין שטיין אַ זודיקער סאַמאָוואַר. די מאַמע האָט געוואוסט, אַז גלייך נאָכן תענית איז דער טאַטע קיין זאַך ניט טועם, ער פלעגט אויסטרינקען דריי גלעזער טיי און דאַן אַרויסגיין אַריינצו־קלאַפּן דעם ערשטן פלעקל פאַר אַ סוכה. . . .

אידן פלעגן אַריינקומען, פרעגן ווי איז געגאַנגען דער תענית, נעמען אַ שמעק טאַבעק, זיצן, שמועסן, און דאַן זיך ווינטשנדיק אַ גוטן יאָר, פאַרלאָזן די הויז מיט גרויס האָפנונג אַז מען האָט אויסגעבעטן אַ גוטן יאָר פאַר זיך און פאַר כלל ישראל.

ווען די פריילעכע טעג זיינען אָנגעקומען פלעגט מען מיין טאַטן ניט קאָנען דערקענען — עס איז גאָרניט געווען דער זעלביקער איד פון די ימים נוראים . . . פונקט אַזוי ערנסט און פאַרטראַכט ווי ער פלעגט אַרומגיין אין יענע טעג, אַזוי לעבעדיק און פריילעך איז ער געווען, ספּעציעל פון הושענא רבה באַנאַכט ביז נאָך שמיני עצרת. איך ווייס ניט וואו ער פלעגט נעמען די כחות אַזוי פיל צו טאַנצן און שפּרינגען אין יענע טעג. ער פלעגט אַוועקגיין אינדערפרי דאַווענען און איז ניט געקומען אַהיים ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער מיט אַ גאַנצע כאַפּטע חסידים אַרומגיין אויף ברכה פון איין הויז אין אַ צווייטער, און אין וועלכער הויז מען איז געקומען האָט די ווירטן געמוזט דערלאַנגען דעם טשאָלנט, דעם קוגל און אַלע אַנדערע פּאַטראַוועס, און טאָמער האָט זיך אַ באַלעבאָסטע פאַר'עקשנ'ט און האָט ניט געוואָלט אַלעס אַרויסנעמען פון אויוון, איז מען אַליין אַריינגעקראָכן אין אויוון, אַלעס אַרויס־

גענומען און צוזאמענגעמישט אין א קאשע, און דאן זיך געלאזט וואויל גיין. . . .

איך האב אמאל בייגעוואוינט א סצענע, ווען גלייך נאכן דאוונען איז מען אריין צו ברוך, דעם רבי׳נס איינגערער זון, אויף ברכה. דער טאטע האט מיך דאן מיטגענומען. אויף די לאנגע טישן איז געווען פון כל טוב, נאר מיין טאטע האט נאר געוואלט אז דעם רבי׳נס שנור זאל דערלאנגען דעם קוגל. זי האט זיך פאר׳עקשנ׳ט. זאגט ער צו איר: דו טוסט אן דיינע פענסנע מיינסטו אז אויפן טיש איז דא הרים וגבאות, איך זאג דיר אז דו זאלסט דער־לאנגען דעם קוגל, און אויב ניט, גיס איך אויס אן עמער וואסער אויפן דיל און וועל זיך דא גליטשן ! . . .

זי האט געמיינט אז ער שפאסט, האט זי דעם קוגל ניט געגעבן.

מיט אמאל, דער טאטע איז ניט געווארן. באלד קומט ער אריין מיט אן עמער וואסער, גיסט עס אויס אויף די גלאנציקע פארקעטענע דילן, און לאזט זיך אוועק גליטשן. אלע האבן גוטמוטיק צוגעקוקט וואס ער האט דא אפגעטאן, און אייניקע חסידים האבן אים נאכגעטאן און זיך גענומען גליטשן מיט אים.

דעם רבי׳נס שנור איז געשטאנען און האט, ברעכנדיק די הענט, געהאלטן אין איין זאגן — אי וואי איז מיר! (זי איז געווען א ווארשעווער, און האט גערעדט מיט א פוילישן אקצענט.)

דער קלימאקס איז געקומען צו די הקפות. ניט נאר די קלויז איז געווען געפאקט, נאר אויך דער הויף איז געווען פול מיט מענטשן. דער טאטע פלעגט שוין צו די הקפות זיין אלע מאל הייזעריק, נאר עס האט אים ניט געשטערט פריילעך צו זיין אליין און מאכן אלעמען פריילעך. מיין טאטע, ר׳ **נחום לאנעס**, דער הייסער חסיד, דער ליבער טייערער איד, א ליכטיקן גן עדן זאל ער האבן.

דער טאטע פארנעמט זיך צו מאכן א לייט פון מיר

חול המועד סוכות, ווען איך בין שוין געווען אויפן פופצנטן יאר, רופט זיך דער טאטע איינמאל אן צו דער מאמען: (דאס הייסט, גערעדט האט ער אין ספר אריין, ווען ער האט געהאלטן אפן, נאר אזוי ווי די מאמע איז דערביי געזעסן מאכנדיק א זאק, האט ער געוואוסט אז עס וועט איר דערגרייכן) איך דענק, זאגט ער, אז עס איז שוין צייט פון דעם איינגל א שטיקל לייט צו מאכן.

די מאמע האט מיט אירע קלוגע אויגן א קוק געטאן אויפן טאטן, און האט א זאג געטאן: וואסי, ער איז חס ושלום ניט קיין לייט? דאכט זיך זיין לערנען אויף אלע אידישע קינדער געזאגט געווארן. . . .

וואס שייך לערנען, זאגט דער טאטע? ער האט טאקע א גוטע תפיסה

(איך באַנעם גוט וואָס איך לערן), נאָר ער דאַרף זיך אַביסל וואַלגערן אין דער פרעמד.

אַזוי, מאַכט די מאַמע, ווילסט אים אַוועקשיקן אין די ישיבה, ער זאָל דאָרטן פּאַרלויזיקט ווערן ? . . . וואָסי, משה נאַשקעס (אונזער ראש ישיבה) קאָן ניט געבוג לערנען פאַר אים? האָסט אין דער היים איין שטיקל אינגל ווילסטו פון אים פּטור ווערן ! . . .

עס, שייך פּטור ווערן, מאַכט דער טאַטע, צייט צו ווערן אַ לייט. . . .

דער געשפּרעך האָט זיך געצויגן אַ היבשע ווײַלע, ביז עס איז געבליבן אַרײַנצונעמען אונזערע צוויי פאַמיליע אוטאָריטעטן אין אַ קאָנסוליאום, און ווי דער קאָנסוליאום וועט באַשליסן אַזוי וועט עס זיין. די צוויי אוטאָריטעטן זיינען געווען מיין עלטערע שוועסטער ראַשע און מיין מומע ראַשע יענטע, מיין מאַמעס אײַנציקע שוועסטער. מיין טאַטע פלעגט אויף זיי ביידן זאָגן: זיי האָבן מאַנסבילשע קעפּ אויף זיך. מיין שוועסטער ראַשע איז שוין דאַן געווען לאַנג פאַרהייראַט און האָט געוואוינט אין באָבר, אַ 75 וויאָרסט פון אונז. די מומע ראַשע יענטע און דער פעטער קוליע (יעקב) האָבן געוואוינט אין אַ דאָרף פּיענקאָווע, אַ פּופצן וויאָרסט פון ליאַדי, וואו זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע אימעניע, מיט צענדליקע גוים וואָס האָבן פאַר זיי געאַרבעט. אויף יום־טוב פלעגן זיי קומען אין ליאַדי, וואו זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע הויז מיט שפּייכלער פול מיט תבואה.

די מומע ראַשע יענטע איז געווען קליין געוואַקסן, זייער אַ ציכטיקע, מיט אַ קלאָרן פּנים, אַזוי ווי די זון וואָלט זיך אין איר פּנים געשפּיגלט; און דער פעטער קוליע, אָדער יעקב איז געווען אַ הויכער פעסט־געבויטער איד, און האָט אויסגעקוקט מער ווי אַ פּאָמיעסטשיק איידער אַ חסידישער איד.

מיין טייערע שוועסטער ראַשע איז געווען שיין ווי די זון, און איך האָב איר ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. אַז זי פלעגט זיך צעלאַכן מיט איר קלינגנדיקן געלעכטער, פלעג איך איר נאָר וועלן קושן; און אַז זי פלעגט רעדן, האָט איר שטימע געקלונגען אַזוי מעלאָדיש, אַז עס איז געווען אַ נחת רוח זיך צו איר צוהערן.

דער אמת איז, אַז איך האָבן געבעטן גאָט אַז זיי זאָלן באַשליסן אַז מען זאָל מיך יאָ אַוועקשיקן אין אַ פרעמדער שטאָט צו לערנען. גאָר פּשוט, איך האָב געוואָלט זעהן די וועלט אַביסל. . . .

מען האָט זיך גע׳ישוב׳ט אַ גאַנץ לאַנגע צייט. געטרונקען טיי, און זיך ווייטער גע׳ישוב׳ט; געשמעקט טאַבעקע און זיך ווידער גע׳ישוב׳ט; און מען האָט באַשלאָסן בהסכם כולם, אַז עס וועט זיין גוט פאַר דעם אינגל זיך צו וואַלגערן אַביסל אין דער פרעמד. . . עסן, פאַרשטייט זיך, וועל איך טעג. . . .

מיין לעבן

ניט ווילנדיק וואָס מיך דערוואַרטעט, האָב איך זיך שטאַרק געפרייט — איך וועל זען אַ וועלט, איך וועל פאָרן אין ליובאַוויטש אין דער ישיבה.

די מאַמע האָט זיך גלייך חול המועד סוכות, מיט טרערן אין אירע אויגן, גענומען זיך צו דער אַרבעט מיך אין וועג אויסצוריכטן. איבערגעקוקט מיינע העמדער, אויסגעוואַשן אַלעס, צוגעגרייט אַ קלומיק, אַלעס געמאַכט פּאַרטיק, אַז אַ טאָג נאָך יום־טוב זאָל איך זיך קאָנען לאָזן אין וועג.

דאָס זעגענען זיך מיט מיין ליבער מאַמע איז פאַר מיר געווען אַן אָפּ־קומעניש. זי האָט שטאַרק געוויינט, און איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט גלייכ־גילטיק צוזען ווען זי האָט געוויינט. דער טאַטע האָט געזאָגט נאָר צוויי ווערטער — פאָר געזונט — און מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

איך פאָר קיין ליובאַוויטש. עס איז אַ היבש פרעסטל, די בלאָטע איז פאַרפראָרן, און דער וועגעלע הייבט זיך און טאַנצט אַלעמאָל אונטער אויף די פאַרפראָרענע הרודעס; עס טרייסלט מיר אויס מיינע געדערים. די צוואַנציק וויאָרסט ביז דובראָוונע האָט געדויערט אַן אייביגקייט. דער גוי שטעלט אָפּ זיין פערדל אויפן מאַרק, לייגט פאַר אים אוועק אַביסל היי, און ער גייט ערגעץ אוועק.

איך וויל דערווייל באַטראַכטן דעם מאַרק, שטעל איך זיך אוועק אויפן הינטערשטן ברעג פון וועגל, די הענט אין די קעשענעס מיטן הינטן צום פערד, און באַטראַכט די קראָמען, די הייזער, נאָר מיט אַמאָל, ווײ איז מיר, איך פלי! .. .

דאָס פערדל האָט אויפגעגעסן די ביסל היי לעבן אים, האָט ער דערלאַנגט אַ פאָר פאָראויס צו דערלאַנגען די היי אַביסל ווייטער, האָב איך, פאַרלירנדיק די גלייכ־געוויכט, דערלאַנגט אַ פאַל פאָראויס. איידער איך האָב צייט געהאַט אַרויס־צונעמען מיינע הענט פון די קעשענעס, האָב איך מיט מיין נאָז דערלאַנגט די פאַרפראָרענע הרודעס. איך האָב צעבלוטיגט די קני און דעם פּנים. אָבער די שרעק פון מיין פליען און ניט קאָנען זיך אין עפּעס אָנהאַלטן, איז געווען מער פון דעם ווייטיק וואָס איך האָב געליטן. ווי עס זעט אויס, האָב איך אָבער געהאַט יאָרן.

איך בין שוין מיט מזל אין ליובאַוויטש. איך פאַרפאָר גלייך אין בית המדרש אין וועלכן די ישיבה איז געווען. דער שמש פאַרקעט זיך אַרום אַ הרובע מיטן פייער; ער טוט אַ קוק אויף מיר, באַטראַכט מיין קלומיק, און פרעגט מיך ווער איך בין?

איך זאָג אים אַז איך בין געקומען לערנען אין דער ישיבה. זאָגט ער, מיט אַזאַ פּנים לאָזט מען אוועק אַ אינגל?

איך האָב קיין אַנונג ניט געהאַט וואָס ער האָט געמיינט, אָבער אַז איך בין נאָכדעם צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער, און פאַרשטעלט די שויב מיטן היטל

פון דעם אנדער זייט, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר מיין אויסזען. דער נאָז און די ליפּן שטאַרק געשוואָלן, די באַקן צעריסן, און דאָ האָבן זיך נאָך מיר צעוויטיקט די קני אַז איך האָב ניט געקאָנט אַ טראָט טאָן. אַז איך האָב אים דערציילט וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, ווי אַזוי איך בין געפלויגן פון ווענגל מיטן נאָז אויף די פאַרפאַרענע הרודעס, און דערוואַרט פון אים אביסל מיט־לייד, האָט ער זיך גאָר שטאַרק צעלאַכט.

פע. טראַכט איך, ער איז פאַסקודנער איד, איך האָב אים פיינט.

טאַקע, זאָגט ער, ביזט געפלויגן? כאַ־כאַ־כאַ. . . .

עפּעס אַ מאָדנער אידל, טראַכט איך, אפשר איז ער פון יענע? . . . און אַ מורא באַפאַלט מיך. איך מאַך זיך האַרץ און טו אים אַ פרעג: וואו זיינען דאָס אַלע ישיבה בחורים? און דער ראש ישיבה וואו איז?

ער קייכט נאָך אַלץ פון געלעכטער, און האַלט אין איבער׳חזר׳ן — גע־פלויגן, האַ? געפלויגן! און דורכן געלעכטער קוועטשט ער קוים אַרויס, אַז די ישיבה בחורים זיינען זיך צעפאָרן אויף יום־טוב אהיים, אַז מען הויבט ערשט אָן לערנען דעם קומענדיקן זונטיק, און אַז דער ראש ישיבה וועט קומען צו מנחה, און אַז ער וועט קומען וועט ער מיר אים אָנווייזן.

עס ווערט מיר אביסל גרינגער אויפן האַרצן. איך וואַש זיך צום עסן, נעם אַרויס פון מיין קלומיק אַ שטיקל חלה וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן, און אַ האַרטע גאָמלקע, און כאַפּ איבער דאָס האַרץ.

אביסל שפּעטער קומט דער ראש ישיבה. ער ווייזט מיר אים אָן. איך פאַרגלייך אים אין מיינע געדאַנקען מיט משה נאַשקעס. מיין ראש ישיבה פון ליאַדי. יענער איז הויך און שיין, דער איז אַ קליין אידל מיט אַ ווייס באָרד; נאָר פון שמעק־טאַבעק זיינען באַ אים די וואָנצעס און באָרד געל און ניט ריין.

איך גיי צו אים צו און גיב אים דעם בריוו וואָס מיין טאַטע האָט מיר פאַר אים געגעבן. ער לייענט עס איבער און זאָגט צו מיר — יע, איך קאָן דיין טאַטן זייער גוט; מאָרגן נאָכן דאַווענען איה״ש וועל איך דיך פאַרהערן.

וועגן עסן, אָדער וואו איך וועל שלאָפן, זאָגט ער מיר קיין זאַך ניט. נאָך מעריב איז ער אַוועק אהיים, ניט געבנדיק אַ קוק אין מיין זייט אפילו.

ווען אַלע זיינען אַוועק אַ היים, גייט צו מיר צו דער שמש און זאָגט — ער׳ט פאַרגעסן אויף דיר, אַ שאַד וואָס דו האָסט אים ניט דערמאָנט נאָך מעריב אַז דו ביזט דאָ.

דער שמש נעמט זיך אָנטאָן. אַ מורא באַפאַלט מיך, איך האָב מורא צו זיין מיט אים, אָבער נאָך מער האָב איך מורא צו פאַרבלייבן אַליין אין שול. . . .

מיין לעבן

ער באַמערקט מיין צעטומלטקייט, און פרעגט מיך אויב איך האָב עפּעס צום עסן? איך זאָג אים, אז איך האָב נאָך א שטיקל חלה מיט א גאַמלקע.

נו, זאָגט ער, כאַפּ איבער דאָס האַרץ, באַלד נאָך וועטשערע וועלן קומען אידן און זיך אַוועקזעצן לערנען, וועט דיר ניט זיין אומעטיק. ער לעשט אויס אַלע לעמפּלעך און שטעלט נאָר אַפּ איין ליכטל אויפן עמוד. אז ער גייט אַרויס, דערפיל איך אז איך ווער משוגע פון שרעק. . . . דער בית מדרש איז גרויס, דאָס ליכטל אויפן עמוד וואַרפט משונה'דיקע שטנ'ס אויף די ווענט; אָט ציט זיך דער שטן אויס און ווערט לאַנג, און אָט זינקט עס אַרונטער. . . .

גאָט מיינער, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן! דאָס האַרץ קלאַפּט מיר ווי בא א גזלן . . . לעבן אָרון קודש שטייט א באַשעפעניש און שטעקט מיר אַרויס א לאַנגן צונג . . . געוואַלד, שמע ישראל ה׳ . . .

ווען א פּאָר אידן זיינען אין שול אַריינגעקומען נאָך וועטשערע, האָבן זיי מיר געפונען א גע'חלש'טן אויפן פּאָדלאָגע. מען האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט וואַסער ווי איך בין געווען גרויס, און מען האָט מיך קוים דערמינטערט. עס האָט מיר געקלאַפּט א צאָן אן א צאָן, איך האָב געציטערט ווי א בלאַט. איך האָב זיך געשעמט אויסצוזאָגן אז איך האָב געזען שדים, איך האָב נאָר מיט טרערן געבעטן אז מען זאָל מיר שיקן אַהיים.

אויף מאָרגן האָט מען געדונגען א פור און מען האָט מיך אָפּגעשיקט אַהיים. מיין פּנים איז נאָך אַלץ געווען געשוואָלן, און מיינע קני האָבן זיך אַזוי צעוויטיקט, אז איך האָב ניט געקאָנט א טראָט טאָן.

ווען מיין מאַמע האָט מיר דערזען, האָט זי, א פּאַטש טוענדיק מיט די הענט, אויסגעשריען: וויי איז מיר! ווער האָט דיך צע'הרגה'ט?

איך האָב איר דערציילט אַלעס וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, אפילו די שדים וואָס איך האָב אין שול געזען. זי האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען מיין קאָפּ, און האָט שטאַרק געוויינט. . . .

מיין ליבע טייערע מאַמע, א ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן.

ש. ז. אַסיפּאָוו

איך וואַרף אַן אומ'חן אויף לערנען

אחר הדברים — נאָך די דאָזיקע איבערלעבונג מיינע, האָב איך אַ היבשע צייט ניט געקאָנט צו זיך קומען. איך פלעג נאַכט נאָך נאַכט זען שרעקלעכע חלומות; שדים פלעגן מיך אַרומרינגלען, און אין מיטן פלעגט שטיין דער שמש פון די ליובאַוויטשער שול און לאַכן — כאַ־כאַ־כאַ! און אין מיטן גע־לעכטער פלעגט ער אויסשרייען: ער איז געפלויגן, כאַ־כאַ־כאַ! . . . איך פלעג אָפּגעגאָסן ווערן מיט אַ קאַלטן שוויס, און נעמען שרייען פון שלאָף. די מאַמע פלעגט אַרונטערלויפן פון בעט, אַ טאַפּ טאָן מיין קאָפּ, און אויסשרייען: ווויי איז מיר, דער אינגל איז נאַס ווי אַ האָן, און קאַלט ווי אייז! וואָס איז דיר, מיין קינד?

גאָר ניט, גאָר ניט, מאַמע, פלעג איך איר ענטפערן, מיינע קני טוען מיר וויי. . . . איך האָב זיך געשעמט אויסצוזאָגן וואָס פאַר אַ משונה'דיקע חלומות איך זע.

די מאַמע פלעגט דאַן נעמען טענהן צום טאַטן: דו האָסט געמאַכט אַ ליים פון דעם אינגל, וויי איז צו מיר!

אַביסל שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן צו חלומען אַז איך פלי . . . איך קריך אַרויף אויפן דאָך פון אונזער הויז, שטעל זיך אַוועק אויפן ברעג מיטביידע הענט אין די קעשענעס, די הויז טוט זיך אַ רוק צוריק און איך נעם פליען, און איידער איך קאָן אַרויסשלעפּן די הענט פון די קעשענעס, גרייך איך מיטן נאָז די ערד. איך כאַפּ זיך אויף, איך בין אַראָפּגעפאַלן פון קאַנאַפּע וואו איך בין געשלאָפן און ליג אויף דער פּאָדלאָגע.

מיין גוטע מאַמע איז שוין ווייטער לעבן מיר. טאַפּט מיר דעם קאָפּ, די זייטן, אויב איך האָב זיך עפּעס ניט צעבראָכן, דאַן זעצט זי זיך אַוועק לעבן מיר, קרעכצט, וויינט, און גייט ניט אַוועק פון מיר ביז איך שלאָף איין. די אומגליקלעכע חלומות האָבן מיך פאַרפאָלגט אַ היבשע צייט. דורך דער צייט בין איך צום שיעור אין די ישיבה ניט געגאַנגען. דער טאַטע פלעגט באַ יעדע געלעגנהייט אַ זאָג טאָן: הא, וואַקסט אַ גוי! אויף וואָס די מאַמע פלעגט ענטפערן: זאָל ער בעסער זיין אַ געזונטער גוי איידער אַ קראַנקער לערנער. דער טאַטע פלעגט אַ בורטשע טאָן: אַ אשה, שלעפּט מיך אין גיהנם. . . .

מײַן לעבן

אַז איך װעל ניט זײַן קײן גוי, אין דעם בין איך געװען זיכער, און נאָך מער זיכער בין איך געװען אַז די מאַמע שלעפּט קײנעם ניט אין גיהנם. זי איז געװען אַ גאָטס־פּאַרכטיקע אידענע, פלעגט דאװנען אַלע פרימאָרגן אױף אױסװײניק. װען זי האָט געקאָכט װאַרמעס, געשײלט בולבעס, אָדער געררוקט דעם טעפּל אין אױװן, פלעגט זי דערװײל דאװנען הױך אױפן קול. הײנט די אַלע ברכות װאָס זי פלעגט קריגן פון אירע פּאַציענטן, װעמען זי פלעגט פּשוט ראַטעװען דאָס לעבן . . . און אַלע מיטװאָך — אַזױ װי בּאַ גאָט אַ מיטװאָך — פלעגט זי װערן אַ גבאי׳טע. זי און ראובן ברײנינ׳ס מאַמע, „חעשע די שמאַלץ״ (מען האָט איר אַזױ גערופן װײל זי איז געװען זײער אַ דאַרע, האָט מען זי בלשון סגי־נהור גערופן חעשע די שמאַלץ) פלעגן אַלע מיטװאָך נעמען אַ פּאַטשײלקע און אַװעקגײן קלײבן פאַר די נױט־באַדערפטיקע װעלכע פלעגן ניט האָבן אױף שבת. בין איך געװען זיכער, אַז זי װעט דערפאַר געװיס האָבן אַ גאָלדענעם שטול אין גן עדן.

דער קורעניצער לערער פלעגט דערװײל אַרײנקומען אַלע טאָג מיר צו לערנען שרײבן, חשבונען, דיקדוק, גראַמאַטיקע, און א. װ. איך פלעג פון צײט צו צײט אַרײנקוקן אין אַ גמרא, אָבער איך האָב פאַרלאָרן דעם טעם פון דעם. דורכן טאָג פלעג איך זיך אַרײנכאַפּן אין די בתי מדרשים, צו זען װי די אינגלעך זיצן און לערנען גמרא מיט דעם באַװאַסטן ניגון װעלכן איך האָב אַזױ ליב געהאַט, אָבער עס האָט מיך ניט גענומען. . . . זינט מײן אומגליק לובאַװיטש, האָט מיך אָפּגעקערט פון לערנען, און איך האָב פאַרטראַכט אַ געדאַנק װעלכן איך האָב מורא געהאַט צו פאַרטרױען צו מײן מאַמען. אַ מאַמען קאָן מען אָבער ניט נאַרן, זי האָט דערקענט אַז „עפּעס איז ניט גלאַט מיט דעם אינגל״. זי האָט מיך אָנגעהױבן מוטשן איך זאָל איר זאָגן װאָס מיר איז, װאָס גײ איך אַרום װי אַ נעבעכטיקער. . . .

איך האָב איר אַ לײנגערע צײט אָפּגעצױגן מיט אַן ענטפער, װײל איך האָב געװאוסט אַז עס װעט פאַר איר און נאָך מער, פאַר מײן טאַטן, זײן אַ שטאַרקער קלאַפּ. נאָר אײן מאָל, אין אַ שבת בין השמשות, װען מיר זײנען געװען אַלײן אין הױז, האָט זי זיך אָנגעזעצט — אײן מאָל פאַר אַלע מאָל, איך מוז איר זאָגן װאָס מיט מיר איז, װײל זי זעט אַז איך בין לעצטנס ניט דער זעלבער װאָס געװען, און איר האַרץ װערט צעבראָכן קוקנדיק אױף מיר. . . . דאַן האָב איך איר מגלה געװען מײן סוד, אַז איך װיל מער ניט לערנען, איך װיל װערן אַ בעל מלכה. איך האָב דאָס אָפּגעזאָגט און בין אַרױסגעלאָפן פון הױז.

װען איך בין צוריק אַהײם געקומען, איז מײן טײערע מאַמע געלעגן אין בעט מיט אַ נאַסן טוך אױפן קאָפּ, און האָט שטאַרק געקרעכצט. מײן האַרץ

איז מיר צעריסן געוואָרן פאַר די יסורים וואָס איך האָב איר פאַרשאַפט, אָבער די זאַך איז געווען אָפּגעטאָן.

אין אַ געווייסן טאָג האָט מען ווידער צוזאַמענגערופן אַ קאָנסוליום — מען טרינקט טיי, מען שמעקט טאַבעק, און מען רעדט וועגן מיר. די מאַמע רופט מיך צו — דער טאַטע רעדט ניט צו מיר. די מומע ראַשע יענטע פרעגט מיך: וואָס וועט זיין מיט דיר, זלמן? דער טאַטע וואַרט ניט אויף מיין ענטפער, און ער ענטפערט — ער וויל זיין אַ גוי! . . .

איך ווער שטאַרק אין כעס, און שריי אויס: איך וויל ניט זיין קיין גוי! איך וועל אַלע מאָל זיין אַ איד, נאָר איך וויל ניט זיין קיין באַנק-קוועטשער! איך וויל ווערן אַ בעל מלאכה!

דער טאַטע נעמט אַריין זיין באָרד אין האַנט, און טוט מיך אַ פרעג געלאַסן: זאָג מיר אָן ערך, וואָס פאַר אַ בעל מלאכה ווילסטו ווערן? אפשר אַ שוסטער?

טאַטע, רוף איך אויס, ר' יוחנן איז אויך געווען אַ סנדלר, פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גרויסער תנא!

דער אינגל, זאָגט ער, איז גאָר געוואָרן אַן אַנדערער זינט ער איז געקומען פון ליובאַוויטש, איך דערקאָן אים גאָר ניט . . . דער קאָנסוליום צעגייט זיך, און באַ דעם בלייבט עס.

צווייטער טייל

איך ווער א בעל מלאכה

און פארנעם זיך איבערצובויען די וועלט
אויף סאציאליסטישע יסודות

געווידמעט דעם ליכטיקן אנדענקען פון מיין פרוי ווערא
מיט וועמען איך האָב אָפּגעלעבט 49 יאָר
אין פרייד און האַרמאָני

איך ווער אַ בעל מלאכה

דער קאָנסוליום אויף וועלכן עס איז באַשלאָסן געוואָרן מיר נאָכצוגעבן, איז פאָרגעקומען אַ פּאָר וואָכן פאַר פּורים. אַזוי ווי באַלד נאָך פּורים הייבט זיך אָן דער פּאַדריאַד, און היות ווי איך בין געווען אַ גוטער רעדלער, האָט מען באַשלאָסן אַז איך זאָל בלייבן אין הויז ביז נאָך פּסח, און דאַן וועט מען זען.

דער טאַטע, ניט ער האָט גערעדט צו מיר און ניט ער האָט געקוקט אין מיין זייט. איך האָב געגלויבט אַז ער האָט מיך פיינט געקראָגן. עס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל איך האָב מיין טאַטן ליב געהאַט, פאַר זיין גוטסקייט אין אַלגעמיין און פאַר זיין גוטן באַנעמען זיך מיט מיר. ער האָט קיינמאָל אויף מיר אַ האַנט ניט אַרויפגעלייגט, און אפילו ניט אָנגעשריען; חוץ ווען איך פלעג אַמאָל עפּעס אָפּטאָן וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן, פלעגט ער אַ זאָג טאָן: ער וואַקסט אַ גוי גמור. נאָר איך האָב געוואוסט אַז ער מיינט דאָס ניט. איך האָב דער מאַמען אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז איך גלויב אַז דער טאַטע האָט מיך פיינט געקראָגן. „חס ושלום", האָט זי געענטפערט, „וואָס הייסט פיינט געקראָגן? ער איז אָבער זייער צעטראָגן, ווייל דו האָסט אים פאַר־שעמט. ער האָט געהאָפט פון דיר אַ לייט צו מאַכן . . . נאָר מסתמא האָט גאָט אַזוי געוואָלט, זאָל ער פירן ווי בעסער איז."

אויף די ערשטע טעג פּסח איז געקומען צעפאָרן מיין ברודער דוד פון סמאָליענסק. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ יוכטאָווע קראַם, אָדער „קאָזשעווענע טאַרגאָוועליע", ווי מען האָט דאָס דאָרטן גערופן. ער האָט דערציילט אַז גלייך נאָך פּסח פּלאַנעוועט ער צו עפענען אַ מאַסטערסקאַיע צו מאַכן זאַגאָטאָווקעס, און אַזוי ווי דאָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן איידעלע מלאכה, האָט דער טאַטע מסכים געווען אַז ער זאָל מיך נעמען צו זיך און לערנען די מלאכה.

סמאָליענסק איז געווען 60 וויאָרסט פון ליאַדי. היינטיקע צייטן, דאָ אין אַמעריקע, מיט אַן אָטאָמאָביל, האָט דאָס קיין ווערדע ניט, אָבער אַמאָל בא אונז, איז דאָס געווען אַ היבשע נסיעה. די סטאַנציע קראַסנאַיע, וואו מען האָט געדאַרפט נעמען דעם פּאַיעזד, איז געווען 12 וויאָרסט פון אונז. צו פאָרן די 12 וויאָרסט מיט אַ בעל עגלה, דאָס אַליין איז געווען אַ נסיעה. די בלאָטע, גלייך נאָך פּסח, איז געווען אין פולן בלי. דער פערדל האָט קוים געשלעפּט די בויד מיט די פּאַסאַזשירן. אויפן העלפט וועג איז געווען דער דניעפּער. אַריבערפאָרן דעם דניעפּער, האָט מען געדאַרפט אויף אַ פּאַראָם — אַזאַ שווימענ־

דיקער בריקל. עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז ווען מען איז געקומען פון ליאַדיער זייט זאָל דער פּאַראָם זיין אויף דער זייט, ווייל אויף דעם אַנדערן זייט איז געווען אַ כאַטקע, אין וועלכער דער גוי וועלכער האָט דעם פּאַראָם געפירט, האָט געוואוינט. קומענדיק פלעגט מען נעמען שרייען — פּאַראָם פּאָדאַוואַי! . . . אָבער מערסטנס איז גאָר דער גוי געלעגן אין זיין כאַטקע שיכור ווי אַ גוי, און איז געשלאָפן. אַז גאָט האָט געהאָלפן און עס איז אָנגעקומען אַ פור פון יענער זייט, און מען האָט דעם גוי אויפגעוועקט, האָט מען דאַן געבראַכט דעם פּאַראָם אויף דער זייט. אַמאָל האָט עס גענומען שטונדן ביז מען האָט זיך אויפן פּאַראָם דערוואַרט, האָט מען דערווייל אָנגעוואָרן דעם פּאָיעזד, האָט מען שוין געדאַרפט וואַרטן אַ האַלבן טאָג אויף אַן אַנדער צוג.

בקיצור, עס איז געווען אַ נסיעה . . . מען פלעגט זיך צעקושן, וויינען, און אָנזאָגן אַז מען זאָל למען השם שרייבן אַטקריטקעס . . . אויף אַ בריוו פלעגט מען גאָרניט בעטן, ווייל צו שיקן אַ בריוו האָט געקאָסט זיבן קאָפּיקעס, און דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקע סומע — אַן אַטקריטקע (אַ קאַרטל) האָט אינגאַנצן געקאָסט דריי קאָפּיקעס.

די מאַמע האָט זיך מיט מיר געזעגנט אַזוי ווי איך וואָלט אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע. זי האָט מיר אפשר הונדערט מאָל אָנגעזאָגט: זע, מיין קינד, זאָלסט ניט אַראָפּפאַלן פון וואָגן, אַזוי ווי מיט דיר האָט געטראָפן פאָרנדיק אין ליובאַוויטש. עס האָט מיר ניט געהאָלפן מיין פאַרזיכערן איר אַז דאָ קאָן עס ניט טרעפן, ווייל דער וואָגן איז מיט אַ בויד. זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, מיין טייערע מאַמע, אָנזאָגנדיק מיר צענדליקע אַנדערע זאַכן — איך זאָל ניט פאַרגעסן צו דאַווענען אַלע טאָג; און, ספּעציעל, אַז איך זאָל שרייבן אַטקריטקעס. . .

דער טאַטע האָט געזאָגט: „פאָר געזונט, און פאַרגעס ניט אַז דו ביזט אַ איד!”

איך פאָר . . . סיי דאָס פאָרן מיט דעם בעל עגלה, און ספּעציעל דאָס פאָרן מיטן באַן, איז געווען אַ היבשע געשעעניש אין מיין זעכצן־יאָריקן לעבן. און אָט שרייט אויס דער קאָנדוקטאָר — סטאַנציאַ סמאָליענסק!

מיין ברודער דוד וואַרט אויף מיר אויפן סטאַנציע. דער גרויסער וואָקזאַל, דאָס פייפן און לויפן פון באַנען הין און צוריק, דער הו־האַ און טומל פון אַ סך מענטשן, האָט אויף מיר געמאַכט אַ היבשן איינדרוק. ער רופט צו אַן איזוואָזטשיק, מיר פאָרן. דאָס קלאַפּעריי פון די אייזערנע שינעס פון דער דראָזשקע אויף די שטיינער, הויבט מיר אויף דעם מוח . . . איך פרעג בא מיין ברודער, ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַריבערטראָגן אַזאַ קלאַפּעריי? ענטפערט ער מיר: נישקשה, דו וועסט זיך צוגעוואוינען. איך האָב אויך, זאָגט ער, געפרעגט די זעלביקע קשיא, אָבער אין אַ פאָר טעג האָב איך זיך צוגעוואוינט. אין אַ

פופצן מינוט זיינען מיר געווען אויף נאבעריעזשנע גאס, וואו מיין ברודער האט געוואוינט און האט געהאט זיין קראם.

נאך דעם צעקושן זיך מיט מיין שוועגערן יאחע, און זייער מיידעלע סאשענקא, בין איך ארויס באטראכטן די גאס. אויף דער זייט וואו מיין ברודער האט געוואוינט, זיינען געווען קראמען און וואוינונגען. אויף דער אנדערער זייט איז געווען א פאלסאדניק (א קליין פארקל), וועלכער האט זיך געצויגן ביז דעם דניעפער, אויף וועלכן עס זיינען צוויי בריקן אפגערוקט איינער פון דעם צווייטן אויף א פאר טויזנט פוס. דער פאלסאדניק, אין וועלכן עס זיינען געווען קליינע ביימעלעך און קוסטעס, האט ניט געדינט פאר קיין שפאציר פלאץ, עס האט אבער געדינט אלע ארומיקע מענטשן זייער גוט — צו גיין אויף זייער באדערפעניש. . . . שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז דער פאלסאדניק איז צעניץ געקומען אויף נאך עפעס — פארשידענע פראסטיטוטקעס פלעגן דארטן סיי באטאג און סיי באנאכט, פארדינען אויף זייער חיונה. . . .

דער דניעפער האט פארנאנדערגעטיילט די שטאט אויף צוויי טיילן. דא וואו מיין ברודער איז געווען, האט געהייסן דער „ניז"; דאס הייסט, דער אונ־טערשטער טייל פון שטאט, אויך דער אָרימערער טייל; אויף דער צווייטער זייט פון דניעפער, האט געהייסן „נא גאריו", אויף א בארג, הייסט עס. דער „אויפן בארג" האט מיט זיך פארגעשטעלט א פראכטפולע פאנאראמע, מיט די בערג און טאלן; און באנאכט, ווען די פייערלעך אין די הייזער פלעגן זיך אנצינדן, האב איך מיינע אויגן ניט געקאנט אוועקנעמען פון דער פראכטפולער פאנא־ראמע.

די ערשטע זאך וואס מיין ברודער האט מיר אנגעזאגט, איז געווען: ווען איך וועל אריבערגיין דעם אלטן בריק, איז דארטן געשטאנען א קלייסטער, אונטער וועלכן ס'איז געווען א טויער, דורך וועלכן מען פלעגט דארפן דורכגיין צום גאראד — צום שטאט, הייסט עס — ארום וועלכן עס איז געווען א גאר אלטער קרעפאסט, נאך פון נאפאליעאנס צייטן; אלזא, אט דער קלייסטער, האט ער מיר אנגעזאגט, הייסט די „באזשע מאטיערע" (גאטס מאמע). אין גאנץ רוסלאנד זיינען דא נאר צוויי אזעלכע הייליקע קלייסטערס — איינער אין קיעוו, און דער צווייטער טאקע דא. איז אז איך וועל אמאל דארפן דורכגיין אט דעם טויער, זאל איך למען השם ניט פארגעסן אראפצונעמען דאס היטל; אויב ניט, וועט מיר א גאטס פארטיקער גוי אראפקלאפן דאס היטל מיטן קאפ צו־זאמען. . . . איך האב דאס גוט אריינגענומען אין זינען, און קיינמאל ניט פארגעסן.

באנאכט האט מיך מיין ברודער גענומען אין טעאטער, מען האט געשפילט גאגאל'ס רעוויזאר. איך האב זייער ווייניק פארשטאנען פון דער גאנצער האנד־

לונג, אָבער דאבטשינסקי און באבטשינסקי האָבן מיך היבש אַמוזירט.

ויהי ערב ויהי בוקר, יום אחד. אָט אַזוי איז מיר דער ערשטער טאָג אין סמאָליענסק צערונען געוואָרן; און אַז איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער די ערשטע נאַכט, און ניט געקאָנט שלאָפן צוליב דעם טומל אין גאַס פון די איזוואָסטשיקעס, האָב איך געמאַכט אַ פאַרגלייך פון מיין ערשטן טאָג אין סמאָליענסק און אין ליובאַוויטש . . . און איך בין געליבן שטאַרק צופרידן.

אויף מאָרגן האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב די אַרבעט זייער ליב געהאַט, און אין משך פון אַ פּאָר חדשים בין איך געוואָרן אַן עקספּערט ניט נאָר אין נייען אויפן מאַשין, וואָס איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט, נאָר אויך אין צושניידן. און דאָך האָב איך, אום צו האָבן וואוין־רעכט אין ראַסיע, געמוזט מאַכן אַ קאָנטראַקט פאַר דריי יאָר, אַלס אַ לערן־אינגל. נאָך דעם טערמין פון די דריי יאָר קריגט מען אַן אַטעסטאַט, און מיט אַזאַ אַטעסטאַט האָט מען געהאַט וואוין־רעכט אין גאַנץ רוסלאַנד.

מיין ברודער דוד איז געווען שטאַרק צופרידן מיט מיר, און ער האָט געשריבן אַהיים, אַז איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דעם זעלבן חשק וואָס איך פלעג אַמאָל לערנען גמרא.

די שטאָט סמאָליענסק האָט מיך אויפגעלעבט. איך האָב געקראָגן נייע חברים, און אין גאָר אַ קורצער צייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט יעדן ווינקל פון שטאָט. ספּעציעל האָב איך ליב געהאַט דעם סאַד, וועלכער האָט געהייסן לאָפּאַטיענסקי סאַד. אַלע נאַכט פלעגט דאָרטן שפּילן אַ מיליטערישע אָרקעסטער, שיינע אָפיצערן פלעגן אַרומשפּאַצירן מיט זייערע דאַמען, און פון צייט צו צייט פלעגט מען אַרויפשיסן פייער־ווערק, וואָס האָט מיר אַריינגעבראַכט אין עקסטאַז, ווייל די איינציקע פייער־ווערק וואָס איך האָב ביז דאַן געזען, איז געווען בא אונז אין ליאַדי, ווען עס איז פאָרגעקומען די קאָראָנאַציע פון ניקאָלאַי דעם לעצטן — אַ בחור האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט קעראָסין, און אַ בלאָז געטאָן אויפן ברענענדיקן ליכט, פון וואָס עס איז געוואָרן אַ היבשער פלאַם. . . .

איך בין די ערשטע צייט אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אין אַ חלום, און האָב דאָס וואָס איך האָב אין סמאָליענסק געזען באַשריבן אין אַ בריוו אַהיים. מיין טאַטע האָט געענטפערט, אַז ביז ער האָט געקראָגן מיין בריוו פול מיט התלהבות פון סמאָליענסק, האָט ער נאָך געהאָפט אַז איך וועל באַלד צוריק קומען אַהיים און ווערן אַ לייט . . . אָבער אַז ער האָט געקראָגן מיין בריוו, האָט ער שוין פאַרלאָרן די האָפנונג.

אַ גאַנצן יאָר האָב איך זיך אַרומגעשפּילט. זומער, אין די טעג ווען מען האָט ניט געאַרבעט, און אין די אָווענטן, אין די פּאַרקן, וועלדער, אין טעאַטער;

און ווינטער, די מערסטע צייט אויפן קאטאק (גליטש). מיין ברודער האט מיר געקויפט א מתנה א פאר גליטשערס, און ווען איך פלעג ארויפגיין אויפן קאטאק האב איך זיך ניט געקאנט אוועקרייסן פון דארט. איך האב זיך אויסגעלערנט פארשידענע קונצן אויפן גליטש, און פילע פלעגן מיר מקנה זיין . . . פלינק בין איך אלע מאל געווען, די בלוטן האבן געזאטן און געקאכט אין מיר, און אז איך בין געקומען אהיים פון אזא גליטש, האב איך געקאנט אויפעסן א האלבן אקס. מיין ברודער דוד פלעגט קוקן מיט וואס פאר אן אפעטיט איך עס, און גוט־מוטיק זאגן: די קאנקעס וועלכע איך האב דיר געגעבן וועלן מיר מאכן פאר אן ארימאן; און פלעגט גלייך צוגעבן — עס, עס, מיין ברודער, איך האב הנאה צו זען ווי דו עסט. אבער נאר איין זומער און איין ווינטער האט דאס געדויערט, און דאן איז געקומען א סוף צו מיין שפילן זיך.

איך פארנעם זיך איבערצובויען די וועלט

אין דעם יאר צייט וואס איך האב אפגעארבעט, בין איך ניט נאר געווארן א בעל מלאכה, נאר בין געווארן א ספעציאליסט. איך האב די ארבעט שטארק ליב געהאט, און האב זיך צו דעם גענומען מיט דעם זעלביקן חשק ווי אמאל צום לערנען גמרא. אז א שוסטער פלעגט קומען מיט א באשטעלונג, פלעגט ער אנזאגן מיין ברודער, אז ניט קיין אנדערער ווי איך זאל עס צושניידן, ווייל ווען איך שנייד צו א פאר שיך, פלעגן זיי זאגן, לייגט זיך עס אוים אזוי אויפן קאפול אז מען דארף עס גאר ניט אנציען צו שטארק. עס פארשטייט זיך, אז איך פלעג זיך צוהערן ווי זיי זאגן דאס אן מיין ברודער און שטארק הנאה האבן פון דעם. נאר פון איין זאך האב איך געהאט גרויס עגמת נפש — איך האב איינגעזען אז די אנדערע ארבעטער האבן פון מיר סודות. ווען זיי האלטן אין א געשפרעך און איך קום צו, ווערן זיי גלייך אנשווייגן. לידער זינגען זיי אזעלכע וועלכע איך האב פריער ניט געהערט, און ווען זיי קומען צו געוויסע שטעלן, פארלירט מען די ווערטער און מען זינגט נאר אוים דעם מאטיוו. ווען איך פלעג זיי בעטן מיר די לידער איבערצושרייבן, פלעגן זיי שמייכלען איינע צו די אנדערע, און מיך אפ׳פטר׳ן מיט א פוילן תירוץ.

איך האב איינגעזען, אז מען באהאלט זיך פון מיר מיט עפעס אין די לעצטע צייט, וואס איך האב פריער קיינמאל ניט באמערקט. מיר זיינען געווען גוטע פריינט א גאנצן יאר, און מיט אמאל אזא ענדערונג! . . .

אין א געווויסן שבת באטאג בין איך אוועק שפאצירן מיט איינעם פון די ארבעטער, און ער האט מיר גענומען דערציילן ווארום זיי סוד׳ן זיך לעצטנס. זיי האבן, זאגט ער, א גרויסע קאנספיראציע, זיי ווילן אראפווארפן דעם קיסר.

ש. ז. אַסיפֿאָוו

דאָס וואָרט קאָנספּיראַציע האָט מיר געקלונגען זייער פרעמד, איך האָב דאָס אָבער אויסגעטייטשט, אַז דאָס מיינט אַז זיי האָבן אַ גרויסע מחנה; אָבער אַראָפּוואַרפן דעם קיסר, דאָס האָב איך ניט געקאָנט משיג זיין. וואָס איז שייך, זאָג איך, אַראָפּוואַרפן דעם קיסר? מען וועט אייך דען לאָזן? און פאַרוואָס ווילט איר אים אַראָפּוואַרפן? און ווי אַזוי וועט איר דאָס טאָן?

איך האָב אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן; נאָר אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי וועט מען דאָס טאָן? האָט ער מיר געענטפערט: מיר וועלן מאַכן אַ סטאַטשקע און מען וועט אים אַראָפּוואַרפן. דאַן האָב איך שוין געוואָלט וויסן, וואָס איז אַזוינס אַ סטאַטשקע?

אַ סטאַטשקע, זאָגט ער, איז אַז מען וועט ניט אַרבעטן ביז מיר וועלן אים אַרונטערוואַרפן. . . .

דער אמת איז, אַז איך האָב די גאַנצע זאַך ניט גאָר קלאָר פאַרשטאַנען; אָבער אַז ער האָט מיר געפרעגט אויב איך וואָלט געוואָלט גיין מיט אים דעם קומענדיקן שבת אין וואַלד, און דאָרטן וועט זיין איינער וואָס וועט מיר אַלעס קלאָר מאַכן, האָב איך איינגעשטימט צו גיין. אָבער די גאַנצע וואָך, זאָגט ער, מוז איך האַלטן אַ גרויסע קאָנספּיראַציע. דאָ בין איך שוין אינגאַנצן צע־טומלט געוואָרן . . . וואו וועל איך זיך אַ גאַנצע וואָך אַהינטאָן מיט אַ גרויסער קאָנספּיראַציע? וואָס וועל איך טאָן מיט אַזאַ חברה? . . .

איך האָב אָבער איינגעזען, אַז קיין טאָלק וועל איך פון אים ניט דערגיין, האָב איך בא זיך באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דעם קומענדיקן שבת, און הערן וואָס איך קאָן דאָרטן לערנען.

טאָג נאָך טאָג האָב איך געוואַרט, אַז אָט אָט קומט צו מיר די גרויסע קאָנספּיראַציע, און איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט אויסרעכענען וואָס איך וועל טאָן מיט אַזאַ מחנה. אָבער עס איז ניט געקומען. . . . אין מיטן וואָך טו איך אַ פרעג דעם חבר: זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס וועט זיין מיט די גרויסע קאָנספּיראַציע?

ער ענטפערט מיר: אין וואַלד, אין וואַלד, און פרעג ניט קיין קשיות.

עס ווערט מיר דאַן קלאָר, אַז די גרויסע קאָנספּיראַציע, די מחנה וועלכע וועט אַרונטערוואַרפן דעם קיסר, הייסט עס, האָט מען אַוועקגעשיקט אין וואַלד. עס גייט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, איך וועל זיך ניט דאַרפן דרייען אַ קאָפּ מיט זיי. . . .

און אָט זיינען מיר שבת באַטאָג אין וואַלד. די פּאָר וויאָרסט פון שטאָט ביזן וואַלד, איז בא מיר געווען אַ שפּאַציר. דער טאָג איז געווען זייער אַ שיינער, עס איז געווען די ערשטע וואָך אין מאַי. דער וואַלד איז געווען

פראַכטפול שיין, און די לופט מחיה׳דיק . . . און איך בין געווען אַזוי יונג, אַזוי יונג! . . .

איך דערזע אַ מחנה בחורים און מיידלעך, ווערט באַ מיר גלייך באַשלאָסן, אַז אָט די מחנה איז דאָס די „גרויסע קאָנספּיראַציע" וועלכע איך האָב אַ גאַנצע וואָך געדאַרפט האַלטן באַ זיך, און מען האָט זיי גאָר אַוועקגעשיקט אין וואַלד. אַ גרופּע בחורים און מיידלעך זינגען אַ ליד אין אידיש און נאָכדעם אַ רוסיש ליד. די לידער זיינען מיר באַקאַנט, ווייל איך האָב זיי שוין פריער געהערט זינגען אין מיין ברודערס מאַסטערסקאַיע, אָבער דאָ, אין וואַלד, קלינגען זיי גאָר אַנדערש — די ווערטער זיינען אַזעלכע וואַרעמע, און דאָס זינגען איז אַזוי האַרציק, עס צעוואַרעמט מיר מיינע יונגע בלוטן. . . .

אַ יונגע מיידל שטעלט זיך אַוועק אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים, און זאָגט אונז אַז מיר האָבן היינט אַ גאַסט, וועלכער וועט אונז דערקלערן וואָרום מיר זיינען געקומען אין וואַלד צו די סכאָדקע.

עס קומט אַרויף אַ יונגער מאַן. זיין אויסזען אַליין האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק — אַ הויכער, שיינער בחור, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע כוואַליעדיקע האָר, און ווען דער ווינט האָט זיך מיט זיינע האָר אַ שפּיל געטאָן, איז אין לאָק באַ אים אויפן שטערן געבליבן הייגגען, וואָס האָט אים צוגעגעבן טויזנט חנ׳ען. ער הויבט אָן צו ריידן אין רוסיש (איך האָב שוין דאַן ניט נאָר גוט פאַרשטאַנען רוסיש, נאָר אַליין אויך גערעדט די שפּראַך זייער גוט מיט אַן אמת רוסישן אַקצענט). איך הער זיך צו מיט די זעלביקע אויפמערקזאַמ־קייט ווי אַמאָל צום ראש ישיבה ווען ער פלעגט מיט אונז לערנען אַ נייעם שיעור. וואָס מער איך הער, אַלץ מער ווער איך פאַרכאַפּט סיי פון זיין פראַכטפול שיינער שפּראַך און סיי פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט.

גאָט מיינער, טראַכט איך„ דער מאַן רעדט ווי אַ נביא. ווען ער רעדט פון באַ׳גזלנ׳ען דעם פּויער, דעם אַרבעטער; ווען ער רעדט פון יושר און גערעכטיג־קייט פון מענטש צו מענטש, און ספּעציעל ווען ער מאָלט אַ בילד ווי אַזוי דאָס לעבן דאַרף זיין איינגעשטעלט, ווי אַזוי מענטשן דאַרפן לעבן, אַז עס איז דאָ גענוג פון כל טוב אויף דער וועלט אַז אַלע זאָלן לעבן גליקלעך און צופרידן. דאַן גייט ער איבער צו די אידן פראַגע — ווייזט אָן ווי אומגערעכט די גאַנצע וועלט איז אַלע מאָל געווען קעגן אונזער פאָלק, און ספּעציעל אין רוסלאַנד, ווענן פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען. . . .

גאָט מיינער! ווער איז דער מאָן? איז ער אַ מלאך געשיקט פון גאָט? איז ער אַ נביא? (מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אין טשעלסי, מאַסאַטשוזעטס, געהערט רעדן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, איז מיר אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעגאַנגען דורך מיין גאַנצן קערפּער — איך האָב אים

דערקאָנט, אַז ער איז דאָס געווען דער מלאך, אָדער נביא, וועלכער האָט אין דעם יאָר 1900 גערעדט אין סמאָליענסקער וואַלד. (איך בין נאָך זיין רעפּעראַט, באַ וועלכן איך בין די גאַנצע צייט געזעסן ווי אַ צוגעשמידטער, צו אים צו־געגאַנגען און אים געפרעגט אויב ער געדענקט יענע פאַרזאַמלונג אין וואַלד אין סמאָליענסק? ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ ליבן שמייכל, און האָט געזאָגט: מיין ליבער יונגערמאַן, איך האָב שוין פון דאַן אָן אַזוי פיל דורכ־געמאַכט, אַז עס איז פאַר מיר אומעגליך צו געדיינקען מיינע אַלע אַרויסטריטן. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ער איז דאָס געווען יענער מלאך פון גאָט, אָדער נביא, ווי איך האָב אים דאַן אָנגערופן.)

איך בין פון יענער פאַרזאַמלונג אַוועק גאָר אַן אַנדערער ווי איך בין אַהין געקומען. זאַכן וועלכע האָבן צו מיר אויסגעקוקט זייער איינפאַך, אָדער זעלבסטפאַרשטענדליך, האָב איך דערזען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. איך בין גע־גאַנגען צו סחאָדקעס, צו פאַרזאַמלונגען, מ'האָט דאָרטן גאָר אַ סך גערעדט, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזוכט — אַן ענטפער אויף מיינע פראַגן — האָב איך דאָרטן ניט געקאָנט קריגן, ווייל זיי אַלע האָבן ניט געוואוסט מער פון מיר.

איך האָב ניט געקאָנט רוען. איך האָב גענומען זוכן און פאָרשן, זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט לייענען גוטע ביכער. טשערנישעווסקי'ס „טשטאָ דיעלאַט?" האָט מיך, ווי איך געדענק איצט, נאָך מער צעטומלט. איך האָב געלייענט אָן אָן איבערקלייב — וואָס מיר איז געקומען צום האַנט. ווען איך פלעג קריגן אַ ניט־לעגאַלנעם בוך, האָט עס מיך נאָך מער צופרידנגעשטעלט. איך געדענק ווי מיינע בלוטן זיינען געוואָרן צעקאָכט נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט קראַווטשינסקי'ס „פּאָדפּאָלינאַיאַ ראָסיאַ". איך האָב זיך באַ־קאַנט מיט פילע גימנאַזיסטן און סטודענטן, וועלכע פלעגן אונז געבן אין די אָוונטן פאָרטראָגן און פאָרלעזונגען. איך האָב היבש געלערנט פון זיי, אָבער אינגאַנצן צופרידן בין איך ניט געוואָרן, איך האָב געפילט אַז עס זיינען נאָך דאָ גאָר פיל זאַכן וואָס זיינען מיר ניט אינגאַנצן קלאָר. דערווייל האָט מען מיך אָנגעהויבן אַרויסצושטעלן אַלס רעדנער באַ פאַרשידענע סכאָדקעס.

די ערשטע רעדע פון דעם בלאָנדן יונגן מאַן אין וואַלד, וועלכע האָט מיר אַזוי באַגייסטערט, האָב איך געדענקט אויף אויסווייניק וואָרט פאַר וואָרט. . . . איך פלעג רעדן מיט אַזאַ שטאַרקן גלויבן און באַגייסטערונג אַז די וועלכע האָבן ניט געהערט יענע רעדע פלעגן מיר מאַכן שטאַרקע קאָמפּלימענטן. נאָך איינע אַזאַ פאַרזאַמלונג האָט מיט מיר געטראָפן עטוואָס וואָס האָט מיר אין די ערשטע צייטן אַ היבש ביסל צער פאַרשאַפט, און שפּעטער לאַנג־יאָריקע גליק און פרייד געבראַכט.

נאָך דער פאַרזאַמלונג, איז צו מיר צוגעקומען אַ הויכע שלאַנקע

מיין לעבן



זלמן און ווערא אין 1902

מיידל, האָט מיך אָנגענומען פאַר בײדע הענט און אַרויסגערעדט: פּרעוואָס־חאָדנא טאָוואַרישטש! און האָט מיר געגעבן אַ שטאַרקן קוש אויף די ליפּן. איך האָב זיך היבש פאַרלאָרן, אָבער אַז איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם קוש, דאָס וועל איך ניט לייקענען; ווייל דער אמת איז, אַז איך האָב די הויכע שלאַנקע מיידל פונדערווייטן גאָר אַ סך מאָל באַטראַכט, אָבער בטבע בין איך געווען היבש שעמעוודיק, און חוץ דעם, אַז איך האָב זיך פאַרנומען מיט אַזאַ וויכטיקן ענין ווי איבערבויען די וועלט, ווי שיקט זיך גאָר האָבן צוטאָן מיט מיידלעך?

די מיידל איז געווען ווערא באָריסאָוונא שטיינבאַק, מיין שפּעטערדיקע פרוי און טייערער חבר אין לעבן. איך האָב מיט איר אָפּגעלעבט 49 יאָר אין גרויס האַרמאָניע און צופרידנקייט. צוויי ליבע קינדער האָבן מיר דערצויגן — אַ זון, בען; און אַ טאָכטער, סאָפי; און פיר אייניקלעך. זיי זיינען געווען איר

גאַנצער לעבן, געזונט זאָלן זיי זיין; און היינט, ווען איך שרייב אָט די שורות, איז פּונקט ניין חדשים ווי דער טויט האָט איר פון מיר אָוועקגעריסן — דעם 27טן פעוורואַל, 1953, איז מיין טייערע ווערטשקאַ געשטאָרבן. אויף איר מצבה האָב איך געלאָזן אויפשרייבן: „רו אין פרידן, טייערע מאַמעלע"; און איצט, ווען איך שרייב אָט די ווערטער, מיט טרערן אין די אויגן, זאָג איך נאָך אַמאָל: רו אין פרידן, מיין ליבע טייערע ווערטשקאַ. דו האָסט מיר אַזוי פיל פרייד אין אונזער צוזאַמענלעבן פאַרשאַפט, אויב איך האָב קעגן דיר אין די פילע יאָרן פון אונזער צוזאַמענלעבן, מיט עפּעס ניט יוצא געווען, בעט איך — פאַרגיב מיר, מיין טייערע!

איך האָב זיך נאָך דער פּאַסירונג פון דעם קוש, אין אַ גאַנץ קורצער צייט פאַרליבט אין איר, מיט דעם גאַנצן פייער פון מיין הייסער נשמה און יונג בלוט. איך האָב אין די ערשטע צייט אַ היבש ביסל צער געהאַט דורך מיין ליבע צו איר, ווייל זי איז בטבע געווען אַ היבשע פלירט, און אַז זי פלעגט דערזען איר נייעם בחור, פלעגט זי מיר היבש עגמת נפש פאַרשאַפן; און אַז איך האָב איר איינמאָל אַביסל שעמעוודיקערהייט אַ זאָג געטאָן: דו פאַרשאַפסט מיר בזיון! האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן: אַ שטאָ טאַקאָיע בזיון? איך האָב איר ניט געוואָלט זאָגן, אַז דאָס מיינט שאַנדע, זאָג איך — בזיון, מיינט בעזאַבראַזיאַ! דאַן פלעגט זי מיך אַרומכאַפּן און קושן, קושן, קושן. איך דערצייל דאָס איצט, ניט צו איר גנאי, נאָר דערפאַר ווייל, ווי איך זע דאָס איצט, איז דאָס באַ איר אַזאַ שפּיל געווען — זי האָט מיך געוואָלט אַביסל אַנציען, אום איך זאָל זי מער ליב האָבן. איך האָב איר אָבער אָן דעם אויך ליב געהאַט מיטן גאַנצן פייער פון מיין וואַרים האַרץ און נשמה.

אַלע פּרייוויט אָוונט פלעגן אין אַ זאַל אָפּגעהאַלטן ווערן עפנטלעכע דיסקוסיעס צווישן אונז און ציוניסטן. די פּאָליציי איז נאָך אין סמאָליענסק געווען אַזוי אומוויסנד אין יענער צייט, אין 1901 און 1902, אַז זיי האָבן פון קיין זאַך ניט געוואוסט. די דיסקוסיעס פלעגן אַראַנזשירט ווערן אין אַ היבשן זאַל, און פלעגן באַזוכט ווערן פון אַ היבשן עולם.

אין סמאָליענסק איז דאַן געווען אַ אידישער וואָיענער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך דערדינט צום טשין פון פּאָלקאָווניק. מען האָט געזאָגט אַז ער איז געווען דער איינציקער איד אין גאַנץ רוסלאַנד וואָס האָט זיך דערדינט צו אַזאַ טשין. (איך קאָן זיך ניט דערמאָנען זיין נאָמען.) ער איז געווען אַ גאָר הייסער ציוניסט. ער האָט שוין געמוזט זיין אַרום 60 יאָר אַלט צו יענער צייט. אַנטקעגן אים פלעג איך דאָס דאַרפן אַרויסטרעטן אין דיסקוסיעס — ער אין די וואָיענע קליידער, מיט אַ קיילעכדיקע ווייסע באָרד, האָב איך אויסגעקוקט קעגן אים ווי דער קליינינקער דוד אַנטקעגן דעם גרויסן גליות. . . . בין איך פון אַנ-

הויב טאַקע געוועזן היבשלעך נערוועז ווען איך האָב געדאַרפט אָנווענדן מיינע אַרגומענטן קעגן זיין ספּעציעלן „יעווריייסקי וואָפּראָס", ווי ער פלעגט דאָס אָנרופן; אָבער ביסלעכווייס, האָב איך זיך אַריינגעאַרבעט אין מיין ראָל און פלעג רעדן מיט פּאַטאָס, אויסברייטנדיק אַז ווען אַלע מענטשן וועלן ווערן באַפרייט, וועט ניט זיין קיין יעווריייסקי, אָדער ראַבאָטשי וואָפּראָס; עס וועט נאָר זיין אַ פראַגע פאַר דעם וואוילזיין פון אַלע בירגער. . . .

מיר מאַכן דעם ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט

אין דעם זומער פון 1902, איז איבער פאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד אַרומגעפאָרן אַ טרופּע אַקטיאָרן מיט אַ פּיעסע פון אַן אַנטיסעמיטישן אינ־האַלט — „קאָנטראַבאַנדיסטי". אין „די לעצטע נאַכריכטן", אַ קליין ניט־לעגאַלע צייטונגל, וועלכע דער בונד האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען געמאָלדן, אַז אין אייניגע שטעט וואו זיי האָבן די פּיעסע געשפּילט, האָט מען געמאַכט אָבסטרוק־ציעס. דאָס הייסט, מיט אַ טומל און דעמאָנסטראַציע זיי געשטערט דאָס שפּילן. מיט אַמאָל באַוויזן זיך אַפישן אין שטאָט, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט אין דעם זאַל פון דוואָריאַנסקי סאָבראַניע געשפּילט ווערן אָט די אַנטי־סעמיטישע פּיעסע. ווען איך האָב זיך פון דעם דערוואוסט, האָט מיר אַ פּיק געטאָן אין מוח וואָס מיין טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט ווען איך האָב פאַרלאָזן ליאַדי — „פאַרגעס ניט אַז דו ביזט אַ איד".

עס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ מיטינג פון עטלעכע פירער פון אונזער באַוועגונג, צו באַשליסן וואָס צו טאָן. אייניקע זיינען געווען דאַגעגן אַן עפנט־לעכן אַרויסטריט; זייער אַרגומענט איז געווען, אַז אויב מען וועט אַרעסטירן און פאַרשיקן אייניקע פון אונזערע פירער, איז היות ווי מיר זיינען געווען אָרים אין קרעפטן, קאָן די גאַנצע שטאָטישע באַוועגונג פון דעם ליידן.

איך דערמאָן זיך ווער עס זיינען דאָן געווען די פירער פון אונזער קאָ־מיטעט — יודקע גאָלדין, גרישאַ בערעסטינסקי, איך אייער קנעכט, וועראַ באַ־ריסאָוונאַ, און ליזאַ בערקאָוויטש. אָט די פינף האָבן דאָן צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָמיטעט וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער סמאָליענסקער באַוועגונג. באַ דעם מיטינג זיינען אָבער אויך געווען אַ פּאָר אינטעליגענטן, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט מיט אונז אָפּהאַלטן מיטינגען. אַלע אינטעליגענטן זיינען געווען דאַגעגן אַן עפנטלעכן אַרויסטריט; מיר, אַלע פינף אַרבעטער, זיינען געווען פאַר דעם; און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן.

דאָס ערשטע האָט מען זיך געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַ גוטער פּראָקלאַמאַציע. צווייטנס, מיט אַ גוטער פּאָרציע שמעק־טאַבאַק. עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן,

אַז די מערסטע פון אונז פאַרקלייבן זיך אויפן גאַלעריע, וועלכע איז געווען זייער קליין. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין מיטן פון דעם ערשטן אַקט איז דאָ אַ שוואַרץ־מאה'דיקע דרשה. מיר וועלן שטיין פּאַרטיק מיט אַ היבש ביסל שמעק־טאַבאַק איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, און אַזוי שנעל ווי די באַוואוסטע דרשה הויבט זיך אָן, עפענען מיר די פּאַפּירן און בלאָזן דעם טאַבאַק אַראָפּ, ווען דער עולם וועט אָנהויבן צו ניסן און שיסן, דאַן וועלן מיר אַראָפּוואַרפן פון גאַלערייע די פּראָקלאַמאַציעס. אין דער זעלביקער צייט זאָלן אייניקע פון אונזערע אויך זיין אויסגעזעצט אין אָרקעסטער, און אַזוי שנעל ווי דער עולם וועט זיך צוניסן, און זיי בתוכם, זאָלן זיי מאַכן געוואַלדן אַז מען קאָן ניט הערן וואָס די אַקטיאָרן רעדן; קורץ, מען זאָל טומלען אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיך לאָזן.

מיר האָבן צוגעצויגן צום אַרויסטריט אייניקע פון די ציוניסטישע יוגנט, און אַלעס איז געווען פיקס און פאַרטיק פאַרן אַרויסטריט. אַ פּראָקלאַמאַציע איז אָנגעשריבן געוואָרן — אַ פייער און פלאַם — און האָט זיך, פאַרשטייט זיך, פאַרענדיגט מיטן באַוואוסטן דאָלאָי! איך האָב נאָר מורא געהאַט אַז מיר וועלן ניט האָבן גענוג שמעק־טאַבאַק, מען האָט געהאַלטן אין קויפן אַלע טאָג, אין פאַרלויף פון פילע טעג, אין אַלע קראָמען. די קרעמער האָבן זיך געהאַלטן אין וואונדערן וואָס עס איז געוואָרן אַזאַ אויסכאַפּעניש אויף שמעק טאַבאַק. אָבער וויפיל מען האָט אָנגעקויפט, האָב איך געהאַלטן אין זאָגן, אַז עס איז ניט גענוג. איך האָב געוואָלט אַז אַלעמען זאָל פון די טאַבאַק פינצטער ווערן אין די אויגן, און זיי זאָלן פאַר אַ לאַנגער צייט ניט אויפהערן צו ניסן.

מיין ברודער דוד, וועלכער איז געווען אַ ציוניסט, איז אויך אַריינגענומען געוואָרן אין דער פאַרשווערונג. און אָט איז שוין דער אָוונט פון דער פאָר־שטעלונג אָנגעקומען. מיר זיינען אַלע אויף די אָפּגערעדטע פּלעצער. אין אָרקעסטער זיצן די גאַנצע פני פון שטאָט — דער גובערנאַטאָר, מיט דעם פּאָליצמייסטער, דער גאַלאַווא — אַלע מיט זייערע דאַמען; אַ היבשע צאָל הויך ראַנגיגע אָפיצערן מיט זייערע דאַמען; אַלע דאַמען דעקאָלטירט, און מיט לאָר־נעטן אין די הענט — אַלעס אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. . . .

עס עפנט זיך די בינע און מען נעמט שפּילן — שטיל, פיין. . . .

אין אָרקעסטער האָט איינער געדאַרפט דערלאַנגען אַ נאָס, דאָס האָט גע־זאָלט זיין דער סיגנאַל פאַר דער סומאַטאָכע, אָדער, ווי מיר האָבן דאָס גערופן, דעמאָנסטראַציע. מיר ווערן אומגעדולדיק, יעדע מינוט איז אַזוי ווי אַ יאָר. מיט אַמאָל דערהערט זיך פון די הינטערשטע רייען פון אָרקעסטער אַ שטאַרקער נאָס. אַלע פון די פאָדערשטע רייען קערן אום די קעפּ, צו זען ווער האָט עס געהאַט די חוצפה? . . .

די שמעק טאַבאַק פון גאַלערייע איז שוין געווען איבערן גאַנצן זאַל . . .

עס איז געוואָרן אַ ניסעריי, אַ טומל, אַ געשריי פון היסטערישע ווייבער, וואָס איז ניט צו באַשרייבן. די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָט עס אויך דערגרייכט, און זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דעם גאַנצן כאָר. . . .

אין דער גרויסער סומאַטאָכע זיינען אַלע אין אָרקעסטער פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסן שניי פון פּראָקלאַמאַציעס, און ביז מען האָט אויפגעהערט צו ניסן, זיינען אַלע אַרונטער פון דער גאַלעריע און זיך צעגאַנגען צו די היימען.

אויף מאָרגן האָט מען עטלעכע מענטשן אַרעסטירט, און דער פּאָליציי־מייסטער, וועלכער איז געווען אומווויסענד ווי אַ פייער, האָט אָבער די לעצטע צייט געהערט, אַז פּראָקלאַמאַציעס זיינען אַ זייער שרעקלעכע זאַך, האָט ער צו די אַרעסטירטע, ווען ער האָט זיי אויסגעפרעגט, געהאַלטן אין איין שרייען — עטא טשיסטאיא פּראָקלאַמאַציע! . . . אָבער אַזוי ווי קיין באַווייזן זיינען קעגן זיי ניט געווען, האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן אַ טאָג און נאָכדעם אַלעמען אַרויסגעלאָזט.

אָט אַזוי האָט זיך גליקלעך פאַרענדיגט אונזער ערשטער עפענטליכער אַרויסטריט. מיר האָבן אָבער געדאַרפט נאָכדעם אויפגעבן אונזערע פּריוואַט־דיקע עפענטליכע דיסקוסיעס, און אין אַלגעמיין ווערן מער פאָרזיכטיק, ווייל מען האָט אין שטאָט אַריינגעשיקט אַ גאַנצע כאָפּטע שפּיאָנען און קאָזאַקן . . . אונזער באַוועגונג איז געוואָרן אַ „גרויסע קאָנספּיראַציע".

דער „בונד" זוכט אַריינצוקומען אין שטאָט

ווען מיר האָבן סוף 1900 אָרגאַניזירט דעם קאָמיטעט וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג אין שטאָט, איז בײַ קיינעם קיין פראַגע ניט געווען אָן וואָס פאַר אַ פּאַרטיי מיר זאָלן דעם קאָמיטעט אָנשליסן. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר זיינען סאָציאַל דעמאָקראַטן, האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אָן די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועמענס הויפּט אָרגאַן איז געווען „די איסקראַ" (דער פונק).

דער „בונד" איז נאָך דאַן ניט געווען אַזוי באַוואוסט אין די רוסישע שטעט. שפּעטער, אַז מיר האָבן גענומען קריגן ליטעראַטור, און בתוכם אויך בונדישע שריפטן, האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז עס איז דאָ אַזאַ פּאַרטיי ווי „דער אידישער אַרבעטער בונד, פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד".

ווען ליזאַ בערקאָוויטש, און נאָך אַ פּאָר מיידלעך, זיינען געקומען אין סמאָליענסק פון מינסק, און ליזאַ איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט, האָט זי אָנגעהויבן בויערן פון אינווייניק — אַזוי ווי אונזער באַוועגונג באַשטייט 90 פּראָצענט פון אידישע אַרבעטער, האָט זי אַרגומענטירט, דאַרפן

מיר זיך אָנשליסן אין דעם „בונד", וועלכער פאַרנעמט זיך, חוץ מיט סאָציאַ־ליסטישע פראַגן, אויך מיט די אידן פראַגע. אַז מען דאַרף פאָדערן קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר אונז אידן, אַז מען דאַרף קומען צו די אידישע מאַסן — רעדן און שרייבן — אין דער שפּראַך וועלכע זיי פאַרשטייען בעסער, און דאָס איז, אידיש. . . . און אַזוי ווייטער.

דער אמת איז, אַז איך בין געווען שטאַרק סימפּאַטיש צו אירע אַרגומענטן, ווייל ווען איך פלעג איר הערן רעדן, פלעגט מיר אָנהויבן צו קלינגען אין די אויערן מיין טאַטנס אָנזאָג: פאַרגעס ניט אַז דו ביזט אַ איד! . . . און כאָטש איך האָב שוין דאַן געטאָן אַ סך זאַכן פון וועלכע מיין טאַטע וואָלט געווען שאָקירט ווען ער ווייסט פון דעם, האָט מיר אָבער אַלע מאָל זיין אָנזאָג גע־קלונגען אין די אויערן. זי פלעגט אָבער אירע אַרגומענטן איבערפירן מיט דעם וואָס, ווען מיר פלעגן זיין אין וואַלד צו אַ סחאָדקע, פלעגט זי אַלע מאָל זוכן מיר אַוועקצונעמען אין אַ זייט באַ יעדער געלעגנהייט, מיך באַפאַלן מיט קושן, און זאָגן ווי זי האָט מיך ליב. . . .

איך בין זיך מודה, אַז איך פלעג איר אויך אַמאָל אַ קוש טאָן, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געפילט אין דעם קוש דעם זיסן טעם וואָס איך פלעג פילן קושנדיק מיין ווערען . . . מיין האַרץ איז געווען באַ ווערען; פלעג איך זוכן איר אויסצומיידן, און ניט באַנומען אירע אַרגומענטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אַ נייער מענטש אין אונזער באַ־וועגונג. מיר האָבן געהאַט אַ זיצונג פון דעם קאָמיטעט; באַ דער זיצונג האָבן געדאַרפט פאַרהאַנדלט ווערן גאַר וויכטיקע פראַגן. מיר האָבן צו דעם מיטינג איינגעלאַדן איינעם אַ דר. שוואַרץ, וועמענס פאָטער איז געווען דער שטאָטישער באַנקיר. ער איז געווען אַן איבערגעבענער רעוואָלוציאָנער, און באַ וויכטיקע פראַגן פלעגן מיר זיך מיט אים אַן עצה האַלטן. ער איז געקומען צום מיטינג ברייענגענדיק מיט זיך נאָך אַ מאַן. דער מאַן, האָט ער געזאָגט, איז צו אים געקומען פון וואַרשע מיט הויכע רעקאָמענדאַציעס פון „בונד". שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך גוט באַקאַנט, האָב איך אויסגעפונען, אַז זיין נאָמען איז סטאַ־ניסלאַוו גאָלדבערג, און קאָנספּיראַטיוו האָבן מיר אים גערופן „שלמה". זיין אויסזען האָט געמאַכט אַ זעלטענעם איינדרוק. ער איז געווען קליין געוואַקסן, מיט אַ ציכטיק שוואַרץ בערדל, און זייער ציכטיק אָנגעטאָן. זיין פּנים איז געווען קלאָר און שיין, און אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָט ער געהאַט, וועלכע פלעגן איינעם דורכדרינגען דורך און דורך. ווען ער פלעגט אָנהויבן צו רעדן, פלעגט ער זיך אָביסל זאַיקען, אָבער ווען ער האָט זיך צורעדט, פלעגן מיר אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ צווייטער אויגוסט בעבעל.

אין די פראַגן וועלכע מיר האָבן דעם אָוונט פאַרהאַנדלט, האָט ער גע־

גומען א גרויסן אנטייל, און זיינע רייד זיינען געווען פול מיט חכמה. ער האָט אויף אונז אַלעמען געמאַכט א געוואַלדיקן איינדרוק, און פון דאַן אָן איז ער געוואָרן אונזער פירער און וועג ווייזער.

צוויי מאָל א וואָך פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען און ער פלעגט פאַר אונז האַלטן לעקציעס — זיין רעדן איז געווען פול מיט וויסן. די טעמאַס זיינען געווען פאַרשידנאַרטיק: ווי אַזוי די בעלגישע אַרבעטער האָבן געקראָגן זייער פרייהייט; ווי שטאַרק דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקלט אין ענגלאַנד; וואָס פאַר א פאָרם פון רעגירונג עס איז איינגעשטעלט אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע, און אַנדערע לענדער. מיר האָבן גאָר א סך פון אים געלערנט, און אים שטאַרק ליב געהאַט. א געוויסע צייט שפּעטער האָט זיך, אונטער זיין איינפלוס, אונזער קאָמיטעט אָנגעשלאָסן אָן דעם „אידישן אַרבעטער בונד״.

זיין ווייב איז אויך געווען א סאָציאַליסטקע, און איז געווען א דענטיסטקע; ער האָט געאַרבעט אין א רעגירונגס ביוראָ אויף סטאַטיסטיקס.

ווען הירש לעקערט האָט געשאָסן אויף פאָן וואַל, דעם ווילנער גובערנאַטאָר, און מען האָט נאָכדעם געשמיסן אידישע אַרבעטער, האָבן מיר זיך געריסן אַרויסצוגיין אין אָן אָפענעם פּראָטעסט. ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אונז ניט דערלאָזן צו דעם; אַרגומענטירנדיק, אַז מיר וועלן נאָר פאַראורזאַכן א בלוט באָד, ווייל צו יענער צייט זיינען געווען צופיל קאָזאַקן און שפּיאָנען אין שטאָט, און אונזער גאַנצע באַוועגונג האָט נאָר געציילט א פאָר הונדערט, פון וועלכע נאָר א קליינע צאָל זיינען געווען קריסטלעכע אַרבעטער. חוץ א בלוט באָד, האָט ער אַרגומענטירט, וועט דאָס אַרויסרופן אָן אַנטיסעמיטישע כוואַליע.

מיר האָבן איינגעזען, אַז זיינע אַרגומענטן זיינען וואָגיק, און האָבן באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט א שטאַרקער פּראָקלאַמאַציע, אַלס פּראָטעסט קעגן שמייסן אַרבעטער, און א שטאַרקן אַפּיל צו די קריסטלעכע אַרבעטער פון די פאָר זאַוואָדן וועלכע האָבן זיך אין שטאָט געפונען, זיך אָנצושליסן אין אונזערע רייען. ער האָט צוגעזאָגט אויף מאָרגן צו ברענגען אָן אָנגעשריבענע פּראָקלאַמאַציע, און מיר זאָלן דאָס אָפּקלאַפּן אויפן העקטאָגראַף. (איך האָב דאַן געהאַלטן א קאָנספּיראַטיווע דירה, אין וועלכע מיר האָבן אָנגעפירט מיט די דרוקעריי). איך האָב אָבער ניט געוואַרט אויף זיין פּראָקלאַמאַציע, ווייל עס האָט אין מיר געברענט א פייער פון האַס און צאָרן; און אָט דעם גאַנצן פייער מיינעם האָב איך געוואָלט איבערגעבן צו די מאַסן דורך א פּראָקלאַמאַציע. גלייך ווי אַלע זיינען אַוועק האָב איך זיך אַוועקגעזעצט, און מיט דעם ספּעציעלן טינט וואָס מיר האָבן פאַר דעם גענוצט, האָב איך גענומען שרייבן. ווען איך האָב געטונקט די פען און געשריבן, האָב איך זיך אין מיין פאַנטאַזיע

ניט געפונען אויף מיין קאָנספּיראַטיווע דירה, איך האָב זיך אין מיינע גע־דאַנקען אַריבערגעטראָגן אַהין וואו מען האָט געשמיסן די אַרבעטער. עס האָט אין מיר געברענט אַ געוואַלדיקער צאָרן, און מיין גאַנצן האַס און צאָרן האָב איך איבערגעגעבן אויף דעם ווייסן שטיקל פּאַפּיר וואָס איז פאַר מיר געלעגן.

אויף מאָרגן האָט זיך דער קאָמיטעט פאַרזאַמלט. שלמה לייענט פאַר זיין פּראָקלאַמאַציע. עס איז געווען געשריבן זייער אינטעליגענטיש און קלוג, אַזוי ווי ער האָט געקאָנט. איך האָב דאַן געזאָגט, אַז איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע. איך לייען מיט פּאַטאָס . . . אַלע הערן זייער אויפמערקזאַם. איך ענדיק לייענען. שלמה שטעלט זיך אויף, צערייסט זיין קאָפּי, גייט צו צו מיר, און קושט מיך אויףביידע באַקן; דאַן נעמט ער מיך שטאַרק אַרום, זאָגנדיק: אָט דאָס איז די פּראָקלאַמאַציע וועלכע מיר וועלן צעוואַרפן! . . .

מיר האָבן געאַרבעט אויף דריי העקטאָגראַפן עטלעכע שטונדן, פאַרטאָג זיינען פיר פּאָרלעך (אַ בחור מיט אַ מיידל צוזאַמען, אום עס זאָל אויסקוקן אַז עס איז אַן אומשולדיק שפּאַציר) אַרויסגעגאַנגען אין דעם געגנט פון די זאַוואָדן צעוואַרפן די פּראָקלאַמאַציעס, און מיט קלאַפּנדיקע הערצער פאַר דערוואַרטונג, אַוועק צו דער אַרבעט.

אויף מאָרגן איז אין שטאָט געווען אַ היבשער טומל. די קאָזאַקן און שפּיאָנען זיינען אַרומגעלאָפן אַזוי ווי פאַר׳סמ׳טע, אָבער ניט זיי האָבן אימיצן געכאַפּט, און קיין רעוואָלוציע — ווי איך האָב דערוואַרט — איז אין שטאָט ניט געוואָרן. . . .

אַרום דער צייט, האָבן מיר געקראָגן אינסטרוקציעס פון „בונד״, אַז מיר זאָלן אָרגאַניזירן אַלע קליינע שטעטלעך אַרום אונז. מען האָט אונז צוגעשיקט גאָר אַ סך ליטעראַטור, ווי אויך געמאַכט פאַרבינדונגען מיט געוויסע פּערזאָנען אין יעדן שטעטל.

מיר האָבן געאַרבעט ווי די בינען. יעדן שבת, אָדער יום־טוב׳דיקן טאָג, האָבן מיר אויסגענוצט צו פאָרן אין אַן אַנדער שטעטל און אַדרעסירן פאַר־שידענע פאַרזאַמלונגען; אויך אויסטיילן פאַרשידענע בראָשורן, מיט וועלכע דער „בונד״ האָט אונז פאַרזאָרגט.

און אָט האָט זיך גענומען דערנעענטערן דער ערשטער מאַי פון 1903!

מיר האָבן נאָך אַלץ ניט דערוויזן צו אָרגאַניזירן דעם גרויסן טייל פון די קריסטלעכע אַרבעטער וועלכע האָבן געאַרבעט אין די זאַוואָדן. דאָ און דאָרט איז אונז געלונגען אַרויסצוכאַפּן אייניקע אַרבעטער און זיי אָרגאַניזירן — אַ שלל מיט צייט האָבן מיר אויף זיי אוועקגעגעבן, געפּרוואוט פאַרשידענע מיט־לען, אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט פון זיי איז געבליבן אין דרויסן.

מיין לעבן

דער קאָמיטעט פון בונד האָט אונז געראָטן ניט צו מאַכן אַן עפּענטלעכע דע־מאָנסטראַציע, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראַוון יום־טוב אין וואַלד. און אָט איז אָנגעקומען דער הייליקער שבת אין וועלכן מיר האָבן זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען אין וואַלד. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיך געצויגן שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך אויפן וועג אין וואַלד. די שטימונג בא אַלעמען איז געווען אַ גאָר געהויבענע. אַלעס איז אָרגאַניזירט — שומרים זיינען אויסגעשטעלט אויף אַלע וועגן, צו געבן אַ סיגנאַל אין פאַל מען דערזעט אָנקומען פּאָליציי.

פאַרנאַכט צו האָט זיך דער יום־טוב אָנגעהויבן. מען זינגט די מאַרסעל־יעזע, מען זינגט די שבועה, מיט אַמאָל דערהערט מען אַ סיגנאַל פון אַלע זייטן אַז פּאָליציי קומט אָן! עס ווערט אַ כאַאָס, מיר האָבן צו דער פאַרזאַמ־לונג געבראַכט אַ היבשע צאָל גאָר נייע רעקרוטן. ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער טומל, האָבן מיר געהאַט גענוג צייט זיי אָנצוזאָגן, אַז זיי זאָלן האָבן איין ענטפער — מיר זיינען געגאַנגען אין וואַלד אויף מאַיאָווקע. קיין אינטעליגענטן זיינען צו דער פאַרזאַמלונג ניט געקומען, קיין ליטעראַטור האָט קיינער בא זיך ניט געהאַט.

מיר זיינען געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. דער גליק איז געווען, וואָס אַ וואָך פאַר דעם ערשטן מאַי האָט מען די קאָזאַקן אַרויסגעשיקט אין אַנדערע שטעט, וואו מען האָט זיך גערוכט אויף דעמאָנסטראַציעס.

מען האָט אונז אָפּגעהאַלטן איבער נאַכט אין אַ גרויסן הויף פון דעם ערשטן אוטשאַסטאָק. גאַנץ פרי איז געקומען דער פּאָליציימייסטער און דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק, מען האָט אַלעמען אַרומגעזוכט, נאָר קיין זאַך ניט געפונען. באַם אויספרעגן האָבן אַלע אין איין קול געזאָגט, אַז מען איז געגאַנגען אויף מאַיאָווקע. (איך ווייס ניט ווי אין אַנדערע שטעט, בא אונז אין סמאָ־ליענסק איז געווען זייער אין מאָדע אַז אין מאַי גייט מען אין וואַלד אויף מאַיאָווקע.) מען האָט אַלעמען אַרויסגעלאָזן חוץ צען בחורים, צווישן וועלכע איך בין געווען. מען האָט אונז אַלעמען אַריבערגעפירט אין אַרעסטאַנסקע ראָטע, אַזאַ טיורמע הינטערן שטאָט, און פאַרשפּאַרט אַלעמען אין איין צעל.

די שמועז און דער עיפוש פון דער פּאַראַשע (אַזאַ פּאָמויניצע) איז געווען ניט אויסצוהאַלטן. איך האָב אָבער נאָר געטראַכט פון איין זאַך, אַז אויב מען וועט געפינען מיין דירה, דאַן בין איך אַ פאַרפאַלענער, ווייל די גאַנצע ניט־לעגאַלע ליטעראַטור און די העקטאָגראַפן מיט׳ן ספּעציעלן טינט פאַר׳ן דרוק, האָט זיך דאָרט געפונען. איך האָב אָבער געהאַט אַ האָפנונג אַז מיין באַלע־באָסטע וועט מיך ניט אַרויסגעבן, ווייל זי איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ ליבע־ראַלקע.

צען טעג האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן, עס האָט ניט געהאָלפן אונזער

קלאַפּן אין די ווענט און פּראָטעסטירן אַז מיר ווערן דאָרטן דערשטיקט. אויפן עלפטן טאָג איז אַריינגעקומען דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק מיט מיין באַלע־באַטסטע פון וואוינונג און פרעגט איר אויב זי דערקאַנט צווישן אונז איר קוואַר־טיראַנט?

אָט, טראַכט איך, בין איך קאַפּוט!

ערשט, זי האָט גוט באַטראַכט יעדן איינעם פון אונז און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי קאָן קיינעם ניט, און זי האָט זיי קיינמאָל ניט געזען.

אויף מאָרגן האָט מען אונז אַלעמען אַרויסגעלאָזט. ווערא האָט מיר באַ־געגנט לעבן טיורמע און האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל מוזן גלייך פאַרלאָזן סמאָליענסק, ווייל זי האָט אָנגעטראָפן מיין באַלעבאָסטע און זי האָט איר גע־זאָגט, אַז אימיצער פון אירע שכנים וואָס האָט מיר אָפט געזען אַריינגיין אין מיין דירה, קאָן מיר, און זי וועט מיר אַרויסגעבן.

איך בין געקומען אַ היים צו מיין ברודער, זיך אַביסל אַרומגעוואַשן, און דעם זעלבן אָוונט בין איך אַוועק קיין ווילנע. קיין פּאַספּאָרט האָב איך ניט געהאַט, ווייל מיינע דאָקומענטן האָט מען פאַרהאַלטן אין סמאָליענסקער פּאָ־ליציי. איך בין אָנגעקומען אין ווילנע מיד, צעבראָכן און הונגעריק.

עס איז געווען אַ קילער טאָג, און איך בין געווען אָנגעטאָן זייער לייכט — אין אַ סטודענטסקער טיוזשורקע מיט אַ בלאָער העמדל. צו דעם האָט נאָך שטאַרק גערעגנט. אויפן וואַקזאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ היבשע צאָל זשאַנ־דאַרמען, האָב איך ניט געוואָלט אַריינגיין אין בופעט עפּעס איבערצוביסן, ווייל מיר האָט זיך געדוכט אַז זיי אַלע קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט. איך האָב גענומען אַ דראָזשקע און בין אַוועקגעפאָרן אויף דעם אַדרעס וואָס מען האָט מיר אין סמאָליענסק געגעבן מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון „בונד". איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל דאָרטן קאָנען עפּעס אָפּעסן און זיך אָפּרוען.

איך האָב דעם מאַן גראַד געפונען אין דער היים. ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו וואָס איך האָב אים געגעבן, און רופט זיך אָן צו מיר, אַז לײדער קאָן ער מיר אין זיין פּלאַץ ניט האַלטן, ווייל ער ריכט זיך אַז יעדע מינוט זאָל צו אים קומען פּאָליציי אויף אַ זוכונג. ער וועט מיר אַוועקפירן אויף אַ דאַטשע צו חברים הינטערן שטאָט, און דאָרטן, איז ער זיכער, אַז איך וועל קאָנען שטיין ביז מען וועט פאַר מיר אַראַנזשירן אַריבערצוגיין דעם גרעניץ.

עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן פון קעלט. איך פיל אַז איך ווער קראַנק. און אָט זיינען מיר מיט גליק אָנגעקומען אויפן דאַטשע. ערשט, אָן אַנדער אומגליק — די צווייטע הויז פון זיי האָט געוואוינט אַ אידישע פאַמיליע באַ וועמען עס איז געווען אַ קריסטלעכע דינסט, האָט זי זיך מיט אַ נאַכט פריער פאַר׳סמ׳ט, דערוואַרט מען דעם סליעדאָוואַטל און פּאָליציי, און אַזוי ווי זיי

זיינען ניט געווען קיין גאָר כשר'ע, קאָן מען אויך צו זיי אַריינקומען, און איך בין אָן דאָקומענטן, איז ניט קיין גלייכע זאַך אַז איך זאָל דאָרטן פאַרבלייבן.

זיי רעדן זיך דורך וואָס צו טאָן מיט מיר. איך ציטער פון קעלט, הונגער און מידקייט. זיי באַמערקן עס, און מען גיט מיר אַ גלאָז וואַרעמע טיי מיט אַ שטיקל ברויט. איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר דעם, און פיל שוין אַביסל בעסער.

מען פירט מיר אַוועק צוריק אין שטאָט. די הויז אין וועלכער מען האָט מיר געבראַכט און אָפּגעשטעלט, איז פאַרבליבן אין מיין זכרון פאַר גאָר אַ סך יאָרן. ערשטנס, פאַר דעם אופן ווי אַזוי מען האָט מיר אויפגענומען — אַזוי האַרציק און פריינטלעך, אַז אַ מאַמע קאָן איר איינציקן קינד פריינטלעכער און האַרציקער ניט אויפנעמען; אָבער הויפּטזעכלעך צוליב די דריי פרויען וועלכע האָבן זיך אין הויז געפונען — עס איז געווען אַ מאַמע מיט צוויי דער־וואַקסענע טעכטער. איך האָב ביז דאַן אַזעלכע שיינהייטן ניט געזען. איך בין געווען שטאַרק דאַנקבאַר ווען זיי האָבן מיר געפרעגט אויב איך בין הונגעריק. איך האָב מורא, אַז מיין דאַמאָלדיקער עסן האָט אויף זיי געמאַכט אַ שרעק־לעכן איינדרוק. איך האָב געמוזט עסן אַזוי ווי אַ ווילדער. . . .

נאָכן עסן האָב איך געבעטן מען זאָל מיך לאָזן צולייגן זיך. איך בין אָפּגעשלאָפן איבער צוואַנציק שטונדן, און זיך נאָכדעם געפילט אַ סך בעסער.

עס האָט גענומען אַ פּאָר טעג ביז מען האָט אַראַנזשירט מיט אַן אַגענט מיר אַריבערצופירן דעם גרעניץ. מיין כוונה איז געווען צו פאָרן נאָך אַמעריקאַ, אָבער צוליב פאַרשידענע מאַניפּולאַציעס פון די אַגענטן און זייערע משרתים, האָט מען מיר אויפן וועג אַזוי „אַרומגעפּליקט" אַז איך בין קוים דערפאָרן ביז לאָנדאָן. . . . דאָס גיין דעם גרעניץ, דאָס בלייבן שטעקן אין איסטענבורג, דייטשלאַנד, אין באַד פאַר צוויי וואָכן; דער דייטש מיט די גרויסע בלאָנדע וואָנצעס, מיט אַ נאַגאַיקע אין האַנט, וועלכער האָט געהאַלטן אָרדנונג אין באַד, און וועמען איך האָב שיער ניט דער'הרג'עט; ווי אַזוי מען האָט מיר און אַנ־דערע יונגע לייט און מיידלעך באַראַבעוועט פון יעדן סאַנטים, דאָס וועל איך איבערהיפּן, ווייל די געשעעניש אַליין קאָן אויספילן אַ היבשן בוך, און פיל ווינציק האָט דאָס דורכגעמאַכט יעדער עמיגראַנט.

און אָט בין איך מיט גאָטס הילף אין האַמבורג, וואו איך און אַ גאַנצע מחנה מיט מיר, האָבן געדאַרפט נעמען אַ שיף צו פאָרן נאָך לאָנדאָן. איך פאַרזיכער מיינע לייענער, אַז קיין „קווין מערי" איז די שיף ניט געווען. . . . איך האָב ביז דאַן נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין שיף וואָס גייט אויפן ים; אַלעס וואָס איך האָב ביז דאַן געזען איז אַ קליין פאַראַכאָדל אין סמאָליענסק אויפן דניעפּער.

איך זאָל זאָגן, אַז די שיף איז מיר געפעלן געוואָרן, קאָן איך ניט; עס איז געווען אַ גרויסער שוואַרצער שמוציקער מולטער. מען פירט אונז אַריין אין די אינגעווייט פון שיף — פינסטער, חושך, מצרים.... ווען די אויגן געוויינען זיך אַביסל צו צום חושך, דערזעהן מיר גרויסע פּלאַטן אויף צום שלאָפן. ניטאָ קיין באַזונדערע פּלעצער פאַר מענער און פרויען. די לופט איז דערשטיקט צו ווערן — אַן עיפּוש, נאָך ערגער ווי עס איז געווען אין טיורמע....

איך כאַפּ זיך אַרויס אין דרויסן, דאַרטן לאָדט מען אויס פון שיף קוילן און מען פילט מיט דעם אָן וואַגאָנעס וועלכע שטייען דערביי. דער ווינט טרייבט דעם שטויב פון די ווייכע קוילן צו מיר, איך פאַרבינד מיין פּנים מיט די איינציקע פאַטשיילקע וואָס איך האָב. מיין טשעמאָדאַנטשיק מיט מיינע מטלטלים האָט מען בא מיר אין איסטענבורג אין באַד צוגע'גנב'עט. איך האָב פאַרדעכטיגט דעם בלאָנדן דייטש, דעם אויפזעהער פון באַד, אַז ער האָט עס צוגעלאַטכענט, און איך האָב אים שיער ניט דערוואָרגן....

אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, מען האָט שוין פאַרענדיגט אויסצולאָדן די קוילן. צייט צו עסן וועטשערע. מען רופט אַלעמען אַרויף אויפן דעק, מען גיט יעדן איינעם אַ גרויסן געזאַלצענעם הערינג מיט אַ גרויסע בולבע אין פּעלצל. דריי טעג האָבן מען זיך געשלעפּט ביז לאָנדאָן, און די גאַנצע צייט האָט מען אונז בא יעדן מאָלצייט דערלאַנג אַ גרויסן געזאַלצענעם הערינג מיט אַ בולבע. און אָט דערנענטערן מיר זיך צו לאָנדאָן. איך שטיי אויפן דעק און טראַכט.... איך קום אין אַ פרעמד לאַנד, איך קען ניט די שפּראַך, איך וויים קיינעם ניט, און איינגאַנצן פאַרמאָג איך עטלעכע סאַנטים... וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?

איך האָב געמוזט אויסקוקן שטאַרק פאַרצווייפלט. עס קומט צו מיר צו אַ מאַן און פרעגט מיר וואָרום בין איך אַזוי ערנסט פאַרטראַכט? ער רעדט אידיש מיט אַ פּוילישן דיאַלעקט. איך דערצייל אים מיין פאַרלעגנהייט. ער טרייסט מיך, אַז איך וועל ניט פאַרפאַלן ווערן. „יאָך", זאָגט ער, „וואָים לאָנדאָן זאיער גיט." און ער דערציילט מיר, אַז ער איז פון וואַרשע, איז אַ שניידער, און צו יעדן סעזאָן פאָרט ער אין לאָנדאָן אַרבעטן; איז אויב איך וויל, וועט ער מיר נעמען אויף דעם פּלאַץ וואו ער פאַרפאָרט, איך וועל דאָרטן קאָנען איבערנעכטיקן, און אויף מאָרגן וועל איך גיין זוכן אַרבעט.

איך בין געווען זיכער. אַז דאָס איז ניט קיין פּוילישער שניידער, נאָר אַ מלאך פון הימל. נאָכן דורכגיין די פּראָצעדורע מיט די באַאַמטע, וואָס האָט ניט לאַנג גענומען, בין איך מיט אים אַרונטער פון שיף און גענומען שפּרייזן איבער לאָנדאָנער גאַסן.

דריטער טייל

לאָנדאָן

אין דעם אנדענקען פון מיינע יונגע יאָרן

1903 - 1906

מיינע דריי יאָר אין לאָנדאָן

אויף מאָרגן פרי האָט מיך דער וואַרשעווער שניידער צוגעפירט אין בלעק ליין און האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שוך פאַבריק. אָט דאָ, זאָגט ער. וועסטו קריגן דיין אַרבעט.

דאָס איז געווען מינדלס שוך פאַבריק, די איינציקע שוך פאַבריק אין די איסט ענד פון לאָנדאָן אין וועלכער די מאַשינען זיינען געלאָפן אויף פּאַור. איך בין אַרויף אין פאַבריק און דער פאָרמאַן, מיסטער פאַטשינסקי, אַ פּוילישער איד, האָט מיר גלייך אָנגעזעצט צו דער אַרבעט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט אַז עס זיינען דאָ מאַשינען וואָס מען דאַרף ניט דרייען דעם טרעטער הין און צוריק ווי אויף אַ פוס-מאַשין; איך האָב גענומען אַרבעטן, ערשט די מאַשין טוט אַ פלי און שטעלט זיך אָפּ. איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז מען האָט געוואָלט מאַכן שפּאַס מיט דעם גרינעם. איך הויב אויף דעם קאָפּ פון מאַשין און זע ווי אַלע אַרבעטער קוקן זיך צו און לאַכן פון מיר; טראַכט איך, איך האָב געמיינט אַז זאַגראַניצע (אין אויס-לאַנד) זיינען אַלע אַרבעטער באַוואוסטזיניק; דאָס הייסט, סאָציאַליסטן; און דאָ, אַנשטאַט מיר אַרויסצוהעלפן, לאַכט מען גאָר פון מיר. . . .

איינער פון די אַרבעטער גייט צו מיר צו און ווייזט מיר ווי אַזוי צו טרייבן די מאַשין, און פרעגט מיר שטילערהייט, אויב איך בין אַ סאָציאַליסט? איך ענטפער אים אַז יאָ. זאָגט ער מיר, אַז איינס דעם זייגער, ווען מען גייט עסן, וועט ער מיט מיר רעדן.

איינס אַזייגער, ווען די פּאַור האָט זיך אָפּגעשטעלט, איך קוועטש און קוועטש מיין טרעטער, די מאַשין גייט ניט. טראַכט איך, צעבראָכן די מאַשין. ערשט, איך טו אַ קוק, מען לאַכט ווידער פון מיר. דערווייל דערזע איך, אַז די פּלעמלעך גאַז וואָס ברענען לעבן יעדן מאַשין, זיינען אויסגעלאָשן; נעם איך אויסבלאָזן מיין פּלעמל אויך. איך בלאָז, און אַלע לאַכן אויפן קול. אָבער מער ווי דעם מאָל האָט מען שוין פון מיר ניט געלאַכט. מען האָט מיר דער-קלערט, אַז פון איינס ביז צוויי שטעלט זיך אָפּ די פּאַור, און וויפיל איך זאָל דעם טרעטל ניט קוועטשן וועט די מאַשין ניט גיין; און אַז דעם פלעמל גאַז דאַרף מען אויסדרייען. אָט אַזוי האָב איך זיך אָנגעהויבן אין לאָנדאָן אויס-צוגרינען. . . .

דער בחור וועלכער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו טרייבן די מאַשין, איז

צו מיר צוגעקומען און האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט. מיין נאָמען, זאָגט ער, איז חצקאל. איך קום פון קיעוו און בין אַן ס. ר. (סאָציאַליסט רעוואָ־ליוציאָנער). און ער הויבט גלייך אַרויף אַ פאַנטאַלאָן פון זיין רעכטע פיס און זאָגט צו מיר — דו זעסט, אָט דעם שניט אויף מיין פוס? דאָס האָט מיר אַ קאַזאַק געמאַכט מיט זיין נאַגאַיקע בּאַ אַ דעמאָנסטראַציע. איך האָב אים, זאָגט ער ווייטער, אָבער פאַר אַ פוס אַראָפּגעשלעפּט פון זיין פערד, און אים שטאַרק צע'מזיק'ט. נאָר אַ סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער קאָן דאָס טאָן, זאָגט ער; אַ סאָציאַל דעמאָקראַט וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן. און דו, זאָגט ער, ביזט אַ סאָציאַליסט רעוואָליוציאָנער? ניין, זאָג איך, איך בין אַ סאָציאַל דעמאָקראַט — אַ „בונדיסט״. נו, זאָגט ער, אַ פינסטערער מוח, אָבער נישקשה, איך וועל דיך אויפקלערן, אַבי דו ביזט אַ סאָציאַליסט. און וואו צו זיין האָסטו? איך דערצייל אים, אַז איך בין ערשט נעכטן אָנגעקומען, און האָב איין נאַכט איבערגענעכטיקט אין אַ פּלאַץ ניט ווייט פון פאַבריק.

הער זיך איין, זאָגט ער, דו געפעלסט מיר. וואָלסטו געוואָלט לעבן אין אַ קאָמונע? און ער דערציילט מיר, אַז ער און נאָך פינף בחורים וואוינען צוזאַמען אין איין הויז. זיי קויפן איין זייער עסן קאָמונאַל, עסן צוזאַמען וועטשערע, און עס איז דאָרטן זייער פריילעך.

איך ווער אַ לעבעדיקער, און זאָג אים אַז איך וואָלט זייער וועלן זיין מיט זיי צוזאַמען, אָבער איך קום אין דעם פּלאַץ וואו איך האָב גענעכטיקט פאַר איבערשלאָפן און פאַר אַ וועטשערע, און איך האָב ניט קיין געלט צו באַצאָלן. נאָך דער אַרבעט גייט ער מיט מיר צו אויף מיין דירה, באַצאָלט פאַר מיר אַ שילינג, און מיר גייען אַוועק אין זיין קאָמונע, אין 27 ענטקליף סטריט. חברה האָבן געבראַכט פון קרעמל אַלע גוטע זאַכן — הערינג, און ציבעלעס, און אייער, און טשאָקאָלאַד אויף צו טרינקען. איך האָב שוין אַזאַ מאָלצייט ניט געהאַט פאַר אַ לאַנגער צייט. אַלע נאַכט פלעגט אַן אַנדערער דאַרפן גיין אין קרעמל אויפן ראַג פון גאַס איינצוקויפן — קאָמונע איז קאָמונע אין אַלעם. . . .

אויפן פערטן טאָג איז אויסגעקומען מיין ריי צו גיין אין קרעמל איינ־קויפן. מען שרייבט מיר אויס אַלעס וואָס איך זאָל קויפן; דאַרף מען אָבער וויסן, אַז אין לאָנדאָן זיינען אַלע הייזער אויף בלאָקס און בלאָקס, געבויט אונ־טער איין דאַך, און אַלע זעהן אויס אַזוי ווי איינע, אינווייניק און אין דרויסן. איך גיי אַרויס און שטעל אָפּ די דרויסנדיקע טיר אָפן; קויף איין אין קרעמל וואָס איך דאַרף און גיי מיר אַ פריילעכער צוריק. נאָר אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, האָט דערוויל אימיצער צוגעמאַכט די טיר אין 27, און אין 29 איז די טיר געווען אָפן, קוק איך ניט אויפן נומער, איך בין זיכער אַז עס איז דער ריכטיקער פּלאַץ, גיי מיר אַריין, פאַרמאַך די טיר מעשה בעל הבית, טו

אָן עפּן די טיר רעכטס, וואו איך האָב ערשט אָפּגעשטעלט די פריילעכע חברה, ערשט, אין חדר איז פינסטער. מיין איך, אַז זיי ווילן מאַכן אַ שפּאַס. שריי איך אויס צו זיי — איי, חברה, איך בין הונגעריק, מאַכט ניט קיין שפּאַס! אַז עס טוט זיך אָן עפּן אַ טיר אַנטקעגן, און עס באַווייזט זיך אין טיר אַ הויכער געזונטער גוי.

ווי איז מיר, איך בין זיכער אַז בּאַ אונז אין הויז זיינען גאָר ניטאָ אַזעלכע גוים, טראַכט איך — שלעכט, איך בין פאַרקראָכן אין אַ פרעמדער הויז. איך קער זיך אום און וויל אַרויסגיין, ערשט דער ערל רוקט אַריין זיין לאַפּע צו מיר אין קאָלנער. איך פיל, אַז אָט דערשטיקט ער מיך. איך האָב שוין אָבער געקאָנט ריידן ענגליש, איך האָב שוין געכאַפּט צוויי ווערטער — מיסטער, פּליז! שריי איך אויס, און ווייז אים די זעקלעך מיט מיין סחורה, און וואָס איך קאָן אים ניט דערקלערן, דערמאַך איך מיט די הענט.

דער ערל הערט מיך ווי דעם קאָטער, ער רוקט נאָך אַריין אַביסל טיפער זיין לאַפּע אין מיין קאָלנער. אָט דאָ, טראַכט איך, ווער איך אַ קדוש! ער שלעפּט מיך אַרויס פון הויז און פירט מיך צו וואַשינגטאָן סקווער. איך מאַך מיט די הענט, איך פיל אַז איך ווער דערשטיקט. ער לאָזט ניט אָפּ.

אַ דאַנק גאָט, מיר זיינען שוין אין וואַשינגטאָן סקווער, און אין איין מינוט ווערט אַרום אונז אָן עולם פון הונדערטער מענטשן. עס קומט צו אַ באַבי (אַ פּאָליסמאַן), אַ לאָנדאָנער פּאָליסמאַן און די לאָנדאָנער לאָסט פערד זיינען אַזוי גרוים ווי די אידישע צרות. חוץ וואָס די פּאָליס זיינען אַזעלכע דזשייענטס, טראָגן זיי נאָך הויכע קאַפּעליושן.

נו, אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, דער ערל האָט אַרויסגענומען זיין לאַפּע פון מיין קאָלנער און איך האָב אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דער באַבי שטייט און דרייט מיט זיין שטעקעלע אַזוי קאַלטבלוטיק, ווי עס וואָלט אים גאָר ווייניק געאַרט וואָס אַ איד איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה. איך קוק זיך אַרום, אפשר וועל איך דערזען אַ אידיש פּנים, אום איך זאָל קאָנען דערציילן פון מיין אומגליק. איך דערזע, מיין מיסעס מיט מיין גאַנצע קאָמונע זיינען אָנגעקומען — מען איז געלאָפן מיר זוכן, מען האָט פאַרשטאַנען אַז איך האָב געמוזט אַריין אין אַ צווייטע הויז, און בין אַריין אין אַ צרה. איך האָב דערקלערט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און מיין מיסעס גרין האָט מיך געראַטעוועט פון גוישע הענט.

ש. ז. אָסיפּאָוו

דער קישינעווער פּאָגראָם מאַכט אַ רושם אין לאָנדאָן

ביסלעכוויים האָב איך זיך גענומען ארומקוקן, קומען צו זיך. איך בין גע־וואָרן אַ מיטגליד פון די אָפּער מאַשינער יוניאָן (קאמאשן שטעפּער), און בין אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם אידישן ברענטש פון די ענגלישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, ס. ד. פ. איך האָב אַלע טאָג אויף מיטאָג געגעסן געפּרייטע פיש מיט פרענטש פרייעד פּאָטייטאָס, דאָס האָט געהאַט טויזנט טעמ׳ן, און אויף יעדן ראָג גאָס איז געווען אַ קרעמל מיט אַן אָפענעם פענצטער, און אין פענצטער האָט מען אין אַ גרויסן קעסל געפּרעגלט די פיש און די בולבעס. נאָר צו איין זאַך האָב איך זיך אַזוי שנעל ניט געקענט צוגעוואוינען — ווען איך פלעג וואַרמעס־צייט שטיין אין דרויסן פון שאַפּ, און ביז עס איז געווען צייט אריינצוגיין צו דער ארבעט, פלעג איך לייענען די „לעצטע נאַכריכטן" פון „בונד", אָדער די „איסקרא", אַ רוסישע צייטונג, אָדער עפּעס אַן אנדער ניט־לעגאַלע צייטונג, און ווען איך פלעג פון ווייטן דערזען אַז אַ „באָבי" קומט אָן, האָב איך אינסטינקטיוו באַהאַלטן די צייטונג. עס האָט מיר גענומען אַ היבשע ווײַלע ביז איך האָב זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז איך בין אין אַ פרייַ לאַנד, און קיינעם ארט ניט וואָס איך לייען.

מיט אַמאָל האָט זיך ווי אַ בליץ דורכגעטראָגן דורך די לאָנדאָנער גאַסן — „אַ פּאָגראָם אין קישינעוו!" דער פּאָגראָם איז געווען געשילדערט אין די צייטונגען אַזוי, אַז אַלעמענס בלוטן זיינען געוואָרן אויפגעבראַכט. אַ געוואַל־דיקע אַקטיוויטעט איז געוואָרן אין אַלע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן קאָנפערענצן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוהאַלטן אַן עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע און נאָכדעם אַ פּראָטעסט מיטינג אין אַ זאַל.

דער טאָג פון דער דעמאָנסטראַציע איז געקומען. שטונדן פריער, איידער עס איז געווען באַשטימט צו מאַרשירן צו האַיד פּאַרק, האָבן זיך שוין טויזנטער מענטשן גענומען פאַרזאַמלען אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ. און אַט פאַרמירט זיך דער מאַרש. איך האָב ניט קיין אהנונג וויפיל עס האָבן גענומען אַן אנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע, פילע טויזנטער זיינען געווען אין די רייען. וואָס עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ זייער שטאַרקן איינדרוק איז געווען, וואָס פּאָליס אויף פערד זיינען געריטן פאָראויס, מאַכנדיק אַ וועג פאַר די דעמאָנסטראַנטן.

אויך באַ די זייטן זיינען געגאַנגען צופּוס און געריטן אויף פערד צענדליקע פּאָלים, האַלטנדיק די רייען אין אָרדנונג. דאַן האָב איך ערשט באַגריפן וואָס פרייהייט מיינט, און איך האָב מיט מיין גאַנצן האַרצן געבענטשט די ענגלישע פרייהייט.

צו די רוסישע זעלבסטהערשאַפט האָבן מיר אויסגעדריקט אונזער צאָרן אין שרייען — „דאַלאָי סאַמאָדיערזשאַוויא, דאַ זדראַווסטוואָיעט סוואָבאָדע! און נאָך אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע אויסרופן. מיר האָבן געקילט אונזערע הייסע בלוטן מיט דעם.

און אָט זיינען מיר אין האַיד פּאַרק. די מענגע איז געווען אַזוי גרויס אַז מען האָט געמוזט אין צענדליקע פּלעצער פון פּאַרק אוועקשטעלן רעדנער. די רוסישע סאַמאָדערזשאַוויע איז ניט געשאָנעוועט געוואָרן, און אַלע רעדנער האָט באַטאָנט, אַז די רוסישע זעלבסט־הערשאַפט זוכט דורך אידיש בלוט צו פאַרלייגערן איר הערשאַפט, אָבער עס דערנעענטערט זיך זייער סוף!

אין אָוונט, אַ מאַס־מיטינג. אַ זאַל וואָס איך האָב אַזעלכעס פריער ניט געזען. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם זאַל — דאַכט זיך, „וואונדערלאַנד”. עס איז געווען אין קאָמערשל ראָוד, טויזנטער מענטשן האָט דער זאַל אַריינגענומען, און ניט נאָר זיינען אַלע פּלעצער געווען פאַר־נומען, נאָר פילע הונדערטע זיינען געשטאַנען. עס זיינען געווען גאָר אַ סך פּראָמינענטע רעדנער — געגאָסע היינדמאַן, געגאָסע וועלטש פון די ענגלישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, איך האָב אָבער ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן גערעדט. ווען מען האָט אָבער פאָרגעשטעלט דעם אַלטן קראָפּאָטקין, האָב איך זיך מחיה געווען. ער האָט גערעדט שטיל, געלאַסן, אָבער מיט אַזוי פיל האַס קעגן די רוסישע זעלבט־הערשאַפט, אַז ער האָט אין מיר אַ נייעם לעבן אַריינגעגעבן. . . . די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ זאַמלונג פון אַ גאָר היבשע סומע פאַר די פּאָגראָם קרבנות, און מען איז זיך שטיל צעגאַנגען מיט די האָפנונג, אַז די צאַרישע זעלבסט־הערשאַפט וועט זיך לאַנג ניט האַלטן.

אונזער באַוועגונג לעבט אויף

אין יענעם זומער פון 1903, ווען עס האָבן זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די פּאָגראָמען — פריער קישינעוו, דאַן ביאַליסטאָק, סיעדלעץ, און די אַנדערע — האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו קומען אַלע טאָג אין לאָנדאָן מחנות׳ווייס; און יעדע באַוועגונג האָט צוגעקראָגן אַ היבש ביסל נייַ בלוט. אונזער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ברענטש האָט אויך גאָר היבש אויפגעלעבט, מיר האָבן געציילט אַרום פיר הונדערט מיטגלידער, און האָבן זיך שטאַרק מתקנה געווען אָן די אַנאַרכיסטן אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן דאַן געהאַט אַ גאָר היבשע אָנהייבער־שאַפט, האָבן אַרויסגעגעבן דעם „אַרבעטער פרייַנט״, אַ וועכנטלעכע צייטונג, און האָבן אויך געהאַט זייער שטענדיקן פאַרזאַמלונגס פּלאַץ, וואו זיי פלעגן אַראַנזשירן לעקציעס, קאָנצערטן, א. א. וו.

באַ יעדן מיטינג פון אונזער ברענטש איז אויפגענומען געוואָרן די פראַגע פון אַ פאָלקס הויז און אַן אייגענע וועכנטלעכע צייטונג. די מערסטע פון די מיטגלידער זייַנען געווען גרינע אָרימע אַרבעטער, אָבער קיין ענטוזיאַזם האָט קיינעם פון אונז ניט געפעלט — יעדער איינער האָט געהאַלטן אין צוטראָגן צום פאָנד מער וויפיל ער האָט געקאָנט.

און אָט קריגן מיר אַ באַריכט פון דעם קאָמיטעט, אַז זיי האָבן געפונען אַ פּאַסנדן פּלאַץ פאַר אַ פאָלקס הויז. די שמחה איז באַ אַלעמען גרויס, מען טראָגט צו צום פאָנד די לעצטע פאַר שילינג. דער פּלאַץ ווערט גענומען. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען ווי די גאַס האָט געהייסן, עס איז אָבער געווען אין רעכטן צענטער פון אידישן געגנט — די דריטע הויז פון אַ בית מדרש.

דער פּלאַץ איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן גאָר היבשן זאַל, און אונטן אַ גרויסער קעלער. דער פּלאַן איז געווען — אונטן איינצושטעלן אַ דרוקערייַ און אַ קיך, אויבן אַ בופעט, און דער זאַל זאָל דינען פאַר פאַרזאַמלונגען, לעק־ציעס און קאָנצערטן.

אין אַ קורצע צייט איז אַלעס געוואָרן פאַרטיק. אין קעלער שטייען שוין אַ פּאָר דרוק־מאַשינען, אַ קיך איז איינגעשטעלט; פון אויבן, אויפגעשטעלט דעם בופעט, דער זאַל פאַרפּוצט — עס איז יום־טוב! . . .

דער דערעפענונגס באַנקעט איז, ווי איך געדענק איצט, באַ מיר געווען איינער פון די גרעסטע יום־טובים וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבן. אויבן־אָן זייַנען געזעסן די פּני פון דער ענגלישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַ־

וועגונג — גענאָסע היינדמאַן, וועלכער איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, און אַנדערע גדולים. דער זאַל איז געווען איבערפילט, און דער יום־טוב איז בּאַ אַלעמען געווען גרויס עס האָט זיך בּאַ אונז אָנגעהויבּן אַן אַקטיוויטעט וואָס איז שווער צו בּאַשרייבּן. אויף אַלע זונטיק בּאַנאַכט זיינען אַראַנזשירט געוואָרן פּאָרומס מיט גאָר גרויסע רעדנער — קיין גדולים האָבּן דאַן אין לאָנדאָן ניט אויסגעפעלט. עס פלעגן רעדן: טשערקעסאָוו, טשייקאָווסקי, קראָפּאָטקין (ניט אָפט), ווייל ער איז שוין געווען גאַנץ אַלט, און פאַר אים איז געווען שווערליך צו קומען רעדן; אַלאַדין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ דעפּוטאַט אין די ערשטע רוסישע דומע, און נאָך פילע אַנדערע.

אין דער צייט איז מען אויך אָנגעגאַנגען מיט פּלענער אַרויסצוגעבּן אַ וועכנטליכע סאָציאַליסטישע צייטונג. איינער פון די פירער פון אונזער בּאַוועגונג איז געווען גענאָסע בּעק. ער איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש. בּאַ געבּורט אַ רוס, נאָר האָט שטענדיק געלעבּט צווישן אידן, האָט גערעדט און געשריבּן אידיש זייער פליסיק. עס איז ניט געווען קיין איין זאַך וואָס ער האָט ניט געקאָנט טאָן. האָט מען געדאַרפט האָבּן אין קיך אַ שעף, איז ער געווען אַ גוטער שעף, און פלעגט אָפּקאָכן אַ אידישן מאכל אַז מען פלעגט זיך מיט דעם קוויקן. ער איז אויך געווען אַ גאַנץ גוטער רעדנער, און פלעגט פון צייט צו צייט געבּן לעקציעס. האָט מען בּאַשלאָסן צו אַראַנזשירן אַ כאָר, האָט עס גענאָסע בּעק איינגעשטעלט, און אונזער כאָר פון אַרום 50 זינגער, איז געווען אין לאָנדאָן זייער פּאָפּולער. מען פלעגט אונז איינלאַדן צו זינגען צו פאַרשידענע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און שטענדיק גאָר פיין אויסגענומען; און אַז מיר האָבּן בּאַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַן אַמאַטאָרן גרופּע צו שפּילן טעאַטער, איז ווייטער גענאָסע בּעק. מיר האָבּן אויפגעפירט אַזעלכע פּיעסן ווי „גאָט, מענטש און טייוול” פון יעקב גאָרדאָן, און אַנדערע גרויסע פּראָדאַקשנס, מיט גוטן דערפאָלג.

שפּעטער, ווען עס איז געקומען די צייט און מען האָט בּאַשלאָסן אַרויסצוגעבּן אַ וועכנטלעכע צייטונג, איז גענאָסע בּעק דערוויילט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר, און איינער מיט דעם נאָמען חיים טאַטאַרסקי, אַ גאָר אינטעליגענטער יונגער מאַן, אַ געוועזענער ישיבה בחור, איז דערוויילט געוואָרן אַלס געהילף־רעדאַקטאָר. איך בּין מיט חיים טאַטאַרסקי גאָר נאָענט בּאַפריינדעט געוואָרן, און אַז איך פלעג עפּעס אָנשרייבּן פאַר דער צייטונג, פלעגט ער מיר אָנווייזן אויף די פעלערן, ספּעציעל אויף דעם וואָס איך פלעג אין מיין אידיש נוצן גאָר אַ סך רוסישע ווערטער. שפּעטער האָט ער מיר בּאַקאַנט מיט י. ח. בּרענער, דער בּאַוואוסטער העבּרעאישער שריפטשטעלער. בּרענער האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער שווערן איינדרוק מיט זיין מרה־שחורה׳דיקן אויסזען און

זיין זייער ניט שיינעם פּנים . . . כאָטש ער האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, זאָגנדיק: שרייבט, שרייבט, יונגערמאַן; איר וועט זיך אַמאָל צו עפּעס דער־שרייבן, ווייל איר האָט אַ פונק.

דער נאָמען פון אונזער צייטונג איז „די נייע צייט". און אָט איז דער ערשטער נומער פון אונזער ליבלינג אויפגעזעצט געוואָרן, טאַקע בײַ אונז אין קעלער. מען טראָגט אַרויס די אויפגעזעצטע זייטן, מען זאָל זיי מיט אַ פּוש־קאַרט אַוועקפירן צום דרוקער. אָבער דאָ האָט פּאַסירט אַן אומגליק — איין בלאַט זאַץ פאַלט אַרונטער און דער זאַץ ווערט צושאָטן. . . . עס איז ניטאָ קיין צייט זיך אַוועקצושטעלן און איבערזעצן דעם בלאַט, עס ווערט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די צייטונג מיט אַ ליידיקן זייט, נאָר אָנצושרייבן אינדערגיך אַ דערקלערונג אויף דעם ליידיקן זייט וועגן דעם וואָס האָט געטראָפן. עס איז בײַ אַלעמען געווען אַ יום כפור שטימונג, אָבער פאַרפאַלן. . . .

ווען איך קוק איצט אויף צוריק מיט 50 יאָר, און דערמאָן זיך וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד עס האָט אונז אַלעמען דאַן באַהערשט ווען מיר האָבן געעפנט די פאַלקס הויז און אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צייטונג, צווייפל איך אויב דאָס גרעסטע גליק אין אימיצנס פּערזענלעכן לעבן האָט געקאָנט אַזאַ פרייד אַרויס־רופן. ווען איך פלעג שבת פרי כאַפּן אַ פּעקל צייטונגען און מיט דעם זיך אַוועקלאָזן אין ווהייטטשעפּל ראָוד, פאַרקויפן אַלע צייטונגען, קומען צוריק אָן אָן אָטעם, אַוועקגעבן דאָס געלט און נעמען נאָך צייטונגען. דאָס איז געווען דער העכסטער גענוס וואָס איינער קאָן זיך פאָרשטעלן . . . ווייל יעדער איינער וואָס האָט בײַ מיר געקויפט אַ צייטונג, איז בײַ מיר געווען פאַררעכנט פאַר נאָך אַ רעקרוט, וועלכער וועט אונז העלפן ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע ! . . . אַך יונגע יאָרן, טייערע יאָרן ! באַ ! . . .

אַרום פּורים צייט, 1904, קריג איך אַ בריוו פון מיין ווערא'ן. איך לייען און לייען דעם בריוו און איך קאָן ניט באַנעמען אינגאַנצן דעם מיין פון דעם . . . עפּעס רעדט זי מיר אויס, אַז לעצטנס שרייב איך צו איר ניט אַזוי אָפט, און אַז זי קריגט פון מיר שוין אַ בריוו, פילט זי אַז איך בין עפּעס ניט דער זעלביקער . . . אָפּגעקילט געוואָרן . . . זי פאַרדעכטיקט אַז איך בין שוין פאַרליבט אין אַן אַנדער מיידל . . . איז זאָל איך איר שרייבן דעם אמת. אויב עס איז אַזוי, דאַן זאָל איך וויסן אַז „שלמה", סטאַניסלאַוו גאָלדבערג, פון סמאָלענסק, איז זיך פאַרנאַנדער געגאַנגען מיט זיין פרוי, און ער פאַרלאַנגט איר מיט ליבעס־דערקלערונגען, איז כאָטש זי האָט מיך ליב, וועט זי אפשר ווערן זיין פרוי, אויב איך בין צו איר אָפּגעקילט געוואָרן.

איך שרייב איר אָן, אַז איך האָב טאַקע דאָ אַ געליבטע, און דערפאַר האָב

איך אפשר ניט אַזוי אָפט צו איר געשריבן, אָבער עס איז ניט קיין מיידל, נאָר די רעוואָלוציע! . . .

אין מאַי, 1940, איז מיין ווערא געקומען צו מיר אין לאָנדאָן. געקומען איז זי מיט פּונקט אַזאַ פאַרמעגן ווי איך בין אין לאָנדאָן געקומען, ווייל איר האָט מען אויך היבשלעך אויסגעליידיקט אויפן גרעניץ. איך האָב פאַרמאָגט גאַנצע זעקס שילינג ווען זי איז צו מיר געקומען.

אָט אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער פאַרהייראַט לעבן, אָבער צו אונזער פרייד איז קיין גרעניץ ניט געווען. . . . מיר האָבן געוואוינט אין איין צימער, אָבער דער צימער איז געווען מיין פּאַלאַץ. . . .

איך האָב זיך אַזוי געהיילט מיין וועראן נאָך לאָנדאָן אַראָפּצובריינגען, אַז איך האָב איבערגעהיפּט אַ פּאָר קאָמישע עפּיזאָדן, וועלכע איך וויל פאַר־צייכענען. אַ פּאָר חדשים נאָכדעם ווי איך בין געווען אין לאָנדאָן, טרעף איך אָן אין גאַס מיינעם אַ חבר פון סמאָליענסק — אויך אַ קאַמאַשן שטעפּער, און האָט דאָרטן באַלאַנגט צו דער באַוועגונג — לייזער עפּשטיין. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. ער דערציילט מיר, אַז עס איז ערשט אַ פּאָר טעג ווי ער איז אָנגעקומען, און ער אַרבעט נאָך ניט. נייעס פון סמאָליענסק דערציילט ער מיר, אַז אויף מאָרגן ווי איך בין אַוועקגעפאָרן, איז פּאָליציי געקומען צו מיין ברודער (ער האָט אויך דאָרטן געאַרבעט) זיך נאָכ־צופרעגן אויף מיין געזונט. . . .

איך נעם לייזער'ן אַריין אין מיין קאָמונע, און אויף מאָרגן פיר איך אים אַרויף אין פאַבריק וואו איך האָב געאַרבעט און מען זעצט אים אַוועק אַרבעטן. דער פאָרמאַן זאָגט אים אָבער אָן, אַז ער וועט מוזן נעמען אַ „הער־קאַט" אויב ער וויל פאַר אים אַרבעטן. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ קודראַווע האָר אַזוי ווי אַ שעפּס פאַרן אָפּשערן. ער האָט זיך אויף מאָרגן אַביסל אָפּגעשאָרן, אָבער אַז ער זאָל נעמען אַ מענטשלעכן „הערקאַט" האָט מען בא אים ניט געקאָנט פועלן.

אַרום אַ וואָך שפּעטער, גייען מיר אַריין צו זעהן וואָדעוויל אין „סטענדערד טעאַטער". איך האָב ניט געהאַט קיין אָנונג אַז אַהין האָט געצויגן ניט גאָר קיין פיינער עולם. בילעטן האָבן מיר געקויפט, פאַרשטייט זיך, די ביליגסטע. מיר גייען אַרויף אויפן גאַלערי, קיין זיץ־פּלעצער האָבן מיר ניט, שטייען מיר און קוויקן זיך מיט וואָס עס קומט פאָר אויפן בינע. דער עולם אַרום אונז איז ניט געווען אַ גאָר געהויבענער. מען האָט דערזען דעם סוביעקט מיט אַ ווילדן קאָפּ האָר, האָט מען אים גענומען שטופּן פון איינעם צום צווייטן. ער איז געוואָרן שטאַרק ברוגז, און האָט געהאַלטן אין איין שרייען צו זיי: „עטאָ נאַכאַלסטווע"! און וואָס מער ער האָט געשריען „עטאָ נאַכאַלסטווע", אַלץ מער

האָט מען אים געוואָרפֿן פֿון איינעם צום צווייטן. נאָר מיט אַמאָל האָבן זיי אים אָפּגעלאָזן. . . . אביסל שפּעטער, זאָגט ער צו מיר: זלמן, דו ווייסט וואָס די סוואַלאַטשעס האָבן געטאָן? זיי האָבן מיר אָנגעפּ'שט אין קעשענע. . . . אויב אַזוי, זאָג איך, איז צייט צו גיין אַהיים. . . .

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, קומט קיין לאָנדאָן סאַראַ בערנאַרד. נו, ווי אַזוי גייט מען ניט זען סאַראַ בערנאַרד שפּילן? און אַז זי שפּילט נאָך אין די וועסט סייד פֿון לאָנדאָן, האָבן מיר דאָך געוווּס קיין מורא ניט צו גיין אין טעאַטער. מיר קריגן בילעטן אויפֿן גאַליאָרקע און לויפֿן אַרויף; דאָ האָבן מיר שוין פּלעצער צום זיצן. לעבן מיר זיצט אַ מויד און האַלט אַ שליאַפּע אויפֿן פּאָדל. אין יענער צייט פֿלעגן ווייבער טראָגן שליאַפּעס מיט אַ לאַנגן שפּיציקן שפּיזל דורכ־געשטאָכן. סאַראַ בערנאַרד באַווייזט זיך אויף דער ביהנע, עס ווערט אַ פּאַטשעריי, מיין מויד טוט זיך דערוויל אַ רוק צו מיר און שטעכט מיר אַריין דעם שפּיזל פֿון איר הוט אין פּוס. איך טו אַ שפּרונג פֿון ווייטיק, וואַרף אויף איר אַ ביסטרען קוק, און זאָג אַרויס שטילערהייט, פּליעז! עס העלפֿט מיר גאָר־ניט, זי דערלאַנגט זיך ווידער אַ רוק צו מיר און אַ שטאָך אַריין דעם שפּיזל אין מיין פּוס. מיין לייזערקע טוט אויף מיר אַ קוק און פֿרעגט: וואָס שפּרינגסטו אַזוי ווי אַ באַק? אי, זאָג איך, וואָס רעדסטו? איך בין אַזוי וואָזחיזטשאַיעט פֿון איר שפּילן, אַז עס הויבט מיך פֿון אָרט.

עס קומט דער אַנטראַקט, מיר גייען אַרויס רויכערן; צוריקומענדיק זע איך אַז ער זאָל זיך אוועקזעצן לעבן מיין דאַמע. מען הויבט אָן צו שפּילן, מיין לייזערקע שפּרינגט אין דער הויך. אַ יאָ, זאָג איך צו אים, זי שפּילט גוט? מיט אַמאָל, דערלאַנגט זי אים ווידער אַ כמאָל אַריין איר שפּיזל, אַז ער טוט זיך אַ הויב אויף און דערלאַנגט אַ געשריי: עטאַ טשטאָ זאַ בעזאָבראַזיאַ ? !

אַלע האָבן זיך גענומען אַרומקוקן. קום, זאָגט ער, איך האָב אין ד'רערד דעם לאָנדאָנער וואָדעוויל מיט דעם טעאַטער צוזאַמען! מיר זיינען אַרויס אין מיטן שפּילן און פּאָר אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געהאַט צו דערציילן פֿון אונזער איבערלעבונג מיט לאָנדאָנער וואָדעוויל און טעאַטער.

איצט צוריק צום פאָלקס הויז

חוץ די פיל פרייד און גייסטיקן פארגעניגן וואָס מיר האָבן פון אונזער פאָלקס הויז פארנומען, האָבן מיר אויך א היבש ביסל עגמת נפש דאָרטן געהאַט. די אנאַרכיסטישע באַוועגונג איז צו יענער צייט געווען אין לאָנדאָן שטאַרק צובליט. דער „ארבייטער פריינט" האָט זיך פארקויפט אין א היבשע צאָל עקזעמפּליאַרן. זיי האָבן אויך געהאַט א היבשע צאָל היציקע רעדנער — רודאָלף ראָקער איז געווען זייער אָבגאַט. ער איז געווען א פלאַם פייערדיקער רעדנער. א צאָל פון זייערע לעקציעס זיינען געווען אויף דער טעמע: „פרייע ליבע".

אין דער צייט ווען איך פלעג זען אין אונזער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָר רוחניות, האָב איך אין זייער אנאַרכיסטישער באַוועגונג געזען נאָר גשמיות, צוליב זייער „פרייע ליבע" פּראָפּאַגאַנדע. עס זיינען צווישן זיי געווען אַזעלכע קריינקס, וואָס מען פלעגט פון זיי ניט קאָנען פטור ווערן, אַזוי ווי פון זלידנע פליגן. אָט די חברה פלעגן פון צייט צו צייט זיך אריינכאַפּן אין פאָלקס הויז, אַרויפקריכן אויף א שטול, און עס האָט ניט אויסגעמאַכט ווי פיל, אָדער ווי ווייניק, מענטשן זיינען אין זאַל דערביי געווען, אָנהויבן פריידיקן „„פרייע ליבע", באַנוצנדיק דערביי אַזאַ שמוציקע שפּראַך, אַז איך פלעג זיך שעמען מיינע אויגן אויפצוהויבן. קומען פלעגן זיי באַוואָפנט מיט א שטיק אייזן, און עס איז געווען א געפאַר זיי צו פּרובירן אַרויסוואַרפן. דער אב הטמא, דער פירער פון דער גיינג, גרינשטיין, איז געווען א שמוציקע בריאה, וואָס איז געווען ווייט צו זוכן. צו אונזערע פאַרומס זונטיק אָוונט, פלעגט ער שטענדיק קומען און שטערן די לעקציע מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ווען ער פלעגט נאָך דער לעקציע שטעלן א פראַגע, האָט ער אַליין געהאַלטן א גאַנצע לעקציע און אָנגערופן דעם רעדנער מיט די ערגסטע נעמען.

אין א געוויסן זונטיק האָט גערעדט טשייקאָווסקי, א באַוואוסטער רוסישער סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער. נאָך דער לעקציע, בעט גרינשטיין דאָס וואָרט. טשייקאָווסקי זאָגט, אַז ער וועט אים ניט ענטפערן, און ער וויל ניט הערן פון אים קיין באַליידיקונג; האָט ער געמאַכט א סקאַנדאַל. די איינציקע ברירה איז געווען, אים פון זאַל אַרויסצואוואַרפן.

עס איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען, אָבער מען איז אים בייגעקומען, און אַרויסגעוואָרפן. טוט ער אַפּ איין קליינינקייט — אין אַריינגאַנג צום זאַל איז

געווען אַ רעד דורך וועלכע די גאַז איז אַריינגערונען אין די רערן פון זאַל; טראַכט ער ניט לאַנג, און רייסט אָפּ דעם רער. די פּלעמלעך אין זאַל האָבן זיך דערלאַנגט אַ הויב אין דערהויך, און זיך פאַרלאָשן. די גאַז האָט אָנגעהויבן צו רינען פון די רערן . . . דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, עס איז געוואָרן אַ געוואַלדיקע מהומה — אייניקע האָבן זיך די פּיס צעבראָכן שפּרינגענדיק איבער די ביינקלעך — מען איז קוים אַרויס מיט דעם לעבן.

עס איז דאָן באַ אונז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס ביז דאַן האָבן מיר דאָס ניט געוואָלט טאָן — צו האָבן אַ פּאָליסמאַן צו אונזערע פאַרומס, און די חברה מער ניט אַריינצולאָזן.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע זאַך איז ווערט פאַרנאָטירט ווערן. עס האָט זיך גענומען דערנעענטערן די צייט פון ימים נוראים. אויפן טאָג אָרדנונג איז געקומען די פראַגע, צי מיר זאָלן האַלטן אונזער פאָלקס הויז אָפן יום־כפור, ווייל מיר האָבן דאָרטן אויך געהאַט אַ רעסטאראַן. פילע האָבן אַרגומענטירט, אַז מיר וועלן ניט זיין אָרענטלעך צו אונזערע פּרינציפּן אויב מיר וועלן דעם פּלאַץ פאַרמאַכן יום כפור. מיר האָט אָבער נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערן מיין טאַטנס אָנזאָג ווען איך בין אַוועק פון ליאדי — פאַרגעס ניט, אַז דו ביזט אַ איד! האָב איך שטאַרק אַרגומענטירט געגן האַלטן אָפן, באַנוצנדיק אויך אַלס אַרגומענט, אַז ובחוקתיהם לא תליכו — דערפאַר ווייל די אַנאַרכיסטן מאַכן פון יום כפור אַ פריילעכן יום־טוב, טאָרן מיר דאָס ניט טאָן. ספּעציעל ווען אונזער פאָלקס הויז איז אַ שפּאַן פון אַ בית המדרש. . . .

איך מיט מייניקע זיינען דורכגעפאַלן. נו, פאַרפאַלן, אחרי רבים להטות — די מאַיאָריטעט האָט געזיגט.

צו כל נדרי באַנאַכט איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ לעקציע. דער זאַל איז פול. איידער די לעקציע הויבט זיך אָן שטייט מען לעבן בופעט און מען כאַפּט איבער דאָס האַרץ — קורץ, מען לאָזט זיך וואויל גיין. . . .

מיט אַמאָל לאָזן זיך אַריין אין זאַל אַ היבשע צאָל פּנים חדשות, גאָר אומבאַקאַנטע מענטשן. זיי גייען צו צום בופעט, מען לאָזט אַראָפּ אַ פּאָר גוטע פּעטש די וועלכע זיינען געשטאַנען הינטערן בופעט, צעבלוטיגט עטלעכע פון די וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן בופעט, צעבראָכן און אַראָפּגעוואָרפן אַלעס וואָס איז אויפן בופעט געווען אויסגעשטעלט, און נאָך עטלעכע וועלכע זיינען דערביי געשטאַנען גאַנץ גוט צעשלאָגן. אין זאַל איז געוואָרן אַ פּאַניק . . . פון דרויסן האָט מען דערווייל גענומען וואַרפן שטיינער אין די פענצטער, אין גאַס איז געוואָרן אַ פייפעריי מיט אַ געשריי. . . .

מען איז אַרויסגעלאָפן פון זאַל, די גאַס איז געפּאַקט מיט רייטנדיקע פּאָליס. מען טרייבט דעם עולם פון אַלע זייטן, אַזוי אַז מען ווייסט ניט וואוהין צו

לויפן. די סומאטאכע האט אנגעהאלטן א היבשע ווײַלע, ביז מען איז זיך צעגאנגען, צעלאפן. וואו מען איז געגאנגען האט מען געכאפט מיט שטיינער און מיט באטלס. אט אזוי האבן מיר פארענדיקט די כל נדרי נאכט פון 1904.

עס איז אוועק אביסל צייט און אין שטאט האט מען אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם סקאנדאל. אלעס האט גענומען גיין ווי געוויינלעך — לעקציעס, קאנצערטן, זאמלען געלט פאר אונזער צייטונג — „די נייע צייט" האט בא אונז געפאדערט גאר א סך ענערגיע. אלע וואך איז געווען די זעלבע פראגע — ניטא אויף פאפיר, ניטא פארן דרוקער, ניטא קיין געהאלט פאר די זעצער.

אלע וואך פלעגט יעדער איינער פון אונז אוועקגעבן דעם לעצטן שי־לינג — מען פלעגט ווי ניט איז צוזאמענקלייבן די נויטיקע סומע אז די צייטונג זאל ארויסגיין אין צייט. איינמאל, ווען עס איז געקומען צו א קריזיס, און איך האב ניט געהאט קיין געלט צו צוטראגן, האב איך מיין איינציקן יום־טוב'דיקן אנצוג אוועקגעטראגן צום פעטער, געקראגן אויף דעם 10 שילינג, און מיט גרוים שמחה דאס געבראכט צוטראגן. . . .

די אנארכיסטן האבן נאך אלץ אויף יעדן גאסן ראג געפריידיקט פרייע ליבע, און די רעוואלוציע איז נאך אלץ ניט געקומען. . . .

אין אונזער פאלקס הויז איז אנגעגאנגען אן אקטיוויטעט אזוי ווי אין א בין־שטאק. אלע שבת אוונט, א קאנצערט אדער טעאטער פארשטעלונג; אלע זונטיק, א פארום מיט פראמינענטע רעדנער; דורך דער וואך, פארשידענע רעפעטיציעס. אונזער כאר איז געווארן א שם דבר פאר דער גאנצער ראדי־קאלער לאנדאנער איסט ענד. מיר פלעגן דארפן גיין זינגען א פאר מאל א וואך. איין ליד געדיינק איך האט ספעציעל אויסגענומען, און מען האט דאס ליד געפאדערט צו זינגען בא יעדן קאנצערט. עס האט זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער —

„אי טי דניעפ, טי מאי שיראקי,
ליעסא ביסטראיו וואלנאי . . .

דאס ליד איז געווען אראנזשירט זייער שיין, מיט א פראכטפולע סאלא פאר א באס. דער וועלכער פלעגט זינגען די סאלא האט געהאט א מעכטיקן באס, און עס פלעגט אזוי שיין קלינגען, אז מען האט שטענדיק געפאדערט דאס ליד זינגען.

סיי ווערא און אויך איך האבן אויפגעלעבט. מיר האבן ביידע געארבעט

און, פאַר יענע צייטן, גאַנץ גוט פאַרדינט. נאָך דער אַרבעט פלעגן מיר זיך טרעפן אין פאָלקס הויז, עסן א גוטע וועטשערע צוזאַמען מיט חברים, פאַר־ברייננגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, נעמענדיק אַנטייל אין פאַרשידענע אַק־טיוויטעטן. א דירה האָבן מיר שוין געהאַט א גרעסערע, א שענערע, און ווען מיר האָבן נאָך געהאַט אַליידיקן אָוונט, איז אונזער שטוב געווען פול מיט חברים — מען האָט געזונגען, דיסקוטירט, גערעדט, געלאַכט. סיי ווערא, סיי איך, האָבן שוין אַזוי שטאַרק ניט געביינקט נאָך דער היים, וואו מיר האָבן אָפּגעשטעלט אַזאַ קאָכעדיק לעבן; און מיר זיינען געווען שטאַרק פאַרליבט איינער אין דעם צווייטן. . . .

מיין חבר חיים טאַטאַרסקי פלעגט אָפּט א זאָג טאָן צו ווערא — דו ווייסט, דיין מאַן קוקט אויס ווי א בורזשוי, דאַרפסט זיך אָפּזוכן אַן אַנדערן, וואָס זאָל אויסקוקן ווי א פּראָלעטאַריער. פלעגט זי אים ענטפערן: ער מעג אויסקוקן ווי ער קוקט אויס, ווייל א נשמה האָט ער א פּראָלעטאַרישע, און א האַרץ וואָס פאַרנעמט יעדן ווייגעשריי. . . .

אַרום יענער צייט איז רוסלאַנד אַריין אין מלחמה מיט יאַפּאַן. מיר האָבן אַלע געוואונטשן דעם פּאָגראָמען לאַנד א מפּלה. דאַן, האָבן מיר געהאָפּט, וואָלט עפּעס גוטס אַרויסגעקומען פון דעם. אָבער צופיל האָפנונג האָבן מיר אויף דעם ניט געלייגט, ווייל יאַפּאַן, אַנטקעגן דעם מעכטיקן רוסישן בער, האָט אויסגעקוקט ווי א פליג קעגן א העלפאַנט. . . .

און אָט האָבן זיך געגומען באַווייזן גרויסע קעפּ אין אַלע צייטונגען, אַז דער רוסישער בער האָט געקראָגן א טויט־קלאַפּ פון דער קליינער יאַפּאַן — די נייווע צעשטערט, די אַרמיע צעקלאַפּט — די דורכגעפוילטע צאַרישע זעלבסט־הערשאַפט האָט זיך גענומען שאָקלען. . . . דער גלח גאַפּאַן פירט א מחנה צום צאַר'ס פּאַלאַץ . . . און מיט אַמאָל, גרויסע קעפּ אין די צייטונגען — דער צאַר גיט א קאָנסטיטוציע דאָס לאַנד! . . .

מען פאַרופט די ערשטע דומע . . . א פרייד ניט צו באַשרייבן. מען נעמט זיך אַרום און מען קושט זיך באַ יעדער באַגעגעניש. אַלע שבת א פּראָסטשאַלני אָוונט (א געזעגנונגס אָוונט) פאַר די רעקרוטן, וועלכע סיי דער בונד, ווי אויך אַנדערע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, שיקן קיין רוסלאַנד צו העלפן די רעוואָלוציע. מען קושט זיך, און באַ יעדן איינעם טרערן פון פרייד אין די אויגן באַם געזע־גענען זיך. איך פיל מיט אַלע מיינע חושים, אַז איך מוז אויך פאָרן מיט זיי, אַרויסצוהעלפן אין די קאַמפן מיט דער קראַמאָלאַ. איך בין דאָך אָבער שוין א טאַטע, מיין ווערא האָט מיר געבאָרן א זון דעם 1טן דעצעמבער 1905. . . .

מיין לעבן

ווערא

וואָס וועט זי דאָ טאָן אַליין? וועט זי קאָנען פאַרדינען אויף איר חיונה מיט דעם קינד?

ווערא זאָגט צו מיר — פאָר! וואָס הייסט דו וועסט זיך אָפּשטעלן דאָ, ווען דו קענסט דאָרטן זיך נוצליך מאַכן ? . . .

דעם קומענדיקן שבת פאַרשרייב איך זיך אַלס איינער פון די רעקרוטן צו פאָרן נאָך רוסלאַנד העלפן די רעוואָלוציע. . . . געלט מיטלען האָבן זיך אביסל אויסגעלאָזן בא דעם „בונד”, מען האָט געדאַרפט וואַרטן נאָך א פאָר וואָכן ביז מען וועט קריגן נאָך געלט. אָבער וואָס איז דאָס? גאָר אַנדערע קעפּ האָבן זיך גענומען באַווייזן אין די ציַיטונגען — פּאָגראָמען, צעשאָסענע דעמאָנסטראַנטן, די דומע צעטריבן ! . . . עס איז אַריינגעטראָטן א געוואַלדיקע רעאַקציע אין אונזער לעבן. בא זיך אין די הייזער האָט געהערשט א שטימונג אזוי ווי א שטאַרקער חולה וואָלט דאָרטן געלעגן; און אַז מען האָט זיך אין

פאָלקס הויז פאַרזאַמלט, איז דאָרטן ניט געווען קיין סימן פון יענע גרויסע פרייד וואָס האָט אונז פריער באַהערשט.

צו יענער צייט בין איך געווען דער טשערמאַן פון די אָפּער מאַשינער (קאַמאַשן שטעפּער) יוניאָן. די יוניאָן איז געווען היבש שטאַרק, און מען האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן פאָדערונגען צו די בעלי בתים. די שטונדן פון אַרבעט זיינען דאַן געווען פון 8 פרי ביז 8 אָוונט, האָט מען באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אַ פאָדערונג פאַר אַ 10 שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, און העכערע שכירות.

מאַני לייב, דער שפּעטער באַוואוסטער פּאָעט,, איז דאַן אויך געווען אַ מיטגליד פון אונזער יוניאָן. ער איז געווען אַ שיינער ליבער בחור; ער האָט אָבער, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, געקוקט אויף אונז אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, און דאָס איז מיר ניט געווען צום הארצן. ער פלעגט אָפט נעמען דאָס וואָרט, און שטענדיק גערעדט קאַלט און געלאַסן. ער האָט גערעדט אַ שיינעם אידיש, ניט מישנדיק קיין רוסישע ווערטער, וואָס איך פלעג אים מקנא זיין, אָבער איז אַלע מאָל געווען, ווי איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַביסל צו פּראַקטיש. ער איז געווען איינער פון די וואָס זיינען געווען קעגן אַרויסשטעלן די פאָדערונגען, ווייל דאָס וועט פירן צו אַ סטרייק; און ער האָט געדענקט אַז מיר האָבן ניט די כחות אַ סטרייק צו געווינען.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז ער געווען גערעכט, אָבער די יוניאָן האָט אָנגענומען אַזאַ באַשלוס, און אַביסל שפּעטער איז דערקלערט געוואָרן אַ סטרייק.

אין דער צייט, און פריער, האָט מיין ברודער חיים יעקב, וועלכער האָט מיט זיין פאַמיליע געוואוינט אין ניו־יאָרק, מיר געהאַלטן אין איין רופן אַז מיר זאָלן קומען אין אַמעריקע. ווען איך פלעג פון אים פריער קריגן אַזעלכע בריוו, פלעג איך זיך אויסלאַכן פון דעם געדאַנק צו פאָרן אין אַמעריקע — אַט, היינט, מאָרגן, וועל איך צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד; אָבער ווען מען האָט אָפּגעסטרייקט אַ 12־15 וואָכן און עס האָט אויסגעקוקט אַז דער סטרייק איז אַ פאַרלאָרענער, האָב איך מיט וועראַן באַשלאָסן אים צו שרייבן אַז ער זאָל אונז שיקן שיף־קאַרטן, און מיר וועלן פאָרן אין אַמעריקע.

און אַזוי זיינען מיר דעם 22טן מאַי, 1906, געקומען אין דער פרייער ליכטיקער אַמעריקע, געבענטשט זאָל זיין יענער טאָג!

פערטער טייל

אַ מתנה דעם „אַרק"

(אַרבעטער רינג קלוב)

ווען איך האָב אַזוי פיל געגעבן, און פון וועמען
איך האָב אַזוי פיל צוריקגעקראָגן.

אַ מתנה דעם „אַרק״

היינט, איבער 47 יאָר פון דעם טאָג וואָס מיר זיינען אָנגעקומען אין דעם גאָטס געבענטשן לאַנד — אמעריקע, געדענק איך נאָך זייער גוט סיי אונזער רייזע איבערן ים מיט דער שיף „ניו יאָרק״, וועלכע האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי אַ פּאַלאַץ אין פאַרגלייך מיט דעם פינסטערן שוואַרצן מולטער אויף וועלכן איך בין אַרויף אין האַמבורג צו פאָרן נאָך לאָנדאָן, און אויך דעם פרימאָרגן ווען מיין ברודער חיים יעקב האָט אונז באַגעגנט אין עליס איילענד. אַכט טעג האָט די רייזע געדויערט. די ערשטע צוויי טעג זיינען מיר אַלע געווען אַזוי קראַנק, אַז מיר האָבן צוריקגעגעבן אַלעס וואָס מיר האָבן פאַר פּילע וואָכן פריער געגעסן. דער פּיצל קינד האָט אַזוי געליטן, אַז עס איז געווען אַ גאָטס רחמנות אים אָנצוקוקן. דערנאָך זיינען אָנגעקומען דריי און אַ האַלב טאָג וועלכע זיינען געווען אַן אמת׳ע לוסט־רייזע — דער ים איז געווען גלאַט ווי אַ שפּיגל, און די שיף האָט געשניטן דאָס וואַסער אַזוי מאַיעסטעטיש אַז עס איז געווען אַ פרייד דאָס צוקוקן. מיר האָבן געפילט יום־טוב׳דיק און גוט, זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע שפּילערייען, און אַ פריידיקער געלעכטער האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. אונזער אינגעלע, בענעלע, וועלכער איז דאַן אַלט געווען זעקס חדשים, האָט אין איין טאָג צוריקגעקראָגן אַ געזונטן קאָליר אין זיינע באַקן, און איז געוואָרן די אַטראַקציע פון אַלעם און אַלעמען אויפן שיף.

דריי און אַ האַלב טאָג האָבן מיר אַזוי פאַרבראַכט אין יום־טוב׳דיקע פרייד, מיט אַמאָל האָט זיך דער הימל אָנגעהויבן צו כמאַרען, מאַטראָסן האָבן גענומען אויסבינדן גראָבע שטריק אויפן דעק, און מען האָט אַלעמען אָנגע־זאָגט אַז עס קומט אַ שטורם, אויב מען וועט אַרויסגיין אויפן דעק, זאָל מען זיך אָנהאַלטן אין די שטריק, אויב מען וויל ניט אַראָפּגעשווײנקט ווערן פון אַ כוואַליע. . . .

און אָט איז דער שטורם אָנגעקומען! ניט מען זעט דעם הימל און ניט דעם ים. אַ מבול — אַ ווילדער פינסטערער מבול — כוואַליעס הויבן זיך הונדערטער פוס אין דער הויך און וואַרפן טאַנצן וואַסער אויפן דעק. אונזער שיף, וועלכע איז פריער געגאַנגען אַזוי מאַיעסטעטיש שיין, איז געוואָרן אַזוי ווי אַ קינדערשע שפּיל־צייג בא די כוואַליעס . . . אָט טונקט זיך אַריין דער הינטערשטער טייל פון דער שיף און איר נאָז טוט זיך אַ שטעל אַוועק מיטן שפּיץ צום הימל, און נאָכדעם טוט דער נאָז אַ זינק אַריין אין וואַסער, און

עס דוכט זיך אַז די שיף גייט צום אָפּגרונט . . . און אָט טוט זי זיך אַ וויג אויף אַ זייט אַזוי, אַז מיר זיינען זיכער אַז זי קערט זיך איבער; אָבער זי קריכט אַרויס פון דער טיפעניש און טוט זיך אַ קער איבער אויף דער אַנדערער זייט, און מיט יעדן קער פון דער שיף, קערט זיך בײַ יעדן איינעם איבער די גאַנצע אינגעווייד . . . ווייבער ברעכן די הענט און וויינען, אַלטע אידן זיצן און זאָגן תהילים שטילערהייט, און גוים האַלטן זיך אין צײלעמען.

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט דער אומגליקלעכער שטורם אָנגעהאַלטן, אָבער אַז גאָט גיט יאָרן קומט מען אַלעם איבער — דער שטורם איז איינגע־שטילט געוואָרן אַ צוועלף שעה אײדער אונזער שיף איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק.

און אָט שרייט מען אויס — עס זעט זיך לאַנד! איך ווייס ניט אויב קאָלאָמבוס האָט זיך מער דערפרייט ווען ער האָט דערזען לאַנד ווי מיר דאַן, ווייל קיין גרעסערן גליק און גרעסערע פרייד קאָן איך זיך גאָרניט פאָרשטעלן.

און אָט זיינען מיר אין עליס אײלענד. מיין ברודער חיים יעקב באַגעגנט אונז, אַלע פרייען זיך.

מיר פאָרן מיט אַ טראַמוואַי געפירט פון צוויי פערד, און אין וואַגאָן שטייט אַן אײוועלע. איך וואונדער זיך. ווען איך האָב פאַרלאָזן סמאָליענסק אין 1903, איז שוין דאָרטן געלאָפן אַן עלעקטרישע טראַמוואַי, און דאָ אַזאַ אָפּגעשטאַנענקייט! . . . אָבער די איסט סייד פון ניו־יאָרק מאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק.

עס איז אַ ליכטיקער טאָג אין מאַי, און אַלעם קוקט אויס אַזוי ליכטיק און אויפגעלעבט. אידן, אידן, אידן! קיין עין הרע, טראַכט איך, ווייל אפילו מיט די אידישע איסט ענד פון לאָנדאָן קאָן עס ניט פאַרגליכן ווערן. אָט איז די „פאָרווערטס" געביידע; איך האָב דעם זעלבן געפיל ווי איך וואָלט דערזען מיינעם אַ ברודער. אײדער איך גיי אַריין אין הויז, קויף איך אַ „פאָרווערטס" און אַ „צייט־גייסט", אַ וועכענטלעכע צייטונג וואָס דער „פאָרווערטס" האָט דאַן אַרויסגעגעבן.

מיין ברודערס וואוינונג אויף מאָנטגאָמערי סטריט איז מיר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן — פיר קליינע צימערלעך, אַלע האַלב־פינצטער, ווייל אויב עס איז ערגיץ געווען אַ פענצטער, איז עס אַרויס צו אַ וואַנט פון אַ צווייטן מויער, וועלכער איז געשטאַנען נאָר אַ פאָר פוס אָפּגערוקט. פאַר אונז האָט מען אָפּגעגעבן איין צימער פון די פיר, און דער צימער האָט אינגאַנצן קיין פענצטער ניט געהאַט. זעקס קינדער האָבן זיי געהאַט, און אַ זיבעטער איז געווען אויפן וועג. היינט ווי האָט מען דאָס ניט אַ פּאָר באָרדערס? לאַנדס־לייט, טאַקע פון דעם שטעטל וואו מיין ברודער האָט געוואוינט און איז דאָרטן געווען אַ מלמד. ווען ער איז געקומען אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך גענומען

צו דערזעלבער פרנסה — פלעגט קריכן 5-4 גאָרן א צען מאָל א טאָג צו יעדן פון זיינע תלמידים, מיט זיי צו לערנען אידישקייט. פארשטייט זיך, אז קיין ראָטשילד איז ער ניט געווען. ווען מיר זיינען איבערגעשלאָפן די ערשטע נאכט, זאָגט מיין ווערא צו איר שוועגערן: זאָגט מיר, חיי שרה, אויף וואָס דאַרפט איר האלטן אזוי פיל קעץ אין הויז? א גאנצע נאכט זיינען איבערן צימער קעץ ארומגעלאָפן. זאָגט זי, קעץ? ווי קומט צו מיר קעץ? מסתמא זיינען דאָס געווען „ראַצעס״ . . . אן אימה איז אונז באפאלן!

אכט שכנים זיינען געווען אויף יעדן גאָרן, און אין האָל זיינען געווען צוויי טאָילעטן. מען פלעגט שטענדיק שטיין אין א ריי און ווארטן. . . . בקיצור, עס איז געווען דער ריכטיקער פאלאץ. . . .

איך האלט אָפּ א שטילע קאָנפערענץ מיט ווערא, און מיר באשליסן אז מיר וועלן דאָרטן לאנג ניט שטיין. אָבער געקומען אין אמעריקע זיינען מיר מיט פונקט אזא קאפיטאל ווי מיר זיינען געקומען אין לאָנדאָן, און דאָ בין איך נאָך שולדיק מיין ברודער פאר די שיף-קארטן, מוז מען ליידן א ווײַלע.

איך קוק איבער אין „מאָרגן זשורנאל״ די אדווערטייזמענטס, קיין קאמאשן שטעפּער זוכט מען ניט. אין „פאָרווערטס״ געפין איך אָן אנאָנס פאר א מיטינג פון בונד. איך גיי אוועק צום מיטינג, אפשר וועל איך דאָרטן טרעפן באקאנטע געגנאָסן פון לאָנדאָן. איך טרעף דאָרטן וואלאָדקען, א מינסקער בונדיסט, וועמען איך האָב גוט געקאָנט פון לאָנדאָן. ער איז שוין אין אמעריקע געווארן א באָס פּיינטער און פּייפּער-הייננער. ער קאָן מיך אויסלערנען די מלאכה, זאָגט ער, און ער וועט מיר צאָלן נאָך מיין ווערדע נאָך. איך דערפריי זיך שטארק מיט זיין אָנבאָט.

אויף מאָרגן בין איך געווארן א פּייפּער-הייננער. איך האָב גיך געכאפּט דעם שניט, און פאר די ערשטע וואָך האָט ער מיר געגעבן זעקס דאָלער און קאר-פעיר, ווייל מיר האָבן געארבעט אין די בראָנקס. אָפּגעארבעט א פּאָר וואָכן אויף אלטע הייזער, און בין שוין א גאנצער בעל מלאכה — ער שיקט מיך שוין אליין אויף א דזשאָב וואו מען האָט געדארפט אויספּייפּערן א פּאָר צימערן. איך פאַרדין שוין אכט דאָלער א וואָך, און בין שטארק צופרידן; נאָר אָט לאָזט זיך אוים די אלטע ארבעט און ער נעמט אָן א גרויסן דזשאָב, מען האָט געבויט א גאנצע ריי נייע הייזער און ער קריגט דעם קאָנטראקט.

איך פריי זיך, איך האָב אין אמעריקע ריכטיק געטראָפן. דעם ערשטן טאָג פון דער ארבעט קומט ארויף דער אגענט פון דער יוניאָן און פרעגט מיר אויף מיין יוניאָן קארד. איך זאָג אים אז איך בין נאָך ניט קיין יוניאָן מאַן, נאָר איך וועל, מיט גאָטס הילף, ווערן א יוניאָן מאַן. זאָגט ער: ניט קיין יוניאָן לייט האלטן מיר ניט אויף א דזשאָב. דאָ ווער איך א גאנצער תקיף —

וואָס הייסט, זאָג איך, ניט קיין יוניאָן לייט? חס ושלום, איך בין אַ גוטער יוניאָן מאַן; און נעם אַרויס מיין רעקאָמענדאַציע בריוו וואָס מיין „אָפּער מאַשינער יוניאָן״ פון לאָנדאָן האָט מיר געגעבן צו אַמעריקע. ער לייענט די רעקאָמענדאַציע און קוקט אויף מיר. עפּעס גלייך איך ניט דעם ערל׳ס קוקעלע.

דו ביזט, זאָגט ער, אַ שיך אַרבעטער. יע, זאָג איך. און דאַ, זאָגט ער, לערנסטו זיך? יאָ, זאָג איך; און איך גלייך דאָס זייער.

מיסטער, זאָגט ער, פאַרנעם זיך פון דאַנען! און טאַקע גלייך! ווייל מיר נעמען ניט אָן קיין לערנער. גיי צו דיין קאַפּול!

ווען עס עפנט זיך פאַר מיר אַ תהום, וואָלט איך אהין אַריינגעשפּרונגען, אַזוי ביטער איז מיר אויפן האַרצן געוואָרן. אָט דאָס, טראַכט איך, זיינען ברידער? באַוואוסטזיניקע אַרבעטער? אָט אַזוי נעמט דאָס אויף די אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג אַ גוטן יוניאָן מאַן, אַ רעוואָלוציאָנער? . . .

10 דאָלער האָט מיר שוין וואָלאַדקע צוגעזאָגט פאַר די קומענדע וואָך . . . איך האָבן שוין געהאַט אויסגערעכנט וויפיל איך וועל קאָנען מיין ברודער אָפּ־געבן אויף דעם חוב. איך גלויב ניט אַז דער ערל האָט מיך גוט פאַרשטאַנען, ווייל ווי קאָן מען דאָס אַזאַ גוטן יוניאָן מאַן ווי איך בין געווען, און נאָך אַ סאָציאַליסט, אַראָפּוואַרפן פון אַ דזשאָב? . . . איך זוך אויף וואָלאַדקען, דערצייל אים פון די מיספאַרשטענדניש וואָס איך האָב געהאַט מיט דעם גוי.

יאָ, מיין פריינט, זאָגט ער, אָט אַזוי איז דאָס. דו וועסט מוזן אַראָפּ פון דער אַרבעט, ווייל אויב ניט, וועט מען מיר אַרונטער נעמען אַלע אַרבעטער אין אַ סטרייק.

ווען ער דערלאַנגט מיר מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ וואָלט איך ניט געפילט אַזוי שלעכט ווי ווען ער האָט מיר געזאָגט אַז צוליב מיר קאָן מען אַרונטער־נעמען אַלעמען אין אַ סטרייק. איך בין אַוועק אהיים, אָבול וכפוי ראש — אַ פאַרשעמטער, אַ באַליידיקטער, און מיט אַ צובראָכן האַרץ. איך האָב זיך ניט פאַרגונען צו נעמען דעם עלעווייטאַר אהיים — אַן עבירה 5 סענט — און גלאָט איינגאַנצן אַ 150 בלאָק, האָט עס אַ וועררע באַ מיר? . . .

ווען איך בין אַריין אין הויז, האָט זיך מיין ווערא פאַר מיר דערשראָקן; איך האָב געמוזט אויסקוקן שרעקלעך, אַזאַ ווירקונג האָט די געשיכטע אויף מיר געמאַכט. ווי אַלע מאָל פריער, און שפּעטער, האָט זי מיך געטרייסט; כאָטש איך האָב געזען, אַז אויף איר האָט עס אויך געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק ביז ענדע אויגוסט. יע געאַרבעט, ניט געאַרבעט; קראַנק געוואָרן פון עגמת נפש; דער קינד האָט געקראָגן אַ קייך הוסט, אַז עס איז אויף אים געווען אַ גאָטס רחמנות. פיל מאָל טראָגנ־

דיק אים אויף די הענט אין מיטן נאַכט, ארומגייענדיק זוכן אַביסל פרישע לופט, געכאַפּט פון אַ פענצטער אַ זעץ אין קאָפּ מיט אַ פּעקל פּאָסקודסטווע, איינגע־וויקלט אין אַ פּאַפּיר. אויף לייבאָר דעי איז געקומען אַ יונגערמאַן פון איסט באָסטאָן צו גאַסט צו אַ פריינט אין דעם זעלבן הויז וואו איך האָב געוואוינט; ווען איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט, האָט ער מיר געראָטן מיט אים צו פאָרן אין באָסטאָן, ווייל אַרום באָסטאָן זיינען דאָ אַ סך שיך פאַבריקן.

איך בין געווען מער ווי גליקלעך צו אַנטלויפן פון ניו־יאָרק. ער האָט מיר גענומען צו זיך אַ היים, און דערקלערט מיר ווי אַזוי צו פאָרן אין „דזשאַ־מייקאַ פּליין" צו „פּלענט'ס פעקטרי", און טאָמער קריג איך דאָרטן ניט קיין דזשאָב, זאָל איך פון דאָרטן פאָרן אין טשעלסי. נו, דאַרף איך וויסן, אַז פון טשעלסי, איבערן בריק, קומט מען אין צען מינוט אין איסט באָסטאָן? . . .

אין דזשאַמייקאַ פּליין האָב איך ניט געקראָגן קיין דזשאָב, פאָר איך אַוועק אין טשעלסי, און אַרום צען דעם זייגער זעץ איך זיך אַוועק אַרבעטן אין וואָלטאָנ'ס שיך פעקטאָרי. איך אַרבעט אָפּ ביז פינף דעם זייגער, צייל אויס מיין פאַרמעגן — איך האָב געמאַכט אַ דאָלער און אַ האַלב. איך פיל זיך גליקלעך. נאָר איין זאַך פאַרדריסט מיך גאָר שטאַרק, איך וואָלט זייער גע־וואָלט זיין מיט דעם מיסטער שילאָוו, מיט וועמען איך בין געקומען פון ניויאָרק, זיי זיינען אַזעלכע וואוילע מענטשן, נאָר עס איז אַזוי וויים, עס נעמט אַ פּאָר שטונדן אהין צו פאָרן פון טשעלסי.

איך גיי אַרויס פון שאַפּ, פאָר מיר אַוועק אין דזשאַמייקאַ פּליין, און פון דאָרטן אין איסט באָסטאָן. עס נעמט אַן אייביגקייט . . . נאָך זיבן דעם זייגער בין איך אָנגעקומען אין דעי סקווער, איסט באָסטאָן. די שילאָווס זיינען גע־שטאַנען אין דרויסן און אויסגעקוקט פאַר דעם גרינעם. איך דערצייל זיי ווי גליקלעך איך פיל זיך וואָס איך האָב געפונען אַ דזשאָב אין טשעלסי, אָבער עס פאַרדריסט מיך שטאַרק וואָס איך וועל מיט זיי ניט קאָנען זיין ביז איך וועל אַרונטערברייינגען מיין פרוי און קינד, ווייל עס נעמט אפשר צוויי שטונדן צו פאָרן צום שאַפּ.

מר. שילאָוו שמייכלט אין וואָנצע, נאָר זאָגט מיר גאָרניט. מיר עסן אָפּ אַ גוטע וועטשערע און איך נעם ווידער איבערעכענען מיינע פאַרדינסטן — מיר גלויבט זיך ניט אַז איך האָב געמאַכט אַ דאָלער און אַ האַלב — איך רעכן און רעכן, דער חשבון שטימט. טראַכט איך, פון 10 ביז 5 האָב איך געמאַכט אַ דאָלער און אַ האַלב, פעלט מיר צוויי שטונדן צום טאָג; דעם ערשטן טאָג בין איך ניט געווען איינגעוואוינט ניט צום מאַשין און ניט צו דער אַרבעט; הייסט עס, אַז איך וועל זיך צוגעוואוינען צו דער אַרבעט, וועל איך אפשר קאָנען אויסאַרבעטן דריי דאָלער אַ טאָג — פינף און אַ האַלב מאָל דריי דאָלער,

איז אַ קימאַ׳לן פון זעכצן און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך... מען קאָן דאָך טאַקע ווערן רייך אין אַ קורצער צייט. היינט דאָס אָפּאַרבעטן זיך פינף דעם זייגער? אין לאָנדאָן האָט מען געדאַרפט אַרבעטן ביז אַכט. וואָס קאָן מען ניט טאָן מיט אַזוי פיל צייט? מען קאָן זיך לערנען, מען קאָן לייענען, שרייבן, וואָס ניט?

קורץ, איך בין זייער גליקלעך; נאָר איין זאַך פאַרדריסט מיך, וואָס צווישן טשעלסי און איסט באָסטאָן ליגט דזשאַמייקאַ פּליין — ווען ניט דאָס, וואָלט געווען גאָר גוט.

פאַר׳ן גיין שלאָפן זאָגט צו מיר מר. שילאָוו, אַז מאָרגן פרי וועט ער מיר ווייזן אַביסל אַ נעענטערן וועג. איך לייג זיך שלאָפן, מיר שלאָפט זיך ניט — אַכט דעם זייגער דאַרף איך זיין צו דער אַרבעט, צוויי שטונדן נעמט אַהין צו קומען, איז זעקס, באַשלים איך אויפצושטיין פינף אַזייגער; אָבער איך האָב מורא איינצושלאָפן, טאָמער פאַרשלאָף איך. דער זייגער קלינגט 2, איך שלאָף נאָך ניט; קלינגט 3, איך שלאָף נאָך ניט; 4 . . . נו, אַ דאַנק גאָט, עס קלינגט 5. איך שטיי אויף, מאַך זיך פאַרטיק, מיין מר. שילאָוו שלאָפט. עס איז שוין זעקס דער זייגער, ער שלאָפט. איך גיב אַ הוסט, אפשר וועט ער זיך אויפכאַפּן, ער שלאָפט . . . עס איז שוין האַלב נאָך זעקס, אַ פערטל צו זיבן — מיין גאַנצער נעכטיקער חשבון פון ווערן גיך רייך אין אַמעריקע, ווערט צערונען — דער מאַן האָט מיר אומגליקלעך געמאַכט, איך וועל צוליב אים אָנווערן מיין דזשאַב.

שאַ, מען רירט זיך אין בעד־רום. ער שטייט אויף, טוט זיך אָן פּאַוואָליע, וואַשט זיך אָרום, און נעמט זיין טלית זעקל, טוט אָן דעם טלית און תפילין און שטעלט זיך דאַווענען.

ווי איז מיר, דער מאַן איז דאָך משוגע! איך כאַפּ מיין רעקל און לויף.

אָו, אָו! מאַכט ער צו מיר, און ווייזט מיר מיטן האַנט — זעץ זיך אַוועק, באַלד, באַלד!

פאַרפאַלן, טראַכט איך, עס איז מיר באַשערט אַן אומגליק. . . . איך זעץ זיך אַוועק, עס הייבט מיר פון אָרט. אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, ער האָט שוין אָפּגעדאַוונט. ער גיסט אָן טיי פאַר זיך, פאַר מיר. עס קריכט מיר ניט אין האַלז זיין טיי? . . . מר. שילאָוו, זאָג איך, איך וועל אָנווערן מיין דזשאַב; און טראַכט בײַ זיך, וואָס פאַר אַ פאַרשלעפּטע קרענק איז ער? . . .

מיר גייען אַרויס פון הויז, עס לויפט אַ קאַר. איך וויל זיך לאָזן לויפן צום קאַר, האַלט ער מיך פאַר אַ האַנט און לאָזט ניט. נו, פאַרפאַלן . . . מיר גייען צופוס — גייען אַריבער אַ בריק, קומען צו אַ געביידע, עפּעס די געביידע קוקט מיר אויס באַקאַנט. ווי וואָלט איר געגליכן, זאָגט ער, צו אַרבעטן אָט דאָ, אין דער שאַפּ? איך קוק אים אָן.

יאָ, זאָגט ער, גייט אריין, אָט דאָס איז דער פּלאַץ וואו איר האָט נעכטן געאַרבעט. איך טו אַ קוק אויפן זייגער, עס האָט גענומען אַרום 12 מינוט דער גיין. נאָכדעם האָט מען געהאַט פון וואָס צו לאַכן . . . אָבער ביז איך בין דערגאַנגען צום שאַפּ, האָט זיך מיר גאָרניט געלאַכט; איך זאָל גאָר וויסן, אַז אַריבער דעם בריק פון טשעלסי איז איסט באָסטאָן.

אויף מאָרגן, נאָך וועטשערע, האָט מען מיר אוועקגעפירט פאַר אַ שפּאַציר אין „וואוד איילענד פּאַרק”, אַ פינף מינוט גאַנג פון זייער הויז; דאָרטן איז אויך דאָ אַן אויסגוס פון ים, וואו מען פלעגט זיך זומער באָדן; און איך האָב זיך אַפילו דערפרייט ווען איך האָב געהאַט אַ פּאָר ביס פון מאַסקיטאָס, ווייל ניט אין לאָנדאָן און ניט אין ניו־יאָרק זיינען געווען מאַסקיטאָס. די לופט אין ביידע פּלעצער איז אַביסעלע צו שטאַרק פאַר זיי; נאָר מענטשן און פערד קאָנען לעבן אין אַזאַ לופט.

נאָך אַ חכמה׳לע פון יענער צייט בעט זיך פאַרנאָטירן: פון מיין ערשטע וואָך ווייִדזשעס האָב איך אוועקגעשיקט וועראַן פינף דאָלער, און שרייב צו איר, „פריעזשאַי! דו וועסט דאָ גליקלעך זיין! עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר אויסגעשריבן באריכות פון מיינע גרויסע גליקן. אוועקגעשיקט די פינף דאָלער, באַהאַלט איך די קוויטאַנציע פון די געלט גוט אין קעשענע, איך זאָל דאָס חס ושלום ניט פאַרלירן. איך פרעג אייך, פון וואַנען זאָל איך וויסן אַז די קוויטאַנציע דאַרף איך איר אוועקשיקן? און אַז מיט דעם קריגט זי דאָרטן די געלט אין פּאָטשט? . . .

זי קריגט מיין בריוו, און וואַרט אַ טאָג, צוויי און דריי — ניטאָ קיין געלט. איך קריג פון איר אַ בריוו, אַז די געלט האָט זי ניט דערהאַלטן. ווער איך גוט אין כעס — איך האָב געהערט ווי מען זאָגט „אַמעריקע גנב”, אַז אין אַמעריקע טאָר מען קיינעם ניט גלויבן — אָבער אַז די אַמעריקאַנער פּאָטשט זאָל בּאַ מיר אויסנאַרן פינף דאָלער, דאָס איז אַ סקאַנדאַל.

איך גיי אַוועק אין פּאָטשט, דער זעלבער מאַן וועמען איך האָב געגעבן די געלט שטייט דאָרטן לעבן פענצטער. איך זאָג אים, לעצטע וואָך האָב איך געשיקט צו מיין ווייב פינף דאָלער אין ניו־יאָרק און זי האָט דאָס נאָך ניט געקראָגן, היתכן? . . .

ער פרעגט באַ מיר וואָס פאַר אַ דעיט איז דאָס געווען? איך נעם אַרויס די קוויטאַנציע און ווייז אים — אָט האָסטו שוואַרץ אויף ווייס. . . .

ער קוקט מיך אָן און צולאַכט זיך. אויף וואָס, זאָגט ער, האַלסטו דאָס?

וואָס מיינסטו, זאָג איך, אויף וואָס איך האַלט דאָס? וואָס דען, איך זאָל דאָס אוועקוואַרפן?

ניין, זאָגט ער, אַז דאָס דאַרפסטו אוועקשיקן צו דעם פּערזאָן צו וועמען דו שיקסט געלט, אָן דעם וועלן זיי דאָרטן קיינמאָל די געלט ניט קריגן.

גיי ווייס אַלעס . . . איך האָב דען אמאָל געהאַט געלט אימיצן צו שיקן? אויב איך האָב אין לאָנדאָן געהאַט עטלעכע שילינג אין קעשענע, האָב איך דאָס גלייך אוועקגעגעבן פאַר די „נייע צייט" אָדער פאַרן „פאָלקס הויז", וועלכע האָט זיך שטענדיק גענויטיגט אין געלט.

האָב איך שוין הייסט עס אין אַמעריקע געלערנט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז פון טשעלסי אין איסט באָסטאָן פאָרט מען ניט דורך דזשאַמייקא פּלעין,; און אַז מען שיקט געלט אימיצן, דאַרף מען די קוויטאַנציע אוועקשיקן צו דעם פּערזאָן צו וועמען מען שיקט דאָס געלט.

און אָט איז שוין מיין ווערא מיט דעם קינד געקומען. מיר האָבן גענומען אַ דירה פאַר זיבן דאָלער אַ חודש; געקויפט אויף אויסצאָלן אביסל מעבל; אמת, עס איז ניט געווען זייער רייך אויסגעשטאַט, אָבער ציכטיק און ליכטיק איז געווען. פון די הינטערשטע פענצטער האָט זיך געזען דער וואוד איילענד פּאַרק, פון פאָרנט איז געווען אַ היבשער סקווערל, אַלע צימערן ליכטיק, און קיין „קעץ" זיינען אין הויז ניט ארומגעלאָפן. . . . געזעלשאַפטלעך האָבן מיר זיך אויסגעלעבט אין אַ קרייז וואָס מיר האָבן אין איסט באָסטאָן געקראָגן — אַלע פשוטע, אָבער וואוילע מענטשן. קיין אַנדער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָב איך ניט געזוכט, ווייל מיין צוזאַמענשטויס מיט דעם יוניאָן אַגענט אין ניו־יאָרק האָט מיך אַזוי פאַרביטערט קעגן אַלעס, אַז איך האָב פון קיין זאַך ניט געוואָלט ווייסן.

די שאָפּ וואו איך האָב געאַרבעט, איז ניט געווען קיין יוניאָן שאָפּ; און איך בין געווען שטאַרק צופרידן פון דעם. צו מיין ברודער אין ניו־יאָרק האָב איך אַלע וואָך געשיקט וויפיל איך האָב געקאָנט, און אַז איך האָב אים אָפּגע־צאָלט אינגאַנצן, האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסע שמחה — עס איז געווען הערינג מיט בולבעס לרוב, און אביסל בראַנפן איז אויך געווען.

אָט אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט איבער אַ יאָר צייט, און איך בין געווען צופרידן.

דעם וואָלף ציט צום וואַלד

אָבער צו לאַנג האָב איך אַזוי ניט געקאָנט לעבן. איך בין געווען גאַנץ גוט אינפאָרמירט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. איך האָב געלייענט דעם „פאָרווערטס”, „צייט־גייסט”, „פרייע אַרבעטער שטימע”, „די צוקונפט”; יעדע אומרעכט וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַרבעטער האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט, ווייל חוץ דעם פּראָטעסט וואָס איך האָב געהאַט אין מיינע בלוטן אַריינגענומען אין יאָרן פון מיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט, האָב איך אין זיך אויך אַריינגעזאַפּט גאָר פילעס אין מיינע קינדער יאָרן, אין מיין טאַטנס הויז. איך פלעג זען ווי אָרימע חסידים קומען צום טאַטן און מיט טרערן אין זייערע אויגן דערציילן זיי אים, אַז עס זיינען דאָ דערוואַקסענע מוידן אין הויז, און עס איז ניטאָ אויף נדן . . . דער דלות פייפט אין הויז . . . פריער גאָט, און נאָכדעם דו, נחום, מוזט העלפן. („דו” איז געווען דער וועג ווי אַלע חסידים פלעגן זיך אַדרעסירן). נו, טאַקע, צו וועמען דען זאָל מען קומען אויב ניט צו נחום לאַנעס, דעם רבי'נס גבאי? . . .

דער טאַטע פלעגט זיי אַוועקשיקן אַ היים מיט די ווערטער — נו, נו, נו, זיי זיך ניט מצער; גיי אַהיים, גאָט וועט העלפן. . . .

דער טאַטע האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי צו קריגן נדן און חתונה הוצאות פאַר אַן אָרימען חסיד'ס פאַרזעסענע מויד. צווישן די פילע קבצנים פלעגן צום רבי'ן אויך קומען גאָר רייכע סוחרים — „ערשטע גילדע קופּצעס”, און רייכע וואַלד הענדלער, וועלכע זיינען געווען איבערגעבענע חסידים. באַ די ערשטע געלעגנהייט פלעגט ער צוגיין צו אַזאַ איינעם און אים זאָגן: דו ווייסט? מען דאַרף חתונה מאַכן אַ מויד, און דו וועסט ניט אָפּקומען מיט שיהי־פיהי . . . ס'ט דאַרפן געבן אַ הונדערטער. און אַז ער האָט געזאָגט אַ הונדערטער, איז ניט געווען קיין פראַגע פון אַראָפּדינגען, מען האָט גע'סילוק'ט . . . און אָט אַזוי פלעגט ווערן נדן און חתונה הוצאות פאַר דעם אָרימען חסיד'ס טאָכטער.

העלפן דעם אָרימאַן, אויפהויבן דעם געפאַלענעם, שנאה צום אונטערדריקער, האָב איך אין זיך איינגעזאַפּט פריער דורך אונזערע נביאים, עמוס און ישעיהו, און נאָכדעם, אין די יאָרן פון מיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. איך האָב זיך אָבער בשום אופן ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פּאַרטיי. . . . .

אין די יאָרן ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן, בין איך ניט געוואָרן קיין

מיטגליד פון „בונד", כאָטש אין דער היים בין איך יאָ געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי. דער „אידיש סאָציאַל דעמאָקראַטישער ברענטש" איז ניט געווען אַזוי דאָגמאַטיש ווי אַנדערע. מיר האָבן זיך מערסטנס אָפּגעגעבן מיט אַקטיוויטעטן פון דעם טאָג — כאָר, דראַמאַטישער פאַראיין, אַלגעמיינע אויפקלערונג. אונזער פאָרום איז געווען באַזירט אויף אַן אָפענע פרייע פּלאַטפאָרמע — מיר האָבן געהאַט אַלס לעקטאָרס סאָציאַל דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, בונדיסטן. מיר האָבן אפילו אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן פּיטער קראָפּאָטקין, ער איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכער אַנאַרכיסט, און מיר האָבן שטאַרק רעספּעקטירט זיינע מיינונגען. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט די אַנאַרכיסטן פון די איסט ענד פון לאָנדאָן האָבן מיר ניט געהאַט צו טאָן, ווייל דער תהום צווישן אונז איז געווען צו טיף.

איך האָב אָנגעהויבן צו ביינקען נאָך אַן אָרגאַניזאַציע אין וועלכער איך זאָל זיך קאָנען געזעלשאַפטלעך אויסלעבן, וואו איך זאָל קאָנען מיינע מיינונגען מיט אַנדערע אויסבייטן. דער אַרבעטער רינג איז צו יענער צייט ניט געווען לעגאַל אין מאַסאַטשוזעטס. מיט זיין צושטימונג זיינען אין מאַסאַטשוזעטס אָרגאַניזירט געוואָרן ברענטשעס אונטער דעם נאָמען „דער אַרבעטער רינג פון מאַסאַטשוזעטס". אין איסט באָסטאָן האָט דאַן פונקציאָנירט דער ברענטש 10, און איז געווען גאַנץ אַקטיוו, בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם ברענטש.

די אָרגאַניזאַציע האָט בא מיר שטאַרק אויסגענומען; ספּעציעל איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן דער צוזאַמענשטעל פון דער מיטגלידערשאַפט. עס זיינען געווען פּ. צ., ס. ט., אַנאַרכיסטן, און דער גרעסטער טייל זיינען געווען סאָציאַליסטן פון דער „פאָרווערטס" ריכטונג. בא יעדן מיטינג זיינען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע פראַגן פון טאָג, און עס איז מיר געווען גאָר שטאַרק צום האַרצן.

איך בין געוואָרן שטאַרק אַקטיוו אין ברענטש, און צו דער קומענדיקער קאָנווענשאַן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין „פיין מעמאָריאַל האָל", באָסטאָן, בין איך דערוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די דריי דעלעגאַטן וואָס דער ברענטש האָט געשיקט אים צו פאַרטרעטן.

מיט דער קאָנווענשאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין מאַסאַטשוזעטס וואָס איז באַוואוסט אין דער געשיכטע אַלס „די שטורם און דראַנג פעריאָדע" פון דעם שטאַט. די דאַטומס וועלכע איך וועל אָנגעבן וועלן אפשר ניט זיין פּינקטלעך אין אַ יאָר אָדער צוויי, ווייל שרייבנדיק אין פלאָרידע האָב איך מיט זיך ניט צום האַנט די אַלע דאַטומס, אָבער די פאַקטן וועל איך איבערגעבן אַזוי אָביעקטיוו ווי עס איז מעגליך פאַר איינעם וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין מיטן פון דעם פייער.

באַ דער קאָנווענשאַן האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ היבשער צאָל גאָר אינטערעסאַנטע מענטשן. ש. יגדל איז געווען דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן איינדרוק, סיי מיט זיין ערנסטקייט, ווי אויך מיט זיין שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. ער איז געווען אַ ביז גאָר קלוגער מענטש, און האָט געקאַנט יעדן איינעם פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. סעם ווילקאַן, דער נאַציאָנאַלער טשערמאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט זיין פשיטות. ער האָט ניט פּרעטענדירט אויף גרויס וויסן, אָבער דאָס וואָס האָט אים שטאַרק אינטערעסירט האָט ער געקאָנט באַהאַנדלען גאַנץ זאַכלעך, און אַפילו מאַכן אַן איינדרוק אויף זיינע צוהערער, כאָטש ער איז אין זיין רעדן געווען ביז גאָר טרוקן, און שוין אַביסעלע צו ערנסט. ס. מאַלקיעל, דער קאַסירער צו יענער צייט פון דער אָרגאַניזאַציע, איז ניט געווען קיין רעדנער, ער האָט אָבער אין זיך געהאַט די קוואַליטעט פון אַ פּיקוח. מיין איינדרוק באַ יענער קאָנווענשאַן איז געווען — און ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען האָט מיך מיין ערשטער איינדרוק ניט אָפּגענאַרט — אַז ער האָט געגעבן דעם טאָן הינטער די קוליסן. די אַלע דריי זיינען שוין לאַנג אויפן עולם האמת, זאָלן זיי רוען אין גן עדן.

שפּעטער וועט מיר אויסקומען צו דערמאָנען נאָך גאָר פילע נעמען פון מענטשן מיט וועלכע איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער אַרבעט פון דעם אָרדן, און וועלכע זיינען פאַרבליבן מיינע לאַנג־יאָריקע פריינט.

באַ דער קאָנווענשאַן איז פאָרגעקומען אַ זייער ערנסטע פראַגע, וועלכע האָט שפּעטער געפירט צו אַ ביטערן ברודער קאַמף צווישן דעם אַרבעטער רינג פון ניו־יאָרק און דעם אַרבעטער רינג פון מאַסאַטשוזעטס.

צוליב די ספּעציעל שטרענגע אינשורענס געזעצן פון מאַסאַטשוזעטס סטייט, וועלכע דער ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג האָט ניט געקאָנט נאָכקומען, און האָט דערפאַר לעגאַל ניט געקאָנט אָרגאַניזירן קיין בראַנטשעס אין דעם סטייט, האָט דער אַרבעטער רינג באַשלאָסן אַז די בראַנטשעס וועלכע זיינען ביז דאַן געווען אין דעם סטייט, און אויך די נייע וואָס וועלן אָרגאַניזירט ווערן, זאָלן קריגן אַ באַזונדערן טשאַרטער, אונטער דעם נאָמען „דער אַרבעטער רינג פון מאַסאַטשוזעטס". דאָס איז געטאָן געוואָרן אום יוצא צו זיין פאַרן געזעץ, אָבער אונדירעקט זאָלן די מאַסאַטשוזעטס בראַנטשעס באַהאַנדלט ווערן פון ניו־יאָרק ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן אָרדן.

נאָכדעם ווי די זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן, האָבן זיך די ניו־יאָרקער פירער אַרומגעזען אַז זיי האָבן ניט געהאַנדלט פּראַקטיש גענוג, ווייל עס קאָן פּאַסירן אַז פון די מאַסאַטשוזעטס בראַנטשעס זאָל אַמאָל אַרויסוואַקסן אַן אָפּאָזיציע

אָרגאַניזאַציע צו זייער אָרדן. זיי האָבן דאָן אויסגעקליבן די היסטאָריש פאַר־בליבענע „זיבענער קאָמיטע". די קאָמיטע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַ זוכן די מאַס. ברענטשעס, אָדער זיך טרעפן שטילערהייט מיט אייניקע פירער פון ברענטשעס, ווי אַזוי עס האָט זיך וואו געפּאַסט, און זען ווירקן אויף זיי אַז זיי זאָלן זיך אָוועקרייסן פון דעם מאַס. ארבעטער רינג און ווערן צוריק מיטגלידער פון דעם ארבעטער רינג פון ניו־יאָרק (דאָס הייסט, אָנהאַלטן די ברענטשעס פאַר אַלגעמיינע אַקטיוויטעטן, און זיין מיטגלידער אין גענעראַל אָפּים).

ווען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן באַ דער קאָנווענשאַן אַז אַזאַ „זיבענער קאָמיטע" איז שוין אַקטיוו, און האָט שוין באַזוכט אַ היבשע צאָל ברענטשעס, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורם. די דעלעגאַטן האָבן זיך צעטיילט אין צדדים, און עס איז געוואָרן לעבעדיק — אַ טייל דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געטיילט די מיינונג פון די פירער פון דעם ארבעטער רינג, האָבן געדענקט אַז זייער האַנד־לונג איז געווען ריכטיק; ווידער אַן אַנדער טייל האָט געהאַלטן, אַז אַזוי לאַנג ווי דער ארבעטער רינג האָט נאָך ניט דערוויזן צו ווערן לעגאַל אין דעם שטאַאַט, האָבן זיי ניט געטאָרט קומען שטילערהייט צו די ברענטשעס זיי צו באַאיינ־פלוסן צו פאַרלאָזן די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע און זיך צוריק אָנשליסן אין זייער אָרדן.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן די צווייטע מיינונג, ניט צוליב די לעגאַלע פראַגע, אויף וויפיל איך קאָן איצט געדענקען, האָט די לעגאַלע פראַגע באַ מיר דאָן געשפּילט אַ גאַר קליינע ראָלע — ביז אַ געוויסן גראַד איז נאָך צו יענער צייט איבערגעבליבן אין מיינע בלוטן און גאַנצן אַרט דענקען, אַז אומלעגאַליטעט דאַרף ניט זיין קיין שטער פאַר ארבעטער אַקטיוויטעטן. וואָס עס האָט דאָן אַמשטאַרקסטן באַווירקט מיין געדאַנקען גאַנג, איז געווען דער ניט גלייכער פאַרמעסט אין כחות. דער ארבעטער רינג פון ניו־יאָרק האָט שוין דאָן גע־ציילט זיין מיטגלידערשאַפט אין די צענדליקע טויזנטער; דער מאַסאַטשוזעטסער אָרדן האָט צו יענער צייט געציילט אַרום פופצן הונדערט מיטגלידער, און האָט זיך פאַרנומען צו פּראָפּאַגאַנדירן די זעלביקע פּרינציפּן צווישן די ארבעטער ווי דער גרויסער אָרדן. עס איז מיר געווען דערווידער דער געדאַנק, אַז מאַכט איז אויך רעכט.

נאָך לאַנגע און הייסע דעבאַטן, איז באַ יענער קאָנווענשאַן אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע: „אַז אין אַנבאַטראַכט דאָס דער ארבעטער רינג זוכט צו צוברעכן די מאַסאַטשוזעטסער אָרגאַניזאַציע, ווערט אינסטרואירט די עק־זעקוטיוו פון דעם מאַסאַטשוזעטסער אָרדן צו אָרגאַניזירן ברענטשעס אויף איבער דעם מאַסאַטשוזעטס שטאַאַט."

ווען די דעלעגאטן זיינען צוריקגעקומען צו זייערע ברענטשעס מיט דעם באריכט, איז אזוי ווי א באמבע וואלט דארטן עקספלאדירט — די „זיבענער קאמיטע", און די גאנצע פירערשאפט פון דעם גרויסן ארבעטער רינג, מיט דעם „פארווערטס" אלס זייער אומאפיציעלער ארגאן, זיינען דאן ארויס אין אן אפענעם קאמף אום צו צוברעכן די קליינע מאס. ארגאניזאציע.

עס האט זיך אנגעהויבן א ביטערער ברודער קאמף אין די ברענטשעס, עס איז ניט אריבער קיין מיטינג בא וועלכן עס זיינען ניט נאר ביטערע ווערטער און באשולדיקונגען געווארפן געווארן פון איין צד צום צווייטן, נאר גאר אפט איז געקומען צו געשלעג; פריערדיקע פריינט זיינען געווארן ביטערע שונאים. מען האט אין גאר א קורצע צייט פארגעסן פון וואס דער קאמף האט זיך אנגעהויבן, מען האט נאר געוואוסט אז איינער דעם צווייטן איז א דם שונא, און קיין מיטל איז ניט געווען אויסער ארדער, ווען מען האט געדענקט אז עס וועט העלפן דעם צווייטן צד צו באקעמפן.

אין דער זעלבער צייט האט דער ניו־יארקער ארבעטער רינג גענומען זוכן מיטלען אום צו ווערן לעגאל אין מאסאטשוזעטס. פאר דעם גאנצן ארדן איז אבער געווען שווער אנצונעמען די אויסערגעוויינלעך שטרענגע אינשורענס געזעצן פון מאסאטשוזעטס, האבן זיי באשלאסן צו גרינדן א גאר נייע ארגא־ניזאציע אין סטייט, וועלכע זאל קאנקורירן מיט דעם מאס. ארבעטער רינג.

אזא טשארטער איז ארויסגענומען געווארן פאר אן ארגאניזאציע מיט דעם נאמען „לייבאר ליג". א גאר גרויסע צאל פון די מיטגלידער פון דעם מאס. ארבעטער רינג זיינען דאן אריבער צום לייבאר ליג. איך געדענקט ניט גענוי מיט וויפעל מיטגלידער דער מאס. ארדן האט זיך דאן אפגעשטעלט, עס האבן גענוזט פארבלייבן ארום א טויזנט; אבער די וועלכע האבן זיך אפגע־שטעלט, זיינען געווארן צוזאמענגעשמאלצן אין איין יוניט אזוי ווי א פעלז, און קיין קראפט האט זיי ניט געקאנט צוברעכן. סיי די מיטגלידער אין די ברענטשעס, ווי אויך די ברענטשעס אלע צוזאמען, זיינען געווארן אזוי ווי איין גרויסע פריינטלעכע משפחה.

די אידישע גאס פון מאסאטשוזעטס האט געשטורמט מיט רעוואלט — מאס־מיטינגען אלע נאכט; אבער אין דער צייט ווען דער גרויסער ארבעטער רינג פלעגט בא די מיטינגען ארויסשטעלן רעדנער מיט גרויסע נעמען אין דער באוועגונג, נאציאנאל באקאנטע, און דער „פארווערטס" האט זיי נאך געגעבן גענוג רעקלאמע, האבן מיר זיך גענוזט באנוגענען מיט אונזערע לאקאלע רעד־נער, און אן א פרעסע וואס זאל זיי געבן רעקלאמע אפילו דורך באצאלטע אנאנסן.

מיר זיינען געווען פארצווייפלט און פארביטערט . . . דער קאמף איז געווען

א זייער אומגליקלעכער . . . אָבער וואָס מער מיר זיינען געוואָרן אטאקירט, אַלץ מער האָבן מיר זיך דערנעענטערט איינער צום צווייטן, און אַלץ שטארקער האָבן מיר זיך איינער אָן צווייטן אָנגעהאַלטן.

מיין ברענטש 10 פון איסט באָסטאָן, פּונקט אזוי ווי אַלע אַנדערע ברענטשעס, האָט היבשלעך געליטן פון דעם שטרייט. א גאַר היבשע צאָל מיטגלידער זיינען אוועק און זיך אָנגעשלאָסן אין די „לייבאָר ליג" — נעכטיקע פריינט זיינען געוואָרן היינטיקע שונאים. זייער וויניקע פון אונז האָבן אין יענער צייט געוואוסט פון א פּערזענלעכן לעבן. גלייך נאָך דער ארבעט פלעגט מען אַנטלויפן צו מיטינגען. איך בין שוין צו יענער צייט געוואָרן א מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט מיט די זייער באַשריינקטע כחות וואָס מיר האָבן געהאַט, אָנפירן מיט דער ארבעט פון דעם אָרדן, און אין דער זעלבער צייט האַלטן אָפן די אויגן און אָנפירן דעם ברודער קאַמף.

דער מאָס. ארבעטער רינג האָט זיך שוין צו יענער צייט געטשאַרטערט אונטער דעם נאָמען „אינדעפּענדענט ארבעטער רינג", און האָט גענומען אָרגאַניזירן ברענטשעס וואו עס האָט זיך געלאָזן. . . .

אין יעדער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך צו יעדער צייט געוויסע עלעמענטן וועלכע זיינען אומצופרידן מיט אירע פירונגען. אין דעם ניו־יאָרקער ארבעטער רינג זיינען אויך געווען עלעמענטן וועלכע זיינען געווען אומצופרידן מיט דעם וועג ווי אזוי דער ברודער קאַמף איז דאָן אָנגעפירט געוואָרן קעגן דעם אינדעפּענדענט ארבעטער רינג און זיינען אריבער צו אונז. ווען מיר האָבן אָרגאַניזירט דעם ערשטן ברענטש אין ניו־יאָרק, איז פּונקט אזוי ווי צו אונזער פרייד איז ניט געווען קיין גרעניץ, איז בא די פירער פון דעם ניו־יאָרקער ארבעטער רינג פאַרשטאַרקט געוואָרן דער ווילן אונז צו צוברעכן.

ווי געזאָגט פריער, קיין פּערזענלעכן לעבן האָט קיינער פון אונז ניט געהאַט. זונטיק, דער איינציקער פרייער טאָג וואָס מען האָט געהאַט צו פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע, פלעג איך, און פילע אַנדערע, אוועקגיין פון דער היים, זיך א גאַנצן טאָג ארומרייסן בא מיטינגען, און קומען א היים ארום דריי אָדער פיר באַטאָג — נערוועז, מיט א קאָפּ־ווייטיק, ניט געגעסן. ווייב און קינדער פלעגן וואַרטן אויפן טאַטן מיט דעם עסן, נאָר ווער האָט שוין דאָן געקאָנט עסן? דאָן פלעגט זיך ווערן אָוועקזעצן מיט די קינדער עפּעס איבערבייסן. דאָס געקעכץ פלעגט זי אָפּשטעלן אויף שפּעטער, מיט דער האָפנונג אז ווען איך וועל זיך אָפּרוען, וועלן מיר צוזאַמען עסן דאָס אָפּגעקאָכטע. (איך בין שוין צו יענער צייט געווען א טאַטע פון צוויי קינדער — אונזער אינגעלע בענעלע איז געווען שיין ווי די זון; און א מיידעלע סאָפעלע האָבן מיר געהאַט וועלכע איז געווען שיין ווי דריי זונען.)

מיין לעבן

איך געדענק ניט אַז ווערא זאָל מיר איין מאָל האָבן געמאַכט אַ פאָרוואורף וואָס איך שטעל זי אַפּ אין די זונטיקן אַליין, און דאָס עסן ווערט איבער־געפּירט; נאָר אָפּט, ווען איך פלעג קומען אהיים מיט אַ קאָפּ־ווייטיק און זיך אוועקליינגן, פלעגט זי מיר צוטראָגן אַ נאַסע טוך און, אוועקלייגנדיק עס מיר אויפן קאָפּ, זאָגן: נו, וואָס וועט זיין? איך האָב מורא אַז דו וועסט קראַנק ווערן. . . .

אָט דער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן פאַר יאָרן, און אין די אַלע יאָרן בין איך געווען אַקטיוו אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע וועלכע איז געוואָרן אַ טייל פון מיין גאַנצן וועזן. מיין פאַרגיטיקונג פאַר אַ גאַנצער וואָך אָנגעשטריינגטקייט, פלעגט זיין דער מיטוואָך נאָך האַלבן טאָג, ווען איך פלעג זיך, יאָר איין יאָר אויס, טרעפן מיט מאָרים אָסין און מאָרים טוביאַש אין באָסטאָן. מיר דריי האָבן זיך אַזוי געהאַט צוזאַמענגעלעבט אין דער אַקטיוויטעט פון דעם אָרדן, אַז מיר זיינען געוואָרן אַזוי ווי אַ צוזאַמענגעוואַקסענער דריילינג. פאַר יאָרן און יאָרן פלעגן מיר אַלע דערוואַרטן און אויסקוקן אויף דעם מיטוואָך באַטאָג מיט אַ ציטער אין אונזערע הערצער. מיר פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, דאַן גיין צו־זאַמען עסן וואַרמעס — דאָס אַליין איז געווען באַ אונז אַ גרויסער יום־טוב. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערביי האָט מען זיך געביטן מיט מיינונגען וועגן אָרדן פראַגן. דאַן איז מען אוועק שפּאַצירן אָדער, אום זומער, אוועקגיין אין פּאַבליק גאַרדן, זיך אוועקזעצן לעבן טייכל און, פאַרשטייט זיך, ווידער רעדן וועגן אונ־זער ליבלינג — דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג”.

דער משה אָסין איז געווען, און איז נאָך היינט צו טאָג — לאַנג לעבן זאָל ער אונז — אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. דער שיקזאַל האָט געוואָלט אַז ער זאָל געבאָרן ווערן אין דער ליטע, באַ אַ טאַטן אַ קבצן. נו, וואָס האָט זיין טאַטע דער אָרימאַן געזאָלט טאָן מיט אים? שיקן אים אין אוניווערזיטעט? האָט ער אים צו צוועלף יאָר געמאַכט פאַר אַ שניידער. אָבער, ווי גייט דאָס ווערטל? אַ דימענט קאָן אפילו פון מיסט אויך אַרויסשיינען. . . . מיט אַ יאָר פינף זעקס שפּעטער, איז ער געווען איינער פון די וועלכע האָבן אין ווילנע אָרגאַניזירט דעם „אידישן אַרבעטער בונד”.

ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין דער אַרבעט פון אונזער אָרדן, איז ער געווען אַ יאָר 30 אַלט, און איך אַרום 25. ער האָט געבליצט מיט שיינע געדאַנקען; און כאָטש ער איז אַלע יאָרן געווען אַ כבד פה, פלעג איך אָפּט רעדנדיק מיט אים, באַ זיך טראַכטן: ווען זיין שיקזאַל וואָלט ניט געווען אַזוי שלעכט צו אים, און ער וואָלט געבאָרן געוואָרן באַ אַ רייכן טאַטן אין אַמעריקע, אַנשטאָט באַ אַ קבצן אין דער ליטע, וואָלט ער מסתמא געווען אַ זייער אָנגע־

נומענער פּראָפעסאָר אין איינעם פון די גרעסטע אוניווערסיטעטן. זיין שיקזאַל האָט אָבער געוואָלט אַז ער זאָל ווערן מיינער אַ לאַנג יאָריקער חבר און מיר זאָלן יאָרן לאַנג הנאה האָבן, טיילנדיק זיך איינער מיט דעם צווייטנס מיינונגען.

עס וועט מיר נאָך שפּעטער אויסקומען היבשלעך צו דערציילן וועגן מאָריס אָסין, נאָר דערוויייל וויל איך עטוואָס דערציילן וועגן אונזער דריטן קאָמפּאַניאָן, משה טוביאַש. ער איז געווען אין לאָנדאָן אין דער זעלביקער צייט ווען איך בין דאָרטן געווען. ער איז אָבער ניט געווען אַקטיוו אין דעם זעלבן קרייז מיט מיר, ער איז דאָרטן געוועזן צווישן די אַנאַרכיסטן. איך פלעג אים אָפט טרעפן אויף די זעלבע ווינקל גאַסן אין ווהייטשעפּל, וואו איך פלעג אויסקוקן פאַר קונים פאַר מיין סאָציאַל דעמאָקראַטישע צייטונג — די „נייע צייט״; און ער פלעגט זיך מיר שטענדיק אונטערוקן מיט זיין אַנאַרכיסטישן „אַרבעטער פריינט״. אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, פלעגט ער זיך שטענדיק אונטעררוקן פונקט ווען אָט אָט האָב איך דאַכט זיך געקראָגן אַ קונה פאַר אַ צייטונג, און פלעגט אים אריינרוקן אַן „אַרבעטער פריינט״. געוועדט האָב איך צו אים ניט אין אַזאַ פאַל, איך פלעג אים נאָר דורכשטעכן מיט מיינע אויגן אַזוי ווי מיט שפּיזן. ווען איך וואָלט אים דאַן געקאָנט דער׳הרגענען, וואָלט איך דאָס געוויס געטאָן, נאָר איך בין בטבע אַלע מאָל געווען קעגן בלוט פאַרגיסונג . . . פלעג איך אָפּקומען מיט דעם קוקעלע וואָס איך האָב אים צוגעוואָרפן.

ערשט, באַ אַ געוויסע קאָנווענשאָן פון אונזער אָרדן, טרעף איך אָן דעם „פריינטל״ מיינעם אַלס דעלעגאַט, און ווען עס איז געקומען צו דערוויילן נאַציאָנאַלע באַאַמטע, איז ער אויך דערוויילט געוואָרן. דער אמת איז, אַז מיר האָט פאַרפעלט אַביסל לופט צו אָטעמען ווען איך האָב דאָס דערזען . . . אָבער פאַרפאַלן. . . .

איך האָב אַ לייינגערע צייט אויף אים געקוקט מיט חשד, אָבער ביסלעכוויים האָב איך אויסגעפונען ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם אַז ער זאָל ווערן אַן אַקטיווער מיטגליד אין אונזער אָרדן. ווייל אין דער צייט ווען דער אַרבעטער רינג פון ניו־יאָרק איז געווען שטאַרק פּאַרטייאיש צו איין ריכטונג אין דער באַוועגונג — רעכט סאָציאַליסטישע — האָט דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג אָנגענומען אַ ברייטערע פּלאַטפאָרמע — אַזוי צו זאָגן, אַ פרייע פּלאַטפאָרמע פאַר אַלע ריכטונגען אין דער אַרבעטער באַוועגונג. דורך דעם זיינען אַ גאָר היבשע צאָל פון דעם עלעמענט וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן אונטער דעם שטעמפּל פון אַ געוויסע ריכטונג, געוואָרן מיטגלידער אין אונזער אָרדן. און ער איז געווען איינער פון דעם עלעמענט.

ביסלעכוויים האָב איך דערזען אַז דער בחור רעדט מיין שפּראַך ווען עס קומט צו אַרבעטער רינג פראַגן, און מיר האָבן זיך אַזוי דערנעענטערט איינער

צום צווייטן ביז מיר זיינען געוואָרן גאָר נאָענטע פריינט. און איצט, נאכדעם ווי איך האָב אייך באקאנט מיט מיינע צוויי חברים, קאָן איך דערציילן ווייטער.

מיר פלעגן זיך טרעפן מיטוואָך באטאָג, ווייל מיטוואָך אוונט פלעגן מיר אַלע מאָל אָפּהאַלטן אן עקזעקוטיוו מיטינג. צו אן עקזעקוטיוו מיטינג פון אונזער אָרדן פלעג איך דאַן גיין מיט די זעלבע ערנסטקייט און התבודדות ווי מיין טאטע, עליו השלום, פלעגט גיין צום רבי׳ן הערן חסידות. דעם אָרדן האָבן מיר אַלע ליב געהאַט מיט אַ פּלאַטאָנישע ליבע, אנדערש וואָלטן מיר ניט געקאָנט אוועקגעבן אזוי פיל צייט און כחות פאר דער אָרגאַניזאַציע. ווען מיר דריי פלעגן צו דער באַשטימטער צייט אריינקומען אין אָפיס, וואו מיר האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן צימער אין וועלכן מיר פלעגן אָפּהאַלטן אונזערע עקזעקוטיוו מיטינגען, פלעגט מען אויסרופן — נו, די הייליקע דריי־אייניגקייט איז שוין דאָ, מען קען שוין עפענען דעם מיטינג.

עס זיינען שוין אזוי פיל יאָרן אוועק פון יענער צייט, און דאָך זע איך פאר מיינע אויגן אזאַ מיטינג אזוי ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פּאַסירט — אַ לאַנגער מאַסיווער טיש, ארום וועלכן עס זיצן: אויבן אָן, דער נאַציאָנאַלער פּאָרזיצער; אַ סך יאָרן איז אין דעם אמט געווען סעם ווילקאָן; נאָך אים איז עס געווען דאָקטאָר מ. דזש. קאָניקאָוו, דאַן איז געקומען מאָריס ראָזין, מאָריס טוביאַש, מיין ווייניגקייט, חיים הורוויץ, און אנדערע. ארום טיש זיינע אַלע מאָל גע־זעסן מאָריס אָסין, מאָריס טוביאַש, מיין ווייניגקייט, סעם מאַלקיעל; אביסל שפּעטער, מיכל לעפקאָוויץ, זלמן אַלבערט, מאַקס העמלין, דוד מאַנאַסאָן, יודל לעווין, חיים הורוויץ, מאָריס ריקלין, אהרן מאָלדאָוו, חיים גובערמאַן, פריינק גראָסמאַן, היימאַן קאָהן, נייטן ראָטבערג, אב. העמלין, ה. קעסלער, ארטור גרינפילד, נייטן טאַרלאָוו, ס. הייסין, וויליאַם גאָלדבערג, און פאַרשידענע אנ־דערע צו פאַרשידענע צייטן. אנטקעגן דעם נאַציאָנאַלן פּאָרזיצער, איז געזעסן דער גענעראַל סעקרעטאַר, ש. יגדל. דער מיטינג איז אַלע מאָל, פאר אַלעמען, געווען אַ שטאַרקע איבערלעבונג, און מיר פלעגן עס דערוואַרטן אזוי ווי אַ פאַרזעצונג פון אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן ראָמאַן. . . .

ש. יגדל פלעגט אַלע מאָל קומען צום טיש מיט אַ פּאַק דאָקומענטן — קאָרעספּאָנדענץ פון דער וואָך, צווישן וועלכע עס פלעגט זיך אַמאָל — ניט גאָר אָפט — געפינען אַ צושריפט פון אַ פריינט, אז אין אַ געוויסע שטאָט איז דאָ אַ גוטע מעגליכקייט צו אָרגאַניזירן אַ נייעם בראַנטש. ווען אזאַ צושריפט פלעגט פאָרגעלעזן ווערן, איז דאָס פאר אונז אַלעמען געווען אזוי ווי מיר וואָלטן געהערט די שענסטע סימפאָנישע מוזיק . . . אַ קליינינגקייט, נאָך אַ בראַנטש. דאָס מיינט דאָך, אז אונזער בנין ווערט גרעסער און שטאַרקער, און עס וועט אונז געבן די מעגליכקייט דורכצופירן אין לעבן די אַלע שיינע זאַכן פון וועלכע

מיר האָבן שטענדיק גע׳חלומ׳ט. און חלומות האָבן מיר געהאַט גרויסע און שיינע, ווייל מיט א וויטיק אין הארצן, האָט יעדער איינער פון אונז געמוזט איינזען, אז האָבנדיק די „אָפיציעלע ארבעטער באַוועגונג" צוזאמען מיט איר פּרעסע „פאָרווערטס" בראש, קענען אונז, וועלן מיר ניט האָבן די מעגלעכקייט אריינצוקריגן די ברייטע מאַסן אין אונזער אָרדן. האָבן מיר זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו מאַכן אונזער אָרדן פאַר א מאָדל אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער גאַס.

אונזער גרויסער בעל חלומות, מאָריס אָסין, פלעגט טאַקע דארפן א גאַנצן טאָג שטיין אין זיין שאַפּקע, נייען און פּרעסן, אום פאַר זיין פרוי און קינדער א לעבן צו מאַכן, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען ניט געווען באַ דער נאָדל און שער . . . זיינע געדאַנקען זיינען געפלויגן אַזוי הויך ווי דער הימל . . . ער האָט נאָר געטרוימט, נאָר גע׳חלומ׳ט, ווי אַזוי צו מאַכן אז אונזער אָרדן זאָל ווערן אויף אַזוי פיל בעסער און שענער פון אַלע אַנדערע עקזיסטירענדיקע אָרגאַני־זאַציעס, אז אַלע זאָלן דערזען דעם אונטערשייד; און ספּעציעל, אז אונזערע מיטגלידער, אַלס יחידים, און די ברענטשעס פון אָרדן אַלס כלל, זאָלן דער־גרייכן א העכערע ניוואָ, א העכערן סטאַנדארד, צווישן אידישע ארבעטער אָר־גאַניזאַציעס. פלעגט ער שטיין טאָג נאָך טאָג באַ זיין ארבעט און חלומ׳ען חלומות; און ווען מיר פלעגן זיך טרעפן מיטוואָך, פלעגן מיר פון אים אויסהערן זיינע אַלע חלומות פון דער וואָך — אַמאָל עטוואָס צוגעבן אָדער ארונטער־נעמען, און דאַן קומען מיט דעם צום עקזעקוטיוו מיטינג.

דאָס ערשטע מיט וואָס מיר זיינען געקומען צו אונזערע ברענטשעס צו יענער צייט איז געווען, איינצופירן די ברענטש מיטינגען אויף א נייעם אופן. פילע פון אונז געדענקען נאָך היינט די רוטין פון אן ארבעטער רינג ברענטש מיטינג אין יענע יאָרן. אויף דעם פאַרזאַמלונג פּלאַץ איז מען ניט געווען צו אויסקלייבעריש; אבי עס איז געווען אין גליכן געלט, האָט ניט אויסגעמאַכט אז דער פּלאַץ איז ניט אַזוי זויבער און אנציענד פאַרן אויג. די רוטין פון דעם מיטינג איז אויך ניט געווען שטאַרק איינדרוקספול. מיר זיינען דאַן אַוועק צו די ברענטשעס און אָנגעהויבן צו האַמערן אויף דעם פונקט, אז די מיטינגען מוזן אָננעמען אן אַנדער פאָרמע. די געשעפטן פון דעם מיטינג, ווי דאָס פאָרלייענען פון פאַרשידענע צושריפטן, און דאָס גלייכן, זאָלן אָפּגע׳פּטר׳ט ווערן שנעל, און אויב מעגליך, דאָס איבערלאָזן צום פאַרהאַנדלען צו דער עקזעקוטיווע פון ברענטש. מען זאָל דינגען שיינע לאָקאַלן וואו די מיטינגען זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן. קורצע איינלייטונגען וועגן פאַרשידענע טאָג פראַגן, און נאָכדעם א דיסקוסיע פון די מיטגלידער, אָדער אינטערעסאַנטע פאָרלעזונגען. אראַנזשירן אָרקעסטראַלע אָדער וואָקאַלע מוזיק; און אויב איניקע ברענטשעס

זײנען ניט געװען בכוח פינאַנציעל דאָס דורכצופירן, איז די נאַציאָנאַלע עק־זעקוטיװע געװען באַרײט זײ אין דעם אַרױסצוהעלפן, װי אױך זײ צו העלפן די קרעפטן צו אָרגאַנזירן.

אַ גאַר היבשע צאָל ברענטשעס זײנען דאַן פאַראינטערעסירט געװאָרן אין דעם װאָס מיר האָבן פאַר זײ פאָרגעבראַכט און האָבן גענומען אַזעלכע מיטינגען אײנפירן. איך געדענק, אַז װען מען פלעגט דאַן אַרײנקומען צו אַ ברענטש מיטינג פון ברענטש 4, אין מאַלדן; אָדער 27, באָסטאָן; ברענטש 6, לין; און אַנדערע, פלעגט מען קריגן דעם אײנדרוק אַז מען איז געקומען צו אַ מוזי־קאַלישן רעסיטאַל. פילע מיטגלידער האָבן אָנגעהױבן קומען צו די מיטינגען מיט זײערע פרױען, און די ברענטש מיטינגען האָבן אַן אַנדער פּנים געקראָגן.

אַ סך שװערער איז אונז אָנגעקומען, אַז די ברענטשעס זאָלן אַ צװײטע רעקאָמענדאַציע אָננעמען. עס איז געװען װען מיר זײנען געקומען צו די ברענטשעס מיט דער רעקאָמענדאַציע אײנצופירן אַן „אָרדן פאַמיליען יום־טוב". עס האָט געהאַט דעם צװעק צו פאַראינטערעסירן די גאַנצע פאַמיליע פון דעם מיטגליד אין אונזער אָרגאַניזאַציע. אונזער פאָרשלאַג איז געװען, אַז דער אָרדן פּראָקלאַמירט דעם ערשטן זונטיק אין חודש אױגוסט אַלס „אָרדן פאַמיליען יום־טוב". אין דעם טאָג זאָלן אַלע ברענטשעס, װאו זײ געפינען זיך, צוזאַמענ־נעמען זיך מיט אַלע נאָענטע ברענטשעס צו זײ, און אָרגאַנזירן אַן אַרױספאָר פאַר דער גאַנצע פאַמיליע, און דאָרטן פאַרברײנגען דעם טאָג אין פאַרשידענע שפּילערײען, װעלכע זאָלן זײן צוגעפּאַסט סײ פאַר גרױסע װי אױך פאַר קינדער. אָדער, װאו עס איז ניט באַקװעם צו האָבן אַן אַרױספאָר, זאָל אַ יום־טובדיקע אונטערנעמונג אַראַנזשירט װערן אין אַ שײנעם זאַל, אױף אַזאַ אופן אַז עס זאָל מאַכן אַן אײנדרוק.

אין מאַנכע ברענטשעס האָבן מיר געפונען אַ היבשע אָפּאָזיציע צו דער רעקאָמענדאַציע. אונזער מיטגלידערשאַפט איז צו יענער צײט מערסטנס באַ־שטאַנען פון דעם עלעמענט װעלכע זײנען דערצױגן געװאָרן אױף גענאָסע פייגענבױמ'ס און גענאָסע ראָזענצװײג'ס תורה, אַז אַלעס װאָס דערמאָנט אױף טראַדיציאָנעלער אידישקײט איז נאָכן סאָציאַליסטישן שלחן־ערוך טריף װי חזר; און אַזױ װי דער אױסדרוק יום־טוב האָט דערמאָנט אױף אידישע ימים־טובים, און באַ דעם עלעמענט איז עס געװען פאַרעכנט פאַר „רעאַקציע", האָט מען מיר טאַקע גאָר אָפּט פאָרגעװאָרפן אין אײניקע ברענטשעס, נאָכדעם װי איך האָב אָפּגעהאַלטן אַן ענטוזיאַסטישע רעדע פאַר דעם „אָרדן פאַמיליען יום־טוב", אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיװע זוכט אװעקצופירן די מיטגלידער־שאַפט צוריק אין בית המדרש, און װער װײסט, מען קאָן זיך נאָך אַזױ ביסלעכ־װײס דערדרײדן ביז „פּאַלעסטינא". . . . כאָטש הײנט זײנען שױן אַ גאַר

היבשע צאָל פון יענע פּראָטעסטאַנטן אַליין אַקטיווע פּועלי־ציון, אָבער דאָן איז „פּאַלעסטינא" נאָך געווען היבש טריף בא יענעם עלעמענט, און עס פאַר־שטייט זיך, ביז גאָר אַ שלעכטע רעקאָמענדאַציע פאַר אַן עקזעקוטיוו פירער פון אונזער אָרדן. . . .

מיר האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן פאַר יענע פּראָטעסטן אין אייניקע ברענטשעס, און האָבן אַלץ געזוכט פּאָפּולערער צו מאַכן די אידייע פון אַן „אָרדן פאַמיליען יום־טוב". אין 1915, בא אונזער 9טע קאָנווענשאַן, אין וואוסטער, מאסס., איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, און נאָכדעם גוט־געהייסן געוואָרן דורך אַ רעפערענדום אָפּשטימונג, אַז דעם ערשטן זונטיק אין אויגוסט פירט איין אונזער אָרדן אַ פאַמיליען יום־טוב.

אונזער אָרדן לעבט אויף דורך דעם יום־טוב

גלייך נאָך אונזער קאָנווענשאַן, וועלכע פלעגט אָפּגעהאַלטן ווערן די לעצטע טעג אין מאַי, פלעגן מיר צוזאַמענרופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ברענטשעס פון באָסטאָן און ארום, און אַזוי פלעגן טאָן אַלע גרעסערע שטעט פון אַנדערע שטאַטן. די דעלעגאַטן פון די ברענטשעס פלעגן ווערן ביז גאָר פאַראינ־טערעסירט נעמענדיק אַן אָנטייל אויסצואַרבעטן דעם פּראָגראַם פאַר דעם טאָג; און די ברענטשעס פלעגן אַרויסווייזן אַ גאָר גרויסן אינטערעס אין דער אַרבעט פון אַראַנזשירן דעם יום־טוב, אויסהערנדיק די באַריכטן פון זייערע דעלעגאַטן. אַ גאָר היבשע צאָל פון אונזערע ברענטשעס האָבן אין יענער צייט פאַר־צווייפאַכט זייער מיטגלידערשאַפט.

ארום 30 מייל פון באָסטאָן, פלעגט גענומען ווערן אַ פּלאַץ וואוהין די גרויסע מאַסע מיטגלידער פלעגט פאָרן מיט ספּעציעלע באַסעס אָדער באַנען צו פּראַווען יום־טוב. אַ היבשע צאָל ברענטשעס פלעגן אין דעם יום־טוב אָנטייל נעמען דורך אויפשטעלן אויפן פּלאַץ פאַרשידענע פּלאַטילאַס, ביידלעך, און א. וו., דורך וועלכע עס פלעגן אויסגעדריקט ווערן פאַרשידענע פאַסירונגען, סיי אין אונזער אָרדן ווי אויך אין דער אידישער וועלט. פּרייזן פלעגן פון דער קאָנפערענץ אַסיגנירט ווערן פאַר די ברענטשעס וועלכע פלעגן אַמבעסטן אויסדריקן געוויסע פאַסירונגען דורך זייערע פּלאַטילאַס.

אין די אַקטיוויטעטן זיינען אַ היבשע צאָל פרויען און דערוואַקסענע קינדער פון אונזערע מיטגלידער זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן. און אָט זיינען שוין טויזנטער מענטשן אַריין אין די ספּעציעלע באַסעס אָדער באַנען — עס פאָרן מאַן, פרוי און קינד — מען פאָרט פּראַווען יום־טוב!

מיין לעבן

יונג זיינען מיר אַלע דאַן געווען, און דאָ שפּילט נאָך מוזיק פֿאַרנדיק אין באַן; און דאָ זיצן גרופּן מיטגלידער און מען זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער — אַ גרויסע פֿרייד האָט יעדער איינער אין זיין גאַנצן וועזן געפֿילט, און פֿון יעדנס אויגן האָט אַ נשמה יתירה צושטאַנד אַרויסגעפֿינקלט. די גאַנצע וועלט האָט פֿאַר אונז דאַן אַזוי שיין אויסגעזען, און פֿול מיט גלויבן זיינען מיר אַלע דאַן געווען, אַז אַ שענערע וועלט האַלט אין אָנקומען. דאָס איז דאָך געווען נאָך איידער דער סאָציאַליסט מעקדאָנאַלד, אין ענגלאַנד, האָט דעם ווייס־שוואַרצן פּאַפּיר פֿאַר ארץ־ישראל אַרויסגעגעבן, און איידער די סאָציאַליסטן עטלי און בעווין האָבן אַזאַ רשעות קעגן אונזער פֿיל געפּייניגטן פֿאָלק אַרויס־געוויזן. . . .

דער טאָג איז אַוועק אין גרויס פֿרייד און פֿאַרגעניגן. פֿאַרשידענע שפּי־לערייען, געזאַנג בציבור, אויסטיילן פֿון פּרייזעס צו די בעסטע פּלאַטילאַס; וואָכן שפּעטער פֿלעגט מען נאָך אַלץ פֿילן אין די ברענטשעס דעם איינפֿלוס פֿון דעם שיינעם יום־טוב וועלכן מיר האָבן אין אָרדן איינגעפֿירט. ס'איז געווען יאָרן ווען עס פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען מיטגלידער און זייערע משפּחות און פֿריינט אין אַ מאַסע פֿון 6 ביז 7 טויזנט מענטשן. אַביסל שפּעטער האָב איך אָנ־געשריבן אַ שפּילעוודיק ליד, אין וועלכער איך האָב אויסגעדריקט די שטימונג וואָס דער יום־טוב האָט בא אונז געשאַפֿן.

ש. ז. אָסיפּאָוו

אַן „אינדעפּענדענט" יום־טוב

איך דערצייל אייך יעצט אַ מעשה,
וואָס באַלאַנגט שוין צו געשיכטע —
גענומען האָבן מיר פון לעבן,
דאָן דאָס עכטע, דאָס גערדיכטע!

יונג געווען זיינען מיר דאָן —
יונג און שטאַרק און פול מיט לעבן!
וואָס מער שטיפן, וואָס מער לאַכן,
איז געווען אונזער שטרעבן.

גייסטיק אויסגעפילט דאָס לעבן,
האָט באַ אונז דער „אינדעפּענדענט",
די פרייד וואָס יעדער האָט גענאָסן,
האָט זיך שוין אַן אים געווענדעט . . .

זיינען מיר געפאָרן איין מאָל
מיט די ווייבער, מיט די קינדער,
צו דעם יום־טוב פון דעם אָרדן.
מיט אונז — אָסין — זיין דערפינדער.

אַ גאַנצע באַן האָט מען פאַרנומען,
פון — מיר דאַכט — אַ צען וואַגאָנען;
און דעם באַן האָט מען פאַרפּוצט דאַן,
מיט די „אינדעפּענדענט" פאָנען.

אין די הערצער גרויסער יום־טוב,
גרויס געווען איז די נחמה —
אַך, ווי יונג מען איז געווען,
און די וועלט — אָן קיין מלחמה . . .

מיין לעבן

און אז יונג און שטאַרק איז איינער,
האָט דאָס לעבן טויזנט חנ׳ען:
קיינע זאָרג, און קיינע דאגות,
ווי אַ קינד, נאָך פאַר אַנטווינען. . . .

ט׳מען געזונגען פרייהייטס לידער,
לידער אויך צום אָרדנ׳ס טרייהייט;
אַה, ווי שיין עס איז צו הערן
מענטשן זינגענדיק פון פרייהייט!

ווייל אין פרייהייט איז מען גליקלעך,
און אַ יום־טוב מאַכט דערהויבן —
פון מיין אינגסטער יוגנט, האָב איך
שטאַרק אין ביידע געטאָן גלויבן.

און וואָס מער מען האָט געזונגען,
אַלץ געפילט האָט מען זיך בעסער,
און דער יום־טוב איז געוואַקסן
פון מינוט אַלץ גרעסער, גרעסער!

רוף איך אויס דאָן צו דעם עולם —
„כ׳האָב אַ שפּילכל צום פאַרבייסן,
אוועקצולייגן אַלע זינדער,
און זיי גוט אַריינצושמייסן!"

דער ערשטער קרבן איז געווען
אונזער ליטוואַק, טוביאַש משה —
אַט ווי יונג ער איז געווען,
ט׳ער געהאַט שוין זינד גאָר גרויסע!

ער האָט שוין געשמייכלט דאַמאָלסט
צו די עכטע, עכטע לינקע —
האָט מען אים אַריינגעשאָסן,
פעטש, איך זאָג אייך — היבשע, פלינקע!

ש. ז. אַסיפאָוו

אוי, האָט מען אים דאָן געצימבלט,
האָט ער געבאַפּט „אַפּלאָדיסמענטן”,
איינס, און צוויי, און דריי, און פיר,
צום טאַקט, אָן קיינע דיריגענטן.

באַלד נאָך אים, האָט מען גענומען
פיליפ בערמאַן — אונזער טענצער —
אוי, האָט ער זיך דאָן געצאַפּלט,
נאָך אַ האָר, אַרויס פון פענצטער.

דאַן די רייע איז געקומען,
פאַר שניידער פון די „אַלגעמייטע”,
ס'איז גוט געווען אים צו שמייסן,
אַ טעריטאָריע אַ ברייטע . . .

דוד, יודל, רייבן העגט שוין,
שניידער אָבער, שרייט — „איך שפּיל ניט!”
און ער האָט זיך שטאַרק פאַר'עקשנ'ט,
אַז ער וויל ניט, און ער וויל ניט!

מיינט איך דאָך, מען האָט געפרעגט אים?
אַזאַ חוצפּה — ער'ט ניט שפּילן?!
אויסגעצויגן אים ווי גרויס איז,
און די הערצער געטאָן קיהלן . . .

דאַן ז'געקומען די פינאַלע —
עס איז געווען אין דער רייע
דער סעקרעטאַר פון פינף־און־צוואַנציק,
איר קאָנט געווים דעם טומל־שמייע!

רק ער שמייעט, און ער לויפט נאָר, —
רעדעס גיט ער אומגעשליפן,
אַמאָל, בא אונז אין דעם אָרקעסטער,
אויף אַ פיאָל האָט ער געפיפן.

מיין לעבן

איר געדענקט דאָך דעם אָרקעסטער,
מיט די פידלען, און די פיאָלן?
ווי זיי האָבן זיך געלערנט
אויף אונזערע אויערן צו גאָלן!

מיינט איר דאָך אַז ער וויל שפּילן?
ער וויל זיך גאָר פון אָרט ניט רירן!
און אַ פּנים — ווייִ מיר — מאַכט ער,
ווי צו דער תליה מ'וויל אים פירן.

זאָג איך צו אים, ס'האָט קיים פּנים,
און איך פאַנג אָן מיט אים שמוסן,
לויפט ער גאָר און ער פאַרשליסט זיך,
„וואו דער קיסר גייט צופוסן".

רופן מיר שוין אָן אסיפה,
אום צו קאָנען גלייך באַשליסן,
ווי מען זאָל פון אים אביסל
יום־טוב'דיקע פרייד געניסן . . .

גלייך געפינען מיר אַ מיטל,
אויפ'ן פעלד מען רופט אַ מיטינג,
ער זאָל ברייננגען אונז צוזאַמען,
און דאָרטן זאָל ער זיין פאַרגיטיגט!

אויפן פעלד, מען רוימט אַ סוד אים,
ספּעציעל — מען מוז גלייך מיטן —
ברייננגט ער אַלעמען צוזאַמען,
און ער זעצט זיך אין דערמיטן . . .

איך שווער אייך באַ מיין עולם־הבא,
אַז דעם טאָג ט'ער לאַנג געדענקען;
און נאָך מיטינגען אַזעלכע,
וועט ער קיינמאָל, קיינמאָל בייגקען.

ש. ז. אַסיפּאָוו

מיר מיינען ס'איז אַ מלאך, ערשט ס'איז אַ טייוול

ווי עס ווייזט אויס, איז יעדער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פאַר'משפט צו דעם, אַז איידער זי שטעלט זיך פעסט אויף די פיס, דאַרף זי פריער דורכפּאָקן און דורכמאָזלען. . . . דער אַרבעטער רינג פון ניו־יאָרק, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גאַנץ גרויסע מיטגלידערשאַפט צו יענער צייט, און אַ פריינטלעכע פרעסע וועלכע האָט אים באַשיצט, האָט פונדעסטוועגן געהאַט זיין בינטל צרות. פריער האָבן זיי עטלעכע יאָר געהאַט אויף די הענט אַ קאַמף אין די ברענטשעס צווישן אַלטע און יונגע עלעמענטן. עס איז זיי ניט גאָר גרינג אָנגעקומען די שטרייטיג־קייטן אויסצוגלייכן. און אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן, און זיי האָבן זיך ווי ניט ווי אויסגעגלייכט, איז געקומען אַ נייע צרה — רעכטע און לינקע.

עס איז געוועזן נאָכדעם ווי די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויסגע־בראָכן אין רוסלאַנד. ווער האָט עס ניט געוואָלט זעהן אַ פרייע דעמאָקראַטישע רוסלאַנד? זיינען טויזנטער און טויזנטער דאַן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געדאַנק אַז איצט קומט די אמת'ע גאולה אין רוסלאַנד, און עס פאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידערשאַפט פון דעם אַרבעטער רינג איז אין דעם פאַל אויך ניט געוועזן קיין אויסנאַם.

פאַר דעם דרויסנדיקן מענטשן איז געוועזן ניט גאָר גרינג זיך פאַרנאַנדער־צוקלייבן אין די אמת'ע אורזאַכן פון דעם קאַמף, ווייל אין דער צייט ווען די רעכטע עלעמענטן, מיט דעם „פאָרווערטס" אַלס זייער אַדוואָקאַט, האָבן גע־שטורמט אַז די לינקע עלעמענטן ווילן צוברעכן דעם אַרבעטער רינג, האָבן די לינקע געטענה'ט אַז זיי קעמפן נאָר פאַר אַ פרייער פּלאַטפאָרמע אין דעם אַר־בעטער רינג. עס איז געווען ליהודים — באַ ברענטש מיטינגען, באַ קאָנ־פערענצן און קאָנווענשאַנס איז געווען ביז גאָר פריילעך. . . .

ווי שוין געזאָגט פריער, האָט זיך דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג אונטערשיידט פון דעם ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג מיט דעם, וואָס דער ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן רעכטע אָרגאַניזאַציע, און דער „אינדעפּענדענט" איז געווען אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע ריכ־טונגען, ניט זייענדיק געבונדן צו קיין פּאַרטיי.

ווען די לינקע עלעמענטן האָבן נאָך אַ גאָר היבשער ווילע איינגעזען אַז זיי קאָנען זייער קאַמף אין דעם אַרבעטער רינג ניט געווינען, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם אָרדן. און היות ווי דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג

האָט געהאַט אַ פרייע פּלאַטפאָרמע פאַר אַלע ריכטונגען, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט אונזער אָפיס, אַז זיי וועלן אַרויס פון דעם ניו־יאָרק אַ. ר. און אַריינקומען אין דעם „אינדעפּענדענט".

עס איז פאַר אונז ניט געווען קיין גרינגע זאַך צו באַשליסן. אייניקע פון אונז האָבן אַרגומענטירט, אַז מען קאָן זיי ניט געטרויען; אַז אין וועלכער אָרגאַניזאַציע זיי קומען אַריין, איז אויב זיי געלינגט ניט די אָרגאַניזאַציע צו פאַרכאַפּן, דאַן זוכן זיי מיט אַלע מיטלען זי צו צוברעכן. אַנדערע ווידער האָבן אַרגומענטירט, אַז איצט האָבן מיר אַ מעגליכקייט אונזער לאַנג־יאָריקן חלום צו רעאַליזירן, און אויפבויען אַ גרויסן שטאַרקן אָרדן.

די פאָרשטייער פון די לינקע האָבן גע'טענה'ט, אַז אַלעס וואָס זיי זיינען אויסן איז צו האָבן אַ פרייע פּלאַטפאָרמע, און ווייטער זיינען זיי גאָט זייערע נשמות שולדיק. . . . מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז בא אונז איז אין יענער צייט אויך געווען אַ גאַר היבשער עלעמענט וועלכער איז שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם לינקיזם. . . .

אין אַ געוויסן טאָג איז בא אונז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, זיי אַריינצונעמען אַלס מיטגלידער אין אונזער אָרגאַניזאַציע, אָבער איינציקווייז און ניט אַלס ברענטשעס, ווי זיי זיינען געווען אין אַרבעטער רינג.

דער מלאך נעמט פאַרנאַנדער זיינע פליגל און . . .

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אַקטיוויטעט אין אונזער אָרדן. אונזער אָפיס איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אַפּליקאַציעס פאַר נייע מיטגלידער. נייע ברענטשעס זיינען אין אַ היבשער צאָל שטעט געגרינדעט געוואָרן, און אונזער אָרדן האָט גענומען וואַקסן. . . . די פון אונז, וועלכע זיינען אָבער געווען סקעפּטיש פון אָנהויב אָן וועגן „קאָמוניסטישער פירערשאַפט", האָבן מיט אַ ציטער אין זייערע הערצער נאָכגעפאָלגט אונזער גרויסע „פּראָספּעריטי". ווידער אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז די פרייע פּלאַטפאָרמע וואָס דער אָרדן האָט זיי געגעבן וועט זיי צופרידנשטעלן, און מען וועט צוזאַמען אַרבעטן האַרמאָניש און אויפבויען אַ גרויסן שיינעם אונאָפּהענגיקן אָרדן.

אַלעס איז געווען שטיל און פיין; אָבער ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען די שטילקייט פאַר אַ שטורם. . . . די לינקע עלעמענטן האָבן געאַרבעט מיט אַ סיסטעם — האָבן אָרגאַניזירט קליינע ברענטשעס; אפילו דאָרטן וואו מען האָט געקאָנט אָרגאַניזירן אַ גרעסערן ברענטש, האָט מען דאָס ניט געטאָן, נאָר מען האָט פון דעם געמאַכט צוויי קליינע ברענטשעס; און אַז דער אָפיס האָט אָנגעהויבן חושד צו זיין אַז דאָ ווערט אָפּגעטאָן אַ שמד שטיק,

האָבן זיי אַרגומענטירט אַז אַזוי איז געזינטער, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען פאַרנעמען אַ גרעסערע טעריטאָריע. דאָ וואו עס האָט זיך געלייענט, האָט מען אַריינגעשיקט די פאָרשלאַג בלאַנקען פון נייע מיטגלידער אין אַן אַלטן ברענטש — אַלץ מיט אַן אויג אויף שפּעטער. . . .

באַ די ברענטש מיטינגען האָט מען אָנגעהויבן הערן אַ נייע שפּראַך — עפּעס האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן געבן דעם אָרדן אַ נייעם פּנים — אונזער פּנים, פון אַן אונאָפּהענגיקן אָרדן מיט אַ פרייער פּלאַטפאָרמע פאַר אַלע ריכטונגען אין דער אַרבעטער באַוועגונג, איז זיי שוין שטאַרק ניט געפעלן . . . אונאָפּהענגיק, אומפּאַרטייאיש, טענה'ט מען און מען לערנט מיט אונז פּשט, איז קאָמוניזם — זיי, די לינקע עלעמענטן, ווייסן בעסער וואָס אמת'ע אומפּאַרטייאישקייט מיינט . . . קורץ, אַ נייע תורה ווערט אונז געגעבן פון באַרג סיני. . . .

באַ אַ קאָנפערענץ, אַנשטאָט די האַרמאָני וואָס האָט פריער געהערשט צווישן אונזערע מיטגלידער, אַנשטאָט די משפּחה'דיקע פריינטשאַפט וואָס איז אין משך פון יאָרן באַ אונזער מיטגלידערשאַפט אַנטוויקלט געוואָרן, הערט מען גאַנץ שטאַרקע ווערטער געוואָרפן פון איינעם צום צווייטן. מיט דעם נאָמען פאַרעטער באַטיטלט מען אונז; קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן רופט מען אונז. מיר האָבן געפרואווט צו אַרגומענטירן און זיי אויפווייזן, ווי מיר האָבן יאָרן לאַנג אונזערע פערזענלעכע אינטערעסן פאַרקוקט, אונזער צייט און ענערגיע אַוועקגעגעבן, צו בויען אַ שיינע ריינע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, און אַז עס איז אַ פאַרברעכן אונז אָנצורופן פאַרעטער און קאָנטער־רעוואָליוציאָנערן, אָבער דעם איינציקן „קלאָרן" ענטפער אויף אונזערע אַרגומענטן האָבן מיר געקראָגן: דאָס אויב מיר קאָנען ניט איינזען ווי אמת אומפּאַרטייאיש קאָמוניזם איז, דאַן זיינען מיר פאַרעטער צו דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס ערגסטע וואָס עס האָט פּאַסירט, איז דאָס וואָס אַ גאָר היבשע צאָל פון אונזערע טייערע פריינט, וועלכע האָבן מיט ליבע און איבערגעבנהייט אונז געהאָלפן בויען אונזער אָרדן, זיינען אויך געוואָרן אונזערע ביטערע געגנער; ווייל, ווי זיי האָבן געזאָגט, זיי האָבן געעפנט די אויגן, און האָבן אויך דערזען דעם גרויסן אמת פון קאָמוניזם. . . .

נעכטיקע נאָענטע פריינט, זיינען זיך געוואָרן ביטערע שונאים. האַס און פאַראַכטונג האָט מען געוואָרפן פון איינעם צום צווייטן. עס איז געוואָרן אַ כאַאָס אין אונזערע רייען. און כאָטש מיר זיינען געוואָרן היבש צוטומלט און פאַרצווייפלט, האָבן מיר דאָך ניט אויפגעגעבן אונזער האָפנונג אַז די זריע פון אמת'ע פריינטשאַפט, וועלכע מיר האָבן יאָרן לאַנג אין די ברענטשעס קולטיווירט, וועט סוף כל סוף נעמען די אויבערהאַנט.

ווידער איז אָנגעקומען אַ פּעריאָדע אין אונזער לעבן פון ניט רוען טעג און ניט שלאָפן נעכט. ווער האָט געהאַט פּערזענלעכע אינטערעסן אין זינען אין יענער צייט? מיר האָבן פאַרנאַכלעסיגט דעם אייגענעם געזונט, פאַרנאַכלעסיגט אונזערע פאַמיליעס, די געשעפטן — קיין זאַך האָט ניט עקזיסטירט פאַר אונז, חוץ איין זאַך, צו ראַטעווען אונזער ליבלינג — דעם „אינדעפּענדענט ארבעטער רינג" — פון די „גרויסע מענטשן פריינט", די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען באַפאַלן דעם אָרדן אַזוי ווי פּיראַטן.

דער איבערגאַנג פון יום־טוב צו וואָך

איידער איך וועל פּרובירן איבערצוגעבן ווי אַזוי אונזערע יערלעכע קאָנווענשנס און קאָנפערענצן האָבן גענומען אויסקוקן דאַן ווען מיר האָבן געשלאָסן אַ שותפות מיט סטאַלינס כאַווירים, איז נויטיק צו וויסן וואָס מיר האָבן געהאַט דערגרייכט ביז יענער פּעריאָדע.

עס איז געווען אין דער צייט פון, און גלייך נאָך, די ערשטע וועלט מלחמה. מענטשן מיט עמפינדלעכע נאַטורן זיינען געווען שטאַרק צערודערט . . . צערודערט סיי פון דער שווידערלעכער בלוט באָד וואָס די מלחמה האָט מיט זיך פאַראורזאַכט, און ווי מען האָט דאַן געדענקט, אַז קיין ערגערס קאָן שוין ניט זיין; ווי אויך דורך דעם וואָס אונזערע ברידער אין איירָאפּאַ זיינען, פּונקט ווי אַלע מאָל אין אַזאַ פאַל, געווען די וואָס זיינען געפאַלן אַלס קרבנות ניט נאָר אויף די שלאַכט פעלדער, נאָר אויך די וועלכע זיינען אין זייערע היימען פאַרבליבן, זיינען געווען אונטערוואָרפן צו פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען. אויך דערפאַר וואָס דאָ, בא אונז אין דעם פריייען לאַנד, האָט זיך די רעאַקציע היבשלעך צעבושעוועט, און עס איז געוואָרן אַ געיעג אויף סאָציאַליסטן און סתם ראַדיקאַלן.

קורץ, דאָס גאַנצע לעבן אונזערס האָט געקראָגן אַ גאַנץ אַנדער אויסזען.

אום צו העלפן אונזערע ברידער אין איירָאפּאַ, איז דאַן אין די אידישע ישובים פון אַמעריקע אָרגאַניזירט געוואָרן „די פּיפּלס רעליעף", וועלכע האָט צו יענער צייט געטאָן גאָר גוטע אַרבעט, מיט היפשע רעזולטאַטן. אַ גאָר היפשער טייל פון אונז האָט אין דער אַרבעט פון דער „פּיפּלס רעליעף" געפונען אַ גרויסע באַפרידיקונג. מיר, אין אונזער קרייז, האָבן אָבער געזוכט נאָך עפּעס וואָס זאָל אונזערע צערודערטע געמיטער איינשטילן; האָבן מיר פאַרטראַכט אַ נייעם פּלאַן פאַר אונזער ליבלינג, דעם „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג" — אַ פּלאַן צו עטאַבלירן קאָאָפּעראַטיווע שפּייז קראָמען, מיט דעם געלט וואָס די מיטגלידער וועלן שאַפן דורך קויפן שערס פאַר דעם צוועק.

ש. ז. אָסיפּאָוו

אייניקע פון אונז זיינען פון זייערע פאַנטאַזיען אוועקגעטראָגן געוואָרן אַזוי הויך, אַז עס קאָן קומען אַ צייט ווען דורך די פּראָפיטן פון די קראַמען זאָלן אונזערע מיטגלידער באַפרייט זיין פון זייערע מאָנאַטלעכע צאָלונגען צו די ברענטשעס.

אונזערע ענטוזיאַסטן זיינען געפלויגן אין די הימלען, און די קילערע צווישן אונז זיינען געווען היפּש סקעפּטיש צו דעם גאַנצן פּלאַן. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז בא אונזער צוועלפטע קאָנווענשאַן אין 1918, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן און ספּרינגפיעלד, מאַסס., איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַ־שלוס אַז דער אָרדן זאָל עטאַבלירן אַזעלכע שפּייז קראָמען וואו עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט פאַר דעם.

אום זיך צו שאַפן אַ באַגריף ווי הויך אונזערע פאַנטאַזיען האָבן דער־גרייכט, וויל איך ציטירן אַ קורצן אויסצוג פון אַן עדיטאָריעל אין אונזער מאָ־נאַטלעכע אויסגאַבע פון דעם אָרדן, „דאָס נייע וואָרט":

„געווים", שרייבט ש. יגדל, „האָט יעדער דעלעגאַט אַריינגעטראָגן דורך זיין באַריכט אין זיין ברענטש די זעלבע באַגייסטערונג ווי עס איז געשאַפן געוואָרן בא אונזער קאָנווענשאַן. און געווים וועט דער גענעראַל אָפיס באַלד פאַרוואָרפן ווערן מיט טשעקס פאַר שערס אין די קאָאָפּעראַטיוו סטאָרס. אָבער אונז וואָלט זיך געוואָלט טיילן מיט די לעזער די התלהבות, די זיכערקייט אונ־זערע, דעם טיפן גלויבן און איבערצייגונג וואָס מיר האָבן אויף דעם דערפאָלג פון אונזער אונטערנעמונג, און דעם גרויסן געווינס, הן מאַטעריעל און הן גייסטיק, און די גלאָרייכע רעזולטאַטן פאַר אונזער אָרדן. מיר קאָנען האָפן דורך אונזער אונטערנעמונג, גאָר אין גיכן צו האָבן דעם גרעסטן און שטאַרקסטן אָרדן אויף דער אידישער גאַס — מיט די גרעסטע בענעפיטן פאַר די קלענסטע צאָלונגען — ווייל די פאַרדינסטן פון אונזער אונטערנעמונג וועלן קאָנען באַניצט ווערן אויף צאָלן דיוס פאַר אונזערע מיטגלידער„. . . . און אַזוי ווייטער.

שיינע חלומות האָבן מיר דאַן גע'חלום'ט וועגן אונזער ליבלינג, דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג", חלומות וועלכע זיינען ליידער נים רעאַליזירט געוואָרן. נאָר וועגן דעם אַביסל שפּעטער.

* * *

אין אַלגעמיין, איז אין אינטעלעקטועלע אידישע קרייזן אין יענער צייט געוואָרן אַ יאָגעריי נאָך „גאָט זוכעניש". „גאָט זוכעריי" האָט זיך בא פאַר־שידענע מענטשן דאַן אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָרמען.

אין אונזערע קרייזן האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין שאַפן וואָס מער יום־טוב'דיקייט אַרום אונז. און אויב שאַפן יום־טוב'דיקייט, איז עס געווען

זעלבט פאַרשטענדלעך, אַז מיר דאַרפֿן דאָס דערגרייכן דורך אונזער ליבלינג, דער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג".

אונזער יערלעכער יום־טוב, דער ערשטער זונטיק אין אויגוסט, איז שוין צו יענער צייט געווען אַ שם דבר, ניט נאָר אין אונזערע רייען, נאָר אַ גאַר היבשע צאָל יונגע לייט וועלכע זיינען נאָך ניט געווען קיין מיטגלידער פֿון אונזער אָרדן, ווען זיי פֿלעגן הערן פֿון דעם שיינעם יום־טוב וואָס פֿלעגט פֿון יאָר צו יאָר דורכגעפֿירט ווערן אויף אַ מער אימפּאָזאַנטן אופֿן, זיינען דורך דעם צוגעצויגן געוואָרן אַלס מיטגלידער אין אונזער אָרדן. דער אופֿן ווי אַזוי די בראַנטשעס מיטינגען זיינען אין אַ היבשע צאָל בראַנטשעס צו יענער צייט דורכגעפֿירט געוואָרן, האָבן אויך שטאַרק צוגעהאָלפֿן אַריינצוברענגען נייע שטימונגען אין אונזערע רייען. מיר האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט באַנוגענען נאָר מיט דעם. מיר האָבן געזוכט אַלץ מער און מער שיינקייטן אין אונזער אָרגאַניזאַציע אַריינצוברענגען; האָבן מיר זיך דאַן קאָנצענטרירט אויף אונ־אונזערע קאָנווענשנס.

אונזערע קאָנווענשאַנס, האָבן מיר געזאָגט, מוזן מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ גרויסן דריי־טאָגיקן יום־טוב, ניט נאָר פֿאַר די דעלעגאַטן וועלכע פֿאָרטרעטן די בראַנטשעס באַם קאָנווענשאַן, נאָר פֿאַר אַלע בראַנטשעס פֿון דעם גאַנצן אַרום אויף אַ היבשן שטח וואו די קאָנווענשאַנס פֿלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן.

די דערעפֿענונג פֿון קאָנווענשאַן פֿלעגט פֿאָרקומען אויף אַ גאַר אימ־פּאָזאַנטן אופֿן — אַלע מאָל אין דעם שענסטן פּלאַץ פֿון דער שטאָט וואו די קאָנווענשאַן איז פֿאָרגעקומען. אויף מאָרגן פֿרי, פֿלעגן די אַלע אַרומיקע בראַנטשעס אַריינמאַרשירן מיט מוזיק און זייערע באַנערס, שיקנדיק אין פֿאָר־אויס די קינדער פֿון אונזערע זונטיק שולן, וועלכע זיינען צו יענער צייט באַ אונז געווען שטאַרק אין דער מאָדע. דאָס פֿלעגט אַרויסרופֿן גרויס ענטוזיאַזם באַ אַלע דעלעגאַטן. אייניקע פֿון די קינדער, און אויך פֿאָרשטייער פֿון די בראַנטשעס, פֿלעגן די דעלעגאַטן באַגריסן. די טאַלאַנטפֿולע קינדער פֿלעגן אויך דורכפֿירן גרופּן טענץ, פֿון פֿריער איינגעשטודירטע. דאָס אַלעס פֿלעגט די דעלעגאַטן און געסט אַריינברענגען אין עקסטאַז, און ווען מען פֿלעגט שפּעטער צוטרעטן צו פֿאַרהאַנדלען די געשעפֿטן פֿון די פֿאַרשידענע זיצונגען, האָט געהערשט אַ פֿולשטענדיקע האַרמאָניע.

די דריי אָוונטן אין דער צייט וואָס די קאָנווענשאַן איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן, פֿלעגן אויסגעפֿילט ווערן אויף אַזאַ אופֿן:

איין אָוונט איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון די לאָקאַלע בראַנטשעס, אין וועלכן זיי פֿלעגן אַראַנזשירן אַן אויפֿנאַמע פֿאַר די דעלעגאַטן. מוזיק, טענץ, און יום־טוב'דיקע פֿרייד פֿלעגט דעם אָוונט אויספֿילן.

א צווייטער אָונט איז געווען אָפּגעלייגט פאַר דעם קאָנוועןנשאַן באַנקעט — ווידער אַ גרויסער יום־טוב. אַ גוטע וועטשערע איז אַלע מאָל צוגעגרייט געוועןֿ. קיבעץ און ערנסטע ווערטער, מוזיק, געזאַנג, און ווידער יום־טוב׳דיקע פרייד.

דער פינאַל — אין דעם לעצטן אָונט — אַ קלאַסישער קאָנצערט. דער קאָנצערט פלעגט אַלע מאָל איבערלאָזן אַ ביז גאָר שטאַרקן און דויערנדיקן איינדרוק אויף די פּאָר טויזנט באַזוכער.

אָט אַזוי פלעגן אונזערע קאָנוועןנשאַנס אין יענע יאָרן אָפּגעהאַלטן ווערן. די שטימונג דורך די דריי טעג פלעגט צווישן די דעלעגאַטן זיין אַזאַ געהויבענע, אַז גאָר אָפּט פלעגט מען זען ווי דעלעגאַטן נעמען זיך אַרום און קושן זיך, מיט טרערן פון פרייד אין זייערע אויגן, אויסדריקנדיק זייער פרייד פאַר דעם וואָס איז באַ די זיצונגען דערגרייכט געוואָרן.

אָבער אויב עס איז געווען גרויס יום־טוב באַ אַלע דעלעגאַטן, איז דער יום־טוב געווען נאָך גרעסער באַ די געוויסע דריי פון אונזער אָרדן — אָסין, טוביאַש און מיין ווייניגקייט. איין צימער פאַר אַלע דריי פלעגט צו יעדע קאָנוועןנשאַן גענומען ווערן; און נאָך אַ טאָג פון גליקלעכע איבערלעבונגען, פלעגן מיר זיך ערשט אַוועקזעצן אין אונזער צימער און באַריכות זיך דורכרעדן וועגן די אַלע איבערלעבונגען, און נאָך אַמאָל די פרייד פון דעם טאָג איבערלעבן.

איך געדענקט ווי איינמאָל צו אַ קאָנוועןנשאַן, ווען מיר האָבן באַשלאָסן אַז טוביאַש דאַרף ווערן דער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון דעם אָרדן, איז אָבער ניט מיר און ניט אָסינען געפעלן געווען ווי אַזוי ער איז געקומען אָנגעטאָן צו יענער קאָנוועןנשאַן (איך גלויב אַז דאָס איז געווען אין האַרטפאָרד). עס איז אונז ניט געפעלן געוואָרן זיין קאַפּעליוש, זיין פּאַפּירענע מאַנישקע, און זיין גאַרניטער אויך ניט. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מאָרגן, איידער די זיצונג וועט זיך אָנהויבן, זאָלן מיר אים אַריינעמען אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר און אים אויסקליידן פון קאָפּ ביז די פיס.

מיר האָבן אַזוי געטאָן; דאַן האָבן מיר אויסגעקליבן אַ פּרעזידענט אַז עס איז געווען אַ פרייד אויף אים אַ קוק צו טאָן. . . .

אַ פאַרזוך זיך צו פאַראייניגן מיט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ווען אין 1952 איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אַרויס מיט דעם רוף: „ווי וואָנט איק!", האָט דאָס מיך גאָר אָפּט דערמאָנט אויף דעם לאָזונג פון דעם אַרבעטער רינג, און מיט אים די גאַנצע אידישע אַרבעטער פּרעסע אין אַמעריקע פון די פריערדיקע יאָרן: „איין אַרבעטער רינג אין אַמעריקע"! אָבער סיי די פירער פון אונזער אָרדן, ווי אויך דער גרעסטער טייל פון אונזערע מיטגלידער, זיינען געווען היבשלעך פאַרביטערט קעגן דעם אַרבעטער רינג צו־ליב די מעטאָדן וואָס זיי, די פירער פון דעם ניו־יאָרקער אַרבעטער רינג, האָבן פאַר פילע יאָרן אָנגעווענדעט אום אונזער אָרדן צו צוברעכן; האָט באַ אונז קיין רייד ניט געקאָנט זיין ווענן פאַראייניגן זיך מיט דעם אַרבעטער רינג.

עס האָבן אָבער אין יענער צייט גאַנץ נייע ווינטן אָנגעהויבן צו בלאָזן אויף דער אידישער גאַס — ווינטן אידיש נאַציאָנאַלע . . . און אַ גאָר היבשער טייל פון אונזערע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אויפן קאָס־מאָפּאָליטישן דרך, האָבן זיך גאַנץ שטאַרק אַ נויג געטאָן צום אידישן נאַציאָ־נאַליזם. אורזאַכן פאַר דעם זיינען געווען די שטאַרקע איבערלעבונגען פון אונזערע אידן אין אייראָפּאַ — פּאָגראָמען, פאַרפאָלגונגען, נאָך מלחמה ווייהעי־נישן, און ספּעציעל, „די באַלפור דעקלאַראַציע".

נייע צייטן, נייע פייגל, נייע לאָזונגען! ווערטער, וועלכע פלעגן אין די פריערדיקע יאָרן פאַרביי אונזערע אויערן אָן קיין שום ווירקונג, האָבן אָנגע־הויבן צו מאַכן אַ גאָר היבשן רושם אויף אַ סך פון אונז. . . . באַ מיר פער־זענלעך, האָט נאָך געשפּילט אַ ראָלע, און שטענדיק אין מיינע אויערן געקלונגען, דער אָנזאָג פון מיין טאַטן ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין שטעטעלע ליאַדי אום צו פאָרן אין סמאָליענסק: „פאַרגעס ניט אַז דו ביזט אַ איד!" אָט דער אָנזאָג זיינער, וועלכער איז אין מיינע בלוטן פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג. . . .

אייניקע פון אונזערע עקזעקוטיוו מיטגלידער זיינען סיי ווי געווען אויס־געשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטן — מיכל לעפקאָוויץ, זלמן אַלבערט, אהרן מאָל־דאַוו, יודל לעווין; די איבעריקע פון אונז האָבן אָנגעהויבן אָפּצוּוואַרפן פון זיך זייערע קאָסמאָפּאָליטישע אידייען און אָנגעהויבן אויפצונעמען זאַכן און פּאַסירונגען פון אונזער לעבן אין אַ גאָר נייעם ליכט . . . עס וועט אָבער ניט

זיין ריכטיק פון מיר ווען איך זאָל זאָגן, אַז אַלע אונזערע פירער זיינען פאַר־באַפּט געוואָרן פון די נייע לאָזונגען. אַ גאַר היבשער טייל פון זיי זיינען גאָרניט געריהרט געוואָרן פון די נייע ווינטן, זיי זיינען פאַרבליבן מיט זייער פריערדיקן קוק אויף זאַכן און פּאַסירונגען. איינער פון זיי איז געווען דער וועטעראַן פון אונזער אָרדן, סעם ווילקאָן. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון דעם עלעמענט אין אונזערע רייען וועלכע האָבן גוט אַכטונג געגעבן אַז אונ־זער אָרדן זאָל חס ושלום ניט ארונטער פון „גלייכן וועג"....

אונזער אָרגאַניזאַציע איז, צו יענער צייט, נאָך אַלץ געווען קליין — נאָר אַ פּינטעלע אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג; און מיר האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זען אונזער אָרדן גרויס און שטאַרק, און צו זיין ביכולות אונטערצונעמען גרויסע און שיינע זאַכן.... אַט דעם גרויסן פאַרלאַנג האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט די וועלכע זיינען נאָך ניט באַווירקט געוואָרן צו אונזער קוק אויפן לעבן, און דערפאַר, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פראַגע אונזער אָרדן צו פאַרגרעסערן, זיינען זיי געווען גרייט אַפילו אויף קאָמפּראָמיסן צו גיין.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז צו יענער צייט אויך געווען קליין און שוואַך, און האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו בויען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. ווען זיי האָבן דערהערט וועגן די נייע שטימונגען אין אונזערע רייען, זיינען זייערע פירער צו אונז געקומען מיט אַ פאָרשלאָג אונזערע אָרדנס צו פאַראייניקן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז גאַר גרינג איז אונז ניט אָנגעקומען אַט די פראַגע אין די ברענטשעס דורכצושטופּן, ווייל צווישן אונזערע ברענטש מיטגלידער איז נאָך געווען אַ גאַנץ היבשער טייל פון דעם אַלטן גענאָסעשאַפטלעכן שניט, וועלכע זיינען גאָרניט געריהרט געוואָרן פון די נייע שטראָמען אויף דער אידישער גאַס. אַט די עלעמענטן זיינען גאַר געווען מיט דער מיינונג, אַז אונזער אָרדן דאַרף זיך פאַראייניגן מיט דעם אַרבעטער רינג פון ניו־יאָרק — שאַפן איין אַר־בעטער רינג אין אַמעריקע — און דאַן וועט געוויס קומען די גאולה.... אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרזיכערט אונזערע מיטגלידער, אַז אויב מיר וועלן זיך פאַראייניגן מיט דעם „פאַרבאַנד" וועט דאָס ניט זיין אויף נאַציאָנאַליסטישע יסודות, איז אַזאַ באַשלוס באַ די ברענטשעס אָנגענומען געוואָרן, און די פראַגע איז געשיקט געוואָרן צו אַ קאָנווענשאָן צו באַשליסן. (איך גלויב אַז דאָס איז געווען די 13טע קאָנווענשאָן, אויב איך מאַך ניט קיין טעות).

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, צו אינסטרואירן די פאַרוואַל־טער פון דעם אָרדן צו פאַרהאַנדלען מיט פאָרשטייער פון דעם פאַרבאַנד וועגן אַזאַ מעגליכקייט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס דער

באשלום האָט געמאַכט אויף די מערסטע דעלעגאַטן. טרערן פון פרייד האָבן זיך געזען בא אַ היבשע צאָל פון אונז אין די אויגן . . . און אָט זיינען מיר שוין בא דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן אַ קאָנפערענץ צווישן פאָרשטייער פוןביידע אָרגאַניזאַציעס.

פון אונזער זייט זיינען דערווײלט געוואָרן: ש. יגדל, ס. ווילקאַן, מ. אָסין, מ. טוביאַש, א. מאָלדאַוו, איך און הייסן. פון זייער זייט: דוד פינסקי, י. סיגאַל, מ. בראַון, גאָלדשטיין, און נאָך דריי, וועמענס נעמען איך געדענק שוין ניט. ניולאָנדאָן, קאָנעקטיקוט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס די שטאָט וואו די קאָנפערענץ זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן.

מיר פאָרן צו דער קאָנפערענץ אין אַ לימאַזין פאַר זיבן; מיט דעם אָנ־טרייבער, האָבן מיר אַכט אין קאַר; אָבער וועמען אַרט דאָס?

דער פרימאָרגן איז ביז גאָר אַ שיינער, אויפן האַרצן איז גוט און יום־טוב׳דיק . . . מען לאַכט, מען שפּאַסט, יעדער איינער דערציילט אַ שיין מעשה׳לע; מיר זיינען דאָך אַזוי יונג געווען, אַזוי יונג . . . און מיר פאָרן צו פאַרגרעסערן אונזער ליבלינג — אונזער אָרדן, דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. אַלעס צוזאַמען מאַכט דעם יום־טוב אַזוי גרויס . . . און די וועלט קוקט צו אונז אַלעמען אויס אַ סך שענער ווי זי איז. . . .

אין אידיש נאַציאָנאַלע שטימונגען איז אונזער 7־נער דעלעגאַציע געווען צוטיילט אויף אַזאַ אופן: ש. יגדל, מ. אָסין, מ. טוביאַש און איך, זיינען געווען גאָר שטאַרק באַאיינפלוסט פון די נייע שטימונגען, און זיינען געווען בארייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן אויב עס וועט נויטיק זיין; א. מאָלדאַוו איז אַלע יאָרן געווען אַ פועלי ציון; ס. ווילקאַן און הייסן, זיינען צו יענער צייט נאָך אַלץ געווען פאַרביסענע קאָסמאָפּאָליטן. דאָס הייסט, אַז מיר זיינען געווען 5 קעגן 2; און דאָך, האָבן מיר ניט נאָר ניט געמאַכט קיין פאַרזוך עטוואָס אויף זיי אַרויפצווינגען אין פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ, נאָר אייניקע מאָל איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ווילקאַן האָט מיט אונז אייגנגע׳טענה׳ט אַז אין געוויסע פונקטן זאָלן מיר זיין אַביסל מער נאָכגעביק. . . . דאָס ווייזט די טאָלעראַנץ און ליבע מיט וועלכע מיר האָבן פאַרוואַלטעט אונזער אָרדן, ניט מאַכנדיק קיין פאַרזוך צו אונטערדריקן דעם מיינונג פון דער מינאָריטעט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פרינציפּעלע פראַגן.

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן פיר זיצונגען, אָבער צו קיין פאַרשטענדיקונג זיינען מיר ניט געקומען, ווייל די פאָרשטייער פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד זיינען געווען דאַפיר, אַז מיר זאָלן אָנעמען זייער פועלי־ציון פּראָגראַם אינגאַנצן. דאָס האָט געמיינט, אַז אַנשטאָט דעם וואָס אונזער אָרדן איז ביז דאַן געווען אומפּאַרטייאיש צו אַלע ריכטונגען אין דער אַרבעטער באַוועגונג, זאָלן מיר

ווערן אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע; און דאָס האָבן מיר בשום אופן ניט געוואָלט ארויפצווינגען אויף דער מינאָריטעט פון אונזערע מיטגלידער.

מיר זיינען זיך פון דער קאָנפערענץ פאַרנאַנדערגעגאַנגען אַלס פריינט, אָבער מיט דעם פעסטן באשלוס צו פאַרבלייבן אַזוי ווי מיר זיינען געווען ביז דאַן.

מען זוכט אונז צו באַצירן מיט אַ נייעם פּנים

איצט ווען מיר זיינען שוין באַקאַנט געוואָרן מיט די שטימונגען אין דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג פון יענער צייט — איידער די גרויסע וועלט־רעטער און נשמה־כאַפּער האָבן זיך דורך פאַרשידענע שיינע רייד און מאַני־פּולאַציעס באַפּעסטיקט אין אונזער אָרדן — וועט מען בעסער קאָנען פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ וויטאַק אין אונזערע הערצער מיר האָבן גענומען נאָכפאָלגן ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ מעטאָדן, מען האָט אויף אונזער באַליבטן אָרדן גענומען ארויפציען אַ נייעם פּנים.

עס איז שווער איבערצוגעבן די אַלע שמד שטיק וואָס מען האָט אָנגע־ווענדעט אום צו פאַרזייען די געפילן פון מיסטרויען און האַס פון איינעם צום צווייטן. לאַנג־יאָריקע פריינט זיינען זיך געוואָרן שונאים אין דעם נאָמען פון רעוואָליוציאָנערע אומפּאַרטייאישקייט. עס האָט גענומען הערשן אַ דור הפלגה צושטאַנד אין אונזערע רייען. מענטשן וועלכע האָבן זיך זייער גוט פאַרשטאַנען ביז דאַן, האָבן זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין — האָט מען גע־רעדט פון וואַסער, האָט מען דערלאַנגט ציגל . . . און גאָר אָפט, מיט אַ ציגל אין קאָפּ. . . יע, עס איז ניט געווען קיין זעלטנקייט, אַז אנשטאָט די פּראַכט־פולע שיינע מיטינגען וואָס מיר האָבן געהאַט באַ אונזערע ברענטשעס איינגע־פירט, האָט זיך אַ מיטינג מיט פיזישע קלעפּ פאַרענדיגט. . . . אנשטאָט די גרויסע פריינדשאַפט און שטאַרקער ווילן איינע די אַנדערע צו פאַרשטיין באַ אונזערע קאָנפערענצן, האָט געהערשט כאַאָס און מיסטרויען באַ די זיצונגען.

ווידער איז געקומען אַ צושטאַנד אין אונזער לעבן פון פאַרגעסן זיך אין אונזערע פאַמיליען; מיטינגען אַלע נאַכט, וועלכע פלעגן זיך אָפט פאַרציען ביז 12 אָדער 1 דעם זייגער אינדערפרי. מיר האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי אונזער אָרדן צו ראַטעווען פון די קראַמאַלאַ וועלכע האָט געזוכט אונז צו באַצווינגען און באַהערשן.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט . . . מיר האָבן איינגעזען, אַז באַ דער קומענדיקער קאָנווענשאַן אין שיקאַגאָ, וועלן זיי אונז קאָנען דיקטירן, און געבן אַ נייעם פּנים. . . .

מיין לעבן

מיר האָבן ניט גערוט קיין טעג און ניט געשלאָפן קיין נעכט, געפּרואווט מיט פאַרשידענע אַרגומענטן צו איבערצייגן אונזערע נייע „פריינט" אַז דער נייער פּנים, וועלכן זיי ווילן געבן אונזער אָרדן, וועט דעם אָרדן רואינירן; ווייל די גרויסע מאַיאָריטעט פון אונזערע מיטגלידער וועט זיך ניט לאָזן דאָמי־נירן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און דאָס וועט נאָר אַרויסרופן אַ ברודער קאַמף אין די בראַנטשעס. אָבער אויף אַלע אונזערע אַרגומענטן האָבן מיר גע־קראָגן איין ענטפער: אומפּאַרטייאיש? געוויס ווילן זיי אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע! אָבער אמת'ע אומפּאַרטייאישקייט, מיינט קאָמוניזם; ווייל נאָר קאָמוניזם פאַרשטייט דעם אמת'ן זין פון פרייהייט און גלייכהייט. . . . און אַט אין דעם כאַאָס, האָבן מיר זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו אונזער 20סטע קאָנווענשאַן, וועלכע האָט אין 1929 געדאַרפט אָפּגעהאַלטן ווערן אין שיקאַגאָ.

דעם מאָל, פּונקט אַזוי ווי אַלע מאָל פריער, האָט זיך אונזער קאָנווענשאַן אָנגעהויבן באַן מיט וועלכן די דעלעגאַטן זיינען געפאָרן צום קאָנווענשאַן. אָבער, גאָט, וואָס פאַר אַן אונטערשייד! . . . אַלע מאָל פריער, ווען די דעלע־גאַטן פלעגן אויפנעמען ניי־צוגעקומענע אויף די פאַרשידענע סטאַנציעס, פלעגט מען זיך באַגריסן אַזוי ווי לאַנג־יאָריקע פריינט — פריידיקע אַרויסרופן, האַר־ציקע האַנט דרוקן און אומאַרמונגען, וואָס האָבן געוויזן, אַז דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מענטשן וועלכע פאַרשטייען זיך און האָבן זיך ליב. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען דעם מאָל. ווען אין אַלבאַני איז אַרויפגעקומען די ניו־יאָרקער דעלעגאַציע, האָט מען שוין גענומען שפּרייטן האַס און כאַאָס צווישן די דעלעגאַטן. און אַט דער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט פון דער קאָנווענשאַן.

ווי געזאָגט פריער, איז אונזערע נייע „פריינט", דורך פאַרשידענע מאַני־פּולאַציעס און שמד־שטיק, געלונגען צו קריגן אַ קליינע מאַיאָריטעט דעלעגאַטן צום קאָנווענשאַן. אונז, די וועמען די גאַנצקייט פון דעם אָרדן איז געווען זייער טייער, האָט זיך אָבער ניט געקאָנט גלויבן אַז זיי וועלן זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט צו פאַרוואַנדלען דעם אָרדן באַ דער 20טער קאָנווענשאַן אין אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע; ווייל מיר האָבן אויך געהאַט פאַרשידענע געלעגנ־הייטן אַרויפצוצווינגען אויף אונזער אָרגאַניזאַציע געוויסע ליניעס, האָבנדיק אַ מאַיאָריטעט פאַר דעם, ווען מיר האָבן אָבער דערפילט, אַז דאָס קאָן ברענגען צווּיסטיגקייטן אין די בראַנטשעס, האָבן מיר שטענדיק באַ אַזאַ געלעגנהייט אַפּעלירט צו אונזערע דעלעגאַטן אַז זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון שטימען אַזוי אַז מען זאָל קאָנען אויסטייטשן אַז די מאַאָריטעט האָט באַצוואונגען די מינאָריטעט אין פראַגן וועלכע זיי האָבן פּרינציפּעל ניט געקאָנט אָנעמען, ווייל די גאַנצקייט פון אונזער אָרדן איז באַ אונז געשטאַנען העכער פון אַלעם. מיר

האָבן דאָרום נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ווען עס וועט קומען צו האַנדלען בײַ דער קאָנוועגשאַן, וועלן זיי האַנדלען אַזוי אַז די גאַנצקייט פון אונזער אָרדן זאָל אָפּגעהיט ווערן. אָבער וויי, ווי מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט! . . .

פון דעם ערשטן מאָמענט, ווען די קאָנווענשאַן האָט זיך געעפנט, ביז דעם לעצטן מאָמענט, ווען מען האָט די קאָנווענשאַן פאַרענדיגט, האָט געהערשט איין גרויסער כאַאָס. מען איז געקומען מיט אַ סעט קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס, און מען האָט זיי אַלע אָנגענומען. עס האָט ניט געהאָלפן אונזער אַפּעלירן צו זיי, אַז אונזערע מיטגלידער וועלן זיך ניט קאָנען אונטערוואַרפן און אַרבעטן האַרמאָניש אָנעמענדיק דעם נייעם פּנים. מען האָט זיך פּשוט אויסגעלאַכט פון אונז.

און אָט אין אַזאַ צושטאַנד פון כאַאָס האָבן מיר די קאָנווענשאַן פאַרלאָזן. מיר זײַנען בײַ זיך אָבער געווען פעסט באַשלאָסן, דעם אָרדן פון זייערע הענט אַרויסצורייסן, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל, פּטור ווערן פון די וועלט רעטער אין אונזערע רייען.

מיר אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט זיי צו באַקעמפן

ווען די גוטע נייעס, אַז די שיקאַגאָר קאָנווענשאַן האָט אונזער אָרדן געגעבן אַ נייעם פּנים, האָט דערגרייכט אונזערע ברענטשעס, איז דאָרטן גלייך געוואָרן אַ רעוואָלוציע. אַ היבשע צאָל ברענטשעס האָבן אויפגענומען די פראַגע צו פאַרלאָזן דעם אָרדן און זיך אָנשליסן אין דעם ניו־יאָרקער אַר־בעטער רינג.

מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר מוזן גלייך האַנדלען אַז די ברענטשעס זאָלן זיך ניט אָוועקרייסן, ווייל די אַלע קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס, וועלכע זײַנען בײַ דער קאָנווענשאַן אָנגענומען געוואָרן, האָבן נאָך געמוזט דורכגיין אַ רעפע־רענדום אָפּשטימונג און זיי זאָלן ווערן געזעצליך; און מיר זײַנען געווען זיכער, אַז די מאַיאָריטעט פון אונזערע מיטגלידער וועלן זיי נידערשטימען.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון 11 איבערגעגעבענע טוער פון אונזער אָרדן. אין דעם קאָמיטעט זײַנען אַריין: ש יגדל, ס. ווילקאַן, ש. מאַל־קיעל, מ. אָסין, ה. הורוויץ, דר. מ. דזש. קאָניקאָוו, דוד מאַנאַסאָן, יודל לעווין, ה. מאַרקאָוויץ, איך, און נאָך איינער, ווער דאָס איז געווען געדענק איך ניט. מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען, „קאָמיטעט פאַר אומפּאַרטיי־אישקייט אין דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג״.

פאַרופנדיק גלייך אַ קאָנפערענץ פון אונזערע לאָקאַלע ברענטשעס פון אַרום באָסטאָן, האָבן מיר ערשטנס זיי אויפגעקלערט, דאָס אויב איצט וועלן זיי זיך

אַפּרייסן פון אונזער אָרדן, דאַן וועלן זיי אַריינשפּילן אין די הענט פון אונזערע קאָמוניסטישע „כאַווירים". עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן און מאַכן אַ טור איבער אונזערע ברענטשעס, זיי אויפצוקלערן אַז די קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס מוזן דורך אונזער רעפערענדום נידערגע־שטימט ווערן. עס איז אויך גלייך געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד אַרויסצוגעבן אַ ציטונג, דורך וועלכער מיר זאָלן אויפקלערן אונזערע מיטגלידער וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

אידיאָלאָגיש איז אונזער קאָמיטעט געווען איינגעשטעלט ווי פאָלגט: ש. יגדל, ש. מאַלקיעל, מ. אָסין, דר. מ. דזש. קאָניקאָוו, י. לעווין און ה. מאַרקאָוויץ, זיינען אַלע מאָל געווען אויסגעשפּראָכן רעכטע; ס. ווילקאָן, ה. הור־וויץ, דוד מאַנאַסאָן און איך, זיינען געווען לינק געשטימט, אָבער ווען עס איז געקומען צו אָרדן פראַגן, זיינען מיר געווען פריער פון אַלעם „אינדעפּענדענט ארבעטער רינג מיטגלידער", און וואָלטן קיינמאָל ניט געשטימט פאַר אַזעלכע פאָרשלאָגן וועלכע וואָלטן געשעדיגט די אומפּאַרטייאישקייט פון אונזער אָרדן. אָבער אין דער ציים וואָס די „כאַווירים" האָבן אונז באַקריינט מיט די נע־מען — פאַרעטער, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, פאַשיסטן, און אַ. וו., האָבן אונ־זערע אויסגעשפּראָכענע רעכטע פריינט פון אונזער קאָמיטעט אונז נאָך אַלץ פאַרדעכטיקט, און האָבן זיך צו אונז באַצויגן סקעפּטיש.

עס האָט זיך געשאַפן אַ זייער אָנגעצויגענע לאַגע אין דעם קאָמיטעט גופא, אָבער ביסלעכווייז האָבן מיר דורך אונזערע האַנדלונגען דאָך געוואונען אַלע־מענס צוטרויען, אַז מיר זיינען ערנסט אין אונזער קאַמף פאַר אַן אומפּאַרטייאישן אינדעפּענדענט ארבעטער רינג.

דוד מאַנאַסאָן איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון אונזער קאָ־מיטעט; סעם ווילקאָן, אַלס פּאָרזיצער; און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אויב איך און נאָך אייניקע פון אונזער קאָמיטעט האָבן פּשוט קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט פערזענלעכע געשעפטן, האָט דוד מאַנאַסאָן זיין גאַנצן אָפּים סטאַף פון זיין געשעפט אַוועקגעשטעלט אין דינסט פון אונזער קאָמיטעט.

ה. הורוויץ, ס. ווילקאָן, און איך, האָבן געמאַכט אַ טור, באַזוכנדיק אַלע אונזערע ברענטשעס. מאַס־מיטינגען אין פעניועל האָל און אין אַנדערע פּלעצער, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן יעדע וואָך. און אָט איז אַרויס דער ערשטער נומער פון אונזער ציטונג — „אינדעפּענדענט". איך בין דאָרטן געווען פאַרטראָטן מיט אַן אַרטיקל וועגן אונזער פאַמיליען יום־טוב, און דאָס פאָלגענדע ליד:

ש. ז. אָסיפּאָוו

„שיקאַגאָ"

גערוואָרן באַגליקט זיינען מיר מיט א „פּנים",
א גליק גאָר א גרויסער ט'געטראָפן אונז יעצט —
די נעכטיקע פריינט, זיינען היינטיקע שונאים,
לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט איז מער ניט געשעצט.

שיקאַגאָ, שיקאַגאָ! דו קלאַסישע שטעטל,
פון גענגסטער, פון מאָרד, און קאָמון־פּאָליטיק —
געשיינקט האָסטו אונז א פּראָקראַסטישע בעטל, *
מיר דאַנקען דיר האַרציק — דו קריגסט עס צוריק.

דו קריגסט עס צוריק אזוי שנעל ווי נאָר מעגליך,
אזוי גיך ווי דאָס פאָלק וועט נאָר קומען צום וואָרט;
מיר ווילן מלחמות ניט פירן טאָג טעגליך,
מלחמות מיט ברידער, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט.

די נעכטיקע פריינט זיינען היינט מיר אויך טייער,
איך קאָן ניט, ווי איר, זיי פאַרדאַמען איינס־צוויי;
דערוואָרבן האָב איך זיי דורך קאַמף און דורך פייער,
אמאָל נאָך געקעמפט אויף באַריקאַדן מיט זיי . . .

און מעגט איר מיר זאָגן — זיי זיינען פאַררעטער —
זיי שפּרינגען קיין קדוש ניט דאַן ווען איר ווילט;
נו, פרעג איך אייך, שוטים, זאָגט וועמען פאַרטרעט איר?
די מאַסן פון נעכטן וואָס איר האָט פאַרשפּילט?

---

* פּראָקראַסטישע בעטל, אָדער סדום בעטל — אַ בעט אין וועלכע יעדער איינער מוז זיך אַריינפּאַסן; איז ער צו קורץ, ציט מען אים אויס; און אויב צו לאַנג, האַקט מען אים אָפּ די פיס.

די צייט איז געקומען ווען די פאַרוואַלטונג האָט געדאַרפט אַרויסשיקן די אַלע פּונקטן און רעזאָלוציעס וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן באַם קאָנווענשאַן, און וועלכע האָבן דעם אָרדן געזאָלט געבן אַ נייעם פּנים, צו די ברענטשעס פאַר אַן אָפּשטימונג.

די פאַרוואַלטונג וועלכע איז דערווײלט געוואָרן באַ די 20סטע קאָנווענשאַן, איז פאַרשטייט זיך געווען אַ לינקע. איינזעהענדיק וואָס פאַר אַ שטורם פון פּראָטעסטן די רעזאָלוציעס האָבן אַרויסגערופן אין די ברענטשעס, האָבן זיי די רעזאָלוציעס ניט געוואָלט אַרויסשיקן צום אָפּשטימען. אונזער קאָנסטיטוציע האָט אָבער געזאָגט אויסדריקליך, אַז אַלע פּונקטן און רעזאָלוציעס וואָס ווערן אָנגענומען באַ אונזערע אַ קאָנוועשאַן, מוזן גיין פאַר אַ רעפערענדום אָפּ־שטימונג צו די ברענטשעס.

ענדליך, האָבן מיר זיי דאָך געצוואונגען דעם רעפערענדום אַרויסצושיקן.

מיר האָבן ניט גערוט קיין טעג און ניט געשלאָפן קיין נעכט — ווידער קאָנפערענצן, מיטינגען מיט ברענטשעס, זעהען זיך מיט איינצעלנע מיטגלידער, אום פאַר זיי קלאָר צו מאַכן ווי וויכטיק עס איז פאַר אַלע מיטגלידער צו קומען צו די מיטינגען ווען די רעפערענדום אָפּשטימונג וועט פאָרקומען אין זייערע ברענטשעס.

ענדליך איז דער גרויסער טאָג פון רעכענונג געקומען. אַלע קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס זיינען באַ די ברענטשעס דורכגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ היבשער מאַיאָריטעט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פאַרוואַלטונג וועלכע איז דערווײלט געוואָרן באַם קאָנוועשאַן אין שיקאַגאָ איז אויך ניט גוטגעהייסן געוואָרן, און די נאַציאָנאַלע באָארד אָף אַפּילס האָט זיי געצוואונגען רופן אַ ספּעציעלע קאָנוועשאַן צו דערווײלן אַ נייע פאַרוואַלטונג.

אַזאַ ספּעציעלע קאָנוועשאַן איז פאַרופן געוואָרן. דער וועלכער האָט ניט בייגעוווינט יענע ספּעציעלע קאָנוועשאַן, האָט פאַרפעלט אַ זייער אינטערע־סאַנטן ספּעקטאַקל. פון איין זייט איז דאָס געווען די העסליכסטע אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג פון אַמעריקע. צוויי טעג און צוויי נעכט נאָכאַנאַנד האָבן די קאָמוניסטישע כאַווירים געוואָרפן די ערגסטע זלזולים און באַליידיקונגען אין אונזער זייט. ספּעציעל זיינען די פון דעם עלפער קאָמיטעט אָנגעגריפן געוואָרן, און יעדער איינער פון אונז איז געשטעמפּלט געוואָרן, אַלס פאַרעטער. . . .

אונזער באַלוינונג און גרויסע פרייד איז אָבער געקומען דאַן ווען עס איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג. פון די 100 דעלעגאַטן וועלכע האָבן באַ דער קאָנוועשאַן אַנטייל גענומען, האָבן אין יעדער פראַגע געשטימט 48 פאַר דעם

„נייעם פּנים", און 52 פּאר דעם אז דער אָרדן זאָל פאַרבלייבן ווי ער איז געווען איידער די קאָמוניסטישע עלעמענטן זיינען צו אונז געקומען. נאָך די לעצטע אָפּשטימונג, אַז זיי האָבן דערזען אַז זיי זיינען פארלאָרן. האָבן זיי דעמאָנ־סטראַטיוו ארויסגעמארשירט פון זאַל, און מיר זיינען פארבליבן אין זאַל צו פייערן אונזער גרויסן זיג. . . .

— עס איז טאַקע געווען אַ געוואַלדיקער זיג, אָבער ווי גייט דאָס ווערטל? — נאָך אַזאַ זיג און מיר זיינען פארלאָרן . . . פּיזיש זיינען מיר געווען אַבסאָלוט אויסגעשפּילט. יעדער איינער פון אונז האָט געפילט ווי זיך אַוועקצולייגן אין בעט האָטש אויף אַ וואָך צייט און זיך גוט אויסרוען. פינאַנציעל, זיינען אַ סך פון אונז געווען רואינירט, ווייל ווער האָט דאָס צייט געהאַט נאָכצוקומען זיין טעגליכע באַשעפטיקונג? די ברענטשעס זיינען ביז צו אַ גאָר היבשן גראַד פינאַנציעל רואינירט געוואָרן, ווייל די לינקע עלעמענטן האָבן שוין געזען צו דעם אַז די טרעזשורעס זאָלן אויסגעליידיגט ווערן. . . . אָבער די אינערלעכע באַפרידיקונג וואָס מיר האָבן געפילט, האָט מכפּר געווען אויף אַלעס. . . .

אין דעם קומענדיקן נומער „דאָס נייע וואָרט" האָב איך מיין פרייד אויס־געדריקט דורך די פאָלגנדיקע שורות:

קומט מיט מיר אַ קאַראַהאָד

מאַן און פרוי און קינד, צוזאַמען
שטעלט זיך אויס דאָ אין ראָד;
רייכט די הענט אַזוי ווי ברידער,
קומט מיט מיר אַ קאַראַהאָד!

זעט ווי אַלעס לעבט, באַוועגט זיך,
זעט ווי אַלעס האָט דערוואַכט,
פול מיט לעבן איז אַרום אונז,
סיי באַטאָג און אויך באַנאַכט.

דאָרט דער טייכל לעבט און וויגט זיך,
אָט ארויף און אָט אַראָפּ,
ווי אַ חסיד פאַר זיין רבין,
טאַנצט דער שפּרינגער האָפּ־און־האָפּ.

מיין לעבן

קום אהער, דו מאַן וואָס ארבעט,
זאָל קיין זאַך ניט זיין קיין שטער;
טישלער, לייג אוועק דיין הובל;
שניידער, לייג אוועק דיין שער!

זאָג מיר ניט, דיין קאָפּ עס דרייט דיר;
לויפן זוכן דארפסטו ברויט;
טו אַ קוק נאָר אין דעם פעלד, און
זע ווי שעהן אַ בוים דאָרט שטייט!

אין דעם בוים דאָרט, זינגט אַ פויגל,
ליבעם לידער צו זיין זי;
איך וויל זינגען פון אַ לעבן,
גאָר אָן צער און אָן מי!

דאָרטן, זאָגסטו, ציט אַ מענטש גאָר
קעגן מענטש אַ שארפן שווערד?
הויב זיין קאָפּ אויף, זאָל ער זעהן
ווי דער הימל קושט די ערד! . . .

צונטער רויט איז דאַן דער הימל,
פול מיט גבורה, פול מיט פראַכט —
קושט ער, האלזט ער מוטער ערד דאָרט,
ביז עס פאַלט אראָפּ די נאַכט . . .

זאָל ער זעהן און באַטראַכטן,
הימל'ס פורפור רויטן קלייד;
נישטיק־קליין וועט ער דערפילן,
לייגענדיק זיין שווערד אין שייד . . .

מאַן און פרוי און קינד, צוזאַמען
שטעלט זיך אויס דאָ אין אַ ראָד!
רייכט די הענט אזוי ווי ברידער,
קומט מיט מיר אַ קאַראַהאָד!

ש. ז. אָסיפּאָוו

ווען מיר האָבן זיך אביסל אויסגערוט, און צו זיך געקומען, איז געקומען די פראַגע — וואָס וועט זיין איצט?

אָנצוהייבן פון דאָס נײַ אונזער אָרדן צו בויען, איז פּשוט קיין כחות ניט געווען. דערצו האָבן מיר דאָך אַלע מאָל געהאַט אַן עלעמענט אין אונזער אָרגאַניזאַציע וועלכער איז געווען פאַר „איין ארבעטער רינג אין אַמעריקע". ווידער קאָנפערענצן, ווידער מיטינגען, ווידער ארגומענטן; אָבער דעם מאָל האָבן זיך אין די ארגומענטן ניט געפילט קיין פאַרביטערונג און פאַרוואורפן. עס איז פאַר אונז אַלעמען געווען די פראַגע, ווי אַזוי אַמבעסטן פאַרצוזעצן דאָס לעבן פון אונזער אָרדן, וועלכער האָט באַ אונז פיל כחות און ענערגיע צוגענומען.

נאָך אַ רייע פון קאָנפערענצן מיט פאָרשטייער פון דעם ניו־יאָרקער אַר־בעטער רינג, איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאַן אין באָסטאָן, באַ וועלכער די פראַגע פון פאַראייניקן ביידע אָרדנס זאָל אויפגע־נומען ווערן.

אַזאַ קאָנווענשאַן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, און עס איז אָנגענומען גע־וואָרן אַ באַשלוס ביידע אָרדנס צו פאַראייניגן. די פריינטשאַפט וואָס האָט געהערשט באַ דער קאָנווענשאַן האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינליך גוטן איינ־דרוק אויף אַלע אונזערע מיטגלידער. עס איז געווען אַזוי ווי אַ באַלזאַם פאַר אַלעמען נאָך די שטורמדיקע צוזאַמענקונפטן וועלכע מיר האָבן אָפּגעהאַלטן מיט די נײַ־פּנים׳דיקע כאַווירים, באַ וועלכע האַס און סם־המות פלעגט גע־שפּריצט ווערן פון פריינט צו פריינט.

איך פערזענליך בין ניט געווען באַגייסטערט פאַר די אידייע פון איין אַר־בעטער רינג אין אַמעריקע, ווייל איך האָב אַלע מאָל געגלויבט, אַז אַ קליינע אָרגאַניזאַציע קאָן אַנטוויקלען אַ סך אַ גרעסערע פריינטשאַפט צווישן אירע מיטגלידער; וואָס מיר האָבן טאַקע אין דער פאַרגאַנגענהייט באַוויזן דורך אויסערגעוויינלעכע נאָענטקייט און פריינטלעכע באַציאונגען פון ברענטש צו ברענטש און פון מיטגליד צו מיטגליד. אָבער דאָך האָב איך באַ דער ספּע־ציעלער קאָנווענשאַן געשטימט פאַר פאַראייניקונג, ווייל קאָנענדיק זייער גוט אונזערע ברענטשעס, און ווויסנדיק וואָס פאַר אַ שטימונג עס האָט געהערשט צו יענער צייט, האָב איך ניט געזען קיין מעגליכקייט פאַר אונז פאַרצוזעצן אונזער ארבעט אַלס אַן אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע.

אין דעם לעצטן זשורנאַל וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן איידער מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם ארבעטער רינג פון ניו־יאָרק, האָב איך אויסגעדריקט מיין שטימונג פון יענער צייט אין די פאָלגענדע שורות:

געפונען — פאַרלאָרן

געפונען האָב איך דיך אין מדבר דעם וויסטן,
וואו טויט איז פאַרשפּרייט נאָר אַרום־און־אַרום;
וואו פּרוכטלאָז דער באָדן און פייער די לופט איז —
אַן איינזאַמע ביזטו געוואַקסן — דו בלום.

געוואַקסן ביזטו דאָרטן איינזאַם, פאַרלאָזן,
פון מענטשלאַכן אויג ניט באַוואונדערט קיין מאָל;
אָט דאָרטן וואו זאַמד האָט געשאַפן אַ באָדן,
פון זאַמד איז דער באַרג, און פון זאַמד אויך דער טאָל.

איך האָב דיך דערזעהן, און גלייך דיך באַוואונדערט,
באַוואונדערט אַזוי נאָר ווי איך קאָן אַליין —
צי ביזטו געוועזן אַ טייוול — אַ מלאך,
אָט דאָס וועל איך קיינמאָל ניט קאָנען פאַרשטיין. . . .

דערהויבן האָב איך דיך פון באָדן דעם וויסטן,
פאַרפלאַנצט דיך אין האַרצן גאַנץ טיף דאָ באַ מיר;
אַן איינזאַמע ביזטו שוין מער ניט געוועזן,
ווען איך בין געוואָרן איין וועזן מיט דיר. . . .

געדענקען וועל איך יענע טעג וואָס פאַרגאַנגען,
פאַרגעסן וועל איך זיי שוין קיינמאָל ניט מער,
פרימאָרגנס און אָוונטס שפּאַצירט נאָר צוזאַמען,
פון פרייד איבערפילט אַזש געלאָזן אַ טרער. . . .

געדענסטו די לידער, די ווערטער די צאַרטע,
וואָס איך האָב געריידט און געזונגען צו דיר?
געטוליעט האָסטו דאַן דיין קאָפּ צו מיין בוזים,
געוועזן בין איך דאָרט אַליין נאָר מיט דיר. . . .

ש. ז. אָסיפּאָװ

געקוקט האָב איך דיר אַזוי צאַרט אין די אויגן,
געזוכט יענעם פונק װעלכער צינדט און פאַרברענט;
געצונדן דײַן בליק, און געברענט האָט דײַן אָטעם,
אָט דאַמאָלסט האָב איך דיך צום ערשטן דערקענט. . . .

גערעדט האָסטו דאַן נאָר פון טרײַשאַפט און ליבע,
געװען בין איך זיכער אַז מײַנ׳ס איז די װעלט;
נו, זאָל איך גאָר טראַכטן, און זאָל עס גאָר קלערן,
אַז דו ביזט געװעזן דאַן פאַלש און פאַרשטעלט? . . .

און איצט, װען אַן אײנזאַמער שטײ איך און װאַרט דאָרט,
און דו, גאָר דײַן ליבע גיסט יענעם אַװעק;
איצט בענטש איך נאָך אַלץ יענעם טאָג דעם באַגליקטן,
װען איך האָב דיך גענומען פון מדבר אַן שרעק. . . .

האָב איך טאַקע גאָרניט געהאַט קיין פּערזענליך לעבן?

שרייבנדיק וועגן מיינע פאַרשידענע איבערלעבונגען אין יענער צייט, האָב איך זיך ענדליך דערמאָנט אַז אין מיין שרייבן, פונקט אַזוי ווי אין מיין לעבן דאָן, האָב איך היבשלעך פאַרנאַכלעסיגט מיין פאַמיליע . . . איך האָב אָבער דאָך געהאַט אַ פּערזענליכן לעבן. מיין פרוי, ווערא, וועלכע איז נאָך אין מיינע אויגן אַלץ געווען די שענסטע פרוי פון אַלע די וועלכע איך האָב ווען באַגעגנט, און וועלכע איך האָב נאָך אַלץ ליב געהאַט מיט דעם גאַנצן פייער פון מיין הייסע נשמה. איר איבערגעבנקייט צו מיר און צו די קינדער, וואָס איז גאָר אָפט דערגאַנגען ביז אַ מדרגה פון זיך איינגאַנצן פאַרגעסן, און איר גאַנצער וועזן איז געווען אַריינגעטאָן אין איין געדאַנק — ווי אַזוי צו מאַכן די הויז אַטמאָספערע אַזוי אַנגענעם פאַר אונז אַלעמען.

מיינע צוויי ליבע טייערע קינדערלעך, וועמענס פאָטאָגראַפיע פון יענער צייט שטייט איצט פאַר מיינע אויגן, און איך קאָן זיך איצט אויף זיי זאַט ניט אָנקוקן; איז ווען איך קוק אויף זיי איצט, פרעג איך זיך — ווי אַזוי האָב איך עס באַ זיך דאָן געקאָנט פועלן זיי אָפּצושטעלן אין די זונטיקן און מיטן וואָכיקע אָוונטן און אָוועקגיין צו מיטינגען? . . . איך האָב זיי אַזוי ליב געהאַט, אַז דער טאָג פלעגט מיר אויסקוקן דריי מאָל אַזוי לאַנג, ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן ביז איך וועל קומען אַהיים און זיך אַביסל אַ שפּיל טאָן מיט זיי איידער איך וועל ווידער אָוועקגיין צו אַ מיטינג.

און דאָך, ווי ליב איך האָב געהאַט זיי אַלע דריי, איז דער דראַנג צו מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געווען אַזוי שטאַרק אין מיר אַז איך פלעג זיך פילע מאָל גלייך נאָכן עסן אָוועקרייסן פון זיי און אַנטלויפן צו „אַ זייער דרינגענדיקן מיטינג". . . .

מיין סאָפעלע איז צו יענער צייט געווען אַרום צוויי יאָר אַלט, און בענעלע אַרום זעקס יאָר. שיין זיינען זיי ביידע געווען אַזוי ווי די זון, און זיי פלעגן זיך אויך קוים דערוואַרטן אַז זיי זאָלן מיך דערזען פון ווייטן אָנקומען, און מיט גרויס שמחה אויסשרייען: „פּאַפּאַ קומט אַהיים! פּאַפּאַ קומט אַהיים! . . . איך פלעג זיך מיט זיי אַלע דריי אַרומכאַפּן און זיי גוט אָנקושן. די ערשטע פראַגע נאָך אונזער צוקושן זיך, וואָס פלעגט קומען פון ביידע קינדער, איז

געוועזן אויב איך דארף ווידער גיין צו א מיטינג נאָכן עסן? ווען איך פלעג זיי זאָגן אז יאָ, פלעגן זייערע ליבע פּנים'לעך אזוי ווי מיט א וואָלקן פארצויגן ווערן; אָבער ווען מיין ענטפער פלעגט זיין אז ניט, פלעגן זיי ביידע נעמען פּאטשן מיט די הענטלעך און טאנצן, זינגענדיק אז פּאפּא וועט היינט נאָכן עסן זיי מעשה'לעך דערציילן און זיך שפּילן מיט זיי . . . און מיין ווערא פלעגט מיט א ליבן שמייכל זאָגן צו די קינדער: היינט איז פּאפּעלע אונזערער, און די רעוואָלוציע וועט ווארטן א ווײַלע. . . .

מיך צו הערן מעשה'לעך דערציילן, איז געווען זייער לעבן. ספּעציעל האָבן זיי ליב געהאט, ווען אין א אידישן יום־טוב, זיצנדיק ארום דעם יום־טוב'דיק געגרייטן טיש, פלעג איך זיי דערציילן ווי אזוי דער יום־טוב איז צוגע־גאנגען בא מיין טאטע־מאמע אין הויז ווען איך בין א קינד געווען, און וועגן דער באדייטונג פון דעם יום־טוב. זיי פלעגן זיצן געשפּאנט די גאנצע צייט און זיך אויפמערקזאם צוהערן.

היינט, ווען מיינע קינדער'ס קינדער זיינען שוין היבש דערוואקסן, דער־מאנען מיר נאָך מיינע קינדער ווען א יום־טוב קומט אָן, ווי פאראינטערעסירט זיי פלעגן זיין הערנדיק מיר דערציילן וועגן דעם אידישן יום־טוב.

און אויף נאָך עטוואָס דערמאנט מיך גאָר אָפט מיין טאָכטער: „געדענסט", זאָגט זי, „פּאפּא, ווען אין א זונטיק אין וועלכן דו האָסט ניט געדארפט גיין צו א מיטינג גאנץ פרי, פלעגן מיר אריינקריכן צו דיר אין בעט, און זיך שפּילן אזוי אז פעדערן פון די קישנס פלעגן אָנהויבן אין הויז ארומפליען?" . . .

יאָ, קינדערלעך; אָי געדענק איך דאָס! אזעלכע זאכן פארגעסן זיך ניט.

איך זאָג מיין ווייב אַ ווייסן ליגן, און . . .

מיר האָבן דאַן געוואוינט אין טשעלסי. מיר האָבן פארוואוינט פיר צימערן, וועלכע זיינען פאר יענער צייט געווען פארעכנט אלס א מאָדערנע וואוינונג — זוניק, שיין, ריין און ציכטיק. עס איז געווען דער שענסטער וואוינונג וואָס מיר האָבן ביז דאַן געהאט; און יעדן אָוונט, אָדער שבת באטאָג און זונטיק, ווען איך האָב ניט געהאט קיין מיטינג, און האָב געקאָנט פארברענגען מיט מיין פאמיליע, איז עס בא אונז אלעמען געווען א גרויסער יום־טוב. איין גאָרן נידעריקער האָט געוואוינט א פאמיליע מיט דעם נאָמען ש., א ביז גאָר אינטע־ליגענטע פּאָרל, וועלכע האָבן אויך, אזוי ווי מיר, געהאט צוויי קינדערלעך; סיי אונזערע קינדער, ווי אויך מיר, די דערוואקסענע, האָבן זיך זייער גוט צוזאמענ־געלעבט. ווען די צייט האָט נאָר דערלויבט, זיינען אָדער מיר געווען בא זיי אין הויז, אָדער זיי בא אונז. מיר פלעגן לייענען צוזאמען, און נאכדעם דיס־

קוטירן וואָס מיר האָבן געליטנט. עס איז געווען אַ צייט איידער קאָרטן זיינען נאָך אַזוי שטאַרק אריין אין דער מאָדע.

אָבער ווי שטאַרק איך האָב ליב געהאַט מיין היים און מיינע קינדער, איז עס אָבער אויך געווען אַ זייער פּרוכטבאַרע צייט פאַר מיטינגען אין מיין קרייז. עס איז געווען די צייט ווען מען האָט אונזער אָרדן פאַרפּאָלגט מיט דעם לאָזונג פון „איין אַרבעטער רינג אין אַמעריקע". דער „פאָרווערטס" האָט געריסן שטיקער פון אונז; די „פרייער אַרבעטער שטימע" האָט אים צוגע־האָלפן. . . . בּאַ אונז אין סטייט האָט דער אַרבעטער רינג אָרגאַניזירט דעם „לייבאָר ליג" אַלס קאָנקורענט צו אונזער „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג".

מיר האָבן זיך געפילט איזאָלירט פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג, ווייל אָן אַ פּרעסע און אָן רעדנער מיט אַ נאַציאָנאַלן נאָמען, האָבן מיר ניט געקאָנט צוקומען צו די מאַסן פאַרצוברענגען אונזער קוק אויף דער פראַגע פון „איין אַרבעטער רינג", האָבן אונז קיין מיטינגען ניט געפעלט. . . .

מיטוואָך אָוונט פלעגט מיטן אונזער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע קאָמיטע, אין דעם מיטוואָך ערב טהענקסגיווינג בין איך, פאַרשטייט זיך, אַוועק צום מיטינג. צווישן די צושריפטן איז געווען אַ בריוו פון ברענטש 40, פּיבאָדי, אַז אין דעם אָוונט, ערב טהענקסגיווינג, האָט דער ברענטש אַ באַנקעט, און זיי ווילן אַז אַ קאָמיטע פון דער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע זאָל זיין פאַרטראָטן בּאַ זייער יום־טוב. איך און איינער אַ לעווין זיינען אָפּאינטעד געוואָרן צו פאַרטרעטן די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו בּאַ דעם באַנקעט. אָפּצורופן אַ היים און זאָגן מיין ווייב אַז איך וועל קומען שפּעט האָב איך ניט געקאָנט, ווייל ניט בּאַ מיר אין הויז, און ניט בּאַ אימיצן פון מיינע שכנים, איז געווען אַ טעלעפאָן; באַשלים איך צו פאַרלאָזן דעם עקזעקוטיוו מיטינג אַרום 9 דעם זייגער, וועל אָנקומען אין פּיבאָדי אַרום 10, וועל אָפּזאָגן מיין דרשה און וועל צוריק פאָרן אַהיים. אַזוי אַרום האָב איך גערעכנט צוריקצוקומען אַהיים אַרום האַלבע נאַכט; אָבער איך האָב געמאַכט דעם רעכענונג אָן דעם בעל־הבית — ווען מיר זיינען גע־קומען אין פּיבאָדי איז נאָך קיינער אין זאַל ניט געווען, אַ האַלבע שטונדע שפּעטער איז ערשט אָנגעקומען די קאָמיטע. דער באַנקעט, זאָגן זיי, וועט זיך ערשט אָנהויבן אַרום האַלבע נאַכט . . . ווייל די מערסטע מיטגלידער פון ברענטש זיינען קרעמער, און ערב יום־טוב דאַרף מען האַלטן די קראָמען אָפן אַביסל שפּעטער, איז ביז מען וועט קומען, און מען וועט צוגרייטן די וועט־טשערע, וועט זיין אַרום האַלבע נאַכט. . . .

וואָס טוט מען? ווי אַזוי זאָגט מען אָן מיין ווייב? זי וועט ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן. שיקן איר אַ טעלעגראַמע, וויל איך ניט, ווייל זי וועט זיך איבערשרעקן. איז ניטאָ קיין ברירה — איך וועל קומען אַהיים, ווען איך וועל קומען. . . .

ש. ז. אַסיפּאָוו

11:30 - 12:00, דער עולם קליבט זיך, מען גרייט צו די סעודה . . . אַרום איינס דעם זייגער גייט מען צו די טישן. דער עולם איז יום־טוב'דיק געשטימט. איך, וועלכער דאַרף דעם יום־טוב צו אַ קלימאַקס ברענגען, בין אָבער גאָר ניט יום־טוב'דיק געשטימט. איך האַלט נאָר אין טראַכטן פון מיין ווערזאָן — זי וועט פאַרשידענעם איבערקלערן; און וואָס וועל איך איר זאָגן ווען איך וועל קומען אַהיים? ווי אַזוי קאָן איך איר זאָגן, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן פראַוועון אַ יום־טוב אין פּיבאַדי ניט לאָזנדיק איר וויסן? . . .

אַרום צוויי דעם זייגער בין איך פּאַרטיק געוואָרן מיט דער דרשה; ביז 6:30 האָב איך ניט קיין באַן צו פאָרן אַהיים. דורכגעשטופּט די פּאָר שטונדן, און אָנגעקומען אַ היים אַרום 7:30.

איך קום אַריין אין הויז, די גאַז ליכט ברענט נאָך; זי שלאָפט זיצנדיק, אין די קליידער, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן טיש. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיך דערזען, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט, און אין אַ וויינענדיק קול מיך געהאַלטן אין איין פרעגן: וואָס האָט מיט דיר געטראָפן? וואו ביזטו אַ גאַנצע נאַכט געווען? . . .

איך האָב זיך אַרויסגערעדט, אַז מיר האָבן בּאַ אונזער עקזעקוטיוו מיטינג אַזוי שפּעט אַרגומענטירט ביז איך האָב ניט געקאָנט קריגן קיין קאַר צו פאָרן אַהיים, איך האָב געמוזט וואַרטן ביז פאַרטאָג. בּאַ איר איז דאָס געווען רעכט, אָבער אויף מאָרגן, ווען זי האָט דערציילט צו אונזערע פריינט, די שכנים ש., וואָס עס האָט געטראָפן, האָט מר. ש. אַ זאָג געטאָן: דאָס איז אומעגליך, ווייל עס לויפן קאַרס פון באָסטאָן קיין טשעלסי אַ גאַנצע נאַכט. . . .

פאַרפאַלן, צוריקכאַפּן מיין וויסן ליגן האָט מיר ניט געפּאַסט, האָב איך געמאַכט אַ גרויסן שווייג . . . זי האָט אויך געשוויגן; אָבער אַז זי האָט ניט געפילט גאָר יום־טוב'דיק וועגן דעם, אין דעם בין איך געווען זיכער. . . . אַרום אַ האַלב יאָר שפּעטער, באַ אַ געוויסע געלעגנהייט, האָב איך איר דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין יענעם טהענקס־גיווינג איוו. זי האָט מיך שטאַרק באַדויערט פאַר דעם מיזעראַבלען אָוונט און נאַכט וואָס איך האָב דאַן דורכגעמאַכט. . . .

עס לויפן חדשים, און פון חדשים ווערן יאָרן — אונזער בענעלע גייט שוין אין סקול. בּאַ אונז ביידן איז דער טאָג געווען אַ גרויסער יום־טוב — בּאַ אונז, אָבער ניט בּאַ אונזער זונעלע — ער האָט נעבעך קיין איין וואָרט ענגליש ניט פאַרשטאַנען. אין הויז פּלעגן מיר רעדן, סיי צווישן זיך, ווי אויך מיט די קינדער, אידיש; זינגען מערסטנס רוסישע לידער, און די קינדער פלעגן עס נאָכזינגען. ווען ער איז דעם ערשטן טאָג אַהיים געקומען פון סקול און איך האָב אים געפרעגט, וואָס ער האָט געלערנט אין סקול, האָט ער מיר גע־

מיינע קינדער בען און סאָפּעלע
ווען איך פלעג זיי אָפּשטעלן אין די אָוועגטן און זונטיקן
און אוועקגיין צו זייער דרינגענדע מיטינגען.

ענטפערט — איך ווייס ניט, פּאַפּאַ; מיין טיטשער האָט עפּעס געטעלט אַ מעשה'לע, איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואָס זי האָט געטעלט. . . . דערביי איז זיין פּנים'ל געווען זייער פאַרזאָרגט. מיר האָבן ביידע אים גוט אָנגעקוקט, און איך האָב אים געטרייסט, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און ער וועט פאַר־שטיין וואָס די טיטשער וועט צו אים רעדן.

מיין נבואה איז מקוים געוואָרן, עס האָט גאָר ניט לאַנג גענומען, און ער פלעגט קומענדיק אַהיים פון סקול איבערדערציילן און איבערזינגען אַלעם וואָס ער האָט אין סקול געלערנט. מיר האָבן אים געקויפט אַ ביכל פון וועלכן זיי האָבן אין סקול געלערנט לייענען. קומענדיק אַהיים פון סקול, פלעגט ער בײַ די ערשטע געלעגנהייט נעמען דאָס ביכל און לייענען פון דעם. סאָפּעלע, וועלכע איז נאָך קיין פולע דריי יאָר ניט אַלט געווען, פלעגט זיך זייער אויפמערקזאַם צוהערן ווי ער לייענט, און דערביי זיך גוט איינקוקן אין דעם ביכל; אַז ער איז

פּאַרטיק געװאָרן, פּלעגט זי נעמען דעם ביכל און אױפּמישן װעלכע מעשה׳לע זי האָט געװאָלט (נאָך די בילדער נאָך), און לײענען װאָרט פאַר װאָרט װי אין ביכל שטײט, איבערקערנדיק די בלעטער פּונקט אױף דעם װאָרט מיט װעלכן דאָס בלאַט האָט זיך פאַרענדיקט. װען אַ פרעמדער מענטש איז געװען דערבײַ אין הױז, פּלעגט מען פרעגן פאַרװאונדערט — זי לײענט טאַקע פון בוך? געװױס לײענט זי, אָט זעט איר דאָך אַז זי קערט איבער דעם בלאַט פּונקט װאו מען דאַרף. . . .

אַ חלום

אַרום יענער צײַט, איז מײַן טאַטע ע״ה אַלט געװען אַרום 72 יאָר. מיר האָבן זיך גאָר אָפט דורכגעשריבן, און גאַנץ אָפט פלעג איך זײ שיקן אַ פּאָר דאָלער. ספּעציעל פלעג איך ניט פאַרפעלן זײ צו שיקן אַ פּאָר װאָכן פאַר פּורים צען דאָלער, און זײ זאָגן, אַז זײ זאָלן דאָס פאַרנוצן פאַר פּסח; און למען השם, זײ זאָלן מער ניט אונטערנעמען קײן פּאַדריאַד צו באַקן מצה אױף פּסח, װײַל איך האָב גוט געדענקט װיפיל געזונט זײ האָט געקאָסט די צען רובל װאָס זײ פלעגן פון דעם פּאַדריאַד פאַרדינען, צו האָבן מיט װאָס דעם יום־טוב פּסח אין הױז אַרײַנצוברענגען.

זײַנע ליבע טײערע בריװ, געשריבן אין רש״י כתב, יעדער אות אַזױ װי געדרוקט, האַלב אידיש און האַלב העברעאיש, זײַנען נאָך אַלץ געװען געשריבן אַזױ קלאָר און דײטליך װי אין די יונגע יאָרן. (אַ היבשן טײל פון זײ האָב איך נאָך ביז הײַנט צו טאָג, איך האַלט זײ אַזױ װי אַ הײליקע זאַך פאַר מיר.) אין יעדן בריװ פלעגט ער מיך פאַרזיכערן, אַז סײ ער, און אױך די מאַמע, פילן זיך ניט שלעכט אין געזונט, נאָר עס פעלט אים אַביסל שװערליך צו קנעלן מיט די גרױסע „גױים". די מאַמע פלעגט מיר צושרײַבן אַ פּאָר װערטער, אַז זי װיל אַז דער טאַטע זאָל אױפגעבן די גמרא אײנגלעך און װערן אַ דרדקי מלמד, נאָר ער װיל דאָס בשום אופן ניט. . . .

אין דער צײַט איז אין ניו־יאָרק געקומען צופאָרן אַ פרױ פון מײַן שטעטל ליאַדי, און האָט געבראַכט אַ גרוס פון מײַן טאַטע־מאַמע. איך בין צוגעפאָרן אין ניו־יאָרק און אױסגעהערט אַ גרוס, אַז ניט לאַנג פאַר איר אָװעקפאָרן פון שטעטל, זײַנען זײ צוזאַמען געװען בא אַ חתונה, און מײַן טאַטע האָט געטאַנצט אױפן טיש צװישן די טעלער, פּונקט אַזױ װי אין די יונגע יאָרן. . . .

עס פאַרשטײט זיך, אַז איך האָב דעם גרוס מיט גרױס פרײד אױסגעהערט. אַ פּאָר װאָכן שפּעטער חלומ׳ט זיך מיר, אַז איך זיץ מיט מײַן פרױ און קינ־דער אַרום טיש, עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן מײַן טאַטע און ער

בליבט שטיין לעבן טיר. . . . איך לויף צו אים צו און רוף אויס: טאטע, וואס שטייסטו לעבן טיר? אזא גאסט, אזא גאסט! קום אריין, באקאן זיך מיט מיין פרוי און קינדער!

ניין, מיין זון, ענטפערט ער מיר; איך האב קיין צייט ניט צו זיצן; איך בין געקומען דיר אנזאגן אז איך בין געשטארבן; און איך וויל דיך בעטן, אז דו זאלסט ניט פארגעסן צו זאגן נאך מיר קדיש, און זאלסט ניט פארגעסן מיין יאר־צייט, וואס פאלט אויס י״ט תמוז . . . ובזכות זה, מיין זון, וועסטו לאנג לעבן. . . .

אפגעזאגט די עטלעכע ווערטער, און ווערט פארשוואונדן. איך הויב אן פון שלאף צו שרייען — טאטע! טאטע! און הויב אן צו וויינען. מיין פרוי וועקט מיך פארנאנדער. אויף איר פראגע, ווארום איך שריי טאטע און וויין? ענטפער איך איר — גארניט, גארניט, א חלום. . . .

אינדערפרי צום אנבייסן, קאן איך קיין ביסן אין מיין מויל ניט אריינ־נעמען. מיין פרוי בעט מיך, איך זאל עפעס עסן; איך באמערק ווי זי קוקט זיך איבער מיט מיין אינגעלע; נאר איך פארדעכטיק קיין זאך ניט. . . . ארום א וואך שפעטער, קומענדיק אהיים נאך א טאג ארבעט, שלים איך אויף מיין בריוו־קעסטל און געפין א בריוו פון וועלכן דער קאנווערט איז מיט א שווארצע ראמקע ארומגענומען; דער בריוו איז פון מיינעם א ברודער אין לאנדאן, ער שרייבט מיר, אז י״ט תמוז איז דער טאטע זיך געגאנגען טובל זיין אין טייך, און ער האט זיך דערטרונקען. . . .

ווען איך בין ארויף אין הויז און געוויזן ווערן דעם בריוו, ווייזט זי מיר א קעיבל וואס זי האט דערהאלטן דעם טאג ווען איך האב באנאכט געהאט דעם חלום, אין וועלכן מען זאגט מיר אן, אז מיין טאטע איז געשטארבן. דער חלום האט מיין אפיקורסת היבשלעך א טרייסל געטאן. . . .

* * *

מיט יארן שפעטער, ווען אונזער בען האט אונז געשריבן פון ניו־יארק אז ער האט געפונען די שענסטע און בעסטע מיידל אין דער וועלט, האבן מיר אים געענטפערט אז מיר ווילן זיך מיט איר באקאנען. זיינען זיי געקומען, אנגעפילט אונזער שטוב מיט פרייד, און צוריק אוועק.

דאן האב איך אנגעשריבן דאס פאלגענדע ליד:

ש. ז. אָסיפּאָוו

מיינע קינדער

מיינע קינדער זיינען אדלערס,
גראַציעזע אדלערס צוויי,
פליען זיי אין הויכע הויכן,
פלי איך מיר דאָן אויך מיט זיי . . .

מיינע קינדער שטאַרקע ליבן,
מיין נשמה זיינען זיי,
וואַנדערן זיי אום אין וועלדער,
וואַנדער איך דאָן אויך מיט זיי.

מיינע קינדער זיינען טויבן,
ווייסע טויבן זיינען זיי;
עפן איך אויף טיר און פענצטער,
קומען טויבן נאָך מיט זיי.

שפּרייט איך אוים די הויז מיט קערנער,
אום זיי זאָלן בלייבן שטיין;
וואַרקען דאָן די ווייסע טויבן,
פּיקען קערנער מלא חן.

מאַכט דער ער פון עס א פּאָכער,
גראַציעז זיין האַלז ציט אויס,
שפּילן זיי זיך, און מען ליבט זיך,
און מען פליט פון הויז ארויס. . . .

בלייב איך שטיין דאָן בא מיין פענצטער,
און איך קוק ווי הויך מען פליט;
זאָג איך שטיל אין זיך א תפלה,
און אין הארצן — ציט און ציט. . . .

איך פאַרלאָז דעם דור הפלגה פון שאַפּ

אַט אַזוי זיינען געפלאָסן טעג, וואָכן און יאָרן . . . גייסטיק האָב איך זיך אויסגעלעבט אין דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג — מיטינגען, מיטינגען, און ווידער מיטינגען. . . . עקאָנאָמיש האָבן מיר געלעבט פון וואָך צו וואָך מיט די פּעי וואָס איך פלעג אַלע שבת ברענגען אַהיים. איז אין שאַפּ געווען ביזי, האָבן מיר אויסגעמאַרקירט אַפּצולייגן אַ פּאָר דאָלער אויף אַ רעגענדיקן טאָג; איז אין שאַפּ געווען סלעק, האָט מען פאַרצערט די פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלער. מיר זיינען געווען צופרידן, ווייל אַנדערש האָבן מיר ניט געוואוסט. . . .
אָבער די באַדינגונגען אין פאַבריק, וועלכע די אַרבעטער אַליין האָבן געשאַפן, איז מיר געווען שטאַרק דערווידער. צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַל פון נאַציאָנען אין שאַפּ, האָט געהערשט אַ אמת׳ער דור הפלגה צושטאַנד. עס זיינען געווען צווישן אונז אידן, גריקן, אַרמעניער, סיריער, איטאַליענער, איירישע, פּוילישע און רוסן. די אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געאַרבעט איינע קעגן די אַנדערע. . . . איך פלעג אָפט קומען אַהיים און זיך קלאָגן פאַר מיין ווייב, אַז איך קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן די באַדינגונגען אין שאַפּ, וועלכע די אַרבעטער אַליין האָבן געשאַפן.

מען האָט געאַרבעט שטיק־אַרבעט, וויפיל איינער האָט געקאָנט אויס־אַרבעטן איז געווען זיין זאַך; עס איז אָבער געווען פאַרשידענע סאָרטן אַרבעט, שווערערע און גרינגערע. די פּרייז איז געווען די זעלביקע. איז ווען אַלעם איז פון אָנהויב געגאַנגען כשורה, האָט זיך דורכן טאָג אין דעם סכום אַרבעט וואָס מען האָט אויפגעטאָן אויסגעגליכן די שווערערע אַרבעט מיט די גרינגערע. ווי איז אָבער דער דין אַז אייניקע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז ווי באַלד די פּרייזן פאַר די גרינגערע און שווערערע אַרבעט איז איינע און די זעלבע (קיין יוניאָן איז אין שאַפּ ניט געווען), טאָ וואָרום זאָלן זיי דאַרפן טאָן די שווערערע אַרבעט, אַז מיט אַ קליין ביסעלע גרעפט וואָס מען וועט אונטערטראָגן דער פאָרליידי, וועלכע טיילט אויס די אַרבעט, קאָנען זיי קריגן נאָר די גרינגע אַרבעט?

אַ יאָ עס איז שכל׳דיק? . . .

פון אָנהויב האָט מען געקאָנט דענקען אַז די אַרבעט איז אַזוי פאַרטיילט געוואָרן על פּי טעות; ווען דער זעלבער „טעות" איז אָבער איבערגעחאַזערט גע־וואָרן טאָג איין טאָג אויס, האָט מען גענומען נאָכזוכן פון וואַנען דער „טעות" שטאַמט. און אַז מען זוכט געפינט מען. . . .

אזוי שנעל ווי מען האָט אויסגעפונען, האָבן אַלע מער ארבעטער גענומען נאָכטאָן אין דער חכמה ווי די ערשטע, און זיי האָבן אויך גענומען קריגן נאָר די גרינגע אַרבעט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דור הפלגה צושטאַנד אין שאַפּ.

ווען איך האָב פּרובירט צו רעדן מיט די אַרבעטער און זיי אויפווייזן וואָס פאַר אַן אומרעכט זיי באַגייען קעגן זייערע מיט־אַרבעטער, האָט מען מיך פּשוט אויסגעלאַכט . . . איך בין אַ גרינער, און אַ סאָציאַליסט, און אַלס אַזאַ, וועל איך קיינמאָל ניט קאָנען פאַרשטיין ווי אַזוי מיין לאַגע צו פאַרבעסערן. . . .

און אַז איך פלעג פּרובירן זיי אויפווייזן, אַז אויב אַלע וועלן זיי נאָכטאָן, וועלן מיר קומען צו דעם וואָס מיר האָבן פריער געהאַט, ניט געבנדיק קיין גרעפּט צו דער פאַרליידי, פלעגט מען זיך ווידער אויסלאַכן פון מיר — אַז וואָס שפּעטער וועט זיין ווילן זיי ניט וויסן, דערוויל מאַכן זיי אַ גרינגערן דאָלער. . . .

צו דערציילן דעם פאָרמאַן וואָס עס קומט פאָר אויף אונזער ליין, איז ערשטנס, איז דאָס דאָך מסירה, און ווער וויל דאָס זיין אַ מסור? און צווייטנס, ווער האָט דאָס געוואָגט אין יענע צייטן צוגיין צו אַ פאָרמאַן, וועלכער איז אין שאַפּ געווען אַזוי ווי אַ קיסר?

איך פלעג אַלע טאָג קומען אַ היים אַ צושרויפּטער פון דער לאַגע וואָס האָט זיך אין שאַפּ געשאַפן. צו פאַרלאָזן דעם דזשאָב, האָב איך ערשטנס מורא גע־האַט, ווייל מען האָט געלעבט פון האַנט צו מויל; און צווייטנס, איז עס באַ מיר געווען אַ פּרינציפּ אויפצוקלערן די פינסטערע מחות. . . . ביז אין אַ שיינעם פרייטיק פאַרנאַכט, האָט מען באַמערקט אַז אין שאַפּ קומט עפּעס פאָר; אַקוראַט וואָס עס קומט פאָר, האָט מען ניט געוואוסט, אָבער ווען מען האָט די פאַרליידי אַרונטערגערופן אין אָפיס, און זי איז צוריק אַרויפגעקומען אַ פאַרוויינטע און האָט זיך גענומען אָנטאָן, האָט מען פאַרשטאַנען אַז מען שיקט איר אוועק פון דעם דזשאָב.

עס איז געוואָרן אַ היבשע טרעוואָגע אין שאַפּ. אַלע אירע חסידים זיינען אויפגערודערט געוואָרן — אַזאַ סקאַנדאַל, מען זאָל גאָר אוועקשיקן אַזאַ חפץ! . .

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך און די איבעריקע אַרבעטער וועלכע האָבן איר ניט אונטערגעקויפט, האָבן זיך שטאַרק געפרייט. די אַרבעטער פון שאַפּ זיינען צעטיילט געוואָרן אויף צוויי ביז גאָר פיינטלעכע מחנות. די חסידים פון דער פאַרליידי האָבן גאָר שטאַרק געביינקט נאָך איר . . . און אַזוי ווי זיי האָבן פאַרדעכטיקט אַז אימיצער האָט צוגעטראָגן אין אָפיס אַ מסירה וועגן דעם וואָס עס איז אין שאַפּ פאָרגעקומען, האָט זיך באַ זיי אַנטוויקלט אַ גע־וואַלדיקע שנאה צו די וועמען זיי האָבן פאַרדעכטיקט.

„די בוט און שוה וואָרקערס יוניאָן", וועלכע האָט פאַר אַ לענגערע צייט געזוכט אַ געלעגנהייט דעם שאַפּ צו אָרגאַניזירן, דערוויסנדיק וואָס פאַר אַן

אומצופרידקייט עס הערשט אין שאפ, האט פאר זיך דערזעהן א געלעגנהייט צו פרובירן ווידער אריינצוקריגן דעם שאפ אין דער יוניאן. נאך א רייע פון מיטינגען וועלכע די יוניאן האט פארופן, איז געלונגען אריינצוקריגן א היבשן טייל פון די ארבעטער אין דער יוניאן; און אום צו ארגאניזירן דעם גאנצן שאפ, איז באשלאסן געווארן ארויסצורופן די ארבעטער אין א סטרייק.

דער דור הפלגה צושטאנד וואס האט געהערשט אין שאפ, האט גלייך גענומען ארבעטן קעגן דער יוניאן. עס זיינען ארויס אין סטרייק כמעט אלע אידישע ארבעטער און א גאר קליינע צאל פון די אנדערע נאציאנאליטעטן; דער גרעסטער טייל פון די ארבעטער זיינען פארבליבן אין שאפ ארבעטן, און דער סטרייק איז פון אנהויב אן פאראורטיילט געווארן צו א דורכפאל.

איך האב גלייך אפגעשאצט די לאגע, פונדעסטוועגן האב איך בא זיך ניט געקאנט פועלן צו גיין זוכן א צווייטן דזשאב. איך האב זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט פון דעם סטרייק — ווידער מיטינגען באטאג און באנאכט . . . איך האב באקאנט געמאכט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דעם אינדעפענדענט ארבעטער רינג מיט דער לאגע פון דעם סטרייק און זיי האבן אונז געהאלפן פינאנציעל וויפיל זיי האבן געקאנט. מען האט ארויסגעשיקט אפילס צו אלע ברענטשעס פאר הילף, עס איז אריינגעקומען א היבשע סומע געלט, עס איז אבער ניט געווען גענוג אום די סטרייקנדע פאמיליעס זאלן יעדע וואך קאנען קריגן עטלעכע דאלער.

16 וואכן האבן מיר אפגעסטרייקט, און ענדליך איז עס אויפגעגעבן גע־ווארן. איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן מיט וואס פאר א הארץ איך בין אהיים געקומען פון יענעם מיטינג בא וועלכן עס איז באשלאסן געווארן אויפצוגעבן דעם סטרייק. קיין דזשאב האב איך ניט; א בעל חוב בין איך איבערן קאפ, אפשר דריי הונדערט דאלער . . .איך בין געווען פארצווייפלט!

קומענדיק אהיים האט מיך ווערא ניט געפרעגט קיין זאך, זי האט שוין געזעהן אויף מיין פנים ווי אזוי איך האב געפילט . . . מיין איינגעבארענער אפטימיזם האט מיך אבער ניט דערלאזן צו זיין לאנג פארצווייפלט. צום אלעם ערשטן האב איך באשלאסן אז צוריק אין שאפ צום מאשין, גיי איך ניט. וואס איך וועל טאן, ווי אזוי איך וועל מיין פאמיליע פארזארגן, איז נאך פאר מיר ניט געווען אינגאנצן קלאר. איך האב אבער געפילט, אז גיין צוריק צום מאשין, מיינט פאר מיר גיין צום אונטערגאנג. . . . דער דור הפלגה צושטאנד פון שאפ, איז געשטאנען פאר מיינע אויגן. איך האב געוואוסט, אז ביז א געוויסן גראד עקזיסטירט אין יעדן שאפ דער זעלביקער צושטאנד; און דער וואס קאן ניט אויף איין אופן אדער א צווייטן זיך צו׳חנפ׳ן צום בעל־הבית, איז אויס־

געשטעלט די זעלביקע באַדינגונגען וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין דעם שאַפּ פון וועלכן איך בין ערשט אַרויסגעפאַלן.

איך האָב גענומען אַ שפּאַציר נאָך לין — יאָ, אַ שפּאַציר, ווייל קיין פינף סענט, צו פאָרן, האָב איך ניט געהאַט. אָבער וואָס פאַר אַ ווערדע האָט צו נעמען אַ שפּאַציר פון אַרום אַכט אָדער צען מייל ווען איינער פאַרטראַכט אַ הויכן געדאַנק? — אַ געדאַנק צו ווערן אַ געשעפט מענטש. . . .

איך האָב דאָרטן געהאַט אַ פריינט מיט דעם נאָמען ג., אַ טייערער מענטש, וועלכער איז צו יעדער צייט געווען בּאַרייט אַ פריינט אַרויסצוהעלפן, אויב ניט מיט אַ פּאָר דאָלער — דאָס האָט ער אַליין ניט געהאַט — איז מיט אַן עצה. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ גראָסערי סטאָרקע, פון וועלכע ער האָט געצויגן חיונה. ווען איך האָב אים דערציילט פון דער לאַגע וואָס האָט זיך בּאַ מיר געשאַפן, און אַז צוריק צום מאַשין האָב איך באַשלאָסן ניט צו גיין, איז ער געווען שטאַרק צופרידן. און תוך כדי דיבור, גייט ער צו צום טעלעפאָן, קלינגט אָפּ אַ געוויסן נומער, און פרעגט אויב זיי ווילן נאָך פאַרקויפן זייער קרעמל? און אַז דער ענטפער איז געווען יאָ, זאָגט ער אַז אין אָוונט וועט ער זיין בּאַ זיי מיט אַ קאַסטאָמער. . . .

ער דערציילט מיר, אַז די לייט וועלכע האַלטן די קרעמל, אין אַ פאָרשטעטל פון לין, פאַרשטייען ניט ווי אַזוי אָנצוגיין מיט זייער געשעפט; ער איז אָבער זיכער, אַז איך וועל דאָרטן קאָנען מאַכן אַ לעבן. אָנטרעפן, זאָגט ער, וועט די קרעמל גאַנץ ווייניק, ווייל זיי זיצן דאָרטן אָן סחורה, און זיי ווילן פּטור ווערן פון דעם געשעפט.

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז קריגן אַביסל געלט און איבערנעמען די קרעמל. צוריק אין טשעלסי בין איך שוין געפאָרן מיט אַ קאַר, און איך האָב נאָך געהאַט עטלעכע סענט אין קעשענע. . . .

איך בין געקומען אַהיים און אָנגעזאָגט מיין ווערא אַז מיר גייען איבער־נעמען אַ גראָסערי קרעמל אין לין. דער אמת איז, אַז זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט חשד . . . זי האָט געוויס געדענקט אַז איך בין פון זינען אַראָפּ; ווייל זייענדיק אַ בעל חוב אַריבערן קאָפּ, איבער דריי הונדערט דאָלער, ווי קאָן איך גאָר טראַכטן צו גיין קויפן אַ קראָם ? . . .

איך האָב איר אָבער פאַרזיכערט, אַז אַלעס איז מעגליך; און אָט וועט זי זעהן אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך האָבן גענוג געלט צו ווערן אַ געשעפטס מענטש. . . .

איך האָב גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין ברודער אין ניו־יאָרק און אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זיינע קינדער זיינען שוין געווען דערוואַקסענע, און אייניקע פון זיי האָבן שוין אַליין פאַרדינט.

מיין לעבן

אין אָוונט בין איך מיט מיין פריינט ג. צוגעפאָרן אָנצוקוקן דעם געשעפט. עס האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין געוואַלדיקן איינדרוק. עס איז געווען אַ פינסטערע שמוציקע קרעמל, מיט לײדיקע פּאָליצעס. ווען מיין פריינט ג. האָט איבערגעחשבונט די סחורה, האָט ער אויסגערעכנט אַז עס טרעפט אָן אַרום 60 דאָלער. די פאַרקויפער האָבן אָבער געזאָגט, אַז זיי ווילן די קראָם ניט פאַרקויפן פאַר ווייניקער ווי הונדערט דאָלער.

מיין פריינט ג. רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט און זאָגט מיר, אויב איך דענק אַז איך וועל אין אַ פּאָר טעג אַרום קאָנען שאַפן די געלט, וועט ער זיי איצט געבן פינף דאָלער אָן אויפדערויף און איך זאָל איבערנעמען דעם שליסל.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי באַ אַ גזלן, איך האָב אָבער זייער געוואָלט די קרעמל איבערנעמען, ווייל כאָטש איך בין קיינמאָל פריער ניט געווען אין ביזנעס, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי קאָנען דאָרטן קיין לעבן ניט מאַכן — צוליב דעם אופן ווי אַזוי זיי האָבן די קרעמל געהאַלטן — און אָן סחורה, קאָן מען פאַרשטייט זיך קיין געשעפטן ניט מאַכן. איך בין אויך געווען זיכער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך קריגן געלט פון מיין ברודער.

מיר האָבן איבערגענומען דעם שליסל, און מיין פריינט ג. האָט אויפן פענצטער אָנגעשריבן, אַז די סטאָר פאַרמאַכט זיך אויף אַ פּאָר טעג, און אַז עס וועט אויפגעעפנט ווערן אונטער אַ נייע מענעדזשמענט. . . .

די צווייטע הויז פון קרעמל האָט געהאַט אַ לײדיקן טענעמענט, האָב איך עס אָפּגעדונגען פאַר דריי דאָלער אַ וואָך. ווען איך בין אַריין אין מיין הויז, האָט אין מיר אַלעם געקוואָלן. אונזער שכן ש. איז אַרויפגעקומען צו זען וואָס איך האָב אויפגעטאָן אין לין. ווען איך האָב געוויזן דעם שליסל, און דערציילט אַז איך האָב געקויפט די קרעמל, זאָגט ער צו מיר, אַז מיט 50 דאָלער אַ גמילת חסד וועט ער מיר אַרויסהעלפן. . . . דאַן איז שוין מיין ווערא אויך געוואָרן אַביסל אויפגעלעבט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך געקראָגן $300.00 פון מיין ברודער, מיט אַ ברכה אַז גאָט זאָל מיר העלפן אַז איך זאָל מצליח זיין.

עס האָט גענומען אַ וואָך צייט אַריבערצוקלייבן זיך אין לין, אויסרייניקן די קראָם און אָנפילן עס מיט סחורה — און מיר זיינען געוואָרן ביזנעס־לייט.

ווען מיין ווערא האָט זיך מיט איר גאַנצן לייב־און־לעבן אַריינגעוואָרפן מיר צו העלפן אין קראָם — פריער עס אויסצורייניקן און נאָכדעם אויסצוסאָרטירן די פאַרשידענע פּראָדוקטן — האָב איך ניט געוואוסט ווי אַזוי איר צו דאַנקען פאַר דעם; ווייל ווי פרעמד די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען צו איר, האָט זי פּאַרט געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין די פאַרשידענע אַרטיקלען. צו מיר איז עס אָבער געווען אינגאַנצן פרעמד. אַרבעס און בעבלעך, גרויפּן, און די

אַלע אַנדערע מכשירים זיינען בא מיר געווען אויסגעמישט אין איין גרויסע קאַשע. . . . ווער רעדט, אַז איך האָב אַביסל שפּעטער אָנגעהויבן צוביסלעך אַריינעמען פלייש, איז חוץ וואָס איך האָב ניט געוואוסט דעם אונטערשייד פון סטייק ביז ראָוסט ביף, איז אַז עס איז געקומען צו די פּאָרק אָפּטיילונג, האָב איך זיך געברידיעט דאָס אין די הענט צו נעמען. . . .

עס איז אַוועק אַ סדרה פון האַנדלען . . . באַרגן, לייען, צאָלן אינטערעסט; בא איינעם פון מיינע פריינט לייען, דעם צווייטן באַצאָלן. אָבער ווי שווער עס איז פאַר אונז געווען אין די ערשטע צייטן, האָב איך זיך אויפן שאַפּ מיט זיין דור הפלגה צושטאַנד ניט געוואָלט דערמאָנען.

די קינדער זיינען געוואַקסן, און אונזער געשעפט אויך צוביסלעך — פאַר־קויפט איין קראָק, געקויפט אַן אַנדערע, אַ דריטע, אַ פערטע — געהאַנדלט. . . .

אין יענער צייט בין איך געווען דער נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון דעם אינדעפּענדענט אָרבעטער רינג. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין מיטינגען האָבן מיר דאַן דאָן אויך ניט אויסגעפעלט. . . . מיין ווערא האָט קיינמאָל ניט גע־מאַכט קיין פאַרזוך מיר צו שטערן אין דעם. אונזער זון איז שוין דאַן געווען אין הייסקול, און נאָך סקול פלעגט ער אונז היבש אַרויסהעלפן. אונזער טאָכטער איז שוין אויך געווען אַ היבשע מויד, פלעגן זיי פאַרבלייבן מיט וועראַן אין קראָם ווען איך האָב געמוזט זיך אַוועקרייסן צו „אַ זייער דרינגענדן מיטינג".

די צייט איז זיך געפלאָסן, און — איר קאָנט עס גלויבן אָדער ניט — מיר האָבן שוין געהאַט איניקע טויזנט דאָלער אָפּגעשפּאָרט, און עס האָט אויסגע־קוקט אַז מיר ווערן פּטור פון דעם דלות, וואָס האָט זיך געהאַט איינגע־לעבט מיט אונז פאַר אַ שיינע פּאָר יאָר, איך קאָן אָבער ניט זאָגן אַז איך בין געווען צופרידן; ווייל קיין גרויסע צוקונפט האָב איך ניט געזעהן אין פאַרבלייבן מיט אַ קרעמל, זיין פאַרנומען זיבן טעג אין דער וואָך, ניט האָבנדיק קיין געלעגנהייט אַרויסצוגיין מיט מיין פאַמיליע צוזאַמען. ניין, דאָס איז ניט קיין פּלאַן פאַר איינעם וואָס האָט ליב דעם געזעלשאַפטליכן לעבן, און וויל פון דעם לעבן הנאה האָבן.

איך האָב גענומען זוכן עטוואָס בעסערס. איך האָב געקראָגן פאַרשידענע אָנבאָטן אַריינצוגיין אַלס אַ שותף אין אַ שיך פאַבריק. די שיך אינ־דוסטרי האָט צו יענער צייט, אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, זיך שטאַרק צובליט. פון די פאַרשידענע אָנבאָטן וואָס איך האָב געקראָגן, איז מיר געפעלן געוואָרן אַמבעסטן דער אָנבאָט פון איינעם אַ גענאָסע ג. ער, מיט נאָך צוויי שותפים, האָבן געהאַט אַ קליינע פאַבריק אין לין. דער פּראָדוקט וועלכן זיי האָבן אַרויסגעבראַכט איז מיר געפעלן געוואָרן; און גלאַט וואָס איז ווערט וואָס

איך וועל זיין צוזאמען מיט אן אייגענעם מענטשן אין ביזנעס? א גנאָסע, א טוער, א מאכער אין דער באַוועגונג, א בויער פון א שענערע וועלט . . . איז ווי איז דאָס אזא גענאָסע ניט קיין פיינער מענטש? אמת, די אַנדערע זיינען ניט געווען קיין גענאָסען, אָבער זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אן איינדרוק פון וואוילע אָרענטלעכע מענטשן. . . .

מען האָט מיך אפילו געוואָרנט, אז דאָס איז פאר מיר ניט קיין גלייכער שידוך, ווייל די דריי, וועלכע האָבן זיך פון פריער איינגעלעבט צוזאַמען, וועלן שטענדיק זיין דריי קעגן איינעם; אין מיינע בלוטן איז אָבער געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט מיין טאַטנס גלויבן, אז איין איד וועט א צווייטן קיין אומרעכט ניט טאָן . . . און אז די באַציאונגען בין אָדם לאָדם, איז א הויכער מאָראַלישער ווערט אין דעם מענטשליכן לעבן; ספּעציעל ווען מען האָט נאָך צו טאָן מיט א מענטשן אן אידעאַליסט, אזא וועלכער זוכט איבערצואַנדערשן אונזער גאַנצן לעבן אויף א באַזיס פון יושר און גערעכטיגקייט, וואָס בא מיר איז אזא מענטש שטענדיק געווען פאַרעכנט פאַר א העכערן וועזן ווי דער דורכ־שניטלעכער מענטש, איז קיין שום געפאַר ניטאָ פון מיס־האַנדלען איינער דעם צווייטן. . . . אי מיינע פריינט וואָרנען מיך? נו, פאַרשטייען זיי ניט די מענטש־ליכע נאַטור אַזוי גוט ווי איך פאַרשטיי עס. . . .

איך בין אריין אין שותפות מיט זיי. אריינטוענדיק צוויי מאָל אַזוי פיל געלט ווי איך האָב פאַרמאָגט — משפחה, פריינט, קרעדיט יוניאָנס — מען האָט מיר געהאָלפן פון אַלע זייטן, ווייל איך האָב דאָך שוין אַזוי פיל מאָל גוט גע־מאַכט דאָס וואָס איך האָב בא זיי פריער געליען.

איך בין אריין אין דעם געשעפט, אָבער ווען איך וואָלט מיט איין טאָג שפּעטער געקאָנט אַרויסגיין, קריגנדיק מיין געלט צוריק, וואָלט איך דאָס געטאָן מיט גרוים פרייד. די אַלע דריי האָבן אין א טאָג ארום געדאַרפט צוטראָגן א געוויסע סומע געלט, נאָר א מאָדנע זאַך האָט פּאַסירט — זיי אַלע האָבן גע־האָט די געלט אָנגעגרייט, האַלטנדיק עס אונטער א קישן — נו, איז ווי געפעלט דאָס אייך? — א פּאַסקודנער גנב האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער זעלביקער נאַכט אין די אַלע דריי הייזער (ער האָט געמוזט האָבן קפיצת הדרך, ווייל זיי האָבן געוואוינט א היבשן מהלך איינער פון דעם צווייטן) און, ווי געפעלט דאָס ווערמען? ער האָט אריינגערוקט זיין האַנט פּונקט אונטער דעם קישן וואו דאָס געלט איז געלעגן און, והילד איננו. . . .

אַט אַזוי האָט מען אָנגעהויבן צו אַרבעטן דאָס געשעפט. דער אָנפירער פון די הייליקע דריי־אייניגקייט איז געווען גענאָסע ג., דער וואָס האָט געזוכט איבערצובויען די גאַנצע וועלט אויף יסודות פון יושר און גערעכטיגקייט. . . .

איך האָב פון אָנהויב געגלויבט, אז דאָס איז אזא קאַשמאַר אין וועלכן

איך געפין זיך . . . ווייל איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן אין מיין נאַאיוויטעט, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל קאָנען צוליב דעם דאָלער זיין נשמה פאַר־קויפן . . . אָבער ווען עס האָבן זיך אַלע טאָג גענומען איבער׳חזר׳ן אַזעלכע און ענלעכע סצענעס ווי די גנבה פון אונטער דער קישן, דאַן האָב איך איינ־געזען אַז אויב דער צושטאַנד זאָל אָנהאַלטן, דאַן בין איך פאַרלאָרן. עפּעס מוז דאָ געטאָן ווערן, האָב איך צו זיך געזאָגט.

אַקוראַט וואָס צו טאָן האָב איך ניט געוואוסט. איך ווייס ניט אויב איך וואָלט עפּעס געקאָנט אויפטאָן דורך לאָיערס און קאָורט, עס קאָן זיין אַז יאָ; עס איז אָבער אין מיר געווען אַן איינגעבאָרענער געפיל קעגן לאָיערס און קאָורטס; האָב איך באַשלאָסן, זיי צו ווייזן דורך מיין איבערגעבנקייט צום געשעפט, דעם וועג ווי אַזוי אונזער ביזנעס אויף אַ גוטן פונדאַמענט אַוועק־צושטעלן. זיי פלעגן אַוועקגיין אַהיים צו אַ באַשטימטע צייט; איך פלעג זיך אָפּשטעלן אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אום די אַרבעט אויף מאָרגן אָנצוגרייטן. ווינטער, אין די קאַלטע וועטערן, ווען מען פלעגט אָפּשליסן די היץ נאָך 5 דעם זייגער; שבת, נאָך 12; און זונטיק אָדער יום־טוב גאָר קיין היץ ניט אַרויפשיקן, פלעג איך אין דער קעלט איינער אַליין זיך געפינען אַרבעטנדיק אין שאַפּ, צוגרייטנדיק די אַרבעט פאַר דער צייט ווען די אַרבעטער וועלן קומען.

עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן; וואָס אַ טאָג מער עס איז אַוועק, אַלץ ערגער זיינען געוואָרן זייערע באַציאונגען צו מיר; און אַז איך האָב פּרו־בירט מיט זיי צו רעדן, האָט מען מיט אַ פרומען שמייכעלע מיר געענטפערט, אַז אויב איך האָב ניט קיין געדולד אויסצואוואַרטן ביז דער געשעפט וועט זיך פאַרבעסערן, טאָר איך ניט זיין קיין מאַנופעקטשורער, איך דאַרף גיין צוריק צו גראָסערים. . . . אַ מיין גענאָסע ג. האָט זיך פאַרנומען אַז ער מוז זיין דער סיילסמאַן, און ער פלעגט קאָנען קריגן אַ באַשטעלונג נאָר דאַן ווען ער האָט פאַרקויפט דעם פּראָדוקט פאַר אַזאַ פּרייז, אַז מען האָט באַדאַרפט צולייגן 25 סענט צו יעדע פאָר שיך; נו, דאָס קאָן ער ניט העלפן, ווייל מיר האָבן נאָך פאַר אונזער פּראָדוקט ניט געשאַפן דעם נאָמען אין מאַרק.

קעגן צולייגן געלט צו יעדע פאָר שיך, זיינען די אַנדערע צוויי אויך געווען; אָבער ווען מען האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אַ צווייטער זאָל פּרובירן אַרויסגיין פאַרקויפן, און ער זאָל זיין אין פעקטאָרי, איז געוואָרן אַזאַ סקאַנדאַל אַז איך האָב איינגעזען אַז עס איז ניט פאַר מיינע כחות ווייטער צו לעבן אין אַזאַ צושטאַנד. . . .

מיין ווערא האָט אויך איינגעזען ווי איך גיי איין פון טאָג צו טאָג, און זי האָט זיך גענומען צו מיר אַז איך זאָל אַרויסקריגן וויפיל, אָדער ווי ווייניק,

איך קאָן און זיך ארויסכאַפּן אַזוי ווי פון אַ פייער, ווייל זי האָט געזען אַז נאָך אין אַ קורצער צייט וועל איך אונטערגיין.

אין אַ געווייסן טאָג בין איך צו זיי געקומען און געזאָגט, אַז איך בין באַרייט דעם געשעפט פאַר זיי אָפּצושטעלן אויב זיי וועלן מיר אויסצאָלן אַ געוויסע סומע. אַ מעפיסטאָפלשער שמייכעלע האָט זיך צעשפּילט אויף דעם פּנים'ל פון מיין וועלט איבערבויער. . . . נאָך אַ דינגעניש, זיינען מיר דורכגעקומען אַז זיי זאָלן מיר אויסצאָלן טויזנט דאָלער, און איך בין אַוועק פון זיי. זיי האָבן געדענקט, אַז זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט, אָבער איך האָב זיי אָפּגענאַרט, ווייל אויב זיי וואָלטן מיר מער ניט געגעבן ווי פינף הונדערט דאָלער, וואָלט איך עס אויך גענומען. . . .

אַ קורצע צייט נאָך מיין פאַרלאָזן זיי, האָבן זיי אַריינגעקראָגן נאָך איינעם, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט 10 טויזנט דאָלער אין געשעפט און איז אָפּגעשטאַנען אַרום אַ יאָר צייט און איז אַנטלאָפן . . . און אַזוי איז געווען מיט אַ דריטן, פערטן און פינפטן . . . זיי האָבן נאָר געוואָלט בויען זייער קיום אויף דעם וואָס זיי וועלן אַריינקריגן מענטשן מיט געלט, שאַפן פאַר זיי די זעלביקע באַדינגונגען ווי מען האָט געשאַפן פאַר מיר, און פטור ווערן פון זיי.

דער סוף פון זיי איז געווען ניט גאָר קיין גוטער. דער געשעפט איז מיט דער צייט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, צוויי פון די פאַרטנערס זיינען אַוועק אויף יענער וועלט — איך גלויב, אַז מערסטנס פון געוויסנביסע; דער איינציקער וועלכער האָט ניט געליטן פון געוויסנביסע, איז געווען דער וועלט איבערבויער; ער דרייט זיך נאָך אַרום אַזוי ווי אַ שטן צווישן די לעבעדיקע, אָבער אַזאַ לעבן איז דאָס. . . .

דער גרויסער קלאַפּ פאַר מיר איז געווען ניט אַזוי דאָס וואָס איך האָב דאָרטן מיין געלט פאַרלאָרן, ווי דאָס וואָס מיין גלויבן אין מענטשן האָט זיך שטאַרק אַ שאָקל געטאָן.

אַרום דריי יאָר צייט האָב איך שווער געאַרבעט און געצאָלט חובות. צו יענער צייט זיינען שוין געווען אַ היבשע צאָל אידישע שיך מאַנופעקטשורערס אין דער אינדוסטריע, האָב איך שוין ניט געדאַרפט גיין אַרבעטן באַם מאַשין, איך האָב געקראָגן אַ פאָרמאַן דזשאָב, וואָס האָט זיך ניט שלעכט געצאָלט, און פּעי איז אַריינגעקומען אַלע וואָך, האָב איך געאַרבעט און געצאָלט חובות. פון צייט צו צייט פלעג איך ווערן פאַרצווייפלט, איך פלעג דערפילן ווי אַ באַרג משא דריקט מיך אַרונטער צום אָפּגרונט; מיין איינגעבאָרענער אָפּטימיזם און שטאַרקע ליבע צו מענטשן, האָבן מיר אין דעם פאַל געהאָלפן צו געפינען אַ מיטל וועלכער האָט ביז אַ גרויסן גראַד צוגעהאָלפן אַז איך זאָל געפינען מיין גלייכגעוויכט. . . .

ש. ז. אָסיפּאָוו

אונזער „אַרק“ ווערט אָרגאַניזירט

פּונקט אַזוי ווי נח׳ס תיבה (אַרק) האָט געראַטעוועט — ווי עס ווערט דערציילט אין בראשית — די מענטשהייט פון אונטערגיין דורך דעם מבול, אַזוי האָט אונזער תיבה, אונזער „אַרק“, געראַטעוועט פילע פון אונז פון אונטערגיין אין דעם מבול וועלכן מיר האָבן אין יענער צייט איבערגעלעבט.

איך האָב שוין פריער געהאַט דערציילט, אַז צו יענער צייט, אין 1922, האָט אונזער באַוועגונג געליטן אַ שטאַרקע מפּלה דורך דעם אונטערגיין פון אונזער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. מיר האָבן גאָר אַ סך האָפענונגען געהאַט געלייגט אויף אונזערע קאָאָפּעראַטיוון. שיינע חלומות האָבן מיר געהאַט געחלומ׳ט, און וואָס שענער מאַנכע פון אונז האָבן גע׳חלומ׳ט, און וואָס העכער מיר זיינען אין אונזער חלום׳ן געפלויגן, אַלץ שטאַרקער איז געווען דער קלאַפּ וועלכן מיר האָבן פון דעם פאַל געליטן. . . . און כאָטש די פריינטשאַפט צווישן די אַקטיווע טוער פון אונזער באַוועגונג איז געווען אַ לאַנג־יאָריקע, דאָך האָט מען זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון וואַרפן באַשולדיקונגען איינער אויפן צווייטן; באַשולדיקונגען ניט חס ושלום אין אומאָרענטליכקייט, נאָר אין אונטערנעמען אַ געשעפט אין וועלכן די אונטערנעמער האָבן קיין שום ידיעה ניט געהאַט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אונזער לאַנג־יאָריקע פריינדשאַפט זאָל צעריסן ווערן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט קיינער פון אונז ניט געוואָלט; אָבער ווי אַזוי מאַכט מען גאַנץ דעם ריס וואָס איז צווישן אונז פאָרגעקומען? אָט די פראַגע האָט פאַרנומען מיין גאַנצן אַרט דיינקען אין יענער צייט.

איך האָב זיך דערטראַכט צו אַ געדאַנק — צו אָרגאַניזירן אונזערע אַלטע פריינט אין אַ קלוב, מיט דעם איינציקן צוועק, זיך פון צייט־צו־צייט צוזאַמענצוקומען און פאַרברייגנען אַן אָוונט צוזאַמען. דאָס, האָב איך געדענקט, וואָלט געהאָלפן אונזער פריינטשאַפט צוזאַמענהאַלטן. וואָס באַ די אָוונטן זאָל געטאָן ווערן, דאָס איז נאָך פאַר מיר ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. איך האָב נאָר געפילט מיט מיין גאַנצן האַרצן, אַז זייענדיק לאַנג־יאָריקע פריינט, וועט אונז געלינגען מיט דער צייט צו מאַכן אונזערע צוזאַמענקונפטן אַזוי אינטערעסאַנט אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אונזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע צוויסטיקייטן, און גאַנץ מאַכן דעם ריס וואָס איז צווישן אונז פאָרגעקומען.

אין יוני 1923 איז אַ גרופּע פון זעקס מענטשן געפאָרן צו אַ קאָנפערענץ

פון דעם אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג נאָך וואָוסטער, מאַסאַטשוזעטס. די גרופּע איז באַשטאַנען פון דוד און אסתר מאַנאַסאָן (אין זייער מאַשין), מאַרים און בעקי אָסין, מאַרים טוביאַש, און מיין ווייניגקייט.

דער פרימאָרגן איז געווען ביז גאָר אַ שיינער. מיר אַלע זיינען געווען גוט אויפגעלייגט — מען האָט געפּלאַפּלט, געזונגען, און גערעדט פון פאַרשידענע זאַכן. דאַן האָב איך פּאַר זיי פאָרגעלייגט מיין פּלאַן וועגן אַ קלוב פון אַלע אונזערע אַקטיווע טוער. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

קומענדיק צוריק פון קאָנפערענץ, האָבן מיר פאַרופן אַ גרופּע פון אונזערע אַלטע פריינט. ווען דער פּלאַן פאַר אַ קלוב איז פאָרגעלייגט געוואָרן, איז עס מיט ענטוזיאַזם אָנגענומען געוואָרן. דעם 21טן אָקטאָבער, 1923, חול המועד סוכות, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער יום־טוב'דיקער צוזאַמענקונפט פון דעם קלוב אין הויז פון אונזערע פריינט, די מאַלקיעל'ס.

אונזער ערשטער צוזאַמענקונפט איז געווען מער ווי אַ דערפאָלג. די פּראַכטפולע היים פון די מאַלקיעלס, די שיינע האַרציקע מוזיק געשפּילט פון אַ קאָמפּעטענטע טריאָ, האָט יעדן איינעם אַריינגעבראַכט אין אַ גאָר יום־טוב'־דיקער שטימונג. ווען אונזער ליבער פריינט ש. פּרעס (דער קליינשטעטדיקער) האָט פאַרנאַנדערגעעפנט די טירן פון עס־זאַל, וואו דער גרויסער טיש איז געווען נעגרייט מיט פאַרשידענע געטראַנקען און מאכלים — אַזוי ווי נאָר ער האָט עס געקאָנט צוגרייטן — האָבן מיר דאַן אַלע שטייענדיק אַרום טיש, טרינקענדיק לחיים איינער צום צווייטן, זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז אונזער פריינטשאַפט זאָל קיינמאָל ניט צושטערט ווערן, און אַז אונזער קלוב זאָל מיט אונז זיין אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיין.

אונזער ליבער מ. אָסין האָט דאַן פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן רופן דעם קלוב „אַרק" (אַרבעטער רינג קלוב). איך האָב אין דעם נאָמען געזעהן אַ סימבאָל — דער „אַרק", פּונקט אַזוי ווי נח'ס „אַרק" (תיבה), וועט ראַטעווען אונזער לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט פון צושטערט ווערן. . . .

אין די פּאָר שעה וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט בא די מאַלקיעל'ס אין הויז אין יום־טוב'דיקער פרייד, האָבן מיר דערפילט אַז מיר האָבן געפונען די אמת'ע רפואה פאַר דעם וואָס עס האָט אונז אין די לעצטע צייטן געמאַטערט.

עס איז געווען אָוונט,
און עס איז געווען מאָרגן;

די ערשטע סטאַדיע פון דעם „אַרק" איז פאַראיבער; און אַז מיר האָבן דער־זען אַז עס איז גוט, אַז דאָס וואָס מיר האָבן אין אָנהויב געזוכט צו דערגרייכן,

האָבן מיר פּיל ווינציק דערגרייכט, האָבן מיר געמאַכט אַ טראַט ווייטער. קאַנענדיק אונזערע מיטגלידער, האָבן מיר געוואוסט אַז מיר האָבן דעם ריכ־טיקן מאַטעריאַל מיט וועלכן מיר וועלן קאָנען פאַר זיך שאַפן עטוואָס וואָס זאָל אונז אין די קומענדיקע יאָרן פיל פרייד ברענגען.

אונז האָט געפעלט אַ יום־טוב, אַ טאָג אין וועלכן אונזערע נשמות זאָלן קריגן אַן עליה. אָבער ווי אַזוי שאַפט מען מיר־ניט דיר־ניט אַ יום־טוב פאַר גרויסע מענטשן וועלכע זיינען פיל יאָרן געווען יום־טוב׳לאָז, פּרינציפּיעל? . . .
אַ יום־טוב דאַרף אין אַ משך פון דורות טיפע וואָרצלען אין מענטשלאַכע הער־צער און נשמות לאָזן ביז עס פונדעוועט זיך איין צווישן מענטשן; מיר האָבן אָבער קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטן, ווייל מיר האָבן ניט געזוכט צו שאַפן עטוואָס פאַר די קומענדע דורות, נאָר פאַר זיך, טאַקע גלייך, האָבן מיר געוואָלט שאַפן אַט דעם טאָג, וועלכער זאָל פאַר אונז יום־טוב׳דיקע פרייד ברענגען; אום זיך וואָס גיכער אָפּצוגעבן דעם חוב וועלכן מיר האָבן זיך געקומט פאַר די פילע יאָרן אין וועלכע מיר זיינען געווען יום־טוב׳לאָזע מענטשן.

דאַן האָבן מיר באַשלאָסן — מיר נעמען אַלס באַזע טעג וועלכע האָבן גע־לאָזן וואָרצלען אין אונזערע הערצער, סיי דורך אַנגענעמע יוגנט דערציאונגען, און אויך דורך וועלטליכע פייערונגען; און ווען צו דעם וועט נאָך צוקומען דאָס וואָס אונזער צוזאַמענטרעפן זיך רופט סיי־ווי־סיי באַ אונז גרויס פרייד אַרויס, דאָס צוזאַמען — האָט אונז אונזער געזונטער חוש פאַרגעזאָגט — וועט פאַר אונז שאַפן אַ באַדן פאַר יום־טוב׳דיקע איבערלעבונגען.

איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז אונזער קלוב משפחה זאָל צוזאַמען אָפּריכטן אַ „דריטן סדר", אום חול המועד פּסח. עס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער פאָרשלאָג פאַר יענער צייט, ווייל ביז דאַן איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אַז סאָציאַליסטן זאָלן אָפּריכטן אַ סדר, ווען עס איז אפילו אויף אַ מאָדערנעם אופן. אפילו צווישן אונזערע מיטגלידער האָבן זיך געפונען אַזעלכע וועלכע האָבן זיך דערשראָקן אַז אַסיפּאָוו וועט מיט דער צייט דעם קלוב אין בית מדרש אוועקפירן. . . .

אונזערע מיטגלידער האָב איך צופרידנגעשטעלט מיט מיין דערקלערונג, אַז ניט דאָס בין איך אויסן, נאָר אויסן בין איך מיט מיין פאָרשלאָג, צו ברענגען יום־טוב׳דיגקייט צווישן אונז אויף אַ וועלטלעכן אופן. די גאַס האָט זיך אָבער אַזוי גיך ניט איינגעשטילט וועגן דעם „ערק׳ס" פייערן אַ סדר צוזאַמען . . .
באַ די געגנאָסן איז דאָס געווען אַ באַוויז, אַז מיר זיינען געוואָרן רעאַקציאָנערן. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און מען האָט אונז גענומען נאָכטאָן — דעם קומענדיקן יאָר האָט דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין דורכגעפירט אַ „דריטן סדר"; און שפּעטער האָט אויך דער אַרבעטער רינג גענומען פייערן אַ „דריטן סדר" מיט גרויס יום־טוב׳דיגקייט.

מיין לעבן

עס זיינען שוין פארביי 31 יאָר ווי מיר ריכטן אָפּ אונזערע סדרים, און עס וואָלט פאר מיר געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאבן צו דערקלערן פאר די וועלכע זיינען בא אונזערן א סדר קיינמאָל ניט געווען, ווי גרויס דער יום־טוב איז בא אונז ווען מיר קומען זיך צוזאמען מיט אונזערע קינדער און אייניקלעך צו אונזער דריטן סדר. איינער מוז דאָס אַליין איבערלעבן, אום צו זעהן וואָס מיר האָבן פאר זיך אין דעם „ארק" געשאפן. א גאנצע ליטעראטור איז אין דעם משך פון יאָרן בא אונז געשאפן געוואָרן, א ליטעראטור אין וועלכער עס ווערט דערציילט די געשיכטע פון דעם יום־טוב. אָן אייגענער כאָר, וועלכער זינגט אויס די אַלע שיינע לידער וועלכע זיינען ספּעציעל פאר אונזערע אָוונטן געשאפן געוואָרן. און די זעלביקע יום־טוב׳דיקע פרייד לעבן מיר איבער ניט נאָר צום דריטן סדר, נאָר אויך בא אונזער סוכות יום־טוב; חנוכה, ניי יאָר און פורים יום־טובים.

עס פארשטייט זיך, אום אויסצוארבעטן די פּראָגראמען פאר די אָוונטן, דאַרף מען ניט נאָר ליטעראַריש־מוזיקאַלישע כחות האָבן — דאָס האָט אונז קיינמאָל ניט געפעלט — מען דאַרף אויך האָבן די טרוימער, די בעלי חלומות, וועלכע זאָלן אויס׳חלום׳ן דעם צוזאמענשטעל פון דעם גאנצן אָוונט. דאָ שפּילט שוין אונזער אָסין די גרויסע ראָלע. ער, דער גרויסער בעל חלום אונ־זערער, האָט אונז אַלע מאָל באַזאָרגט מיט דעם צוזאמענשטעל פון די פּראָ־גראמען פאר אונזערע אָוונטן מיט טאַלאַנט און גרויס געשמאַק — זיינע כחות זאָל אים נאָך לאַנג דינען.

דורך אונזער „ארק" פייערן מיר אויך יובילייאומס פון אונזערע מיט־גלידער — חתונה אניווערסערים, און גלאַט שמחה׳לעך וועלכע קומען פאָר בא מיטגלידער פון אונזער קלוב, און ווערן פארוואַנדלט אין א משפחה יום־טוב.

יאָ, דער „ארק" איז געקומען אום מיט אונז צו פארבלייבן אויף תמיד. דער „ארק" וועט זיין אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיין! . . .

ש. ז. אַסיפאָוו

ווער זיינען מיר?

איך וויל קאנסטאטירן א פאקט, אז אַט די יום־טוב׳דיקע דערהויבונג וועלכע דער „ארק" רופט אין אונז ארויס, האָט פילע פון אונז געגעבן כחות צו ווערן דער רוקן־ביין פון פארשידענע פראָגרעסיווע, נאציאָנאַלע און פאָלקס באוועגונגען אויף דער אידישער גאס פון באָסטאָן. דער ארבעטער רינג, נאציאָנאַלער ארבעטער פארבאנד, פועלי ציון, הסתדרות, און אנדערע באוועגונגען, פירן אָן זייערע אקטיוויטעטן זייענדיק גאָר שטארק באווירקט פון די אקטיווע „ארק" טוער.

איך וויל דאָ דערמאָנען אייניקע פון אונזערע מיטגלידער וועלכע שפּילן א גאָר גרויסע ראָלע אין די פארשידענע באוועגונגען אויף דער אידישער גאס פון באָסטאָן: אברהם העמלין, חיים סילווערמאן, אייב טראַקטמאַן, יודל לעווין, מ. טוביאש, מ. אָסין, ס. דוב, מיכל לעפקאָוויץ, דוד מאנאסאָן, ישראל קאגנאָ, חיים הורוויץ, משה ריקלין, (זלמן אלבערט און פיליפּ בערמאן ע"ה), פריינק גראָסמאן, א. קארנעץ, ל. קיילישן, ח. גובערמאן, ה. גערבער, דזשייק דוב, סעם דוב, קארל קאָהען, דוד שאפּירא, יעקב קראוויץ, מיין וויינינקייט, און פילע אנדערע.

אין 1933, ווען ש. ניגער איז געקומען אין באָסטאָן רעדן בא דעם ארבעטער רינג פאָרום, און ער האָט פארבראַכט א טאָג בא מיר אין הויז, האָב איך אים דערציילט פון אונזער „ארק". ער איז שטארק פאראינטערעסירט געוואָרן אין דעם וואָס מיר טוען, און אין דעם אופן ווי אזוי מיר פייערן אונזערע יום־טובים. אביסל שפּעטער, האָט ער געהאַט אין „טאָג" אַן ארטיקל וועגן אונזער „ארק" און זיין יום־טוב׳דיגקייט.

זיין ארטיקל אין „טאָג" האָט מיר נאָר טיילווייז צופרידנגעשטעלט, ווייל אָנגעהויבן דעם ארטיקל האָט ער בזה הלשון: „ברכות אָהן גלויבן, קידוש אָהן כונה, יום־טוב׳דיק געדעקטע טישן אָהן אינעווייניגסטער רעליגיעזער פייערליכקייט — דארין איז דאָ עפּעס פון טעאטער, ס׳איז מער אָנשטעל ווי אמת׳ער יום־טוב."

ווען איך האָב דעם ארטיקל איבערגעלייענט, האָב איך דערפילט א שטארקן דראַנג אים איינצולאַדן צו אונזערן א סדר, אום ער זאָל זיך איבערצייגן אז אונזער יום־טוב איז אמת׳דיק, און אז דער אופן ווי אזוי מיר פירן דעם אָוונט דורך, מאַכט א שטארקן איינדרוק אויף אַלע אנוועזענדע. איך האָב אים אָנ־

געשריבן א בריוו און אים איינגעלאַדן צו זיין אונזער גאַסט בא אונזער קומענ־דיקן סדר.

* * *

אויף מיין איינלאַדונג האָב איך פון אים געקראָגן דעם פאָלגענדן ענטפער:

ליבער פריינט אַסיפּאָוו:

א הארציקן דאַנק אייך פאַר אייער פארבעטן מיך צו דער פסח פייערונג פון „ארק”. מיר פאַרדריסט באמת וואָס איך קאָן ניט מאַכן קיין געברויך פון אייער גאַסט־פריינדליכקייט. פסח ווילט זיך ניט אָוועקפאָרן פון דער פאַמיליע. אָבער אייער פסח, ווי איך געדיינק עס פון אייער באַשרייבונג, איז מיר איינגעבאַקן אין הארצן. כ'האָב שוין אַמאָל געשריבן וועגן דעם, וועל אפשר שרייבן נאָך אַמאָל. די פּראָבלעם איז: ווי מאַכט מען דעם יום־טוב פון יחידים און קליינע קרייזן פאַר א פאָלקס יום־טוב.

האָט אייך א גוטן פּסח.

מיט הארציקן גרוס,

אייער ש. ניגער

* * *

מיט א צייט שפּעטער האָט משה שטאַרקמאַן געהאַט א פּאָר אַרטיקלען אין „טאָג” וועגן א „קיום־אַרדן”, וואָס ער האָט געזוכט צו אָרגאַניזירן. לייענענ־דיק זיינע אַרטיקלען האָב איך פון זיי אַרויסגענומען, אז דאָס צו וואָס זיי שטרעבן, איז ביז גאָר ענליך צו דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין אונזער „ארק”. איך האָב אים דאַן אָנגעשריבן א בריוו, און איבערגעבנדיק אים וואָס מיר טוען אין אונזער „ארק”, האָב איך אים איינגעלאַדן צו באַזוכן אונזער קומענדיקן סדר. אויף וואָס איך האָב געקראָגן דעם פאָלגענדן ענטפער:

* * *

חשובער פריינט ס. אַסיפּאָוו:

עס האָט מיך באמת פאַרדראָסן, וואָס כ'האָב ניט געקאָנט אָננעמען אייער פאַרבעטונג. זי איז געקומען אומגעריכט און דער באַשטימטער אָוונט איז שוין געווען אויסגעפּילט מיט אַן אַנדער ענין. פון דער צווייטער זייט, האָט מיך זייער געפרייט צו הערן וועגן אייער קלוב און זיין טעטיקייט.

ש. ז. אָסיפּאָוו

אין א חודש ארום וועלן מיר אָפּהאַלטן א פאַרזאַמלונג וועגן שאַפן דעם „סיום־אָרדן", איך וועל אויף דער פאַרזאַמלונג אויך פאַרלייענען אייער איג־טערעסאַנטן בריוו און ווייזן אייערע ספּעציעלע יום־טוב לידער. די אַרבעט פון אייער קלוב געפעלט מיר זייער. פון אייער אַרבעט וועלן מיר קענען פיל לערנען.

אייער מ. שטאַרקמאַן

*　　*　　*

ווען איך האָב דערזען אַז מיט די ניו־יאָרקער גדולים קאָן איך צו קיין טאָלק ניט קומען, האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו איינעם פון אונזערע באָסטאָנער גדולים פון וועמען איך האַלט גאַנץ שטאַרק, ב. רודמאַן. נאָר לײַדער האָב איך מיט אים אויך ניט געהאַט מער מזל. איין מאָל האָט ער מיר שוין געהאַט צוגעזאָגט צו קומען צו אונזערן א סדר, נאָר אייניקע טעג פאַר יום־טוב האָט עטוואָס פּאַסירט אין זיין פאַמיליע צוליב וואָס, ער האָט מיר געלאָזט וויסן. אַז לײַדער וועט ער מיט אונז דעם אָוונט ניט קאָנען זיין.

מיר דוכט, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער דורכפאַל וואָס איך האָב געהאַט אין דעם „ארק", חוץ דעם איז אונז אַלעס געלונגען. וואָס מיר האָבן געהאַט אונטערנומען, איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי, אַז ווען מען וויל אין באָסטאָן באַצייכענען אַז עפּעס איז געווען דורכגעפירט שיין, זאָגט מען אַז עס איז געווען דורכגעפירט אַלא „ארק".

אין די 25 יאָר וואָס איך בין געווען זייער פּרעזידענט, האָב איך נאָך יעדן אָוונט וואָס דער „ארק" האָט דורכגעפירט געהערט נאָר — דער היינ־טיקער אָוונט איז געווען דער שענסטער וואָס דער „ארק" האָט ווען געהאַט.

*　　*　　*

דאָ בעט זיך אַריינצוגעבן כאָטש אייניקע פון די לידער וועלכע איך האָב געשריבן ספּעציעל פאַר אונזערע „ארק" צוזאַמענקונפטן, און וועלכע ווערן געזונגען פון אונזער כאָר און דורכגעפירט פון אונזערע דראַמאַטישע קרעפטן בא אַלע אונזערע אָוונטן.

תפילה ל׳אַרק*

אַלמעכטיקער שעפער פֿון ערד און פֿון ים׳ן,
דו וועלכער שאַפֿט און צושטערט;
פֿאַרנעם דאָ מיין תפילה און האַלט אונז צוזאַמען,
פֿאַרנעם דאָס געבעט!

צו טרוימען פֿון פֿריינדשאַפֿט איז דאָך קיין עבירה,
דאָס איז דיין ליבלינג געבאָט;
נו האַלט אונז צוזאַמען דו מעכטיקער בורא,
פֿאַרנעם דאָס געבעט!

האַלט אונז צוזאַמען, פֿאַרן סוף האָב איך מורא,
אַלעס וועט זיין אַזוי לעער;
דו קינסטלער דער גרעסטער, בא דיר ליגט די ברירה,
פֿאַרנעם דאָס געבעט!

ווען אַלעס אַרום זוכט מען נאָר צו פֿאַרדאַרבן,
מענטש טרעט אויף מענטשליך געפֿיל;
אַלמעכטיקער שעפער, ניט לאָז אונז יעצט שטאַרבן,
פֿאַרנעם דאָס געבעט!

---

* אָט די תפילה ווערט געזונגען בא אַלע אונזערע אָוונטן, די ערשטע דריי שורות סאָלאָ, און די פֿערטע שורה פֿון דעם כאָר; און עס מאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק.

ש. ז. אָסיפּאָוו

יאָרן קומען — גייען *

יאָרן קומען, יאָרן גייען,
און דער „ארק״ בלייבט מיט אונז שטיין!
קערנער טוען מיר דאָ זייען,
וואקסן זאנגען פול און שיין!

קערנער קליינע, שיינע פלאנצן,
האָבן מיר אָט דאָ געזייט,
פרוכטן, גאָלדענע מאראנצן,
זיינען יעצט פאר אונז דאָ גרייט.

און אז שניט־צייט איז אין גאָרטן,
קומט משפחה זיך צונויף,
פרייט מען זיך ווי אמאָל דאָרטן,
אין דעם בית המקדש הויף!

נעמען מיר דאָ דאַן קערב מיט פּירות
אויף די פּלייצעס, אויף די הענט,
און עס שטראָמט א פרייד פון דורות
דאַן אין אונזערע פיר ווענט.

ווייל דורך יום־טוב זיך דערהויבן
האָבן מיר דאָך אין דעם „ארק״,
ווייל געשאפן זיך א גלויבן,
איז דער בונד דאָ אזוי שטארק!

יום־טוב איז דאָ אונזער באָדן,
אונזער אטעם, אונזער לופט,
קומען מיר דאָ אָנגעלאָדן
מיט נשמה יתירה דופט!

דארום דופט דאָ מיט יצירה,
און גאָר אָפט עס רופט אין מיר —
„ס'איז אַן עונג צו זיין פירער
בא א שבט ווי בא דיר! . . .״

---

* געשריבן צום 10טן יובל פון דעם „ארק״, וואָס פאלט אוים צו אונזער סוכות פייערונג, ווען צווישן אנדערעס פירן מיר דורך א גאָר איינדרוקספולע סצענע פון שעפּן וואסער פון א ברונים.

קידוש לסוכות

מזרח, מערב, צפון, דרום,
אונזער אומה שוואַך און אָרעם,
פלעגט אין וואַנדער פון פאַרצייטן,
היים אויף סוכה אָפּט פאַרבייטן.

און אַז דער היינט איז פול מיט זאָרגן,
האָפּט מען — בעסער וועט זיין מאָרגן;
און אַז פול איז שוין דער בעכער —
מוז די רעטונג קומען גיכער!

כאָטש פאַרזאַמט זיך — קומען וועט ער
דער דערלייזער, אונזער רעטער;
און וועט פירן יעקב׳ס קינדער,
ווי ס׳פירט אַ פאַסטעך זיינע רינדער.

ער וועט קומען דער דערלייזער
צו דער וועלט, דער ווילד און בייזער,
צו פאַר׳אמת׳ן דעם חלום
פון אַן אייביק, אייביק שלום!

פיטערן וועלן זיך צוזאַמען
ווילדע וועלף און שטילע לאַמען,
אויך דער מענטש וועט ווערן בעסער,
און אונזער יום־טוב שענער, גרעסער!

ש. ז. אָסיפּאָוו

נייער קידוש לסוכות *

קדוש, קדוש, קדוש, קדוש!
הייליק איז דאָס קליין מדינה;
ווייל אמאָל נאָך, צו די אבות,
האָט צוגעזאָגט דאָס לאַנד די שכינה.

שפּרייט זיך שכינה איבער וועלט־אַל,
שפּרייט זיך איבער לענדער ימ'ן;
בינדן אונז די שכינה־שטראַלן,
אין אַ שטאַרקן בונד צוזאַמען.

ציהען אידן פון פיר עקן,
פול מיט פרייד צו קליין מדינה;
ווייל עס איז משיח־צייטן,
רוט אין קליינעם לאַנד די שכינה!

* ווען מיר האָבן באַקומען ארץ ישראל אַלס היים־לאַנד, האָב איך אָנגעשריבן דעם פאָלגענדן נייעם קידוש פאַר דעם „ארק".

אַ ליד לכבוד סוכות

ווידער בויען מיר די סוכה
אזוי, פּרעכטיק אזוי שיין,
ווידער קומט די „ארק" משפּחה
פראַווען יום־טוב דאָ צוגיין!

יום־טוב איז נאָר ווען צוזאַמען,
איין־אַליין איז קיין געגוס,
אמאָל נאָך, קיין ירושלים,
פלעגט איד אויף יום־טוב גיין צופוס.

אויף פּסח, שבועות און אויף סוכות,
סיי פון נאָענט און פון ווייט,
פלעגט מען קומען מיט ביכורים
און די פריינטשאַפט דאָרט באַנייט.

ווייל אין פריינטשאַפט איז דאָ יום־טוב,
און דורך יום־טוב קריגט מען פריינט;
אַט די תורה מוז מען לערנען
מער ווי אַלעמאָל נאָך היינט.

נו, געדיינקט זשע, ליבע אידן,
וואָס איך לערן מיט אייך היינט;
קיינמאָל זאָלט איר ניט פאַרגעסן,
„ארק" — דאָס מיינט משפּחה פריינט!

ש. ז. אַסיפּאָוו

שמחת תורה ליד

פאַר אַרק'ם סוכות פייערונג

שמחת תורה האָפּ־און־האָפּ!
טאַנצט מען פריילעך אַ גאַלאָפּ,
טרינקט מען בראַנפן — דרייט דער קאָפּ,
דרייט זיך אַט אַזוי . . .

און אין האַרצן זינגענדיק,
ווערט מען לייכט און שפּרינגענדיק,
און מיר קינדער קלינגענדיק,
טאַנצן אַט אַזוי . . .

צו הקפות גייען מיר,
לעבן טאַטן שטייען מיר,
יום־טוב פאָנען דרייען מיר,
דרייען אַט אַזוי . . .

קומען מיר אַהיים צוגיין,
ברענגען ליכטלעך מלא־חן,
איז דער יום־טוב אַזוי שיין,
אַזוי שיין אַזוי . . .

ווערט דער יום־טוב דאַן נאָך שענער,
ווייל דעם טאַטנס רייכע טענער
קלינגען — ווילע זינגען קען ער —
אַזוי שיין אַזוי . . .

שלום עליכם, שלום!
אַט ווי אין אַ שיינעם חלום,
פליען אום מלאכי שלום,
פליען אַט אַזוי . . .

גיסט מען בעכער פול מיט וויין,
זינגט דער טאַטע קידוש פיין,
אַי, איז גוט, אַ איד צו זיין,
אַזוי גוט אַזוי . . .

און די ליבע מאַמע שטראַלט,
כאָטש פון מידקייט, אַט זי פאַלט,
פון דעם קידוש זיך צושטראַלט,
שמייכלט זי אַזוי . . .

איז דער טאַטע שוין ניטאָ,
אויך די מאַמע איז ניט דאָ,
נאָר דער יום־טוב איז נאָך דאָ;
נו, כאָטש גוט אַזוי . . .

* * *

אייניקע פון די ניי־יאָר לידער מיט וועלכע מיר פירן דורך אונזער גראַנ־דיעזע ניי־יאָר פייערונג.

דער טאָג איז פאַראיבער

דער טאָג איז פאַראיבער,
דאָס יאָר איז צו ענדע,
פאַרשווינט ער אַ טריבער
און ווערט אַ לעגענדע!

קאָן איך היינט שווערן
בא וואָס מיר איז טייער,
עס וועט אַמאָל ווערן
דאָס וועלטעלע פרייער!

אַ סוף צו די ליידן,
אַן אָנהויב פון פריידן,
פאַר קריסטן און היידן,
און אויך פאַר אונז אידן!

ש. ז. אָסיפאָוו

ניי־יאָר ליד פאַר פאָטער צייט

גייט אַ יאָר, קומט אַ יאָר,
ס'איז אַ חלום אויפן וואָר!
אַלץ וואָס קומט מוז פאַרגיין,
אייביק בלייבט קיין זאַך שטיין!

נאָר דער באַרג און דער טאָל,
שטייען דאָ פון אַמאָל;
סוד'ען זיי אונז אַ סוד,
אַלעמאָל איז נאָר „אחד"!

ער באַפעלט און עס ווערט!
זיין באַפעל אויך צושטערט!
און עס קומט און פאַרשווינט,
אָט אַזוי דער ווינט!

קומט אַ יאָר, גייט אַ יאָר,
ס'יז אַ חלום אויפן וואָר! . . .

„ניי־יאָר׳ס״ ליד

יונג און שטאַרק און פול מיט לעבן,
ערשט געבאָרן היינט באַנאַכט;
גליק און פרידן און הצלחה,
האָב איך אייך דאָ היינט געבראַכט!

איך האָב געוואַנדערט איבער וועלטן,
אָן אָן אָנהויב, אָן אַ סוף;
באיצוואַוינען ווי דער אַלטער״
קריגט בא אייך דאָ היינט זיין שטראָף.

אַלץ וואָס אַלט איז, מוז פאַרשווינדן!
לאָזן פלאַץ פאַר יונג און שטאַרק;
זייט געגריסט, איר אַלע בירגער,
אַלע בירגער פון דעם „ארק״.

כ׳האָב געבראַכט אייך אַ מתנה,
אַ פּאָר קערענדלעך גאַנץ קליין;
פלאַנצט די קערנער אין די הערצער,
און אייער לעבן וועט גלייך שיין.

מענטשן־פריינטשאַפט, מענטשן־ליבע,
וועט צובליען זיך בא אייך;
ווען פאַרפלאַנצט אין אַלע הערצער,
ווערן אַלע מענטשן גלייך!

ס׳וועט ניט זיין קיין רייך און אָרעם,
ס׳וועט ניט זיין קיין שוואַך און שטאַרק;
אַלע מענטשן זיין פאַרבונדן
וועלן אין איין ליבן „ארק״.

ש. ז. אַסיפּאָוו

על הנסים

פאַר אַרק'ס חנוכה פייערונג

על הנסים זינגען מיר היינט,
ווייל אַ נס איז אונזער גאַנצער לעבן —
פעלקער מעכטיקע פאַרשוואונדן,
און אונז האָט כחות גאָט געגעבן.

איבערגעלעבט פילע המן'ס,
אויך טאָרקוועמאדאָס פייער־שייטערס;
היטלער וועט פאַרגעסן ווערן,
און אונזער פאָלק וועט לעבן ווייטער!

דורך דעם כח פון ניי־ישראל
טרעפן אונז היינט אויכעט גרייסע נסים;
קומען מיר מיט קעפּ דערהויבן
אַ נייעם בונד מיט אונזער פאָלק דאָ שליסן.

צינדן מיר היינט אָן די ליכטלעך,
ישראל פון צער זאָל מער ניט וויסן;
בענטשן מיר דעם לאַנד דעם קליינעם,
אַז פרייד און גליק זאָל פאָלק פון אים געניסן.

א פּאָר קורצע לידער פון אונזער סדר פייערונג.

גיי אַרונטער, משה!

פריי איבערזעצט פון אַ ניגראָ ספּיריטואַל מיט דעם נאָמען

ווען ישראל איז געווען אין פּרעה׳ס לאַנד,
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!
געדריקט, געשטיקט פון מצרית האַנט,
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!

כאָר —
גיי שוין משה אַרונטער אין מצרית לאַנד,
זאָג דאָרט פּרעה׳ן, לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!

ישראל זאָל מער קיין שקלאַף ניט זיין —
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!
דיין לאַנד וועט פעט פון מיין פאָלקס פּיין,
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!

כאָר — גיי שוין משה! . . .

איך ברייננ גאָט׳ס וואָרט — האָט משה באַפעלט —
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!
אויב ניט, קומט טויט אין דיין געצעלט,
לאָז מיין פאָלק גלייך פריי!

כאָר — גיי שוין משה! . . .

ש. ז. אָסיפּאָוו

ליכט צינדן פאַר אַרק'ס דריטן סדר

עס שפּרייט זיך דער יום־טוב פון ווינקל צו ווינקל,
אין הימל אַ שטערן עס טוט שוין אַ פינקל;
די מאַמע, זי היילט זיך די ליכט אָנצוצינדן,
„אַז איידער מען קערט זיך, דער טאָג טוט פאַרשווינדן".

אַט שטייט שוין די מאַמע באַם טיש דעם געגרייטן,
די הענט ווי צום יום־טוב דאָן טוט זי אויסשפּרייטן,
און נאָכדעם פאַרשטעלט זי מיט זיי זיך די אויגן,
— פיל יאָרן שוין זיינען פון דאַמאָלסט פאַרפלויגן. —

מיר זיינען פון דאַן אָן שוין גרויסע געוואָרן,
דעם גלויבן פון טאַטן און מאַמען פאַרלאָרן;
מיר גלויבן אין גלייכהייט און פרייהייט פאַר מענטשן —
פאַר דעם מוז מען קעמפן, עס העלפט ניט קיין בענטשן.

מיר צינדן די ליכט היינט אין אנדענק פון פרייהייט,
אין אנדענק פון משה בן אמרם'ס געטרייהייט;
געפירט האָט ער שקלאַפן צו זייער באַפרייאונג,
דורך יאָרן אין מדבר, צו זייער באַנייאונג.

מעבדות לחירות

מעבדות לחירות —
דאָס געדיינקען מיר פון חדר;
דער רבי ט'אונז געלערנט
אז דאַרום פּראַוועט מען אַ סדר.
משה בן עמרם —
האָט באַפרייט אונז פון מצרים —
און האָט געפירט ישראל
צו אַ לעבן גאָר אַ נייעם.

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ . . .

דער ים האָט זיך דערשראָקן,
פון שרעק האָט ער איינגעשרונקען,
און עס האָט דעם מצרי
מיט פערד און רייטער דאָרט דערטרונקען.
אָז ישיר משה —
שירה האָט מען דאַן געזונגען,
אין דעם וויסטן מדבר
האָט פרייהייטס ליד געקלונגען!

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ . . .

ש. ז. אַסיפּאָוו

אַ נייע חד גדיא

מיר האָבן געהאַט אַ ציגעלע,
אַ ציגעלע גאָר איינע,
צוזאַמען מיט דאָס ציגעלע,
אַ חלום גאָר אַ שיינעם!
חד גדיא, אַ ציגעלע אַ קליינע,
חד גדיא, אַ מעשה גאָר אַ שיינע.

איז געקומען אַ קעצעלע,
אַ קאַץ מיט פרומע אויגן;
און האָט געוואָלט דאָס ציגעלע
איר גערגעלע אויסזייגן . . .
חד גדיא . . .

דאַן איז געקומען אַן אָקס צוגיין,
אַן אָקס מיט שטאַרקע הערנער;
פאַרשפּרייטענדיק אַרום ציגעלע
פון מיסטרויען די קערנער.
חד גדיא . . .

עס זיינען געקומען הינט צוגיין
און גאָר געוואָלט זי בייסן;
מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט
ניט געלאָזן איר צורייסן . . .
חד גדיא . . .

געקומען איז אַ שטעקן צוגיין,
און געקלאַפּט — ס'איז קיין קאַטאַוועס,
וועט דאָס ציגעלע צום שוחט ניט גיין,
שיקט ער דעם מלאך־המות . . .
חד גדיא . . .

מיין לעבן

דאָס ציגעלע האָט זיך איינגעשפּאַרט,
זי האָסט דעם שוחט'ס מעסער;
זי האָט געשריען זי איז נאָך יונג,
און וויל נאָך וואַקסן גרעסער!
חד גדיא . . .

דאַן איז געקומען הקדוש ברוך־הו אַליין
צו פאַרענדיקן דעם ענין,
און האָט פאַרשלאָסן דאָס ציגעלע
אין אָרק'ס שיינעם בנין . . .
חד גדיא . . .

*　　*　　*

איך גלויב אַז די אייניקע לידער וועלכע איך האָב אַרויסגענומען פון אונזער „אָרק" בוך וועלכן מיר האָבן אַרויסגעגעבן צו זיין 25טן יובל, קאָנען געבן אַ באַגריף אפילו צו איינעם וועלכער האָט קיינמאָל ניט בייגעוואוינט אַן „אָרק" פייערונג, וואָס פאַר אַ יום־טוב'דיקע דערהויבונג איינער קריגט בײַ די „אָרק" יום־טוב צוזאַמענקונפטן. אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ באַגריף, ווייל אום דורכצולעבן אַן אמת'ן מאָמענט פון עליות נשמה, מוז איינער בייוואוינען אַן „אָרק" גראַנדיעזע פייערונג.

איז דאָס אַ סוכות יום־טוב, אַ ניי־יאָר פייערונג, אָדער דער שיר השירים פון אַלע „אָרק" פייערונגען — דער פסח סדר, דאַרף מען אַליין זיין דערביי, און דורכלעבן די פייערליכע מאָמענטן ווי דאַן ווען דער כאָר פירט דורך דאָס זינגען „גיי אַרונטער משה" באַם סדר פייערונג; אָדער די סצענע פון „ליכט צינדן", ווען דער גאַנצער כאָר פון אַרום פופצן פרויען, אַנגעטאָן אין ווייסע ספּעציעל געמאַכטע קליידער פאַר דער סצענע, מאַרשירן מיט בלומען, אונטער די טענער פון אַ שיינעם אָרקעסטער, צום גרויסן יום־טוב'דיקן טיש, שטעלן זיך אוים אין אַ שיינער פאָרמע, און דאַן קומט אַרויף די כהנ'ת אין אירע ספּעציעל געמאַכטע קליידער פאַר דעם שיינעם הייליקן מאָמענט.

דער טיש זייער יום־טוב'דיק דעקאָרירט, מיט בלומען און פסח'דיקע פּאַטראַוועס — ווי וויין, מצה, און אַ. . . . די וואַנט הינטער דעם טיש, באַפּוצט מיט טעמפּל פענצטער און עלעקטרישע באַלייכטונג. ווען די ליכט ווערן אין די שיינע לייכטער אַנגעצונדן און די כהנ'ת הויבט אָן צו זינגען דאָס ליכט בענטשן מיט דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער און כאָר — דאַן גייט אַ

הייליקער ציטער דורך צווישן די אַנוועזנדע. עס איז אַ שיינער און הייליקער מאָמענט, וועלכן מיר דאַרפן אַליין בייוואוינען אום אָפּצושאַצן און אָנערקענען די שיינקייט און יום־טוב׳דיגקייט וואָס דער „ארק" האָט פאַר זיינע מיטגלידער געשאַפן.

אַזוי איז אויך שטאַרק איינדרוקספול דער מאָמענט פון מאַכן קידוש, און דאָס אַרומזעצן זיך אַרום די פיין געדעקטע טישן פון דער גאַנצער „ארק" משפּחה מיט די קינדער און אייניקלעך, דאָס אָפּריכטן דעם סדר, דאָס פרעגן די קשיות און דער ענטפער פון דעם בעל הסדר — דאָס אַלעס איז אַזוי יום־טוב׳דיק שיין!

כאָטש עס ווערט ניט דורכגעפירט פונקט אַזוי ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן די סדרים דורכגעפירט, אָבער אידישלעך שיין — פאָלקיש שיין — וואָלט איך געזאָגט, און גרויס יום־טוב הערשט צווישן די אָנטייל נעמער.

ניט אומזיסט האָב איך צום צען־יאָריקן יובל פון דעם „ארק", צווישן אַנדערעס געשריבן:

מיר געדיינקען נאָך אַלע אַ געוויסן פּעריאָד אין אונזער לעבן, ווען מיר פלעגן מיט בייִנקעניש אַרומגעבאָפּט ווערן ווען אַ יום־טוב פלעגט אויף דער אידישער גאַס אָנקומען; און וויפיל מיר האָבן ניט פּראָבירט זיך אין די יום־טוב שטימונג אַריינלעבן, איז דאָס אונז ניט געלונגען — שוין דערפאַר אַליין — ווייל דאַן ווען מיר זיינען מיט יאָרן פריער אין די פאַרשידענע ראַדיקאַלע באַוועגונגען אַריינגעטראָטן, האָבן מיר דאָך מיט אַזאַ עקשנות און ראַדיקאַלע פרומקייט געריסן און פאַרניכטעט אַלע פעדים וועלכע האָבן אונז צוזאַמענגעהאַלטן מיט די טראַדיציאָנעלע יום־טובים פון אונזערע טאַטעס און זיידעס. אָבער מיר האָבן שטאַרק געפילט די נויטיגקייט פון אַ יום־טוב. אונז האָט שטאַרק געפעלט אַ טאָג וועלכן מיר זאָלן קאָנען אָפּטיילן פון אַלע אַנדערע טעג, און זאָגן: דאַן ווען דער טאָג וועט אָנקומען, וועט ער מיט זיך גאָר אַ סך פרייד פאַר אונז ברענגען, ווייל אין זיין אינהאַלט איז פאַר אונז אַ יום־טוב באַהאַלטן.

די ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט ניט פאַרשטאַנען די נויטיגקייט פון איינשאַפן פאַר זיך אייגענע יום־טובים, אַנשטאַט יענע פון וועלכע מיר זיינען אוועקגעריסן געוואָרן; האָט יעדער איינער פון אונז געבענקט נאָך אַ יום־טוב — נאָך אַ טאָג אין וועלכן מיר און אונזערע נאָענטע זאָלן זיך קאָנען אין אונזער גאַנצער שיינקייט אַנטפּלעקן; ווייל קליינלעך איז דאָך דער מענטש אין זיין וואָכעדיגקייט, אין זיין האַוועס און רייסן שטיקלעך און ברעקלעך פון דעם לעבן. שיין ווערט דער מענטש אין זיין יום־טוב שטימונג; צו העכערע הויכקייטן קאָן זיך דער מענטש נאָר דערהויבן דאַן ווען ער איז אין אַ נשמה יתירה צושטאַנד. דאַרום האָבן מיר זיך מיט צען יאָר צוריק מיט אונזער גאַנצן

לייב־און־לעבן אין דער אַרבעט פון בויען אונזער „ארק״ אַריינגעוואָרפן. און יעצט, ווען מיר האָבן צען יאָר אין אונזער „ארק״ אָפּגעלעבט, פילן מיר מיט אַלע חושים, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גרויסע שיינע זאַך געשאַפן; מיר האָבן פאַר זיך דורך דעם „ארק״ יום־טובים געשאַפן, און יעדער יום־טוב האָט זיך זיין טראַדיציע, זיין ליטעראַטור, און זיין יום־טוב׳דיקן אינהאַלט פאַר אונז.

* * *

בא אַ צוווייטער געלעגנהייט, ווען איך האָב געוואָלט באַווייזן ווי אַזוי דער „ארק״ האָט אויף אונז צום גוטן געווירקט, ווי אַזוי מיר זיינען דאָ דערהויבן געוואָרן, האָב איך פאַרגליכן די „ארק״ מיטגלידער מיט די נשמה יתירה מענטשן פון אַ לעגענדע, וועלכע געפינט זיך ערגעץ אין די הייליקע ספרים. (זוהר?)

די לעגענדע גייט אָט אַזוי: ערגעץ אין די הימלען געפינט זיך אַ היכל הנשמות, אַ פּאַלאַץ אין וועלכן עס ווערן אויפגעהאַלטן אַלע נשמות וועלכע דאַרפן פון צייט־צו־צייט אַראָפּנידערן אויף דער ערד און אין מענטשלעכע גופים זיך באַזעצן. אין דעם היכל (פּאַלאַץ), געפינט זיך אַ חדר מיוחד, אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וואו עס ווערן געהאַלטן די גאָר גרויסע נשמות, וועלכע זיינען צו גרויס זיך אויף שטענדיק אין מענטשלעכע גופים זיך צו באַזעצן. אָבער פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דער איד מאַכט זיך פאַרטיק די מלכה שבת צו באַגעגענען, שיקט מען יענע גרויסע נשמות אויף דער ערד אַרונטער, אום זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אויף איבער שבת מיט אידישע נשמות. דאַן קריגט דער איד אויף שבת אַ נשמה יתירה. אויף מאָרגן, ווען דער שבת גייט אַוועק, פאַרלאָזן די גרויסע נשמות די ערדישע וועזנס און פליען צוריק אין די הימלען אַוועק . . . טרעפט אָבער דאָ און דאָרט, אַז איבער שבת לעבט זיך די נשמה יתירה אַזוי שטאַרק איין מיט איר פאַראייניקטער נשמה, אַז ווען דער שבת גייט אַוועק קאָנען זיי זיך ניט צושיידן. אָט דער איד פאַרבלייבט שוין אויף שטענדיק מיט אַ נשמה יתירה . . . און פון אָט אַזעלכע נשמה יתירה אידן באַשטייט די „ארק״ משפּחה.

דאַרום איז דער יום־טוב אַזוי גרויס ווען מיר טרעפן זיך צוזאַמען אין אונזער „ארק״; און ווען מיר זינגען אונזערע לידער, מעגן זיי פון דעם שטאַנד־פּונקט פון ליטעראַריש מוזיקאַלישע קריטיקער ניט זיין קיין סימפּאַנישע גע־זאַנגען, בא אונז אָבער רופן זיי שטענדיק האַרציקע פרייד אַרויס. און דאָרט וואו צווישן מענטשן הערשט האַרציקע פרייד, דאָרטן רוט די שכינה.

ש. ז. אַסיפאָוו

דער „אַרק" און מדינת ישראל

ווען מיר האָבן געקראָגן מדינת ישראל אַלס היימלאַנד, האָט דער "אַרק" דורכגעפירט אַ ספּעציעלן אָוונט צו פייערן דעם גרויסן יום־טוב; אָבער מיט דעם אַליין זיינען מיר ניט אָפּגעקומען, אין דעם גאַנצן קומענדיקן יאָר, האָבן מיר יעדן יום־טוב אונזערן געווידמעט צו דער גרויסער געשעהעניש אין אונזער לעבן. די גאַנצע פּראָגראַם פאַר דעם אָוונט איז געווען אַזוי אויסגעפּלאַנירט, אַז דער גרויסער נס פון אונזער צייט — דער נס פון מדינת ישראל — האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן.

עס איז גאָר קיין וואונדער ניט אַז מיר אַלע האָבן אַזוי געפילט, מיר זיינען דאָך געווען אַזוי דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסן צער און ווייטאָק פון דעם וואָס אונזער פאָלק האָט געליטן אין די מלחמה יאָרן, האָבן מיר געזוכט אַן אויסדרוק צו אונזער גרויסע פרייד דורך אונזער באַליבטן „אַרק", און ביז צו אַ גרויסן גראַד איז דאָס אונז געלונגען.

ערגעץ אין אונזערע אַלטע ספרים ווערט געזאָגט, אַז די טרערן פון אידישע ליידן פאַלן אין אַ בעכער, און ווען דער בעכער וועט ווערן פול, דאַן וועט קומען די גאולה; גלויב איך אַז דער בעכער מוז זיין גאַנץ גרויס, אויב ביז איצט איז עס נאָך ניט אינגאַנצן פול געוואָרן. איך גלויב אויך, אַז דאָרטן קומט פאַר דער זעלביקער פּראָצעס פון צופלוס און אָפּפלוס אַזוי ווי עס קומט פאַר אין ים; נאָר אַנשטאָט וואָס אין ים קומט עס פאַר צוויי מאָל אַ טאָג, קומט עס פאַר אין דעם בעכער אומרעגעלמעסיק. ווען אונזער פאָלק לעבט איבער שווערע צייטן, דאַן איז אַבפלוס אין אונזער היסטאָרישן בעכער; און ווען דער צופלוס הויבט זיך אָן, דאַן דערזעט זיך אַ שטראַל פון גאולה.

ווען די ערשטע וועלט מלחמה, מיט אַלע אירע גרויזאַמקייטן, האָט אויסגעבראָכן, האָט עס אונזער פאָלק געטראָפן שטאַרקער ווי יעדן אַנדער פאָלק. זייענדיק צוזייט און צושפּרייט צווישן פעלקער, איז אונזערע זין גאָר אָפּט אויסגעקומען צו קעמפן איינע קעגן די אַנדערע ווי פיינטליכע געגנער. ניט נאָר זעלטן איז אויסגעקומען איין ברודער צו שטיין מיט'ן ביקס קעגן אַ צווייטן; ווייל זייענדיק בירגער פון פאַרשידענע לענדער, זיינען זיי געווען איינגעטיילט אין פיינטליכע מחנות. חוץ דעם, איז ניט זעלטן אויסגעקומען צו ליידן די חרפּה און ווייטאָק אין אַ לאַנד ווי די צאַרישע רוסלאַנד, ווערנדיק באַשולדיקט אין פאַראַט צום לאַנד ווען די חילות האָבן אַ מפּלה געליטן, און דער איד איז

געוואָרן דער שעיר־לעזאזל; גאָר אָפט ווערנדיק קרבנות פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען. דארום ווען צום סוף פון דער מלחמה איז געקומען די באַלפור דעקלאַראַציע, האָט אַ שטראַל פון גאולה אַ שיין געטאָן פאַר אונז, און אַ גאָר היבשע צאָל פון אונז, וועלכע זיינען ביז דאַן געווען געגנער פון אַ אידיש היילאַנד, ווייל מען האָט געגלויבט אַז ווען מען וועט אויסקעמפן אַ מער גע־רעכטע סיסטעמע פון לעבן אין די לענדער וואו מיר זיינען געווען אונטער־דריקט, וועט שוין במילא אויך די אידן פראַגע געלייזט ווערן, די אויך זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מעגליכקייט ווידער צו קריגן אונזער אַלט היים־לאַנד פאַר אונזער פאָלק.

מיר פערזענליך האָט ווידער גענומען קלינגען אין די אויערן דער אָנזאָג פון מיין טאַטן ווען איך האָב מיין שטעטל פאַרלאָזן — „געדיינק אַז דו ביזט אַ איד". איך האָב זיך גענומען מער אינטערעסירן מיט פאָלקס פראַגן, און האָב מער און מער גענומען אריינקוקן אין אידיש נאַציאָנאַלע ענינים. ווען ענגלאַנד האָט געקראָגן דעם מאַנדאַט אויף ארץ ישראל, האָב איך געפילט אַז עס קומט אָן אַ צופּלוס אין אונזער בעכער פון טרערן . . . אָבער שפּעטער, ווען דער סאָציאַליסט מעק־דאַנאַלד איז אַלס ענגלאַנד'ס פריים מיניסטער ארויס־געקומען מיט דעם „שוואַרץ־ווייסן„ פּאַפּיר פאַר ארץ ישראל, האָב איך געפילט אַז אין אונזער בעכער מיט טרערן איז ווידער אַן אַבפלוס פאָרגעקומען.

אַ פערזענליכן וויטאַק און שאַנדע האָב איך דאַן איבערגעלעבט, ווייל ארגומענטירט האָב איך דאָך פילע יאָרן, אַז ווען אונזערע וועלן איבערנעמען די פירונג פון דער וועלט, דאַן וועט יושר און גערעכטיקייט הערשן אויף דעם ערד־קוגל. דער אבפלוס אין אונזער בעכער פון טרערן האָט דאַן אָנגעהאַלטן אַ פּאָר צענדליק יאָרן, און אַז עס איז אָנגעקומען די אומגליקלעכע פּעריאָדע פאַר דער וועלט, און ספּעציעל פאַר אונז אידן, פון היטלער און זיינע נאַצים, ימח שמם וזכרם, האָב איך דערפילט, מיט יעדן גרום וואָס איז צו אונז געקומען וועגן קאָנצענטראַציע לאַגערן און קרעמאַטאָריעס, אַז אונזער בעכער פון טרערן ווערט אינגאַנצן אויסגעטריקענט. . . . אַ פונק פון האָפנונג פלעגט מען דער־פילן דאַן ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו די היסטאָרישע רעדעס פון דעם ריז פון אונזער צייט, אונזער גרויסן פרעזידענט פ. ד. רוזוועלט. ער מיט זיינע רעדעס פלעגט דערוועקן אַ פונק פון האָפנונג, אַז מען וועט דאָך פאַרטרייבן די חיה רעה פון דער וועלט.

דערווייליע איז אונזער בעכער פון טרערן געווען גאַנץ טרוקן . . . מיר האָבן אָבער דערלעבט צו זען די מפּלה פון די נאַציס, און די פרייד וואָס מיר אַלע האָבן דאַן איבערגעלעבט געדענקען נאָך אַלע. עס האָט גענומען אַ היבשע צייט פון וואַקלען זיך צווישן יאָ און ניין, ביז די פאַראייניקטע פעלקער פון

דער וועלט האָבן באַשלאָסן צוטיילן אַ טייל פון אונזער אַלטן לאַנד פאַר אונזער פאָלק אַלס היימלאַנד. ניט איינמאָל זיינען מיר געזעסן באַ די ראַדיאָ זיך צוהערנדיק צו די נייעס מיט אַ ציטער אין די הערצער, ווען די פראַגע פון יאָ אָדער ניט געבן אונז אַ טייל פון אונזער אַלט־לאַנד איז פאַרהאַנדלט געוואָרן באַ די פאַראייניגטע פעלקער אין די יו. ען. און היינט, ווען עס זיינען שוין פאַרביי זעקס יאָר ווי מיר האָבן אַ טייל פון אונזער לאַנד געקראָגן, האָבן פאַר־טריבן די אַראַבישע לעגיאָנען וועלכע זיינען דאָס לאַנד באַפאַלן מיט דעם ציל אונז אין ים אַריינצוטרייבן, און ווען מיר הערן די אַלץ מער און מער פריילעכע גערוסן ווי אַזוי דאָס לאַנד בויט זיך און ווערט פון טאָג־צו־טאָג שטאַרקער, זאָג איך צו זיך, אַז איך בין גליקלעך וואָס איך האָב דערלעבט דעם גרויסן נס פון גאולה, און מיט אַ ציטער אין הארצן וואַרט איך אויף יענעם טאָג ווען איך וועל זוכה זיין דאָס לאַנד צו באַזוכן, און זעהן מיט מיינע אויגן דעם גרויסן נס פון אונזער צייט.

אונזער הזכרה פרימאָרגן

אין דער צייט ווען דער „ארק" האָט אַזוי פיל לעבן און פרייד צווישן אונזערע מיטגלידער אַריינגעבראַכט, האָט אויך דער מלאך פון טויט געטאָן זיינס. אַ גאַר היבשע צאָל פון אונזערע טייערע פריינט זיינען פון אונז דורכן טויט אַוועקגעריסן געוואָרן. אין מיטן פון די 30־קער יאָרן, האָבן מיר באַ־שלאָסן אָפּצוטיילן איין טאָג אין יאָר (דעם ערשטן זונטיק אין יוני), אין וועלכן מיר פירן דורך אַ הזכרה פאַר אונזערע אָפּגעשיידענע פריינט. אין דעם פרי־מאָרגן, קומט די גאַנצע „ארק משפחה„ זיך צוזאַמען אויפן „אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג בית עולם". אין דעם פרימאָרגן פירן מיר דורך אַ ביז גאָר איינדרוקספולע צערעמאָניע אויפן בית עולם; און לייגענדיק אַ קראַנץ בלומען אויף יעדן קבר, דריקן מיר אויס אונזער גרויסן טרויער אויף דעם פאַרלוסט וואָס מיר האָבן געליטן דורך זייער אָפּשייד פון אונז.

דער פרימאָרגן ווערט פון אונז אָפּגעהיט מיט אַ רעליגיעזן ציטער אין די הערצער, און מיט אמת'ע הארציקע ווערטער ווערט פון אייניקע אויסגעדריקט אונזער גרויסער צער פאַר דעם פאַרלוסט וואָס מיר האָבן געליטן אין פאַרלויף פון די יאָרן.

איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָט בייגעוואוינט פריינט ישורון, דער דאַמאָלסט־דיקער פרעזידענט פון דעם אַרבעטער רינג, האָט עס געמאַכט אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז קומענדיק אַהיים אין ניו־יאָרק, האָט ער אָרגאַניזירט אַזאַ הזכרה פאַר זייערע נאָענטע פריינט אין ניו־יאָרק. אויב זיי פירן עס דורך אַלע יאָר, אַזוי ווי מיר, איז פאַר מיר ניט באַוואוסט.

די הסתדרות און דער אַרבעטער רינג

היינט צו טאָג איז דער אַרבעטער רינג און די הסתדרות גאָר נאָענטע קרובים, און עס איז אַ גרויסע פרייד פאַר די הסתדרות פריינט זיך צוצוקוקן ווי סיי די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער רינג, ווי אויך די צענדליקע טויזנטע מיטגלידער זיינע, זיינען באַרייט צו טאָן פילעס אום דער הסתדרות אין ישראל צו העלפן אין איר גרויסער אונטערנעמונג צו שאַפן פאַר שפּעטער, און לעבן היינט, אַ סאָציאַליסטיש לעבן.

עס איז אָבער ניט אַלע מאָל אַזוי געווען . . . יאָ, עס איז געווען אַ צייט ווען די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער רינג האָט געקוקט מיט חשד אויף דער הסתדרות און איר אַרבעט אין ארץ ישראל. איך, און פילע אַנדערע מיט מיר, האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די מאָטיוון פאַר דעם; ווייל עס איז דאָך געווען אַ צייט ווען מיר האָבן אויך געקוקט מיט חשד אויף דער באַוועגונג פאַר ארץ ישראל; און, אַלס סאָציאַליסטן, האָבן מיר געגלויבט אַז עס איז אַ גרויסע זינד זיך אָפּצוגעבן מיט נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צווישן אידישע אַרבעטער. . . . ווען מיר האָבן זיך אָבער באַקאַנט מיט דער אַרבעט פון דער הסתדרות אין ארץ ישראל, האָבן מיר איינגעזען ווי גרויס און וויכטיק עס איז די ראָלע וואָס די הסתדרות שפּילט אין אונזער לעבן, דאַן איז געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג פּאָפּולער צו מאַכן צווישן די צענדליקע טויזנטע מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג דאָס וואָס די הסתדרות שטעלט מיט זיך פאָר, און דורך דעם געווינען די אַרבעטער רינג מאַסן פאַר אונזער באַוועגונג.

עס זיינען דאַן אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן אַרבעטער רינג ליגעס פאַר די הסתדרות, מיט דעם צוועק צו בויערן פון אינווייניק, איבער די קעפּ פון די פירער פון דעם אָרדן.

די באָסטאָנער ליג פון דעם אַרבעטער רינג האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער באַוועגונג. איר ערשטער פּאָרזיצער און איינער פון די גרינדער (אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ער געווען דער פאָטער פון דעם געדאַנק), איז געווען וויליאַם באַקסט, אַ לאַנג יאָריקער אַקטיווער טוער אין דעם אַר־בעטער רינג, אונטער וועמענס פּאָרזיץ די ליגס פון באָסטאָן און אומגעגענט האָבן זיך גאַנץ פיין צעבליט און האָבן צוגעצויגן אַ היבשע צאָל אַרבעטער רינג מיטגלידער צו דער הסתדרות באַוועגונג.

דער צווייטער פּאָרזיצער פון די ליגעס אין באָסטאָן בין איך געווען.

אונזער ליג אין באָסטאָן האָט דאַן אָנגעפירט אַן אינטענסיוון קאַמפּיין צווישן די אַרבעטער רינג ברענטשעס; און יעדן מאָל ווען מיר פּלעגן באַזוכן אַ ברענטש און געווינען נייע אָנהייגער, איז דאָס פאַר אונז געווען אַ גאָר גרויסער יום־טוב.

אין די זומער חדשים פלעגן מיר אָרגאַניזירן אַן ארויספאָר אין אַ געווינסן זונטיק אין דעם אַרבעטער רינג קעמפּ אין פרעמינגהעם, מאַסאַטשוזעטס. עט־ליכע טויזנט אַרבעטער רינג מיטגלידער פלעגן זיך אין אַזאַ זונטיק אין קעמפּ פאַרזאַמלען, און אונזער יום־טוב פלעגט זיין גאָר גרויס. באַ איינעם אַזאַ ארויספאָר, אין דעם זומער פון 1942, ווען איך בין געווען דער פּאָרזיצער פון דער באָסטאָנער ליג, האָב איך דערעפנט אונזער גראַנדיעזע פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע וועלכע דער קאָמיטעט האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק גענוג עס איבער־צודרוקן אין דער טעגליכער צייטונג דער „טאָג“.

איך וויל דאָ ברייגנען אַן אויסצוג פון יענער רעדע. די רעדאַקציע פון „טאָג“ האָט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן די פאָלגענדע באַמערקונג וועגן דער רעדע:

„מיר דרוקן איבער די דאָזיקע רעדע פון ס. אָסיפּאָוו, ווייל מיר האַלטן אַז זי איז פון גרויס אינטערעס פאַר די לעזער פון טאָג, און ספּעציעל פאַר די מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג.“

* * *

חברים:

מיר לעבן אין אַ צייט, אין וועלכער מיר וואָלטן געוועז זייער אומגליקלעך ווען מיר וואָלטן נאָר געלעבט מיט דעם היינט. דער היינט איז אַזוי שרעקליך, אַזוי גרוזאַם, אַז ווען מיר וואָלטן באַ זיך אויף אַ מאָמענט באַשלאָסן אַז אָט אַזוי וועט שוין דאָס לעבן גיין, וואָלט דאָס לעבן ניט ווערט געווען געלעבט צו ווערן. דאַרום מוזן מיר היינט, מער ווי אַלע מאָל, טראַכטן וועגן מאָרגן; און היינט, מער ווי אַלע מאָל, מוזן מיר אין זיך אַנטוויקלען אַ גלויבן, אַז דאָס וואָס עס קומט פאָר היינט אויף דער וועלט, איז נאָר אַן איבערגאַנג.

די וועלט גייט היינט צוקינד מיט אַ נייעם סיסטעם, מיט אַ נייער אָרדנונג. די געבורטס ווייהען זיינען שרעקליך, די ווייטאָקן זיינען אומגעהויער שטאַרק... מיליאָנען יונגע לעבנס ווערן אויסגעלאָשן אין דעם שרעקליכן קאַמף צווישן דעם אַלטן אָפּגעלעבטן און דעם נייעם לעבן, וואָס רייסט זיך מיט געוואַלד אין אונזער וועלט אריין. . . .

ספּעציעל מיר אידן, צאָלן אַ גאָר הויכן פרייז אין דעם היינטיקן געראַנגל פון געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען. ניט נאָר באַרויבט מען אונז פון אונזערע

לעבנס, ניט נאָר פאַרגיסט מען אונזער בלוט, נאָר מיט אַלע מעגליכע סאַדיס־טישע מיטלען באַליידיקט מען אונזער עהרע, און מען זוכט אונז צו באַרויבן פון אונזער מענטשליכער ווירדע. ווער ווייסט וויפיל מיליאָנען מענטשליכע לעבנס וועלן פאַרלאָרן גיין ביז דאָס נייע לעבן וועט איינגעשטעלט ווערן? דער פּרייז וואָס די מענטשהייט צאָלט פאַר דעם נייעם לעבן וואָס מיר האָפן צו קריגן, איז זייער אַ הויכער; אָבער דאָס וואָס מיר האָפן צו קריגן וועט, דוכט מיר, ווערט זיין אפילו דעם הויכן פּרייז וואָס מיר צאָלן. דעם מענטשנס מאָרגן וועט עקאָנאָמיש זיין מער געזיכערט, און די וועלט וועט, ווי מיר האָפן, מער ניט געפירט ווערן פון ווילדע באַרבאַרן. נאַציאָנען וועלן ניט זוכן צו בויען זייער גליק אויף דעם אומגליק פון אַנדערע פעלקער, און ברוטאַלע מאַכט וועט מער ניט הערשן אויף דער וועלט. עקאָנאָמישע זיכערקייט פאַר יעדן איינעם וועט זיין דער באַזיס פון דעם נייעם לעבן, פעלקער און לענדער וועלן ווערן פאַרברידערט, און מענטשן וועלן זוכן זיך צו פאַרשטיין און ליב צו האָבן.

אָט אַזוי טרוים איך, און אַזוי זע איך, דעם נייעם סיסטעם וואָס וועט אויס־געפורעמט ווערן פון די שרעקליכע ווייטאָגן און יסורים וואָס די וועלט גייט איצט דורך; אָבער — אום דאָס נייע לעבן, וואָס וועט קומען דורך אַזוי פיל ווייטאָגן און יסורים, זאָל אַ קיום האָבן, איז ניט גענוג אַז די פירער און רעגירער פון לענדער זאָלן אין זייערע געזעץ אינסטיטוציעס דורכפירן געזעצן פאַר אַזאַ סאָרט לעבן. דער איינצעלנער מענטש, פון וועמען די גאַנצע געזעלשאַפט איז צוזאַמענגעשטעלט, וועט זיך מוזן אין אַזאַ סאָרט לעבן אַריינפּאַסן; דער יחיד וועט זיך זעלבט מוזן רעוואָלוציאָניזירן, זיך איבעראַנדערשן און זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן. דער יחיד וועט זיך מוזן אויסלערנען צו פאַרגעסן זיך און זיינע פּערזענלאַכע אינטערעסן, אַזוי אָפט ווי דאָס לעבן וועט דאָס פון אים פאָדערן, פאַר די אינטערעסן פון דעם כּלל. נאָר אַזוי אַרום וועט דאָס נייע לעבן האָבן אַ קיום, און נאָר אויף אַזאַ אופן וועט דאָס נייע לעבן קאָנען גע־דייען און פּראָגרעסירן.

דאַרום איז מיר היינט — מער ווי אַלע מאָל — טייער די הסתדרות אין ארץ ישראל. אָט דער פאַרבאַנד פון איבער הונדערט טויזנט אידישע „אַרבעטער, וועלכע לעבן שוין היינט אָט דעם אידעאַלן לעבן וועלכן מיר זעהען אין אונזער טרוים פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווען דאָס נייע לעבן וועט זיך אויף דער וועלט איינשטעלן — די הסתדרות אין ארץ ישראל — דערציט היינט דעם צוקונפט מענטש.

די הסתדרות אין ארץ ישראל האָט אונז געגעבן אַן עקזעמפּלאַר פון דעם טיפּ מענטש פון וועלכן די נייע געזעלשאַפט וועט דאַרפן זיין צוזאַמענגעשטעלט. די הסתדרות אין ארץ ישראל האָט געשאַפן די יאָדרע פון וועלכער אַ גרויסער

פּראַכטפולער בוים וועט זיך צעוואַקסן — אַ בוים, דורך וועמענס זאַפטיקע פרוכטן, צווייגן און בלעטער, די גאַנצע מענטשהייט וועט געפינען איר קאַמפּאָרט. . . .

די ליג פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל האָט אויף זיך אַ גרויסע און הייליקע אויפגאַבע גענומען, צו באַקאַנען וואָס מער מענטשן — ספּעציעל די מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג — מיט דעם ווי אַזוי דער יחיד אין דער הסתדרות האָט זיך איבערגעבויט, זיך רעוואָלוציאָניזירט אַזוי אַז ער לעבט און טראַכט אין טערמינען פון „מיר" און „אונזער", אַנשטאָט "איך" און „מיינס". דאָס איז גאָר אַ הויכע מדרגה, און אונזער אויפגאַבע איז צו באַקאַנען וואָס מער מענטשן מיט דעם; און זאָל דאָס אויך דערפירט ווערן צו די אויערן פון די פירער פון דעם גרויסן אַרבעטער אָרדן.

די פירער פון דעם אַרבעטער אָרדן, וועלכע זיינען אָן צווייפל אידעאַליסטן, מוזן צוזאַמען מיט אונז דערפילן, אַז דער אַרבעטער רינג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר אַ גאָר גרויסע מאָראַלישע קראַפט אין אונזער לעבן, וועט ניט זיין פאָלקאָם ביז ער וועט זיך אָנשליסן אין דער גרויסער משפחה פאַר הילף צו דער הסתדרות אין ארץ ישראל. צו דער אַרבעט חברים!

זאָל יעדער איינער פון אייך צוליינען אַ האַנט, און ענערגיש זיך נעמען צו דער גרויסער אַרבעט וואָס מיר האָבן זיך אונטערגענומען — אריינצובריינגען דעם גייסט פון דער הסתדרות אין די הערצער און מוחות פון די מיטגלידער און פירער פון דעם גרויסן אידישן אַרבעטער אָרדן, דער אַרבעטער רינג.

* * *

דער אַרויספאַר אין אַרבעטער רינג קעמפּ איז געווען אַ גאַנץ היבשער דערפאָלג. די פאַר טויזנט אַרבעטער רינג מיטגלידער פון באָסטאָן און אַרום, וועלכע האָבן אין דעם טאָג דעם קעמפּ באַזוכט, האָבן גאַנץ גוט באַנומען און פאַרשטאַנען וואָס די הסתדרות שטעלט מיט זיך פאַר. ווען די קילערע מאָנאַטן זיינען אָנגעקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַקטיוויטעט אין אונזער באָסטאָנער ליג. אונזערע צוזאַמענקונפטן, וועלכע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אַרום געדעקטע טישן און באַ אַ גלעזל טיי — אַמאָל אויך מיט אַ ביסל בראַנפן און צובייסן — זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יום־טובים באַ די פאַרזאַמלטע. באַ יעדן צוזאַמענקונפט פלעגן אָפּאינטעט ווערן קאָמיטעס צו באַזוכן די פאַרשידענע ברענטשעס פון באָסטאָן און אַרום, און די באַריכטן זיינען געווען ביז גאָר צופרידנשטעלנדע; ווייל כאָטש די אָפּאָזיציע אין די ברענטשעס איז נאָך געווען היבש שטאַרק, האָבן מיר דאָך אין יעדן ברענטש געמאַכט נייע פריינט פאַר די הסתדרות דורך אונזער באַזוכן און רעדן צו זיי.

עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן נייע ליגעס אין וואוסטער, מאַסאַטשוזעטס, אין מאָלדן און פּיבאַדי, און יום־טוב׳דיקע צוזאַמענקונפטן פלעגן איין מאָל אין דריי חדשים אָפּגעהאַלטן ווערן פון אַלע ליגעס צוזאַמען, וואו די באַריכטן וועלכע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן, פלעגן זיין ביז גאָר דערפרייענד. עס פאַר־שטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט פון אָרגאַניזירן די אַלע צוזאַמענקונפטן איז צום מערסטנס געפאַלן אויף דעם אָפּיס פון דעם הסתדרות קאַמפּיין; און אייב העמלין, דער גענעראַל דירעקטאָר פון דעם קאַמפּיין, האָט מיט אונז אָפּגעהאַלטן שטענדיקע באַראַטונגען.

עס איז געווען אַ פּעריאָדע פון בליען און וואַקסן אין דער באַוועגונג פון די „אַרבעטער רינג ליגעס״ פאַר אונזער באַליבטע הסתדרות, און יעדן מאָל ווען מיר פלעגן צוקריגן אייניקע נייע רעקרוטן צו אונזער באַוועגונג, איז דער יום־טוב בא אונז געווען גאָר גרויס, ווייל מיר פלעגן פילן אַז מיר האָבן צוגע־טראָגן נאָך אַ ציגל צום שיינעם בנין, הסתדרות.

אין דעם ווינטער 1945-6, ווען איך האָב באַזוכט מיאַמי, האָט דער אַר־בעטער רינג ברענטש פון מיאַמי ביטש איינגעלאַדן מיך און אַב. העמלין, דעם דירעקטאָר פון דעם הסתדרות קאַמפּיין אין באָסטאָן, צו רעדן אין די אינטערעסן פון די הסתדרות. דער זאַל איז געווען איבערגעפילט מיט אַרבעטער רינג מיטגלידער; צווישן זיי פילע באָסטאָנער חברים, וועלכע האָבן דאָן גע־ווינטערט אין פלאָרידאַ. איך האָב מיין רעדע געהאַט אָנגעשריבן, און עס געלייענט. איך האָב אַזוי געטאָן, אום צו זיין זיכער אַז איך וועל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין צו שטאַרקן וואָרט; ווייל אונזער אויפגאַבע איז געווען צוצוציען נייע פריינט פון די אַרבעטער רינג מיטגלידער פאַר אונזער הסתדרות. ווען איך האָב פאַרענדיגט מיין רעדע, האָבן זיך די אויסגעשפּראָכענע געגנער פון אונזער באַוועגונג אויף מיר מיט אַזאַ האַס אַרויפגעוואָרפן אַז מען איז געווען באַרייט מיך צו לינטשן. . . . אידישער נאַציאָנאַליזם האָט מען געשריען, איז סם המות, און דאָס שטימט ניט מיט די פּרינציפּן פון דעם אַרבעטער רינג . . . און א. וו. און וו. . . .

אַ גאָר היבשער טייל פון די אַנוועזנדע האָבן אָבער אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט מיין און אַב. העמלין׳ס רעדן דורך שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. דער באָסטאָנער אָפּיס פון דעם הסתדרות קאַמפּיין האָט געפונען פאַר נויטיק מיין רעדע אָפּצודרוקן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און עס צושיקן צו די ברענטשעס.

וואָרום בין איך געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהייגער
פון די הסתדרות און ארץ ישראל

אַ רעדע געהאַלטן אין אַרבעטער רינג סענטער,
מיאַמי ביטש, פלאָרידא.

פון ס. אָסיפּאָוו

ס. אָסיפּאָוו איז געווען אַ לאַנג יאָריקער אַקטיווער טוער, און נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. ער האָט גאָר אַ סך צו־געהאָלפן אין די פאַראייניקונג פון דעם אינדעפּענדענט מיט דעם אַרבעטער רינג, און איז ביז היינט אַ מיטגליד און שטאַרקער פאַרערער פון דעם אַרבעטער רינג.

אַרויסגעגעבן פון דער אַרבעטער רינג ליג פאַר העלפן דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי אין ארץ ישראל, דורך דער הסתדרות העובדים.

באָסטאָן, מאַסאַטשוזעטס

1946

מיין לעבן

טייערע פריינט:

די פון אייך, וועלכע האָבן אמאָל געלערנט חומש, געדענקען געוויס די געשיכטע, אָדער לעגענדע, פון דעם דור הפלגה. און אויב איר האָט פאַרגעסן, וויל איך אייך דערמאָנען.

דאָרטן ווערט דערציילט, אַז די מענטשן פון יענעם דור איז ניט געפעלן געוואָרן די פירונגען פון דער וועלט און זיי האָבן באַשלאָסן צו רעוואָלטירן קעגן דעם הימל . . . און מאַכן די רעוואָלוציע האָבן זיי געוואָלט גרינטלאָך.

פשוט: אויפבויען אַ טורעם וואָס זאָל גרייכן ביזן הימל, אַרויפקריכן אויפן הימל, מלחמה האַלטן מיט די מלאכים, און פאַרכאַפּן די הימלישע ממשלה. . . . דאָס ווייזט אונז, אגב אורחא, אַז אַ סך יאָרן איידער דער אָ. ר. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען זיינען געגרינדעט געוואָרן, זיינען שוין געווען רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען געווען אומצופרידן מיט די פירונגען פון דער וועלט.

ווען דער רבש״ע האָט דערזען — ווערט דאָרטן ווייטער דערציילט — אַז זיי קריכן טאַקע אין די הימלען, האָט ער, אַלס פּראָטעקציע פאַר זיין קעניגרייך, צעמישט זייער שפּראַך אַזוי אַז זיי האָבן זיך ניט געקאָנט צוזאַמענרעדן און פאַרשטיין איינע די אַנדערע. און אַז זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו פאַרשטיין, האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען, אַזוי אַז זייער גאַנצע אונטערנעמונג איז געוואָרן אַ דורכפאַל.

פון דאַן אָן האָבן מיר שוין היבש פּראָגרעסירט, היינט איז ניט נויטיק צעמישן די שפּראַך פון מענטשן אום זיי זאָלן זיך ניט קאָנען פאַרשטיין. היינט געפינען מיר גענוג אַזעלכע, וועלכע רעדן איינע און די זעלביקע שפּראַך, און דאָך פאַרשטייען זיי זיך ניט. . . .

און מיר דאַכט, אַז אָט די אומנאַרמאַלע דערגרייכונג — פון רעדן די זעלביקע שפּראַך און דאָך זיך ניט קענען פאַרשטיין אין באַצוג צו אייגענע אינטערעסן — געפינט מען מערסטנס ביי אונז אידן.

מען רופט אונז אידן, „עם קשי עורף״ — אַ האַרט־נעקיק פאָלק. און ווער ווייסט דאָס נאָך בעסער ווי מיר אַליין? און וועמען שאַדט דאָס נאָך מער ווי אונז אַליין? ספּעציעל ווען מיר זעען ווי אונזער האַרט־נעקיגקייט ווערט געווענדט קעגן אונזערע אייגענע פאָלקס־אינטערעסן.

איך געדענק אַמאָל, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען און בין געווען

אַקטיװ אין די רייען פון דעם „אידישן אַרבעטער בונד", פּלעג איך, אַרגומענ־טירנדיק מיט מײַנע קעגנער די פּועלי ציון, אויף זייערע אַרגומענטן, אַז אום דאָס אידיש פאָלק זאָל פּטור װערן פון די אַלע פּאַרפּאָלגונגען, מוז עס האָבן אַן אייגן לאַנד, זיי ענטפערן — װאָרום זאָלן מיר, אַלס סאָציאַליסטן, פאַר־שװענדן אַזוי פיל ענערגיע צו קעמפן פאַר, און נאָכדעם בויען אַן אייגן לאַנד, װאו עס װעט געװיס עטאַבלירט װערן אַ אידישער קאַפּיטאַליזם קעגן װעלכן מיר װעלן מוזן קעמפן? איז ניט בעסער, פּלעג איך אַרגומענטירן, צו קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם אָט דאָ װאו מיר זיינען, און װען די ישועה װעט קומען פאַר אַלע אונטערדריקטע, װעט שוין במילה די ישועה אויך פאַר אונז קומען ? !

מיט פרייד קען איך אָבער זאָגן: אַז מיט יאָרן צוריק האָב איך אַנטדעקט נייע אמת'ן — אמת'ן אַזעלכע, װעלכע איך האָב אין מיין פריסטער יוגנט ניט געקאָנט — און אַזוי שנעל װי איך האָב זיי, די נייע אמת'ן, אַנטדעקט, האָב איך זיי אָפּגעשאַצט און אָנערקענט.

ליידער, קאָן איך דאָס ניט זאָגן װעגן אַ סך פון מײַנע אַמאָליקע חברים, װעלכע האָבן אָנגענומען געװיסע פּאַרטיי דאָגמאַס אין זייער פריער יוגנט און זיינען פון די דאָגמאַס אַזוי שטאַרק געבונדן, אַז זיי קאָנען זיך פון זיי ניט אָװעקרייסן.

אָבער איך האָב מיין האָפנונג ניט אויפגעגעבן און איך גלויב נאָך אַלץ, אַז װען זיי װעלן דערזען אָט די אמת'ן, װעלכע איך האָב שוין לאַנג דערזען, װעלן זיי מוזן צו אונז קומען און אונז העלפן אין אונזער אַרבעט, אויב זיי װעלן זיין אָרענטלעך צו זיך אַליין.

מיט יאָרן צוריק האָב איך איינגעזען, אַז אין ארץ ישראל װערט געלייגט דורך אונזער הסתדרות העובדים, די דאָרטיקע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, דער פונדאַמענט פאַר אָט דעם שיינעם אידעאַלן לעבן װעגן װעלכן מיר האָבן אַ לעבן לאַנג געטרוימט.

װאָס איז געװען דער טרוים פון אונז סאָציאַליסטן ?

מיר האָבן גע'חלומ'ט, אַז עס װעט קומען אַ צייט און אונזער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער בנין װעט איבערגעבויט װערן אויף מער גערעכטע עקאָ־נאָמישע יסודות.

עס װעט קומען אַ צייט, האָבן מיר גע'חלומ'ט, אַז דער װעלכער שאַפט אַלעם װאָס איז נויטיק צום לעבן, װעט פון דעם אויך קאָנען געניסן. האָב איך מיט יאָרן צוריק דערזען, אַז די הסתדרות אין ארץ ישראל מאַכט פון אונזער חלום אַ שיינע װירקליכקייט.

ניט נאָר רעדט און פּרעדיקט די הסתדרות אין ארץ ישראל דעם סאָצי־אַליזם פאַר דעם װייטן אַמאָל, נאָר די 160 טויזנט מיטגלידער אירע, װעלכע

שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ גוואַלטיקן כח אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות, לעבן זיך אויס, שוין היינט, אין אַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער אָרדנונג. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אָט דעם גרויסן אמת דערזען, האָב איך זיך אַביסל דערשראָקן, פונקט ווי איינער וואָלט געפונען אַן אוצר און וואָלט מורא געהאַט צו דעם זיך צורירן, טאָמער פאַרשווינדט דאָס פון אים. איך האָב זיך אויך שטאַרק דערשראָקן דערפאַר, ווייל דער סאָציאַליזם פון אונזער הסתדרות איז דאָך פאַרבונדן מיט אידישן נאַציאָנאַליזם, און פאַר דעם האָב איך אַמאָל מורא געהאַט ווי פאַר פייער. . . .

מיין פאַרטיי פּראָגראַם איז געווען דאָגעגן אַזעלכע אומערהערטע זאַכן. ווען מיין ערשטע שרעק איז אַריבער, האָב איך זיך געפרעגט: ווי וואָלט געווען ווען איך אַנטדעק אַזאַ אוצר ביי די אירישע אָדער ביי די פינען, וואָלט איך מורא געהאַט דערפאַר ווייל זיי פירן איין סאָציאַליזם ביי זיך אין לאַנד? און ביסלעכווייז האָב איך איינגעזען דעם גרויסן אמת, אַז אַ מענטש טאָר ניט בלייבן פאַרגליווערט אין זיינע פאַרטיי דאָגמאַס, אַז נייע אמת'ן קענען אַנט־דעקט ווערן אַלע טאָג און ווען מיר זאָלן אויף זיי קוקן ניט דורך אונזערע פאַרטיי שפּאַקולן, קאָנען מיר זיי דערזען אין זייער אמת'ן ליכט.

און דאַן האָב איך זיך גענומען נעענטער צורוקן און זיך צוקוקן צו דער הסתדרות און אירע אויפטואונגען. און איך האָב אַנטדעקט נאָך עפּעס, וואָס האָט געעפנט מיינע אויגן און אָנגעפילט מיין האַרץ מיט ליבע און באַ־גייסטערונג פאַר אונזער הסתדרות. און אָט וואָס נאָך איך האָב דערזען, וואָס איך האָב אַמאָל ניט געזען — מיר זיינען אַמאָל געווען אַזוי נאַאיוו אין אונזער גלויבן, אַז מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס דאַרף נאָר קומען אַ רעוואָלוציע און אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע וועט דאָס מענטשלאַכע צוזאַמענלעבן גלייך ווערן אַזוי שיין און אידעאַל ווי מיר קענען זיך דאָס נאָר פאָרשטעלן.

האָבן מיר אין אונזערע טעג איבערגעלעבט רעוואָלוציעס און מיר האָבן איינגעזען, אַז אַ רעוואָלוציע מאַכט נאָר אַן איבערקערעניש אין דעם סיסטעם פון לאַנד, גאַנץ אָפט בייט עס נאָר אום איין גרופּע הערשער אויף אַ צווייטער, אָבער די אמת'ע פרייהייט איז נאָך אַלץ אַ זאַך אויף וועלכער מען דאַרף האָפן אויף דער וייטער צוקונפט.

און אַנדערש קאָן דאָס גאָרניט זיין. ווייל אמת'ע פרייהייט און דאָס אמת'ע מענטשלאַכע גליק וועט ערשט קאָנען קומען דאַן, ווען דער מענטש וועט זיך אַליין איבעראַנדערשן. מיטן דורכפירן אַ רעוואָלוציע אין אַ לאַנד, מיינט דאָס נאָך ניט אַז דער יחיד, פון וועמען די גאַנצע געזעלשאַפט איז צו־זאַמענגעשטעלט, האָט זיך אַליין רעוואָלוציאָניזירט, און אַנשטאָט צו האַנדלען און טראַכטן אין טערמינען פון „איך" און „מיינע", האָט ער שוין גלייך אָנ־

געהויבן צו טראַכטן און האַנדלען אין טערמינען פון „מיר" און אונזערע", ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט פון אים באַטראַכט ווערן ווי זיין אייגענע ליבע משפּחה.

אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע בלייבט דער יחיד נאָך אַלץ דער זעלבער וואָס ער איז געווען אַ טאָג פאַר דער רעוואָלוציע, און מען דאַרף נאָך אַלץ האָבן צו אים אַ בייטש אום ער זאָל זיך האַלטן אין די ראַמען פון אַנשטענדיקייט. און דערום קאָן גלייך אמת'ע פרייהייט און גליק פאַר אַלע ניט קומען.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט אונזער הסתדרות. די הסתדרות העובדים, זייענדיק באַהויכט פון אַ צוווייענדיקן אידעאַל, פון שאַפן אַ היימלאַנד פאַר אונזער געיאָגטן פאָלק, און אין איינפירן אַ סיסטעם אין לאַנד, וועלכע זאָל זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער, האָט געזוכט צו דערציען דעם יחיד אַזוי, אַז ער האָט זיך איבערגעאַנדערשט און ער, דער יחיד, טראַכט און האַנדלט שוין פון יאָרן און יאָרן אין טערמינען וואָס איז גוט פאַרן כלל און פאַרן גאַנצן ישוב.

אָט צו דעם מענן מיר זיך אַלס סאָציאַליסטן צוקוקן, מאַכט ניט אויס צו וועלכער פּאַרטיי אָדער ריכטונג מיר באַלאַנגען, רוקט זיך צו נעענטער, אַזוי ווי איך האָב געטאָן מיט יאָרן צוריק, און איר וועט צוגלייך מיט מיר דערזען די גרויסע הערלאַכע הסתדרות אין איר גרויסן עקספּערימענט איינצופירן סאָציאַליזם אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. און דאַן, ווען איר וועט אָט דעם גרויסן אמת דערזען, וועט איר — אויב איר זייט נאָר אמת'ע אידעאַליסטן — צוגלייך מיט מיר און פילע אַנדערע מוזן ווערן שטאַרקע אָנהענגער פון דער איין־און־איינציקער הסתדרות און איר העלפן אין איר גרויסן, הערלאַכן עקספּערימענט.

* * *

עס קומט מיר אויס אָפט צו רעדן און אַרגומענטירן מיט פריינט, וועלכע האָבן נאָך ניט איינגעזען אָט די אמת'ן, וועלכע איך האָב שוין לאַנג דערזען, אין באַצוג צו אַן אייגן היימלאַנד און אין באַצוג צו אונזער אומפאַרגלייכבאַרע הסתדרות. און ווען עס נעמען זיך ביי זיי אויס אַרגומענטן, דאַן ווענדן זיי אָן — ווי זיי דיינקען — דעם שטאַרקסטן אַרגומענט צו באַווייזן ווי אומגערעכט איך בין אין מיינע באַהויפּטונגען.

וואָס הייסט? רופן זיי אויס מיט פּאַטאָס, און איך זע ווי זייערע הערצער ווערן אַזש פון גרויס ווייטיק צוזאַמענגעדריקט — אויס רחמנות פאַר די בידנע אַראַבער — ווי אַזוי קאָנען מיר, — מענטשן וועלכע גלויבן אין יושר און גערעכטיקייט — קומען און צונעמען דאָס לאַנד פון די אַראַבער?

מיין לעבן

וואָס וועלן זיי, די בידנע אַראַבער, נאָכדעם טאָן?

איז כאָטש ווען איך הער פון זיי אָט דעם אַרגומענט, ווערט מיין אידיש האַרץ שטאַרק גערירט פון זייער גרויסער מענטשן־פריינטשאַפט און גרויסע ליבע צו די אָרימע אַראַבער, — דאָך טראַכט איך ביי זיך דאָן, — נאַראָנים וואָס איר זייט, אייערע אייגענע אומגליקלאַכע און געיאָגטע ברידער, וועלכע קענען אין ערגעץ קיין מנוחה ניט קריגן און זיינען אומעטום דער ציל־ברעט און קרבנות פון דעם שרעקלאַכסטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט ווען ניט איז עקזיסטירט אין דער וועלט, פאַר זיי אַרט אייך ניט, נאָר אייערע הערצער זיינען נעבאָך אָנגעפילט מיט גרויס צער פאַר די אַראַבער.

דאָס טראַכט איך ביי זיך.

אָבער זיי ענטפער איך אַנדערש. פאַר דורות, ענטפער איך זיי, איז ארץ ישראל פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. דאָס לאַנד איז פאַרטריקנט און פאַרוויסט געוואָרן, טיילווייז צוליב די פוילקייט פון די אַראַבישע עלעמענטן און טיילווייז דערפאַר, ווייל גרויסע שטחים לאַנד זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אַראַבישע עפענדים, אַראַבישע פּריצים, און דורך געדונגענע באַטראַקעס, פאַר אַ הונגער לוין, פלעגן קליינע טיילן פונם לאַנד באַאַרבעט ווערן און דאָס איבעריקע פלעגט טריקענען.

פרעג איך אייך, מיינע טייערע גענאָסן, אויף וויפיל איך ווייס, פלעגן מיר סאָציאַליסטן אַלע מאָל גלויבן און אַגיטירן דערפאַר, אַז די ערד מוז באַלאַנגען צו די וועלכע ווילן זי באַאַרבעטן און ניט צו די וועלכע האָבן עס דורך פאַר־שידענע מאַניפּולאַציעס פאַרכאַפּט.

זיינען געקומען אידישע אַרבעטער, אידישע סאָציאַליסטן, און אויסקויפנ־דיק — „מיינד יו" — אויסקויפנדיק דאָס לאַנד, אַ סך מאָל פאַר אַ פּרייז וואָס איז פינף און צען מאָל גרעסער ווי די אמת'ע ווערט פון לאַנד, און באַזעצנדיק זיך אויף דאָס אומפּרוכטבאַרע און אין זומפּן פאַרוואַנדלטע לאַנד, מיט גוואַל־טיקער מי, מיט אומפאַרגלייכבאַרע אַרבעט און קרבנות, מיט אומגעהערטער עקשנות, דאָס לאַנד אין משך פון יאָרן אין אַ פרוכטבאַרן גן עדן פאַרוואַנדלט, אַז ווער עס קומט אַהין און קוקט אָן דעם ישוב און ווייסט וואָס פאַן אַן ענדער־רונג דאָרטן איז פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, קאָן קיין גענוג לויב ווערטער פאַר דעם גוואַלטיקן אויפטו ניט געפינען, און פאַרשטייען אַז נאָר מענטשן, וועלכע זיינען פון אַ גרויסן אידעאַל באַהויכט, קאָנען אַזעלכעס באַווייזן.

*　　*　　*

יע, אַלע קאָנען עס זען און פאַרשטיין, חוץ אַ געוויסער סאָרט אידישע

גענאָסן, וועלכע האָבן זיך אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין אַ פּאַרכישופטן קרייז אַריינגעדרייט, און קאָנען זיך פון דעם קרייז ניט אַרויסדרייען.

איך קאָן פאַר דעם קיין אַנדער נאָמען ניט געפינען, ווי אידישער אַנטי־סעמיטיזם, אידישער אידן האַס, אונזער גרויסע חרפּה, אונזער גרויסע שאַנדע! ווייל איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז זיי, אַט די זעלביקע גענאָסן, וואָלטן ניט געשפּרונגן קיין קדוש און וואָלטן ניט געפונען גענוג לויב־ווערטער, ווען זיי דערזען אַזאַ דערשיינונג ביי ניט־אידן. . . .

וויי צו אונז, וואָס דער לאַנגער גלות האָט פון אונז געמאַכט!

* * *

די הסתדרות אין ארץ ישראל, אַט די אויפגייענדיקע, ליכטיקע זון פון אונזער הערלאַכן אידעאַל, האָט נאָך פילע, פילע גרויסע פאַרדינסטן. ווייל איך דאָ דערמאָנען כאָטש נאָך איינעם פון זיי.

די וועלט זאָגט, אַז מיר אידן זיינען ווינט מענטשן. אַז אַ לעבן קאָן דער איד מאַכן נאָר פון שאַכער־מאַכער, פון כאַפּ־לאַפּ. ווען עס קומט אָבער צו פּראָדוקטיווע אַרבעט, וועט זיך דער איד אַרויסדרייען. אַזוי זאָגט די וועלט וועגן אונז, מיט ניט ווינציק שנאה.

איז געקומען די הסתדרות אין ארץ ישראל און האָט באַוויזן מיט פאַקטן, אַז זאָל מען נאָר דעם אידן געבן אַ געלעגנהייט, זאָל מען נאָר דעם אידן לאָזן זיך באַזעצן אויף דער ערד און אים ניט שטערן, וועט ער מיט דעם שוויים פון זיין פּנים און מיט גוואַלטיקער ענערגיע אַרויסציען פון דער ערד די זעלביקע וואונדער וואָס ער האָט באַוויזן אין דער וועלט פון האַנדל און מאַניפּולאַציע. און ניט איין שונא ישראל איז לעצטנס פאַרשטומט געוואָרן, ווען מען האָט אים אויפגעוויזן אויף אונזער גרויסן אויפטו אין ארץ ישראל דורך דער הסתדרות העובדים.

פריינט, מיטגלידער פון דעם אַרבעטער רינג, אונזער פירערשאַפט האָט נאָך ביז איצט ניט אַנערקענט אַט די גרויסע אמת׳ן, וועלכע איך, און טויזנטער אַנדערע מיטגלידער פון אונזער אָרדן, האָבן שוין לאַנג אַנטדעקט און אַנערקענט. ווייל איך צו אייך זאָגן:

די פון אייך, וועלכע האָבן צוגלייך מיט מיר איינגעזען די גרויסקייט פון אונזער איין־און־איינציקער הסתדרות, טאָרן ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואָס אונזער אָרדן אַלס גאַנצער האָט נאָך ביז איצט די הסתדרות ניט אַנער־קענט. מיר מוזן זען, אַז ביי אונזערע מיטינגען זאָל די פראַגע שטיין אויפן טאָג־אָרדנונג; אַז ביי אונזערע קאָנווענשאַנס זאָל די פראַגע אויפגענומען און פאַרהאַנדלט ווערן, און די פירערשאַפט פון אונזער אָרדן מוז איינמאָל פאַר

אַלע מאָל איינזען, אַז מיט זייער פּאַרקוקן און איגנאָרירן די הסתדרות, האַנדלען זיי קעגן דעם ווילן און איבערצייגונג פון אַ גאָר גרויסע צאָל מיטגלידער פון דעם אָרדן און קעגן די אינטערעסן פון דעם אָרדן אַלס גאַנצן.

* * *

ווייל מיר גלויבן, אַז דער אַרבעטער רינג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן מאָראַלישן כח אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע; דער אַרבעטער רינג, וועלכער האָט געהאָלפן בויען די אידישע יוניאָנס דאָ אין לאַנד, געשטיצט און אויפגעהאַלטן פאַרשידענע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, שטענדיק אין זיך געפונען דעם מאָראַלישן כח צו העלפן דעם שוואַכן אין זיין גערעכטן קאַמף קעגן דעם שטאַרקן, אָט דער געפיל פון גערעכטיגקייט, וועלכער האָט פילע פון אונז נאָך מיט יאָרן צוריק אין די סאָציאַליסטישע רייען אַריינגעבראַכט; אָט דער אָרדן אונזערער וועט ניט זיין פולשטענדיק פּראָגרעסיוו, ביז ער וועט ניט איינזען און אָנערקענען די גרויסע סאָציאַליסטישע אויפטואונגען פון די איין־און־איינציקע הסתדרות העובדים אין ארץ ישראל.

* * *

איך דרוק דאָ איבער מיין דאַמאָלסטדיקע רעדע, און איך בין מער ווי זיכער, אַז אויב צווישן די וועלכע וועלן עס איצט לייענען, וועלן זיך געפינען איינציקע פון די וועלכע האָבן דאַן קעגן מיר פּראָטעסטירט, וועלן זיי קוועטשן מיט די פּלייצעס, זיך פרעגנדיק: וואָרום האָבן זיי דאַן פּראָטעסטירט? ווייל פון דאַן אָן, האָבן זיי שוין אויך איינגעזען דעם גרויסן אמת, וועלכן מיר האָבן דאַן געזען. . . .

נאָך דער וואַקאַציע

קומענדיק אהיים, נאָך דעם לאַנגן 12־וואָכעדיקן יום־טוב, וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט אין מיאַמי ביטש, איז מיר אויפן האַרצן געווען ניט גאָר יום־טוב'דיק. אמת, פיזיש האָבן מיר ביידע — איך און מיין ווערא — געפילט גאַנץ גוט, די וואַקאַציע האָט אונזביידן פיל גוטס געטאָן; אָבער אַז מען איז געזונט, ווילט זיך אויך עסן. קיין דזשאָב האָב איך ניט געהאַט, און אונזער באַלאַנס אין באַנק איז געוואָרן גאַנץ קליין, ווייל אונזער אָפּרו אין מיאַמי ביטש האָט פאַרצערט דעם גרעסטן טייל פון אונזער פאַרמעגן. קיין יונגער־מאַנטשיק בין איך שוין אויך ניט געווען, און איך האָב שטענדיק שטאַרק מורא געהאַט, אַז ווען די עלטער וועט זיך אָנרוקן, זאָל איך חס ושלום ניט דאַרפן

אָנקומען צו מײנע פֿרײנט אָדער קינדער נאָך שטיצע. הפּנים אַז אָט די מורא איז אַרײַן אין מײנע בלוטן ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, און איך פֿלעג זעהן ווי מײן טאַטע האָט אײַנגעלײגט ווערלטן ווען עס איז ימים נוראים געקומען צו דער תּפֿילה „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כוחינו אל תעזבנו".

כאָטש איך האָב געוואוסט אַז עס וועט מיר ניט נעמען לאַנג און איך וועל קריגן אַ דזשאָב, פֿונדעסטוועגן בין איך געווען גאַנץ אומרואיק. מער פֿון מיר, איז נאָך אומרואיק געווען מײן ווערא. זי איז בטבע געווען מער שרעקעדיק פֿון מיר, און זי האָט שטענדיק אַזאַ לאַגע גענומען מער ערנסט ווי איך פֿלעג עס נעמען. איך האָב באַ זיך באַשלאָסן, אַז אויב איך וועל אַפֿילו באַלד קריגן באַשעפֿטיקונג, זאָל איך קריגן נאָך עטוואָס וואָס זאָל מיר העלפֿן מאַכן מײן פֿינאַנציעלע לאַגע אַביסל מער זיכער.

אַ פּאָר וואָכן נאָך אונזער קומען אַהיים פֿון מיאַמי ביטש, האָב איך געקראָגן אַ דזשאָב אין באָסטאָן, וועלכער האָט געצאָלט 150 דאָלער אַ וואָך; איז שוין אויפֿן האַרצן געוואָרן פֿרײלעכער, פֿונדעסטוועגן האָב איך ניט אויפֿגעגעבן מײן געדאַנק צו קריגן נאָך עטוואָס וואָס זאָל מיר געבן אַביסל מער זיכערקײט אין לעבן.

מיר האָבן צו יענער צײט געהאַט אַ זומער כאַטקע אין נאַהאַנט ביטש. פּונקט אַנטקעגן דער כאַטקע זײַנען געווען אַ פּאָר הײַזער וועמענס אײגענטימער איז געווען אַן אַלטע גויע, און איך האָב געוואוסט אַז הײַנט מאָרגן וועט זי זײ פֿאַרקױפֿן. איך האָב שטענדיק אַן אויג געהאַלטן אויף די הײַזער.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך דערוואוסט אַז די הײַזער זײַנען צום פֿאַרקױפֿן. קײן געלט, מיט וואָס די הײַזער צו קױפֿן, האָב איך טאַקע ניט געהאַט, אָבער איך האָב געהאַט בטחון, אַז אויב איך וועל נאָר דורכקומען מיט דעם פּרײַז, וועט שוין גאָט העלפֿן. . . .

איך בין אוועק צום אַגענט און אים געגעבן אַן אָפּער צען טויזנט דאָלער. אין דער זעלבער צײט, האָט מיר מײן האַרץ געשראָקן — טאָמער איז עס אַזוי פֿיל ניט ווערט. . . . האָב איך באַשלאָסן צו ווײַזן די הײַזער צו מײנעם אַ פֿרײנט, וועלכער ווײסט מער פֿון מיר וועגן ריעל עסטײט, און פֿרעגן אים אַן עצה; און אויב פֿרעגן אַ פֿרײנט, איז דאָס ניט קײן אַנדערן ווי מײן לאַנג־יאָריקן פֿרײנט ב., ווײַל סײ ער און אויך זײַן פֿרוי האָבן שטענדיק גענומען אַן אינטערעס אין מײן עקאָנאָמישער לאַגע. מיר פֿלעגן גאָר אָפֿט באַזוכן אײנע די אַנדערע, און אין די לעצטע יאָרן, זײַנען זײ אויך אַרײַנגעקומען אַלס מיטגלידער פֿון אונזער „אַרק" קלוב.

באַשלאָסן און געטאָן . . . אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זײ אַרײַנגעפֿירט אין די הײַזער און זײ געפֿרעגט וואָס זײ דענקען וועגן דעם אָפּער וואָס איך

האָב געגעבן צו דעם אַגענט. קיין קלאָרע תשובה האָב איך פון מיין פריינט ב. ניט געקראָגן אויף מיין פראַגע, וואָס איך האָב אָבער יאָ אויסגעפונען שפּעטער, איז — אַז מען טאָר צו קיין קאַץ ניט ווייזן קיין סמעטענע, און דאָס אָפּשטעלן ניט פאַרדעקטערהייט. . . .

אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען מיר געקומען צו מיין פריינט ב. צו פאַר־ברייננען אַן אָוונט מיט זיי, אַזוי ווי מיר פלעגן גאָר אָפט טאָן. זיצנדיק באַ אַ גלעזל טיי, רופט זיך אָן צו מיר מיין פריינט ב.: איך האָב אייך עפּעס צו דערציילן, פריינט אַסיפּאָוו. פריער אָדער שפּעטער, זאָגט ער ווייטער, וועט איר זיך דאָך סיי ווי דערוויסן, נו, איז גלייכער אַז איך זאָל עס אייך אַליין דער־ציילן. . . .

איך האָב זיך צוגעגרייט צו הערן וואָס איר ווילט אַליין, אָבער פאָר קיין פאַל ניט דאָס וואָס איך האָב שפּעטער געהערט. איך האָב, זאָגט ער, אָפּגע־קויפט די צוויי הייזער וועלכע איר האָט מיר געוויזן פאַר עלף טויזנט דאָלער. . . .

פון אָנהויב האָב איך אַקוראַט ניט באַנומען דעם מיין פון דער געשיכטע. דער ערשטער געדאַנק וואָס איז דורך מיין מוח דורכגעלאָפן איז געווען, אַז ער האָט די הייזער אָפּגעקויפט פאַר מיר. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַנדערש דענקען? ער איז דאָך מיינער אַ פריינט, נו, האָט ער געוואָלט זיין זיכער אַז איך וועל די הייזער ניט אָנווערן. . . . אַי, ער האָט מיך ניט געפרעגט אויב איך וויל געבן טויזנט דאָלער מער ווי איך האָב אָנגעבאָטן? נו, איז ווידער דער זעלביקער תירוץ — ער האָט מסתמא ניט געוואָלט אַז אימיצער זאָל עס באַ מיר אויסכאַפּן . . . און אַזוי ווי איך האָב זיך דאָך פאַרלאָזן אויף זיינע מבינות, האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט. . . .

אָט אַזוי האָב איך דעם ענין אויסגעטייטשט . . . ווען איך האָב אים באַ־דאַנקט פאַר זיין פריינטשאַפט, און געזאָגט, אַז, אם ירצה השם, מאָרגן וועל איך אים אָפּגעבן די פאָר הונדערט דאָלער וואָס ער האָט געגעבן אַלס אַן אויפ־דערויף, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ שמייכעלע ווי ער וואָלט געזאָגט: וואָס פאַר אַ פּרא־אָדם ביזטו? . . . און האָט פאַרענדיקט דעם ענין, זאָגנדיק צו מיר: ניין, מיין פריינט — נאָך אַלץ פריינט — איך האָב די הייזער געקויפט פאַר זיך! . . .

ווען ער וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבער מיין קאָפּ, וואָלט איך ניט געוואָרן אַזוי פריטשמעליעט ווי איך בין געוואָרן פון זיין בשורה.

עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין טיי האָבן מיר שוין מיט „אונזער פריינט" דעם אָוונט ניט געטרונקען. אַרויסגייענדיק פון „מיין פריינטס" הויז, בין איך געבליבן שטיין. ווייל הימל און ערד האָבן זיך פאַר מיר אויסגעמישט צוזאַמען, און האָבן מיך אַזוי צוזאַמענגעדריקט, אַז איך האָב פאַר אַ היבשער ווילע

קיין טראַט ניט געקאָנט טאָן. איך האָב געהאַלטן אין מורמלען צו זיך אַליין: ווי איז מיר, איז דאָס מעגליך אַז אַ פריינט זאָל אַט אַזוי האַנדלען קעגן אַ פריינט? . . . מיין טאַטע האָט דאָך אַזוי פיל מאָל געזאָגט, אַז איין איד וועט אַ צווייטן ניט משיג גבול זיין . . . איך האָב דאָך דאָס אַליין געהערט פון אים . . . היינט נאָך אַ פריינט דערצו? ! . . .

מיין ווערא, ווידער, האָט ניט געפילט אַזוי שלעכט ווי איך וועגן דעם ענין, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם שטאַרקן גלויבן אין מענטשן וואָס איך האָב געהאַט; און „משיג גבול" געשיכטע איז פאַר איר אינגאַנצן געווען פרעמד, האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן: נו, מיין מאַן, לאָמיר גיין אַהיים; און אַ צווייטן מאָל, וועסטו אַ פּאָר מאָל איבערטראַכטן איידער דו וועסט נעמען אַ פריינט אויף מבינות.

אַהיים בין איך טאַקע מיט איר אַוועקגעגאַנגען, אָבער מיט אַ שטאַרקן באַשלוס אין האַרצן, אַז די הייזער וועל איך בא אים אַרויסרייסן.

אויף מאָרגן האָב איך פאַרופן אַ מיטינג פון אייניקע בשותפותע פריינט אונזערע. ווען איך האָב זיי דערציילט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זיינען זיי געווען אויסער זיך. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו ניט געקאָנט גלויבן אַז פּונקט אַזוי האָט עס פּאַסירט. האָט מען פאַרופן אונזביידן צו אַ צווייטן מיטינג, און ער האָט דערציילט די זעלביקע געשיכטע, פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס זיי דערציילט. ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז ער האָט געוואוסט אַז איך האָב ניט קיין געלט די הייזער צו קויפן, דערפאַר האָט ער זיי אָפּגעקויפט. . . .

דער סוף פון דער מעשה איז געווען, אַז ער האָט מיר די הייזער געמוזט צוריקגעבן. דערציילט אָט די מעשה האָב איך, ערשטנס דערפאַר ווייל עס איז גלאַט אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג; און צווייטנס, צוליב דעם, אַז עס איז גלייכער אָנצונעמען מיין ווערא'ס שטאַנדפּונקט אין לעבן — פון איבער־טראַכטן אַ פּאָר מאָל איידער מען ברענגט אַ מענטשן צום נסיון. . . .

אַ נייער קאַפּיטל הויבט זיך אָן אין אונזער לעבן

איך האָב איבערגענומען די הייזער. אין 30 טעג האָב איך געדאַרפט שאַפן 11 טויזנט דאָלער. מיין אייגענעם אין באַנק האָב איך געהאַט 500 דאָלער. עס דערמאָנט מיך אָן אַ אידן באַ אונז אין שטעטל, וועלכער פלעגט זאָגן: ווען איך זאָל וועלן גיין אין געשעפט פאַר זיך, האָב איך איין זאַך — מיין ווייב קאָן אַביסל רוסיש רעדן. . . .

אָבער אין אַ געוויסן זין האָב איך געהאַט מער ווי דאָס — איך האָב געהאַט אַ דזשאָב וועלכער האָט מיר אַריינגעבראַכט 150 דאָלער אַ וואָך, מיט אַ צוזאָג, אַז אויב אין דריי חדשים וועלן זיי אויסגעפינען אַז איך בין דער ריכטיקער מענטש פאַר זיי, דאַן וועט מיינע שכירות זיין 200 דאָלער אַ וואָך. איך האָב אַריינגעטאָן מיין גאַנצע ענערגיע אין מיין נייעם דזשאָב. אין דער זעלביקער צייט, האָב איך אָבער געמוזט אָנווענדן מיין גאַנצן אַרט דיינקען אום צו קריגן די גאַנצע סומע אין פאַרלויף פון 30 טעג. אין באַנק האָט מען מיר מער ווי פינף טויזנט דאָלער ניט געאָפּערט אַלס מאָרטגעדזש, איך האָב אָבער געמוזט שאַפן וויינינגסטנס אַכט טויזנט דאָלער

אין איין שיינעם טאָג האָב איך באַגעגנט אַ פריינט, אַ מיטגליד פון אונזער קלוב, אָסקאַר ראָזין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער האָט געהערט אַז איך האָב געקראָגן די הייזער פון „מיין פריינט" ב., האָט דאָס אים שטאַרק געפריידט. דאַן האָב איך אים דערציילט פון מיין פאַרלעגנהייט, אַז איך מוז שאַפן אַכט טויזנט דאָלער אַלס מאָרטגעדזש, אויב ניט, פאַרליר איך די הייזער צוריק. אויף וואָס ער האָט מיר געענטפערט — ניין, מיין פריינט אָסיפּאָוו, איר וועט די הייזער ניט פאַרלירן. קומט אַרויף מאָרגן 12 דעם זייגער צו מיר אין שאַפּ, איך וועל דאַרטן זיין מיט מיין לאָיער, און איך וועל אייך געבן די אַכט טויזנט דאָלער וואָס איר דאַרפט אַלס מאָרטגעדזש. . . .

אויף מיין פראַגע, אויב ער וועט ביז מאָרגן האָבן גענוג צייט די הייזער אָנצוקוקן, האָט ער מיר געענטפערט: ניין, מיין פריינט, איך וועל קיין צייט ניט האָבן זיי אָנצוקוקן, און איך דאַרף עס ניט אָנקוקן. אייער נאָמען איז גענוג באַוואָרעניש פאַר מיר. . . . אין דער מינוט האָב איך פאַר זיך דערזען ניט מיין פריינט אָסקאַר ראָזין, נאָר אליהו הנביא איז פאַר מיר געשטאַנען, אין דעם געשטאַלט פון אָסקאַר ראָזין. . . .

ש. ז. אָסיפּאָװ

הארציק דריקנדיק זיין האנט, האָב איך געזאָגט צו זיך, ניט אַלע מענטשן זיינען אַזוי ווי „מיין פריינט" ב., עס זיינען נאָך דאָ אויך אַזעלכע מענטשן בא וועמען פריינטשאַפט שטייט העכער פון געלט און פּראַקטישע חשבונות. . . . די איבעריקע 2,500 דאָלער האָט מיר מיין טאָכטער אויסגעליהען. הייסט עס, אַז מיין בטחון, און איינגעבאָרענער אָפּטימיזם, האָבן מיך דעם מאָל ניט אָפּ־גענאַרט.

עס איז אָנגעקומען אַ פּעריאָדע פון שווערע ארבעט פאַר מיר. איך האָב געאַרבעט שווער, סיי אויף מיין דזשאָב, ווי אויך אויף די הייזער, ווייל זיי האָבן געפּאָדערט אַ היבש ביסל רעמאָנט.

איך האָב פון פריער געוואוסט, אַז אום צו ברייננגען די הייזער צו אַזאַ שטאַנד ווי איך האָב געוואָלט, האָב איך געדאַרפט אין זיי אינוועסטן נאָך אַרום דריי טויזנט דאָלער. דאָס האָב איך געטאָן ביסלעכוויים, און געצאָלט מיט דעם פון מיינע וועכענטליכע פאַרדינסטן, און אַלעס איז געגאַנגען כשורה. איין הויז האָב איך געמאַכט פּאַרטיק פאַר זיך צום וואוינען, און די אַנדערע פּאַרפערטיקט צום פאַרדינגען.

מיר האָבן די הייזער אָפּגעהאַלטן פינף יאָר צייט. דורך דער צייט, האָב איך דעם מאָרטגעדזש איינגאַנצן אָפּגעצאָלט, און געהאַט אַ היבשן איינקונפט. איין זאַך האָט אָבער ניט געטייגט, מיין ווערא איז קראַנק געוואָרן. איך האָב געטאָן אַלעס וואָס עס איז געווען אין מיינע מעגליכקייטן איר צו ראַטעווען. זי פלעגט צו מיר אָפט זאָגן: מיין טייערער, איך דאַרף ניט האָבן קיין דאָקטאָר, דיינע לאַסקעס אַליין זיינען גענוג מיך געזונט צו מאַכן . . . אָבער ניט מיינע לאַסקעס און ניט די דאָקטוירים האָבן איר געהאָלפן.

דעם 27טן פעברואַר, 1953, האָט זי איר נשמה צו גאָט אַוועקגעגעבן. . . .

* * *

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַז אַ מענטש קאָן דערפילן אַזאַ חושך אַרום זיך ווי איך האָב דערפילט אין דער מינוט ווען מיין ווערא האָט אויף אייביק פאַרמאַכט אירע שיינע אויגן. . . . איך האָב דערפילט אַ חושך מיט די הענט אָנצוטאַפּן און אַ תהום אין וועלכן איך האָב געהאַלטן אין פאַלן, פאַלן. . . . מען האָט זי מקבר געווען אום פורים, אין דעם טאָג ווען איך בין 70 יאָר אַלט געוואָרן . . . און זי האָט דאָך מיט אַ ציטער אין איר האַרצן דעם טאָג דערוואַרט, ווייל דער „אַרק קלוב" האָט געמאַכט אַלע פאַר־באַרייטונגען מיין געבורטס־טאָג צו פייערן מיט גרויס פּאַראַד. . . .

די גרויסע וועלט איז פאַר מיר איינג געוואָרן

מיין טאָכטער און דער איידים האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזן. סיי זיי, און אויך מיין זון, האָבן פאַרשטאַנען ווי שווער עס וועט פאַר מיר זיין צו בלייבן וואוינען אין מיין הויז, האָבן זיי מיט מיר געגומען איינ׳טענה׳ן אַז איך זאָל אויפגעבן די הויז און זיך באַזעצן מיט איינעם פון זיי.

דער אמת איז, אַז צוריק גיין אין מיין הויז האָב איך טאַקע ניט געקאָנט, אָבער צו גיין מיט די קינדער וואוינען — כאָטש סיי די טאָכטער און דער איידים, ווי אויך מיין זון און שנור, האָבן אויפריכטיק געוואָלט אַז איך זאָל זיך מיט זיי באַזעצן — איז עס מיר אָבער ניט געווען צום הארצן. איך האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז זומער מיט ווינטער קאָן ניט זיין קיין פּאָר, אָבער אויף דערוויי׳ל האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַזעצן מיט מיין טאָכטער, ווייל פאַרבלייבנדיק אין באָסטאָן, אנשטאָט צו פאָרן צו מיין זון אין ניו־יאָרק, און האָבנדיק אַלע מיינע לאַנג־יאָריקע פריינט אַרום זיך, האָב איך געטראַכט, וועט זיין אַביסל גרינגער זיך צוגעוויינען צו מיין נייעם לעבן . . . און איך האָב דאָך געהאַט מיין הויז און די ביסל באַלעבאַטישקייט פון וואָס איך האָב געדאַרפט פטור ווערן.

עס האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ שרעקליכער גיהנם. טאָג איין־־טאָג אויס האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט צו מיין פרוי אויפן בית עלמן. איך האָב זיך בשום אופן ניט געקאָנט צוגעוויינען צו דעם געדאַנק, אַז מיין ווערא איז שוין טויט. איך פלעג צו איר רעדן אַזוי ווי דאַן ווען זי האָט געלעבט; און קומענדיק אַהיים, פלעג איך אַרומגיין אַזוי ווי אין אַ קאַשמאַר. איך האָב געפילט, אַז איך גיי פון זינען אַרונטער. די גרויסע וועלט איז פאַר מיר איינג געוואָרן. אין דער זעלביקער צייט האָב איך ניט געקאָנט צוזען דעם צער פון מיין ליבער טאָכטער; ווייל ווען איך פלעג גאַנצע נעכט אַרומגיין, ניט קאָנענדיק איינשלאָפן פלעגט מיין ליבע טאָכטער אַרונטערקומען און, וועלנדיק מיך אַביסל באַרואיקן, זיך גוט אויסוויינען מיט מיר צוזאַמען. איך האָב דערפילט, אַז איך באַגיי אַ פאַרברעכן קעגן מיין טאָכטער, וועלכע האָט נאָך צוויי יונגע קינ־דער צו דערציען. האָב איך באַשלאָסן ערגעץ אַוועקצופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן. ערשטנס, איר צו געבן אַ געלעגנהייט צו זיך צו קומען, און אויך האָפנדיק אַז אַ נייע סביבה וועט אפשר מיר אויך גוט טאָן.

איך בין אַוועק נאָך פלאָרידע אָנהויב מאַי, און האָב דאָרטן פאַרוויילט

ארום דריי וואָכן. אין דער צייט וואָס איך בין אין פלאָרידע געווען, האָב איך זיך אביסל בארואיגט. די נייע סביבה, דאָס אנדערשדיקע לעבן, און ספּעציעל דער פּראַכטפולער ים, וועלכן איך האָב אזוי ליב פון אלע יאָרן, האָבן אויף א ווײַלע איינגעשטילט מײַנע נערוון; אָבער טאַקע נאָר אויף א ווײַלע. באלד האָב איך ווידער צוריקגעקראָגן די אומרואיגקייט וואָס האָט מיך פריער געהאַט באהערשט. איך בין אוועק נאָך ניו־יאָרק, און נאכדעם ווי איך בין דאָרטן מיט מײַן זון אָפּגעווען ארום א וואָך צייט, בין איך צוריק צו מײַן טאָכטער נאָך באָסטאָן אוועק.

מײַנע פריינט האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזן. ספּעציעל מײַן פריינט מאָריס אָסין האָט געזען אז איך זאָל צו לאַנג אליין ניט בלײַבן. ער, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פארלאָרן זײַן פרוי, און דורך דער צייט אויך פארלאָרן א יונגן זון, וועלכער האָט זיך אלס דאָקטאָר אין באָסטאָן א גאַנץ פײַנעם נאָמען געמאַכט האָט מיך מער ווי אלע מײַנע פריינט מיטגעפילט. מיר פלעגן זיך א פּאָר מאָל א וואָך טרעפן אין שטאָט, ארומשפּאַצירן אזוי ווי אָן אמאָליקע צייטן, רעדן פון די פארגאַנגענע יאָרן; און — איינמאָל, ווען מיר זײַנען געזעסן אין באָסטאָנער פּובליק גאָרטן, דער טאָג איז געווען א פּראַכטפול שיינער, דער פּאַרק אזוי אָנציענד שיין, אויפן טײַכל זײַנען הין און צוריק דעקאָראַטיווע שיפלעך, אָנגעפּאַקט מיט קינדער, ארומגעשוואומען, פריידיקע קינדערשע קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, וועווריקעס און טויבן זײַנען געלאָפן איינע איבער די אנדערע וועלנדיק פארכאַפּן די ניסלעך וועלכע זײַנען צו זיי פון אלע זייטן געוואָרפן געוואָרן — איז ווען מיר זײַנען אזוי געזעסן און גערעדט פון פארשידענעס, רופט ער זיך צו מיר אָפּ אזוי צו זאָגן:

איך גלויב, זאָגט ער, אז איר ווייסט אז איך בין אײַך אָן אמת גוטער פריינט. (איך האָב אָנגעשפּיצט מײַנע אויערן צו הערן וואָס ער גייט מיר דאָ זאָגן). און אלס איינער וואָס פלעגט גאָר אָפט קומען צו אײַך אין הויז ווען אײַער פרוי האָט געלעבט, ווייס איך וואָס אײַער פרוי האָט פאַר אײַך געמיינט. איך ווייס, זאָגט ער ווײַטער, ווי איבערגעגעבן זי איז געווען צו אײַך, און אז אזעלכע פרויען ווי זי איז געווען, באגעגנט מען ניט אלע טאָג; און דאָך ווײַל איך אײַך אלס גוטער פריינט ראָטן, אז איר זאָלט ניט באַגיין אין לעבן די זעלביקע נאַרעשקייט וואָס איך בין באגאַנגען, און זיך אָפּשטעלן אליין אויף וויפיל איר וועט נאָך לעבן. . . . עס זײַנען שוין אוועק, זאָגט ער ווײַטער, איבער צען יאָר ווי מײַן פרוי איז טויט, און איך זע, זאָגט ער, איצט אז איך בין א גרויס אומרעכט קעגן זיך באגאַנגען מיט דעם וואָס איך האָב זיך ניט צוגעפּאַסט א חבר אויף מײַנע עלטערע יאָרן. . . .

צום ערשטן האָב איך געדענקט אז מײַן ליבער פריינט איז פון זײַנען

ארונטער, ווייל ווער נאָך ווי ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבענע פרוי איך האָב געהאַט? און ווער נאָך אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, ווי האַרמאָניש מיר האָבן די 49 יאָר צוזאַמען אָפּגעלעבט? און דאָך זאָל ער צו מיר רעדן אָט אַזוי, איז טאַקע ניט אַנדערש ווי ער איז גערירט פון זינען!

איך האָב אים טאַקע גלייך געפרעגט, אויב ער איז באַם קלאָרן פאַרשטאַנד?

ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז יאָ! און טאַקע דערפאַר, זאָגט ער, ווייל ער ווייסט וואָס פאַר אַ האַרמאָניש לעבן איך האָב מיט מיין פרוי געהאַט, און ווייל ער ווייסט ווי איבערגעגעבן זי איז צו מיר געווען, דערום, זאָגט ער, ווייסט ער בעסער ווי עמיצער אַנדערש, ווי שווער עס וועט פאַר מיר זיין אַליין צו לעבן.

ווען איך האָב זיך מיט אים דעם מאָל צושיידט בין איך געווען אין אַ שטאַרק אויפגערעגטן צושטאַנד. כאָטש איך האָב אויף איין מינוט ניט געצווייפלט אַז ער איז איינער פון מיינע איבערגעבנסטע פריינט, דאָך האָב איך אים אויסגעמידן איבער אַ וואָך צייט. ווען ער פלעגט מיך אָפּרופן צו פרעגן ווען ער קאָן מיר טרעפן, פלעג איך אים ענטפערן אַז איך בין פאַרנומען און קאָן אים דערוויילן ניט זען.

מיין טאָכטער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָ איז עטוואָס פאַרגעקומען; ווייל אַז איך וויל אים ניט טרעפן, איז דאָס עטוואָס אויסערגעוויינליך. זי האָט מיר גענומען פרעגן וואָרום איך וויל זיך מיט אים ניט טרעפן? איז כאָטש באַ אונז איז קיינמאָל ניט געווען איינגעפירט מיט אונזערע קינדער צו רעדן פון גאָר אינטימע זאַכן, האָב איך זיך דעם מאָל ניט געקאָנט צוריקהאַלטן, און האָב איר דערציילט ווי מיין גוטער פריינט אַסין האָט מיר ווי געטאָן. נאָך אַנשטאָט מיט מיר איינצושטימען אַז ער האָט מיר ווי געטאָן, האָט זי מיר געפרעגט, אויב איך דענק אַז ניט שלאָפן קיין נעכט, און טאָג־איין טאָג־אויס לויפן צום בית־עלמין איז אַ לעבן? און אַז אויב איך וויל לעבן נאָרמאַל, וועל איך מוזן אָנעמען זיין געדאַנקענגאַנג. . . .

פון מיין טאָכטער האָב איך געוויס ניט דערוואַרט צו הערן אַזעלכע רייד; ווייל אַז זי האָט שטאַרק ליב געהאַט איר מאַמען, אין דעם בין איך זיכער געווען; און אַז די מאַמע האָט איר אויסגעפעלט יעדן טאָג זינט זי איז געשטאָרבן, האָב איך אויך געוואוסט.

איך האָב זיך צוריק גענומען טרעפן מיט מיין פריינט מאָרים אַסין. אונזער טרעפן זיך האָט מיך אַביסל אויפגעלעבט, אָבער אין אַלגעמיין, האָט מיך ווידער אַן אומרוהיגקייט באַהערשט.

ענדע אויגוסט האָב איך באַשלאָסן זיך דורכצופאָרן צו מיין זון אין די קעטסקילס, וואו זיי האָבן אַ זומער וואוינונג, אָפּזיין דאָרטן אַ פּאָר וואָכן, און פון דאָרטן ווידער אַוועקפאָרן נאָך פלאָרידע. מיינע פריינט האָבן אין מיר

אַריינגע'טענה'ט אַז איך זאָל ניט פאַרלאָזן באָסטאָן אַזוי פרי; אַז איך זאָל בעסער פאַרבלייבן אין באָסטאָן ביז נאָך יום־טובים און זיין מיט זיי צוזאַמען באַ דעם „ארק" סוכות יום־טוב. איך האָב אָבער ניט געקאָנט איינזיצן אין באָסטאָן, איך בין ווידער באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן אומרו, און בין אַנטלאָפן.

צען טעג בין איך אָפּגעווען באַ מיין זון אין זיין זומער וואוינונג, און דאָן בין איך אַוועקגעפאָרן אין מיין מאַשין נאָך פלאָרידע.

אַז מען פאָרט 1500 מייל איינער אַליין אין אַ מאַשין, האָט מען גענוג צייט צו טראַכטן. זייענדיק אַנגעלייענט מיט די נייעס וועגן דעם וואָס אונזערע אידן זיינען דורכגעגאַנגען אין איראָפּאַ אין די לעצטע יאָרן, ווען די ווילדע נאַציס האָבן דאָרטן געהערשט, און אויך וועגן דעם לעבן אין די טאָטאַליטאַרע לענדער, האָב איך זיך ניט געקאָנט העלפן ווי נאָר צו טראַכטן פון דעם וואָס פאַר אַ גאָטס געבענטשט לאַנד אַמעריקע איז פאַר אונז אידן. אָט פאָרט אַ איד, טראַכט איך, זיין מאַשין שלינגט מיילן, צענדליקע און הונדערטע, קיינער שטעלט אים ניט אָפּ צו פרעגן ווער ער איז? וואוהין ער פאָרט? נאָך וואָס ער פאָרט? אַזוי לאַנג ווי דו פאַרברעכסט ניט קעגן געזעץ, קאָנסטו פאָרן, גיין און טאָן וואָס, ווען און וואו דו ווילסט.

מיט מיין גאַנצן האַרצן האָב איך געבענטשט אַמעריקע — דאָס לאַנד וואָס האָט געראַטעוועט מיליאָנען פון אונזערע אידן, וועלכע האָבן זיך מיט יאָרן צוריק איבערגעפלאַנצט אַהער פון זייערע אַלטע היימען, געראַטעוועט פון פיזישן אונטערגאַנג.

און אָט בין איך שוין אין מיאַמי ביטש, בין פאַרפאָרן אין אַ פּריוואַט הויז, מיט וועמענס בעלי־בתים איך האָב פון פריער געהאַט אָפּגערעדט אַז איך וועל מיט זיי וואוינען.

מיין לעבן

אַ שפּאַגל נייער גיהנם הויבט זיך פאַר מיר אָן

מיין אָנקומען אין מיאַמי ביטש איז געווען בקולות וברקים. עס איז באַלד געוואָרן אַ געוואַלדיקער שטורם סיי אין דער נאַטור ווי אויך צווישן מענטשן . . . עס איז געווען אין מיטן חודש סעפּטעמבער, אין דער צייט פון יאָר ווען די אורגאַנען צעשפּילן זיך אין און אַרום פלאָרידע. אויפ׳ן וועג פון דעיטאָנאַ ביטש צו מיאַמי, בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן שטורם. אין מיטן טאָג איז געוואָרן אַזאַ פינסטערניש אַז מען האָט עס ממש מיט די הענט געקאָנט אָנטאַפּן. עס האָט געגאָסן אַ מבול, און די היץ איז געווען דערשטיקט צו ווערן. איך האָב געמוזט האַלטן אָפן אַ פענצטער אין מיין מאַשין, אָבער ווען אַ מאַשין איז מיר אַנגעקומען אַנטקעגן, האָט עס פון איר אימפּעט מיר אַריינגעוואָרפן אַ ים מיט וואַסער אין מיין אָפענעם פענצטער און האָט מיך אָפּגעגאָסן ווי איך בין גרויס.

וואו זיך אָפּצושטעלן איז ניט געווען, ווייל פון ביידע זייטן פון דעם פאַרהעלטניט־מעסיק שמאָלן וועג זיינען געווען גראָבנס פול מיט וואַסער. איך האָב געמיינט אַז קיין לעבעדיקער וועל איך שוין פון דער יאַזדע ניט אַרויס־קומען. אָבער אַז גאָט גיט יאָרן, קומט מען אַלעם איבער. . . .

אָפּפאָרנדיק אַזוי אַרום 50 מייל, האָב איך פון ווייטן דערזעהן אַ ליכט פינקלען; דאָן האָב איך באַשלאָסן, אַז מעגן דאָרטן אַפילו זיך געפינען מענטשן־פרעסער, פאָר איך ניט ווייטער, נאָר וועל דאָרטן איבערוואַרטן דעם שטורם.

קיין מענטשן־פרעסער זיינען דאָרטן ניט געווען. עס איז געווען אַ גאַז־סטאַנציע, און דער אייגנטימער איז געווען אַ באָסטאָנער גוי, וועלכער האָט זיך דאָרטן באַזעצט ערשט מיט אַ פאָר חדשים צוריק. ווען ער האָט דערזעהן אַז מיין קאַר־פּלאַטע איז פון מאַסאַטשוזעטס, האָט ער זיך מיט מיר אַרומגע־כאַפּט און מיך געוואָלט קושן. . . . ער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ טעפּל קאַווע, און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן ביז דער שטורם איז אַריבער. איך בין אין דעם מאָמענט געוואָרן זיכער בא זיך, אַז דער גוי איז ניט קיין גוי, נאָר אַז עס איז אליהו הנביא, וועלכער האָט מיך געראַטעוועט פון אַ קאַטאַסטראָפע. . . .

און אַט בין איך שוין אין מיאַמי ביטש; און ווי פריער געזאָגט, בין פאַר־פאָרן צו באַקאַנטע מענטשן.

דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמת׳ער שטורם — דורך דראַטלאָזע טעלעגראַפיע האָט זיך איבער גאַנץ מיאַמי ביטש פאַרשפּרייט די נייעס, אַז עס

איז אָנגעקומען אַן אַלמן, וועלכער איז אפשר אַ קאַנדידאַט פאַר הייראַט. . . .
עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַלמנות פון אַלע זייטן, אָנצוקוקן דעם צוקונפטיקן מעגליכן קאַנדידאַט. איינע איז געקומען לייען אַ טעפּל, און אַ צווייטע צו לייען אַ לעפל; אַ דריטע האָט אויסגעפונען אַז זי האָט ניט קיין ציבעלע פאַר איר לעבער . . . און אַ פערטע האָט אָפּגעבראַכט אַ פּאַטייטע וואָס זי האָט ניט געקומט. . . . פון פרי ביז שפּעט האָט זיך געצויגן אַ שורה פון אַלמנות אָנ־צוקוקן דעם מעגליכן קאַנדידאַט. . . . און טאָמער האָט מען מיך ניט געפונען אין הויז, איז מען געזעסן און געוואַרט פאַר מיר. וואָס דען, מען וועט לאָזן אימיצן אַנדערש מיך אויסכאַפּן?

יעדע איינע האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט און אויסגערעדט איר ביטער האַרץ, און אויך דערביי ניט פאַרגעסן אַריינצואוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ווי איר טייערער מאַן האָט איר פאַרזאָרגט אַז זי זאָל ניט דאַרפן חס ושלום אָנקומען צו קינדער. . . .

איך האָב דערזעהן אַז די שפּיל איז פאַר'ן טיוול, און אַז אויב איך וועל אויף איין אופן אָדער אַ צווייטן ניט פּטור ווערן פון דעם „אַלמנות מבול" אין וועלכן איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט, וועל איך אונטערגיין . . . האָב איך גע־נומען פאַרפאַלן ווערן פון הויז אויף גאַנצע טעג און נעכט.

גאַנץ גרינג איז דאָס מיר ניט אָנגעקומען; ווייל, ווי פריער געזאָגט, עס איז געווען אין דעם אוראַגאַן סיזאָן — עס פלעגט מבול'ן אַלע טאָג — פלעגט מיר גאָר אָפּט אויסקומען זיך אָוועקשטעלן מיט מיין מאַשין אין אַ זייטיקער גאַס און אַזוי שטונדן לאַנג אָפּשטיין. דערפאַר אָבער איז אין די אָוונטן געווען בעסער, איך פלעג זיך אַריינכאַפּן עסן וועטשערע אין אַמבאַסאַדער קאַפּעטעריע, וואָס איז אויך באַוואוסט אַלס די קיבעצאַרניע פון מיאַמי ביטש, און דאָרטן פלעג איך שוין דער'הרג'ענען דעם גאַנצן אויפדערנאַכט. אביסל שפּעטער האָב איך זיך טאַקע דאָרטן באַקאַנט מיט דעם באַקאַנטן אידישן בעלעטריסט, איסר תלוש. מיר פלעגן גאַנץ אָפּט זיצן און שמועסן וועגן אַלעם אין גאָר־נישט. . . .

איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך שוין אביסל בעסער באַקאַנט, רופט זיך תלוש אָן צו מיר: (דאָס איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב אים געגעבן איבערצולייענען אונזער „ארק יובילעאום בוך" מיט אַלע מיינע לידער) „וואָס איר, אַסיפּאָוו, האָט איצט געדאַרפט טאָן, איז זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן אייער אויטאָ־ביאָגראַפיע. צייט האָט איר איצט גענוג, שרייבן שרייבט איר גלאַט און פלייסיק, און אין דעם שרייבן וועט איר אייער טרויער פאַרגעסן. און טאָמער," זאָגט ער ווייטער, „וועט איר זיך נייטיקן אין מיין הילף, זאָג איך אייך צו, אַרויס־צוהעלפן."

מײַן לעבן

דער אמת איז, אַז איך האָב עס אַליין אויך געהאַט אין זין; אָבער, ערשטנס, האָט מיר געפעלט מוט זיך אָוועקצוזעצן שרייבן; און, צווייטנס, וואָס טוט מען מיט די אומגליקלעכע אַלמנות? ווײַ איז מיר! אָבער נאָכדעם ווי ער האָט מיר אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל צוגעגעבן מוט, האָב איך אין איין שיינעם פרימאָרגן, קומענדיק פון אָנבייסן, פאַרשלאָסן מײַן צימער און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן.

ווי זאָגט די גמרא? כל התחלות קשות; עס איז נאָר שווער אָנצוהויבן, קוים האָב איך אָבער אָנגעהויבן, איז מײַן אַמביציע געשטיגן פון מינוט צו מינוט, און איך האָב געשריבן מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט. געדאַנקען און דעראינערונגען זײַנען אַזוי שנעל געפלאָסן דורך מײַן מח אַז עס האָט מיך ניט געלאָזן שלאָפן. פלעג איך גאָר אָפּט אויפשטיין אין מיטן נאַכט און אויף שטונדן לאַנג זיך אַוועקזעצן שרייבן.

איינמאָל, באַם טרעפן זיך מיט תּלוש׳ן, ווען ער האָט מיך געפרעגט ווי אַזוי עס שרייבט זיך, און איך האָב אים דערציילט מיט וואָס פאַר אַ געוואַלדיקן אימפּעט איך שרייב, רופט ער זיך אָן, אַז ער וואָלט געוואָלט איבערלייענען אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון מײַן שרייבן, און אַז איך מעג זײַן זיכער, אַז ער וועט מיר געבן אַן ערלאַכע מיינונג וועגן דעם.

מיר האָבן געמאַכט אַן אַפּאָינטמענט, און צו דער באַשטימטער צייט בין איך צו אים געקומען. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זײַן קושעטקע און האָט אויסגערופן: „נו לייענט, אָסיפּאָוו, איך בין באַרייט צו הערן.״

איך האָב מיט זיך געבראַכט דריי קאַפּיטלעך. איך לייען, נאָר פון צײַט־צו־צײַט וואַרף איך אַ קוק אויף מײַן אודיטאָריע. ער ליגט אויסגעצויגן ווי באַם טאַטן אין ווײַן גאָרטן. דער אויסדרוק אויף זײַן פּנים ווײַזט מיר, אַז עס געפעלט אים. איך לייען איבער איין קאַפּיטל, ער הייסט מיר לייענען ווייטער; לייען איך איבער אַלע דריי. ער זעצט זיך אויף פּאַוואָליע, איך נעם ניט אַרונטער מײַנע אויגן פון אים. ער רופט זיך אָן צו מיר בזה הלשון:

„איך האָב געמיינט, אָסיפּאָוו, אַז איך וועל אײַך דאַרפן נעמען פאַר אַ האַנט און דורכפירן דורך אײַער גאַנצן בוך; ערשט, איך זע אַז עס איז ניט אַזוי. איר שרייבט זייער שיין, מיט אַ לײַכטן הומאָר; און וואָס איר דערציילט איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. זעצט פאָר אײַער שרייבן, און אַז איר וועט, מיט גאָט׳ס הילף, דעם בוך פאַרענדיקן, וועלן מיר דאָן מאַכן פּלענער עס אָפּצודרוקן.״

עס פאַרשטייט זיך, אַז זײַן דערמוטיקן מיך האָט מיר גאָר פיל אַרויס־

ש. ז. אַמיפּאָור

גאָלדע

געהאָלפן אָנצוהאַלטן דעם אימפּעט מיט וועלכן איך האָב דעם בוך אָנגעהויבן צו שרייבן, און איך בין אים שטאַרק דאַנקבאַר פאַר דעם. איך האָב געשריבן באַטאָג, און געשריבן באַנאַכט. איך פלעג אויך, ווי שוין געזאָגט, גאָר אָפּט אויפשטיין אין מיטן נאַכט פון מיין געלעגער און זיך אַוועקזעצן שרייבן. וואָס מער איך האָב געשריבן, אַלץ מער דערמאָנונגען זיינען צו מיר געקומען. מיין גאַנצער לעבן, פון מיין פריעסטער יוגנט אָן, איז דורכגעפלאָסן דורך מיינע געדאַנקען אַזוי, אַז איך האָב יעדע איבערלעבונג מיינע געזעהן אַזוי ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פּאַסירט. מיין געמיטס צושטאַנד איז געוואָרן אַ סך רואיקער, איך האָב פיל־ווינציק גענומען מאַכן שלום מיט מיין שיקזאַל.

*   *   *

אין נאָוועמבער, 1953, האָב איך זיך געטראָפן מיט גאָלדען. איך האָב זי געקאָנט פון באָסטאָן, און זי און איר מאַן פריינק, זיינען אפילו אַ געוויסע

ציַיט געווען מיטגלידער אין דעם „אַרק קלוב". זיי זיַינען אויך געווען אַר־בעטער רינג מיטגלידער; און זי, גאָלדע, איז געווען צוזאַמען מיט מיַין וועראַן אַקטיוו אין די פרויען אקזילערי פון אונזער אַמאָליקן אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. איך האָב געוואוסט, אַז איר פריינק איז געשטאָרבן אַ פּאָר חדשים פאַר מיַין וועראַן, מיר האָבן זיך אָבער ניט געטראָפן אַ שיינע עטלאַכע יאָר. מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן זיך ביידע דערפריַיט ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, כאָטש מיר האָבן דאָס ניט אַרויסגעוויזן. צוליב מער ווי איין אורזאַכע, האָב איך געפּרובירט צו פאַרווישן דעם איינדרוק וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט; עס איז אָבער אויסגעקומען אַזוי, אַז מיר האָבן זיך געטראָפן נאָך אַמאָל, און ווידער אַמאָל; און וואָס מער מיר האָבן זיך געטראָפן, אַלץ מער צוגעבונדן זיַינען מיר געוואָרן איינער צום צווייטן. מיר האָבן געפונען גאָר אַ סך גע־מיינשאַפטליכעס וועגן וואָס צו רעדן, ווייל די מענטשן וועלכע זיַינען מיר געווען גאָר נאָענט אין באָסטאָן, האָט זי אויך זייער גוט געקאָנט.

אונזער טרעפן זיך האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ יום־טוב בא ביידן; און האָבן מיר זיך אַ פּאָר טעג ניט געהאַט געטראָפן, האָב איך דערפילט אַז איך בייַנק נאָך איר, און, ווי איך האָב שטאַרק פאַרדעכטיגט, האָט זי אויך אַזוי געפילט וועגן מיר.

היינט, ווען איך שריַיב אָט די שורות, איז שוין באַלד פיר חדשים ווי מיר זיַינען מאַן און ווייב. מיר דוכט זיך, אַז איך וועל רעדן פאַר אונז ביידן, ווען איך וועל זאָגן, אַז עס איז געווען אַ גליקלעכער צופאַל פאַר ביידן וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. מיר רעספּעקטירן איינע די צווייטע, און מיר מאַכן אַ שטאַרקן פאַרזוך זיך צו פאַרשטיין. און דאָ, וואו צווישן מאַן און ווייב איז דאָ רעספּעקט און פאַרשטענדיקונג, אין אַזא הויז רוט די שכינה. . . .